STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10527

SHTERN LAYKHTN IN THOM

Isaiah Spiegel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישעיהו שפּיגל

שטערן לייכטן אין תהום

געזאַמלטע דערציילונגען

(1944—1940)

באַנד צוויי

שער־בלאַט, פּאָרטרעט פון מחבר און צייכענונגען
פון מאָלער ב ע ן

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
תל-אביב, תשל"ו — 1976

ישעיהו שפּיגל

Shtern lakhtn in thom.

שטערן לייכטן אין תהום

Y

V. 2

Yeshayahu Spiegel

THE STARS LIGHT IN THE ABYSS

SHORT STORIES

Vol. II

Publishing House "Israel-Book", Tel-Aviv, P.O.B. 1777

ישעיהו שפּיגל

שטערן לייכטן אין תּהום

דערציילונגען

באַנד צוויי

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אביב, רח' איתּמר בן אבי 4

©

כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1976 נדפס בישראל

דפוס „להב", רח' המסגר 60, תּל־אביב, טל. 36564



פון דער נאָוועלע „שבת-לייכטער"

(פון די אויסגעגראָבענע כתבים אין געטאָ לאָדזש)

גאָלדענע יויך

אין געסל האָט זיך איצט אַראָפּגעלאָזט אַ טונקעלער, בייזלעכער אָוונט.

פון באַלד פאַר טאָג איז פון די פעלדער געגאַנגען אַ רויכיקער נעפּל. ער האָט זיך געהויבן איבער די דראָטן, געוועזן זילבערדיק ביי די ראַנדן און דערנאָך זיך אַראָפּגעלאָזט אַ צעדריוולטער ווי גרוי שפּינוועבס. אויף די נאָענטע פעלדער לעבן געטאָ האָבן פּוילישע פּאַסטעכער פון פאַר טאָג אָן געברענט טרוקן לאָנקע־גראָז און אויך געבראָטן קאַרטאָפל. דער ריח פון די געבראָטענע קאַרטאָפל האָט זיך אַהער געטראָגן מיטן ווינט און זיך געזעצט אויף די נידעריקע דעכלעך, פאַרקראָכן דורך די אָפענע, אויסגעהאַקטע שויבן און געקיצלט דעם גומען. דער ווינט איז טאָקע אַ גאַנצן טאָג געגאַנגען צו דער געטאָ־זייט און ערשט קעגן אָוונט האָט ער זיך איינגעשטילט. פון זעלבן פעלד איז איצט אויפגעשטאַנען אַ טונקעלע, פלאַטשיקע לבנה. אַרום איר האָבן געשוועבט דורכזיכטיקע, גרינע וואָלקנדלעך. יעדעס מאָל האָבן זיי פאַרדעקט די לבנה, יאָגנדיק זיך פאָרויס, ווי זיי וואָלטן נישט געלאָזט זי אַהער שווימען דאָ, אין געטאָ אַריין. זי האָט זיך אָבער יעדעס מאָל אַרויסגעריסן פון זיי, געוואָרן פולער, גרינלעכער און געקלעטערט אַן אָפּגעדעקטע איבער די שפּיציקע וואָלקנדלעך. זיי האָבן זי לסוף אויפגעהערט נאָכיאָגן, די וואָלקנדלעך, און געבליבן הינטערשטעליק. אין זייערע פאַלדן האָבן באַלד אָנגעהויבן אויפצובליצן די שטערן, וואָס האָבן דאָ, אין דער פינצטערניש, אַראָפּגעגאָסן זייער גרין, כישופדיק ליכט.

די מענטשן זענען געווען מיד פון אַ גאַנצן טאָג לויפן דורך טויערן און קעלערן, דורך בריקן און דורכגעהאַקטע לעכער אין די ווענט. דורך פינצטערנישן האָבן געפירט די דורכגענג צו די שכנותדיקע הייפלעך. אויף די

מלבושים האָט זיי נאָכגעיאָגט דאָס מאָטע, אויסגעלאָשענע גאָלד פון ייִדישן מגן־דוד־שטערן. דאָס סכּנהדיקע געאייל פון די דאָזיקע מענטשן האָט זיי צוריקגעפירט צו די מיטלאַלטערלעכע טעג אין די דייטשע שטעט לעבן די וואַסערן פון רהיין. דורך טונקעלע, אונטערערדישע גענג און קעלערן זע־נען הינטער זיי נאָכגעגאַנגען די שאָטנס פון די עלטער־עלטער־זיידעס, פאַרצוימטע און פאַרפלאָגטע מיט דורות צוריק. כּדי אויסצומיידן די פאַ־דערשטע גאַסן לעבן צוים איז מען געלאָפן אונטן, דורך עפענונגען. דורך דאָנען האָט מען אויך אַרויסגעטראָגן באַהאַלטענערהייט די געשטאָרבענע אויפן ריינעם פעלד. ביי טאָג האָט זיי נאָכגעקוקט די זון מיט אירע קרומע, קילע פלעקן און ביי נאַכט איז אַ פאַרשעמטע לבֿנה געהאָנגען אין אַ געוועב פון ווייטע, טרויעריקע שטערן.

*

דאָס חדרל, וווּ ביילע איז אַריינגעפאַלן מיט חוהלען, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן נאָך דער גרויסער שפּערע — איז געווען פול מיט מענטשן פון גאָר פרי ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. די מענטשן זענען אָן אויפהער אַריין און אַרויס, גערעדט שטילערהייט און דערנאָך שעהען געזעסן אין די ווינקלען און געשוויגן. דאָס זענען געווען אַלץ מענטשן פון אַנדערע געסלעך, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אין די טונקעלע קעלערן און פינצטערע קאַמערן. איבער זייערע פּנימער האָט נאָך געפלאָטערט די שרעק און געפּאַכעט ווי אַ צעבראָכענער פליגל פון אַ פויגל. זיי זענען געווען אַלע מידע, איינגעפאַלענע און אָן אויסגעלאָשן קיל פייער האָט נאָך קוים, קוים געטליעט אין זייערע אויגן. זיי האָבן תּמיד מיט זיך געשלעפּט פּעקלעך מיט בעטגעוואַנט אָדער ייִדישע הייליקע ספרים. אין קליינעם חדרל איז תּמיד געווען טונקל־גרוי פון רויך, וואָס האָט זיך געריסן פון אַ צעפאַלן קיכל. די ספרים זענען געלעגן צעוואָרפן אין די ווינקלען, געוואָרן אַ שטויס ווי אין אַ בית־מדרש. אַרום דעם דאָזיקן ספרים־שטויס האָבן זיך אָן אויפהער געזאַמלט ייִדן און עפּעס געזוכט אין זיי צווישן די פאַרגעלטע, אַלטע בלעטער. מען ווייס נישט ווי אַזוי ס׳איז פּלוצעם אויסגעוואַקסן צווישן דעם שטויס ספרים אַ קליין ספר־תּורה־

לע, אַרומגעהילט אין אַ גרוי, צעריסן מענטעלע. די דאָזיקע אָפּגעראַטע־ווערטע רייניקייט איז געשטאַנען אָנגעלענט ביי דער וואַנט אויף אַ שטויס ספרים, געטוליעט זיך אין ווינקל פאַרשעמט און פאַרלאָזן ווי אַ דאַר, קראַנק קינד.

פון באַלד אין דער פרי האָבן זיך אָנגעהויבן ציִען מנינים ייִדן. פון אַלע הייפלעך אַרום און פון אַלע געסלעך זענען דאָ אַריינגעלאָפן ייִדן און אָפּגעדאַוונט. זייערע ליפּן האָבן פאַרשלאָסענערהייט געטראָגן אַ לויב צום באַשעפער, וואָס דאָס אומגליק האָט זיי דערוויַיל אויסגעמיטן. אַ האַרבער ווינט פון הייסע ייִדישע תפילות איז אַ גאַנצן טאָג געהאַנגען ווי אַ פאָרהאַנג אין חלל פון שטיבל. אַז עס איז אויף אַ רגע געוואָרן שטיל און ליידיק, האָט מען ערשט דעמאָלט אַרויסגעזען דאָס הילצערנע וויגל, וווּ חוהלע איז געלעגן און לעבן איר, אויף אַ פּעקל מלבושים, די מאַמע ביילע. חוהלע האָט אַרויסגעקוקט פאַרגאַפט צו די ייִדן, וואָס האָבן זיך געשאָקלט איבער איר, איינגעהילטע אין זייערע טליתים. זיי האָבן זי אַרומגענומען מיט זייערע צעפּלאָשעטע, שוואַרצע בערד און מיט טרויעריקע, פאַרלאָפענע אויגן. חוהלע איז איינגעשלאָפן אונטערן האַרטן געמורמל פון די לאַנגע ייִדישע תפילות און אַז זי האָט דערנאָך געעפנט די אויגן, האָט זי נאָך געזען איבער זיך פלאַטערן דעם שאָטן פון אַ דאַוונענדיקן ייִד אין אַ צעריסענעם, ברייטן טלית.

*

ס'איז שוין געווען איצט שפּעטלעך. דער טונקעלער אָוונט, אויסגע־מישט מיט צעשפּליטערטע לבנה־פלעקן, האָט זיך געגליטשט איבערן שטויס ייִדישע ספרים. ביילע איז דעם גאַנצן טאָג געלעגן אין ווינקל, די פיס פאַר־דעקט מיט אַ מלבוש. די ייִדן, וואָס האָבן געמוזט אַדורכגיין דאָס אָרט צו דער טיר, האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין אירע לאַנגע, פולע פיס. זי האָט אַרויס־געקוקט מיט אַ האַלב־פאַרדעקט פנים צו די ייִדן. איין־איינציקע מחשבה איז אַרומגעלאָפן אין איר קאָפּ: ווען איר דוד וואָלט דאָ געווען... ווען איר דוד וואָלט דאָ געווען... זי וואָלט איצט נישט געלעגן מיט חוהלען אין דעם הקדש דאָ. דאָס אומגליק איז דאָך געקומען אַזוי אומגעריכט דע־

מאָלט. תחילת האָט זי נישט געקאָנט משיג זיין, וואָס אַזוינס עס איז גע־שען. ווי אַזוי וועט זי דאָס אַליין מיט חוהלען לעבן אין געטאָ ? דער דייטש האָט אַרויסגעשיקט דעמאָלט דעם ערשטן טראַנספּאָרט ייִדן אויף אַרבעט... בלויז בעל־מלאכהס... ער האָט אַפּילו אין אָנהייב, דוד, געשריבן אַ קאַרטל, אַז צו עסן איז דאָ און אַז ס׳וואָלט גוט געווען, ווען אויך זיי,ביילע מיטן קינד, זאָלן זיין מיט אים. קאַרטאָפל איז דאָ לרוב, אַפּילו ברויט — אַזוי איז געשטאַנען מיט זיין כּתב אין בריוול. אָבער מיט איין מאָל האָט זיך אַלץ איבערגעריסן. שוין איבער צוויי יאָר, ווי קיין שום בריוו איז נישט אָנגעקומען. וויפל האָט זי זיך געמוזט, ביילע, אָפּפּלאָגן, כּדי זיך אויסצו־באַהאַלטן מיט חוהלען אין דער שפּערע ? און גאָט צו דאַנקען — דורך עפּעס אַ נס זענען זיי נישט אויפגעכאַפּט געוואָרן. ס׳קאָן דאָך אויך געשען, אַז דוד זאָל פּלוצעם צוריקקומען. ער וועט שוין דעמאָלט מער נישט דער־קענען נישט זי און נישט חוהלען. וואָרעם דורך די פּאָר יאָר זענען זיי ביידע שוין נישט די זעלבע. ווען נישט דער הונגער... אין די ערשטע חדשים איז נאָך דוד מיטגעגאַנגען אין אַלע אירע מעשׂים און אין אַלע אירע מחשבות. שפּעטער איז זיין פּנים אַלץ מער אַוועקגעשוווּמען, געוואָרן נעפּל. ער פּלעגט פון צייט צו צייט אויפבליצן מיט זיינע ווייטע, גרוילעכע אויגן, מיט אַ וואָרט, מיט אַ שמייכל, וואָס האָט אויף אַ רגע צוריקגעבראַכט דאָס אַמאָליקע קורצע לעבן זייערס.

איצט, נאָך דער שפּערע, אַז זי איז געבליבן אַליין אָן אַפּגעראַטעווע־טע מיט חוהלען, האָט ביילע ווידער אָנגעהויבן צו טראַכטן פון דודן, וועגן דער חתונה דעם לעצטן זומער פאַר דער מלחמה, וועגן חוהלען, וואָס איז דערווייל אויסגעוואַקסן און אין גאַנצן דערמאָנט דודן. זי האָט געהאַט, חוהלע, זיינע שמאָלעכע, גרויע אויגן און זיין שיינעם, הויכן שטערן. אַז ס׳איז שטילער געוואָרן אין געטאָ, האָבן ייִדן פון דאַנען גיך אַרויסגעכאַפּט די ספרים מיט דער ספר־תּורה און זיך מער דאָ נישט געשטעלט דאַווענען מיט מנין. ווי אַלע ייִדן האָט אויך ביילען פאַרנומען איין־איינציקע מחשבה: ווי אַזוי גובר צו זיין דעם הונגער... פון די טונקעלע בלעטער און קאַרג־לעכער שפּיז־צוטיילונג האָבן ביילעס פינגער אויסגעפּישופט אויסטער־לישע מאכלים, וואָס האָבן צוריקגעבראַכט אין דעם קליינעם חדרל דעם

ריח פון אַמאָליקן ערב שבת און פון ייִדישע יום־טובים. מען האָט נישט געוווסט ווי אַזוי ייִדישע פרויען האָבן פון פאַרפוילטע אַלטע ריבן און קאַרטאָפל־שאָלן אַרויסגעכּישופט דעם טעם פון די פאַרשוווּנדענע ייִדישע מאכלים, וואָס זאָל זיי העלפן איבערלעבן... דאָס איז געווען אַן אומזעבאַרער פאָדעם, וואָס האָט זיי נאָך געהאַלטן צוזאַמענגעקניפּט מיט דער שיינקייט פון די נישט לאַנג פאַרשוווּנדענע יאָרן פון ייִדישן לעבן.

און געווען איז דאָס אויסטערליש, וואָס דווקא איצט, בעת אין חדרל איז אַזוי געוואַקסן דער הונגער, — האָט ביילע אָנגעהויבן צו בענקען נאָך דודן און צו זיין מענלעכער נאָענטקייט. אין אירע שיינע, אויסגעלאָשענע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו צוקן און זענען תּמיד געווען וואַך בייזע פלעמעלעך פון תּאווה. זי האָט זיך געשעמט פאַר דעם איינגעשפּאַרטן, בייזן צאַפּל אין איר. און וויפל מאָל זי האָט זיך באַמיט אָפּצושטויסן פון זיך דעם דאָזיקן איבערווייניקסטן, ווייבלעכן הונגער, — אַלץ גיריקער און שאַרפער איז געוואַקסן אין איר דאָס געפיל פון איינזאַמקייט און פאַרלוירנקייט, וואָס זוכט די לייבלעכע, באַפרייענדיקע דערנענטערונג. אירע רונדיקע, פולע באַקן זענען לאַנג שוין געווען איינגעפאַלן, איר געשטעל — פאַרוויאַנעט, נאָר בלויז אין אירע הויכע, פולע פיס איז נאָך געלעגן דער נישט־אויסגייענדיקער, ווייבלעכער רייץ. זי האָט זיך אָנגעהויבן צו שרעקן פאַר זיך אַליין און שטילערהייט האָט זי געגומען פאַרשילטן דאָס ביסל בלוט, וואָס איז אין איר נאָך פאַרבליבן.

*

דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעפילט איר ווייבלעכע געפאַלנקייט, איז געווען פּייוויש, בעת זי פלעגט גיין איבער דער בריק. ער איז געשטאַנען אונטן, ביים טויער, צוזאַמען מיטן דייטשן וואַך־פּאָסטן. ער פלעגט פון אונטן אַרויפקוקן צו די טויזנטער פיס, וואָס זענען געגאַנגען טאָג־איין טאָג־אויס איבער דער הויכער בריק, וואָס האָט פאַרבונדן ביידע געטאָ־טיילן. צווישן די טויזנטער פיס האָבן זיינע אויגן אויפגעכאַפּט נאָר די וואַקלענדיקע פיס פון פרויען און מיידלעך, אַרומגעהילטע אין זייערע לויזע, ווינטיקע רעקלעך. ער איז געווען תּמיד זאַט, פּייוויש, גערויכערט

רונדיקע, גוטע דייטשע פּאַפּיראָסן. זיין בליק האָט ביילען תיכף אויפגע־כאַפּט מיט אירע שיינע, הויכע פיס. ער איז צו צו איר, געפרעגט צי זי איז הונגעריק. אוודאי. ווער איז נישט הונגעריק אין געטאָ? אפשר בלויז זיי — אַזעלכע לייט ווי פּיוויש... ער איז אַ ביסל געגאַנגען לעבן איר — מיט אַ דין שמייכעלע איבער די ליפּן. ער האָט זי פּלוצעם אַ פרעג געטאָן:

— מ׳קאָן קומען צו דיר?

ס׳האָט זי אַ ברי געטאָן אין די לויז־געוואָרענע פאַלדן פון איר בויך. זי האָט נישט אויפגעהויבן אירע אויגן. אַ פליישיקע האַנט האָט זי איצט שוין געהאַלטן פאַר איר אָרעם, וואָס איז מיט איין מאָל געוואָרן קיל. זי האָט קוים, דורך די געעפנטע אויגן־שפּעלטעלעך, געזען לעבן זיך שפּרייזן זיין ברייטן, מאַנצבילשן שאָטן, וואָס האָט אין גאַנצן פאַרדעקט איר שמאָל געשטאַלט. זי האָט אַ בליק געטאָן אין דער זייט. זיין פּנים איז געווען אַ רויטס, אַ באַשפּרינקלטס, די אויגן קליינע און שפּיציקע ווי ביי אַ קאָץ. אינעם גרויסן, טונקעלן שאָטן, וואָס איז געלאָפן פאַר זיי אויף פאָרויס, האָבן זיך אָממייסטן געשוואָרצט, ווי אַן אָפּגעריסענע כמאַרע, די שאָטן־שפּרייזן פון זיינע גלאַנציקע, הויכע שטיוול. שמאָלע רייט־הויזן האָבן געקיניגט איבער די הויכע שוואַרצע כאַליעוועס.

נאָך דעם ווי פּיוויש האָט זי אָפּגעפירט אַהיים און אַרויף אין איר קליין חדרל — האָט ער זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעריסן און אַוועק, כדי צו ברענגען עסן. ער איז באַלד צוריקגעקומען און אַוועקגעשטעלט אויפן טישל אַ קליין פאַרמאַכט קענדעלע. ער האָט עס געהייסן אַנוואָרעמען אויפן קיכל. מיט קאַלטע, פאַרחלשטע הענט האָט ביילע אונטערגעהייצט אין אויוונדל. איר איז אויסגעקומען, ווי זי צינדט אונטער מיט די פּיצלעך שפּענדלעך אַ שׂרפה, וואָס וועט זי באַלד אַרומכאַפּן פון אַלע זייטן. פון דאַזיקן פייער וועלן זיך באַלד אָנצינדן די ווענט, דער בעליק און אַרומ־כאַפּן זי ביי די קליידער. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף חוהלען, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געשאַרט לעבן דער מאַמען. אַ פריילעכער גלאַנץ איז אַרומגעגאַנגען אין אירע גרויע אייגעלעך. דאָס קענדעלע איז שוין גע־שטאַנען אויף דער פּייערקע און די בלעכענע ווענטלעך האָבן שוין אָנגעהויבן צו בריִען. לעבן איר איז געשטאַנען פּיוויש. ער האָט יעדע

רגע שטראַמער אָנגעצויגן אויף זיינע פיס די כאַליעוועס פון די הויכע, גלאַנציקע שטיוול.

אויפן קיכל האָט אָנגעהויבן צו זידן. אַ פּאָרע האָט געהויבן דאָס דעקל פון קענדעלע. ערשט איצט האָטביילע אויפגעהויבן דאָס דעקל און אַריינגעקוקט אינעם שמאָלן העלדזל.

דאָס איז געווען אַ געלע יויך־פליסיקייט, איבערגעדעקט מיט אַ פעט, דיק הייטל ווי צעשמאָלצן גאָלד. דאָס ערשטע מאָל נאָך אַזוי פיל יאָרן זעען אירע אויגן ווידער הייסע, בריִענדיקע יויך. פון די אונטערשטע טיילן פון איר בויך האָט זיך אויפגעהויבן אַ קלעמונג, וואָס איז דערגאַנגען ביז צום האַרץ צו. אויפן גאַנצן וועג, פון בויך ביז צום האַרץ, האָבן זיך פון דער דאָזיקער קלעמונג געצונדן קליינע פייערלעך, וואָס האָבן הייס געמאַכט איר אָטעם. אין האַלדז האָט איר אָנגעהויבן צו פּאַרפּעלן לופט. זי האָט אויף אַ רגע אַזש געמוזט אַרויסשטעקן די צונג. די גאָלדענע, הייסע פליסיקייט האָט ווי אַן אָנגעצונדענע נעץ פון דרעטלעך זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אירע אויגן און פּנים. זי האָט מיט ביידע הענט אַרומגענומען דאָס הייסע קענדעלע מיט יויך, ווי אַ וואַרעמען, צעהיצטן האַלדז פון אַ מענטשן. די גאַנצע צייט איז פּייוויש געשטאַנען הינטער איר, בעת זיינע פאַרזשמורעטע אייגעלעך האָבן זיך געגליטשט איבער אירע הויכע, פולע פיס. ביילע איז נאָך אַ ווײַלע אַזוי געשטאַנען און נישט געוווּסט וואָס אַזוינס צו טאָן מיט אירע הענט. אַ טונקל געפיל פון גרויל איז זי פלוצעם באַפאַלן. זי האָט געוווּסט, אַז די דאָזיקע גאָלדענע, הייסע פליסיקייט פאַרבאַרגט אונטער זיך אַ תהום, וואָס ציט זי איצט אַריין אין זיך מיט זיינע פינצטערע, הייסע פלאַמען. זי וועט מער שוין פון דעם תהום נישט אַרויס, זי וועט דאָרט אומקומען — און צוזאַמען מיט איר וועט אויך אומקומען חוהלע. דער פרעמדער איז געשטאַנען הינטער איר און אַלץ נאָך געשוויגן. אין זיין שווייגן האָט ביילע דערפילט שטאַרקער דעם אָפּגרונט, וואָס עפנט זיך איצט פאַר איר אין האַלב־פינצטערן חדרל. אויף אַ רגע האָט איר האַנט אַ ציטער געטאָן. זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט באַלד אַ כאַפּ־טאָן דאָס קענדעלע מיט דער אויפגעקאָכטער, הייסער יויך און דאָס פעטע גאָלד אויסגיסן איבערן רויטן פּנים פונעם

פרעמדן. אירע פינגער האָבן אַ רגע געציטערט, גראָד ווי די דאָזיקע מחשבה וואָלט טאַקע אין אירע פינגער אַ באַוועג געטאָן דאָס בלוט, באַלד איז זי אָבער ווידער געשטאַנען אַ צעבראָכענע איבערן קענדעלע מיט דער פעטער, צעגליטער אויבערפלאַך. זי האָט געהאַט פאַרמאַכטע אויגן און נישט געזען וואָס אַרום איר טוט זיך. אַ שדישער רייץ האָט געבריט אירע פינגער. מיט איין האַנט האָט זי אָנגעכאַפּט חוהלען און פאַרחלשט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— וואָס שטייט איר? — זיצט... מ׳עט עסן צוזאַמען נאַכט־עסן... אַזאַ גאָלדענע יויך... אַזאַ גאָלדענע יויך...

זי האָט דאָס אַלץ אַרויסגערעדט נישט עפּענענדיק די אויגן, וואָס האָבן געהאַט דינע, אָנגעלאָפענע הונגער־קישעלעך.

*

פון יענער נאַכט אָן האָבן זיך אָן אויפהער געוואַרעמט אויפן קיכל די קענדעלעך מיט פעטער יויך, ווו ס׳זענען אויך אַרומגעשווומען צעשניטענע שטיקלעך פלייש. אויסער שפּייז־פּעקלעך האָט פּייוויש אויך געטראָגן פאַר חוהלען טאַרבעלעך מיט ווייסן צוקער. הינטערן וועגטל פון ביילעס חדרל האָבן די שכנים אויפגעכאַפּט דעם וואַרעמען, קיצלדיקן ריח פון פלייש און גוטע געקעכטסן. זיי האָבן אָפּט געהערט פּייווישן לויפן אין זיינע הויכע שטיוול איבער די שטיגן. אַממייסטן איז ער געקומען אויף ביי נאַכט און אַוועק פאַר טאָג.

איין מאָל האָט ביילע אַריינגעטראָגן צום שכן אַ האַלב קענדעלע מיט יויך. דאָס פאַרפאַלק, וואָס האָט געוווינט הינטער דער וואַנט, האָבן זייערע ביידע קינדער תּמיד געהאַלטן אין בעטל. בערעלע און גיטעלע זענען געלעגן איבערגעדעקטע מיט אַן אַלטן פאַלטן און זיך געוואַרעמט איינער אין צווייטן. מ׳האָט קוים אַרויסגעזען זייערע קליינע, איינגעגאַנ־גענע פּנימלעך. אַז ס׳פאַרפאַלק האָט אויסגעגאָסן די הייסע פליסיקייט אויף אַ טעלער, האָבן זיך די קינדער אויפגעזעצט און זייערע פּנימלעך אַרומגעפּירט איבער די ראַנדן פון טעלער, ווי קליינע, גרויע קעצלעך. זיי האָבן דערנאָך גענומען צו ביסלעך און לאַנג נישט געוואָלט אַראָפּ־

שלינגען די יויך. אויף די פלאַכע טעלערלעך האָט זיך לאַנג געוויגט די וואַרעמע יויך. ביילע איז געשטאַנען לעבן בעטל און אירע אויגן האָבן די גאַנצע צייט אויסגעמיטן זיך צונויפצוטרעפן מיט אירע שכנים. דאָס האָט געדויערט אַ לאַנגע ווײַלע. די קינדער האָבן דערוויל אויסגעטרונקען די פליסיקייט פון די טעלערלעך און צוריק אַריינגעקראָכן מיט צעפּלאָמטע בעקלעך אונטער דעם פּאַלטן אויפן בעטל.

זיי האָבן זיך פון איצט אָן, די קינדער, צוגעהאָרכט צו יעדער באַוועגונג אויף די טרעפּן און צום רעש הינטערן ווענטל. זיי האָבן געוואַרט, אַז אויף די שטיגן זאָלן זיך דערהערן די שטיוול־טריט. דעמאָלט האָבן זיי געוווּסט, אַז באַלד וועט זיך דורכן לויזן ווענטל אַהעררייסן אַ געזאַלצענע פּאַרע פון געקאָכטע יאַיכלעך. זיי זענען טאָקע געלעגן מיט אויפגעשפּיצטע אויערן צו דער טיר. ס׳פלעגט אויך געשען, אַז חוהלע פלעגט אַליין אַריינקומען צו די קינדער מיט אַ טעלערל יויך און ווייסע קליסקעלעך. גיטעלע האָט געהאַלטן אין איין פרעגן:

— מאַמע, פאַר וואָס קאָכסטו קיין מאָל נישט קיין יויך ?

— ס׳אַ מלחמה, קינדערלעך... אין געטאָ איז נישטאָ קיין יויך... אַז מען וועט ווערן אויסגעלייזט...

— טאָ קאָך כאָטש קליסקעלעך, מאַמע... אַ ביסל קליסקעלעך...

— נישטאָ קיין מעל, גיטעלע... צו קליסקעלעך דאַרף מען האָבן מעל...

— און פאַר וואָס האָט חוהלע יויך מיט קליסקעלעך ?

— ווייל חוהלע האָט אַ פעטער... ברענגט ער יויך... און מעל...

— טאָ זאָל דער טאַטע אויך ברענגען מעל... וועט מען קאָכן קליסקעלעך...

— דער טאַטע אַרבעט אין שאָפּ, קינדערלעך, און דאָרטן קריגט מען נישט קיין מעל...

— און וווּ אַרבעט חוהלעס פעטער ?

— אין ערגעץ נישט. ער האַלט וואַך ביים טויער, צוזאַמען מיט די דייטשן, קינדערלעך...

גיטעלע פרעגט נישט מער. אירע בעקלעך צינדן זיך ווידער אָן מיט קליינע, רויטע רויזלעך, וואָס לעשן זיך באַלד. די מאַמע דרייט אַוועק דעם

קאַפּ, זעצט זיך צופוסנס פון בעטל און פאַרדעקט די קינדער מיטן אַלטן, ווינטערדיקן פאַלטן.

*

פּייוויש איז געלעגן אויפן בעטל אין די הויכע, גלאַנציקע שטיוול און געכראַפּעט. ער איז היינט אַרויפגעקומען אַ שיכורער און זיך באַלד אַ וואָרף געטאָן אויפן בעטגעוואַנט. איידער ער איז איינגעשלאָפן, האָט ער ביילען איינגערוימט עפּעס אויפן אויער. ביילע איז בלאַס געוואָרן און שיִער נישט אומגעפאַלן אויף דער פאַדלאָגע. פּייוויש איז אָפּגעשלאָפן אַ פּאָר שעה און נאָכן אויפכאַפּן זיך באַלד אַוועקגעלאָפן. ביילע האָט אים לאַנג נאָכ־געקוקט איבערן געסל, ווי ער האָט געשפּרייזט מיט זיינע שוואַרצע, גלאַנציקע שטיוול.

דאָס, וואָס פּייוויש האָט דערציילט בסוד ביילען, איז געווען עפּעס אַזוינס, ווי ס׳וואָלט זיך אַ תּהום געעפנט אונטער אירע פיס. אין אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן אַרומטאַנצן גרינע פייערלעך. יעֶדע רגע האָט זי צו זיך אַ כאַפּ געטאָן חוהלען, זי געהאַלדזט און געקושט, געגלעט די אַקסעלעך און מיטן מויל זיך איינגעביסן אין קינדס העלדזל. חוהלע האָט אָנגעהויבן צו וויינען. דערהערנדיק דעם קינדס געוויין, האָט ביילע אַ קוויטש געטאָן ווי אַ געשאָכטענע. באַלד האָט זיך אויך הינטערן ווענטל ביים שכן אויפגעהויבן אַ יללה.

די לעצטע נאַכט איז איצט ביילע געלעגן מיט חוהלען. אויפן הייפל האָבן דערווייל אַלע מאַמעס אַרומגעטראָגן אין דער פינצטער די קינדער אויף די הענט און געיאָמערט. ס׳איז געווען אַ פינצטערע נאַכט אויפן הייפל. פאַרגליווערטע לבנה־פלעקן האָבן זיך צוזאַמען מיט די קינדער־קעפּלעך פאַרבאַהאַלטן אונטער די מאַמעס יללהדיקע הענט. עמעצער פון די ווייבער האָט אויפגעהויבן ס׳קינד קעגן דעם זוים פון דער שווימענדיקער לבנה און געמאַכט אַ געוואַלד גלייך אין פינצטערן הימל אַריין. דאָס געשריי נאָך רחמים איז צערונען אינעם קילן ווינט, וואָס איז איצט געגאַנגען פון יענער זייט געטאָ.

מ׳האָט שוין געגרייט רוק־זעקלעך און קליינע טאָרבעלעך. מאַמעס

האָבן זיך געגרייט אין וועג אַריין צוזאַמען מיט די קינדער. אַ טייל האָבן נאָך אין דער נאַכט זיך אויסגעזוכט באַהעלטענישן און דאָרט פאַרקראָכן מיט אַ ביסל שפּייז און ברויט. ליגנדיק אויפן בעטל ווי אַ געשאָכטענע, האָט ביילע זיך צוגעהערט צום פליסטערן הינטערן ווענטל ביים פאַרפאַלק. דאָס זענען אינעווייניק געלעגן טאַטע־מאַמע איבער די שלאָפנדיקע צוויי קינדער און זיך געאַמפּערט וועמען אָפּצוגעבן די דייטשן: גיטעלען צי בערעלען.

— ווי קאָן איך אָפּגעבן בערעלען, גזלן?... קוים דריי יאָר... ווער וועט זיך אויף אים אומקוקן? ער קאָן זיך אַליין די הייזעלעך נישט אָנטאָן... די שיכלעך...

— טאָ אפשר גיטעלען? זי איז דאָך שוין אַ דערוואַקסענע... מענטשן וועלן קאָנען האָבן פון איר אַ נוץ... זעקס יאָר אַ מיידעלע וועט דאָך נישט פאַרפאַלן ווערן... גוטע מענטשן וועלן זיך אויף איר אומקוקן...

— כ׳וועל זיי ביידן אָפּשעכטן היינט ביי נאַכט, הערסט? כ׳וועל זיי גיכער אָפּשעכטן, איידער זיי אַוועקגעבן דעם דייטש... אָפּשעכטן וועל איך זיי...

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך פון הינטערן ווענטל געקנוילט אַ פאַרשטיקט געכליפּ פון פאַרפאַלק.

צו מאָרגנס, ווי נאָר דער טאָג האָט זיך גענומען אַדורכברעכן דורך די ווענטלעך, האָט ביילע אָנגעהויבן אָנצוטאָן חוהלען. זי האָט אויף איר אַרויפּ־געצויגן די קליידלעך מיט פרעמדע, אָפּגעשטאַרבענע הענט. אַ רויט שטיקל באַנד האָט זי איינגעפלאָכטן אין חוהלעס האָר. אין דער פרימאָרגנדיקער טריבקייט האָט דער שלייף געוואָרפן איבערן קינדס פּנימל אַ רויטלעכן אָפּשיין ווי פון בלוט. ביילע האָט שוין זיך דערזען פאַרפלאָנטערט אין אַ נעץ פון שיגעון און זינד. וואָס מער זי איז געזונקען אין דער דאָזיקער נעץ, אַלץ מער האָט אין איר גענאָגט די פאַרצווייפלונג, בעת אירע אַלע חושים זענען געווען אין גאַנצן געליימטע. די פּאָר חדשים פון זינדיק לעבן מיט פּייווישן האָבן פון איר אַוועקגעשטויסן די שרעק פאַרן הונגער, און אַז זי איז געווען זאַט, — איז דער פּחד פאַרן טויט צערונען געוואָרן. אַ פרעמד קול האָט זיך געוויגט אין איר זינדיק האַרץ. דאָס אַלץ איז דאָך

געשען דערפאַר, ווייל איר יונג לעבן האָט זיך געווערט נישט צעקרישלט צו ווערן אינעם תּהום פון געטאָ. זי האָט געלאָזט ברענען דאָס מיאוסע און תּהומיקע פייער אין איר האַרץ בעת די פלאַמען האָבן זי אין גאַנצן אַרומגעכאַפּט. וואָס מער ס׳איז געוואַקסן אין געטאָ די שרעק אַרויסגעשיקט צו ווערן, אַלץ קראַמפּהאַפּטיקער האָבן זיך אירע הענט געקלאַמערט אינעם ביסל זינדיק לעבן מיט פּיוויש. טייל מאָל איז צו איר געקומען אַ שטיל ווידער־קול פון אַמאָל, אַ קלאַנג פון ווידוי און חרטה. דאָס איז אָבער באַלד פאַרטויבט געוואָרן אינעם בייזן, זינדיקן לעבן, וואָס האָט זי געקלאַמערט מיט הייסע, צעגליטע רייפן. זי האָט געוווּסט, אַז זי באַגייט אַ זינד, פון וואָס זי וועט שוין קיין מאָל נישט קאָנען אַרויס. און בעת ס׳האָט זי טייל מאָל אָנגעהויבן ברענען דאָס געפיל פון בושה און חרטה, האָט זי תּמיד זיך געקלאַמערט אין חוהלען. דאָס האָט זי דאָך, ביילע, אַלץ געטאָן פאַר איר, פאַר חוהלען, פאַר איר געזונט ווענן, פאַר איר זאַטקייט, פאַר איר געלעכטערל... און דאָס־אַ געלעכטערל חוהלעס האָט געריייניקט איר האַרץ פון אַלדאָס בייז. זי האָט דעמאָלט געוווּסט, אַז איר זינד איז נישט אַזוי גרויס. און אַז ס׳וועט געשען אַ נס — זי וועט אַרויסטראָגן פון געטאָ איר קינד און אויך זיך אַליין, — וועט דעמאָלט איר זינד פאַרגעבן ווערן. זי האָט דאָך אַלץ געטאָן כדי אויפצוהאַלטן דאָס לעבן פון איר קינד... און איצט? איצט זאָל זי אַליין אָפּגעבן חוהלען, ווייל ער, פּיוויש, וויל אַזוי? ער רעדט־זי־צו אָפּצוגעבן ס׳קינד צום דייטש... די קינדער — זאָגט ער — ווערן דאָך אַרויסגעשיקט אין דאָרף... אויף אַ פאַרם... סיי ווי סיי ענדיקט זיך באַלד די מלחמה... ער וועט מיט איר חתונה האָבן, פּייוויש... ער וועט מיט איר באַשטימט חתונה האָבן... זאָל זיך נאָר די מלחמה ענדיקן...

זי איז געשטאַנען, ביילע, אַריבערגעבויגן איבער איר אייגן האַרץ ווי איבער אַן אָפּגרונט. מיט אַ מאָל איז זי באַפאַלן אַ גלייִקע כוואַליע פון מוטערלעכקייט. זי האָט אַריינגעקוקט אין חוהלעס גרויע אייגעלעך און אין זיי דערזען אַ שאָטן פון דודן. זי האָט זיך מיט די ליפּן איינגעזויגן אין חוהלעס העלדזל, וואָס איז געווען ווייך און וואַרעם. ניין, זי וועט קיין מאָל חוהלען נישט לאָזן אַליין... זי וועט מיטגיין מיט איר, אויב ס׳קאָן

אַנדערש נישט זיין... ווי מיט טויזנטער וואָרעמע הענטלעך האָט חוהלע זי אַרומגענומען און געצויגן צו זיך. זיי זענען בײדע געלעגן אויפן בעטל און לאַנג געהעשעט איינע אין דער צווייטער אַריין. — — —

אַרום האַלבן טאָג איז פּייוויש אַריינגעפּאָרן מיט אַ וואָגן אין הויף אַריין. נאָכן וואָגן זענען געגאַנגען דייטשן מיט אַרויפגעשאַרצטע העמד־אַרבל און מיט שפּיצרוטלעך אין די כאַליעוועס פון זייערע שטיוול. ער איז אַרויף, פּייוויש, דער ערשטער צו ביילען. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן חוהלען פון ביילעס הענט. זי איז שטיין געבליבן אַ רגע אַ געליימטע און גע־וואָלט אים נאָכלויפן. פּייוויש האָט זי אָבער אַ שטויס געטאָן, פון וואָס זי איז געפאַלן אויפן בעטל. מיט אַרויסגעזעצטע אויגן איז זי צוגעלאָפן צום פענצטערל. זי האָט איצט געזען ווי דאָס פּאַרפאַלק פון הינטערן ווענטל, פירנדיק בײדע קינדער ביי די הענט, איז אַרויפגעגאַנגען אויפן וואָגן און זיך אַוועקגעזעצט אויף זייערע פּעקלעך. זי האָט אַפילו געזען ווי חוהלע האָט זיך אַרומגענומען מיט גיטעלען און בײדע קינדער האָבן אָנגעהויבן אַרויפצופּאָכען מיט זייערע הענטלעך צו די פענצטער... אַ בייזער, פינצ־טערער כּוח האָט געהאַלטן ביילען צוגענאָגלט צו דער פּאָדלאָגע און נישט געלאָזט זי רירן פון אָרט. פון גאַנצן הייפל איז איצט געגאַנגען אַ יללה פון מאַמעס, וואָס האָבן נישט געוואָלט זיך שיידן מיט די קינדער. ביילע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ און אָנגעהויבן מיט אים קלאַפּן אין ווענטל. מיט די נעגל האָט זי זיך צעריסן ס׳פּנים. וואָס מער דער ווייטיק האָט איר געצונדן די הויט, אַלץ ווילדער איז זי געוואָרן. אָבער קיין כּוח אַראָפּצולויפן צום וואָגן האָט זי אין איר פאַרצווייפלונג נישט געפונען. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעטל און אַזוי געבליבן ליגן מיט אויפ־געפּראַלטע, אויסגעלאָשענע אויגן. דער פינצטערער בעליק איבער איר איז אַראָפּגעהאָנגען ווי אַ פאַרכמורעטער, בייזער הימל, וואָס באַהאַלט נאָך אין זיין בוזעם שאַרפע, טויטלעכע בליצן.

*

אין מיטן נאַכט איז פּייוויש אַ שיכּורער געשפּרונגען איבער די טרעפּן פון הייזל. דאָס חדרל פון פּאַרפאָלק פון הינטערן ווענטל איז געשטאַנען

אָפּן, אַ ליידיקס און צעריסנס. ער האָט זיך אַ שליידער געטאָן אויפן בעטל לעבן ביילען. זי איז נאָך געלעגן דאָ מיט אויפגעפּראַלטע אויגן, וואָס האָבן גאָרנישט נישט געזען. ער איז באַלד איינגעשלאָפן.

ערשט איצט, אין דער פינצטער, איז אין ביילען אויפגעגאַנגען און געוואָרן וואַך אַ גלייַקער, טיפער ווייטיק. די פינצטערניש אַרום איר האָט זי געבריט מיט לאַנגע, שפּיזיקע צונגען. און אין אַלץ איז שולדיק ער, פייוויש, וואָס כראָפּעט איצט לעבן איר. אַ היץ האָט איר געבריט אין די שלייפן. די גאַנצע פאַרבאַהאַלטענע, פינצטערע שׂינאה צו אים האָט זיך אויפגעוועקט מיט אַ בייזן צאַפּל פון אירע הענט. אַ ווילדע, רויטע מחשבה איז זי באַפאַלן, פון וואָס זי האָט אָנגעהויבן ציטערן אויפן גאַנצן לייב. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך ס׳קליידל און זיך גענומען טוליען צו פייווישן. ער האָט אין דער פינצטערניש אויפגעעפנט די אויגן און שיכּורער־הייט נאָך עפּעס געמורמלט. זי איז געלעגן לעבן אים מיט אַלץ נאָך אויפ־געפּראַלטע אויגן, וואָס האָבן גאָרנישט געזען אין דער פינצטער, נאָר אַ רויטן, בלוטיקן קרייז, וואָס האָט זיך געוויגט אין חלל. דער דאָזיקער קרייז האָט געהאַט שפּיציקע, רויטלעכע צויטן, וואָס האָבן געצונדן דעם חלל. זי האָט געהאַלטן אין איר פויסט פאַרבאָרגענערהייט אַ קאַלטע, שאַרפע זאַך. מיטן לינקן אָרעם האָט זי אַרומגענומען פייווישן, בעת איר הייסער אָטעם האָט געבריט זיין קאַרק. ער האָט ווידער געעפנט זיינע אויגן און זיך צעשמייכלט. אָבער באַלד איז דער שמייכל אויף אים צערונען און דאָס פּנים האָט זיך אויסגעקרימט. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן מיטן קאָפּ, בעת אַ ווילדער קוויטש האָט צעריסן די פינצטערניש אונטערן בעליק. ער האָט אָנגעהויבן טאַמלען מיט די פיס. פון זיין שויס האָט זיך גענומען גיסן בלוט איבער זיינע צאַפּלענדיקע קני. ער האָט נאָך אַ מאָל אַ ריטש געטאָן — און אַוועקגעפאַלן אויפן בעטל.

אַ האַלב־נאַקעטע איז איצט ביילע אַרויסגעלאָפן פון חדרל. זי איז געלאָפן איבערן הייפל, וואָס איז געווען אין גאַנצן אַ פינצטערס. פון דאַנען איז זי אַרויסגעלאָפן אין געסל. ס׳איז געווען טיפע נאַכט אין געטאָ. אין ערגעץ האָט נישט געלויכטן קיין ליכט. בלויז אַ גרויע, מוטנע האַלב־ליכטיקייט פון די שווימענדיקע וואָלקנס איבערן געטאָ האָט זיך אָפּגע־

שלאָגן אין דער אונטערשטער פינצטערניש. זי איז געלאָפן אין דער דאָזי־קער פינצטערניש, וואָס האָט איר געקילט די שלייפן. זי איז געלאָפן מיט אָן אימפעט, נישט וויסנדיק וווהין. דאָס געסל האָט איצט געפירט באַרג־אַראָפּ. זי איז געלאָפן, ווי ווינטן וואָלטן זי געפירט אונטער די אָרעמס. איר איז אויסגעקומען, ווי זי הערט פאַר זיך לויפן דעם וואָגן מיט חוהלען. אָט־אָט און זי וועט אים דערגרייכן. חוהלע ווינקט שוין צו איר פון דער ווייטנס. זי זעט אַפילו, ווי עס בלענדט אַרויס דער רויטלעכער שלייף פון אירע האָר. באַלד־באַלד וועט זי צופאַלן צום וואָגן. אַ פינצטערער, בייזער כּוח האָט זי פון הינטן אַלץ געטריבן פאָרויס. פון איין געסל איז זי אַריין אין צווייטן, ביז זי איז צוגעקומען צו די דראָטן. זי האָט שוין נישט גע־ווּוּסט, ביילע, וואָס מיט איר טוט זיך. דער ווינט האָט זי געטראָגן אַ וואָיענדיקער און פינצטערער.

אין איין אימפעט איז זי אַרויפגעפאַלן אויף די דראָטן, וואָס האָבן זיך דאָ געהויבן מיט זייער פאַרצוימונג. דער דייטש, וואָס איז דאָ געשטאַ־נען, האָט אויפגעפראַלט זיינע אויגן: אַ נאַקעטע פרוי לעבן די דראָטן — זעט ער ס׳ערשטע מאָל. ער האָט זיך צוריקגעצויגן און אין דער האַלבער פינצטערניש אויסגעשריִען:

— שטיין בלייבן!... וווהין, דו העקסן־ווייב?* ווילסט אָן דען הי־מעל?... צו דען שטערנען?...

— יאָ — יאָ — יאָ — האָט ביילע מיט היץ אַרויסגעשטאַמלט — צום הימל... צו די שטערן... צו די שטערן...

זי האָט אויסגעשפּרייט אירע ביידע נאַקעטע הענט איבער די דראָטן און זיך אַריבערגעבויגן מיטן גאַנצן גוף. זי איז שוין געבליבן אַזוי הענגען מיטן קאָפּ אויף יענער זייט. מיט אירע אַראָפּהענגענדיקע הענט צו דער ערד האָט זי זיך נאָך אַ ביסל געוויגט, ווי אַ נאַקעטער, טויטער פויגל.

1944

---

* דו מכשפה!

נאָך מינחה

די ווענט אין לאַנגגן קאָרידאָר זענען געפאַרבט אויף העל-בלוי. נאָר גאָר אויבן, ביי די קרימונגען אַרום די געוועלבן, לויפן ברוינלעכע שנורן, וואָס זעען איצט אויס רויטלעך, ווי באַשפריצטע מיט פונקען, אָדער בלוט. גראָד איצט, בעת די זון פאַרגייט הינטער די אויסגעהאַקטע שויבן אין לאַנגגן שפּיטאָל-קאָרידאָר, פלייצט אַריין אַ ראָזלעכע לופט, וואָס זעצט זיך מיט פאַרביקע פלעקן אין קאָרידאָר.

אין גאַנצן בנין שטייט איצט אַ קאַלטע, איינזאַמע אָוונט-שטילקייט. אין שפּיטאָל ווערט זייער פרי געמאַכט נאַכט. די טירלעך — אָפּגעשלאָסן און נאָר פון דרויסן גייט אַן אומהיימלעך גערויש פון די פּאָר צעפלאַטערטע שאָטנדיקע ביימער. פון די קעלערן, וואָס לויפן אונטערן אַמאָליקן פאַבריק-בנין, טראָגט זיך אַ זילבער-קלימפּעריי פון געשיר, וואָס ווערט געוואַשן נאָך די חולאים. ווייט איבער די דראָטן פייפט אימהדיק ערגעץ ווו אַ לאָ-קאָמאָטיוו. זיין גרילץ צעפּיצלט זיך מיט קליינע, אָפּגעהאַקטע געוויינען איבערן גרויסן, ליידיקן שפּיטאָל-הויף. אינעם גרויסן שלאָף-זאַל, אויף די אויפגעשטעלטע פּריטשעס, זיצן איצט די חולאים אין זייערע לאַנגגע העמדער, מיט די ווייסע פּיס, אַראָפּגעלאָזטע אויפן פינצטערן דיל. די הענט ליגן צווישן די קני, די קעפּ אַראָפּגעבויגן און די אויגן אַנגעהאַנגען אויף דער קעגנאיבערדיקער פּריטשע. זייערע קעפּ זענען אַלע געגאָלטע, נאַ-קעטע און גלאַנצן אינעם לעצטן ביסל פאַרנאַכט-זון ווי גרויסע אַרבוזן. די פנימער געלע, אַנגעלאָפענע, מיט פלאָמענדיקע, הייסע שלייפן, בעת אונטערן העמד יאָגט דאָס האַרץ אַ צעפלאַשעט, ווילד געיעג, ווי געטריבן פון אַ בייטש. אין ווינקל, לעבן פענצטער, זיצן די, וואָס מ׳האָט היינט אַריינגעפירט: דריי אַלטע, איינגעפאַלענע חולאים. אַלע זענען זיי געשוואַ-

לענע פון הונגער־טיפּוס. די דריי חולאים זיצן אַרומגענומען איינער מיטן צווייטן, די הענט אַרויפגעלייגט איינער אויפן צווייטנס אַקסלען, בעת די קעפּ זייערע קוקן אַרויס אין דרויסן דורכן גרויסן פאַבריק־פענצטער. די זון קוקט נאָך אַריין מיט אַ שפּיציק ראָזיק שטרייפל, וואָס טאַנצט אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט. די דריי רעדן צווישן זיך שטיל, איינגע־האַלטן פליסטעריי. איינער פון זיי טראָגט נישט קיין העמד, נאָר אַ לאַנגן, וואַטענעם שפּענצער, פון וואַנען מען זעט אים אַרויס די פיס ביז די קני. די קני זיינע זענען ווייסע ווי אַ געהובלט ברעט. צום דאָזיקן חולה רעדן די בײדע אַנדערע און קוקן זיך יעדע רגע אַרום איבערן זאַל. די איבעריקע חולאים אויף די פּריטשעס האָבן דערוויייל זיך אַוועקגעלייגט און איבערגע־דעקט זייערע קעפּ מיט די קאָלדרעס. זיי זעען אויס ווי געשטאָרבענע, אויסגעצאַנגענע אין זייער הויכן בויך־געשווילעכץ. אַנדערע האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף די קאָלדרעס — דאַרע, פאַרטריקנטע. מ'זעט זיי קוים אַרויס אין דער איצטיקער דעמערונג. דאָס זענען די, פון וועלכע דאָס וואַסער־געשווילעכץ איז שוין אָפּגעגאַנגען.

דער ייִד אין וואַטענעם שפּענצער קוקט זיך אַרום און רעדט אַריין צו איינעם פון די דריי:

— מ'עט דאַווענען מינחה, ייִדן, האַ? די זון זעצט זיך שוין!...

די איבעריקע צוויי שטעלן זיך אויף. זיי בלייבן שטיין אין זייערע לאַנגע העמדער, וואָס פאַלן זיי אַריבער די פיס־פינגער.

זיי גייען־צו צו אַ פּריטשע און נעמען לייכט ציִען ביי אַ קאָלדרע.

— רב ייִד שטייט אויף!... מ'דאַרף אַ מנין צו מינחה!...

פון אונטער דער אַראָפּגעצויגענער קאָלדרע קוקן אַרויס צוויי גליִענ־דיקע, גרויסע, ליידיקע אויגן, וואָס זעען גאָרנישט.

— מינחה דאַווענען, רב ייִד!... — מינטערט אים ווידער דער חולה מיטן וואַטענעם שפּענצער און ציט אים ביים אַקסל — די זון זעצט זיך שוין! רב ייִד...

דער קאָפּ אונטער דער קאָלדרע רירט זיך נישט פון אָרט.

— מיר דוכט זיך, אַז דער ייִד... כי, כי, כי... מ'דאַרף באַמעלדן... — הערט זיך פון אַ זייט אַ געדעמפּט קול.

פון די אָרומיקע פּריטשעס הייבן זיך אויף פון אונטער די קאָלדרעס עטלעכע גרויע, נאַקעטע קעפּ.

— וועמען וועקט עץ ?... — געלויבט השם יתברך !... ער איז שוין נישט קיין היגער !...

— וואָ, וואָ !... — רוקט זיך אָפּ דער ייִד אין שפּענצער.

די דריַי חולאים ציִען זיך איינציקווייז צוריק. זיי דעקן מער נישט צו מיט דער קאָלדרע דעם נאַקעטן קאָפּ פונעם טויטן ייִד. דער חולה מיטן וואַטענעם שפּענצער מורמלט שטיל אין זיך :

— ברוך דיין אמת...

פון די איבעריקע פּריטשעס האָבן זיך דערווייל אָנגעהויבן אַראָפּצו־שאַרן צו מינחה די קראַנקע ייִדן אין זייערע לאַנגע, פלאַטערנדיקע העמ־דער. זיי זענען אַלע געווען אין הויכער טיפוס־היץ, מיט פאַרברענטע, אויס־געטריקנטע ליפּן. דער ייִד אין וואַטענעם שפּענצער האַלט אין איין אַראָפּ־ציִען די קאָלדרע פון די פּריטשעס. עס פעלט אויס גראָד איינער צום מנין.

— יעך גיי נישט, ס׳הערט ? — רייסט זיך אַ קול פון אונטער אַ קאָל־דרע — סיי ווי קומט מאָרגן ס׳קעטשל...

— מיטן מת איז אַ מנין, ייִדן, מ׳קאָן דאַווענען...

אין גרויסן קראַנקן־זאַל האָט זיך דאָס הײפעלע קראַנקע ייִדן צונויפ־געקליבן אַרום דער פּריטשע פון געשטאָרבענעם. דער ייִד מיטן שפּענצער האָט זיך אָוועקגעשטעלט צוקאָפּנס פון דער פּריטשע און הינטער אים — די חולאים מיט די לאַנגע העמדער אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. דורך די גרויסע פאַבריק־פענצטער קוקט אַריין אַ פּיצל אויסגעלאָשענער הימל. מ׳האָט געזען, אַז די זון האָט זיך נאָר־וואָס געזעצט הינטער צעריסענע וואָלקנס. דער אָפּגעדעקטער מת האָט, דוכט זיך, אַ פינטל געטאָן מיט זיינע אָפענע, ליידיקע אויגן, ווו ס׳האָט זיך געזעצט אַ צעשפּאָלטענער, קליינער זון־שטראַל פון דרויסן.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי אַלע, אויך די דריי נייע חולאים, וואָס מ׳האָט היינט ערשט געבראַכט אין שפּיטאָל, זענען אַרויפגעקראָכן צוריק אויף זייערע פּריטשעס. טייל זענען געלעגן אָפּגעדעקטע, געל־נאַ־קעטע, בעת זייער הויט האָט געברענט אין פיבער, טייל ווידער — איבער־

געדעקטע איבערן קאָפּ. דער געשטאָרבענער ייִד האָט אַרויסגעקוקט מיט זיין אָפּגעדעקטן קאָפּ צום פענצטער. די גאַנצע צייט האָט אַ בלוילעכער דעמערונג־פלעק נישט געוואָלט אָוועקגיין פון זיין גרויען, טויטן שטערן.

אויפן זאַל איז שוין געוואָרן טונקל. תּחילת ראָזלעך־בלוי, ווי די בלוי־קייט וואָלט אַראָפּגעשווומען פון די ווענט. מיט איין מאָל איז געוואָרן פינצטערלעך און זייער שטיל. די טיפוס־קראַנקע זענען געשלאָפן. אַ צע־רייצטער, אַן אומרויִקער, געשפּענסטיקער שלאָף איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שד אויף די שפּיץ פינגער און פאַר זיי געוועבט היציקע חלומות. צענד־ליקער פלינקע קעטשלעך, וואָס פירן אַרויס די שווער־קראַנקע ערגעץ ווו פון געטאָ, זענען זיי געקומען איצט צו חלום. מיט די אייזערנע רעדער זענען זיי געפאָרן אויפן דיל און דערנאָך אַריבערגעפאָרן זייערע שלאָפנ־דיקע, אָפּגעדעקטע פּיס. זיי האָבן געשריִען פון שלאָף און געוויינט. טייל האָבן זיך געאַמפּערט, געריסן זיך, פאַרקנוילט מיט שטאַרקע, בייזע שטריק, וואָס זיי האָבן נישט געקאַנט איבערוועלטיקן. זיי האָבן זיך בשום אופן נישט געלאָזט שלעפּן אין קעטשל אַריין. בלויז דער טויטער ייִד מיטן אָפּגעדעקטן קאָפּ האָט רויִק און שלווהדיק געשמייכלט קעגן דער דרויסנ־דיקער נאַכט.

אַז ס'איז געוואָרן גוט פינצטער איז דעם ייִד מיטן וואַטענעם שפּענ־צער געוואָרן קיל פון דער נאַכט־קעלט, וואָס איז געגאַנגען פון אָפענעם פענצטער. ס'איז שוין געווען טיפער הארבסט. די נאַכט־הימלען זענען גע־ווען אָנגעגאָסן מיט קעלט און מיט מענטשלעכער מורא פאַרן שטאַרבן. דער ייִד האָט זיך אונטערגעשפּאַרט מיטן אָרעם, זיך אַרומגעקוקט איבערן זאַל: אַלע זענען געלעגן און געשלאָפן אונטער די קאָלדרעס. ער האָט פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט די פּיס אויף דער פּאָדלאָגע און זיך צוגעשאַרט מיט די נאַקעטע פּיאַטעס צו דער פּריטשע פון געשטאָרבענעם. ער האָט נאָך אַ מאָל זיך אַרומגעקוקט אין דער פינצטערניש. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָט ער אָנגעהויבן אַראָפּציִען פונעם טויטן ייִד די קאָלדרע. ס'איז געגאַנגען שווער, וואָרעם די קאָלדרע האָט געהאַט אַרומגענומען דעם ייִדנס בײדע טויטע קני. ער האָט שוין געוואָלט אָוועקגיין פון דער פּריטשע, ווי ער

האָט זיך נאָך אַ מאָל איינגעבויגן און אָנגעהויבן זוכן צוקאָפּנס פון טויטן. אַ לייכט קלימפּערן האָט אַ וויג געטאָן אין חלל. אין אַ בלעכן שאַכטעלע האָט אַ בלאַנק געטאָן אַ ווייסקייט: דאָס איז געווען אַ ביסל אָפּגעשפּאָר־טער צוקער, וואָס דער געשטאָרבענער האָט געהאַלטן אונטערן שטרוי־קישעלע. דער ייִד האָט זיך צוגעשאַרט צו זיין פּריטשע, זיך אָוועקגעלייגט און מיט די פינגער, ווי אַ קראָ מיט איר שנאָבל, אָנגעהויבן אַרויסציִען פון בלעכענעם שאַכטעלע דעם צוקער. אַ דינער סקריפּ האָט זיך פּלוצעם אַ וויג געטאָן פאַרן פענצטער. ער האָט זיך אויפגעהויבן אויף די עלנבויגנס, לאַנג אָנגעשפּיצט די אויערן און געקוקט דורכן פינצטערן פענצטער ווי דורך אַ פאַרנעפּלט וואַסער. ער האָט געהערט, ווי ס'עפּנט זיך ס'טויער און אויפן שפּיטאָל־הויף איז פּאַמעלעך אַריינגעפאָרן דאָס קעטשל. ער האָט נישט באַוויזן אַראָפּצושלינגען דעם צוקער פון דער צונג און זיך צעשריִען צו די שלאָפנדיקע:

— ייִדן, ס'קעטשל איז דאָ!... ייִדן!... געוואַלד!... ס'קעטשל!...

אין פינצטערן זאַלעכל זענען באַלד פון מיטן חלום אַלע חולאים אַראָפּגעשפּרונגען פון די פּריטשעס און צוגעלאָפן נאַקעטע צו די פענצ־טער. בלויז דער געשטאָרבענער ייִד איז געלעגן רויִק, אַ צוגעדעקטער מיט דער קאָלדרע ביז איבער די קני. די טיר האָט זיך פּלוצעם אויפגעפּראַלט. ס'איז געוואָרן ליכטיק פון די ווייסע שירצן, וואָס די יונגען־פאָרמאַנעס האָבן געטראָגן. שווייגנדיקערהייט האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויסצופירן די ייִדן צום קעטשל. די ייִדן זענען געגאַנגען ציטערנדיקע איבערן קאַלטן, שטיינערנעם קאָרידאָר און גיך, גיך אַריינגעפאַלן אין פינצטערן קעטשל. אונטער יעדנס אָרעם איז געלעגן אַ בלעכן פּושקעלע מיט אַ ביסל צוקער און אַ שטיקל ברויט. זיי האָבן אַלע, ווי נאָר זיי זענען אַריין אין קעטשל, זיך אַ כאַפּ געטאָן צום צוקער און אים געלעקט מיט פאַרטריקנטע, פאַר־ברענטע ליפּן. אויך דער ייִד אין וואַטענעם שפּענצער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און געזויגן פון זיין האַנט די צעגאַנגענע, זיסע פּייכטלעכקייט.

ס'איז געווען אין גאַנצן פינצטער אין קעטשל ווי אין אַ קעלער. דורך די שפּאַרעס האָט זיך געריסן אַ ביסל קראַנק ליכט, וואָרעם גראָד איז די

לבנה אויפגעגאַנגען. דער ייִד מיטן וואַטענעם שפּענצער האָט זיך פּלוצעם צעשריִען:

— ייִדן, מ'דאַרף דאַווענען מעריב!...

אַרומגענומען מיט די געכאַפּטע קאָלדרעס, האָבן די ייִדן אָנגעהויבן צו דאַווענען. דאָס קעטשל האָט זיך אַ וויג געטאָן. צו ערשט רעכטס, דערנאָך אויף לינקס און ווי אַ צוגעמאַכטע עגלה זיך געגליטשט איבער דער ערד צום גרויסן, אָפענעם טויער.

1944

מאַכעלע

ער האָט געהאַט זייער לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע הענט מיט לענגלעכע דינע פינגער פון אַ גרוילעך־גרינלעכער קאָליר. די פינגער זיינע זענען געווען דורכזיכטיק ווי וואַסער און ער האָט ליב געהאַט זיי אַוועקצולייגן איבער די אויגן, כּדי צו זען דאָס ראָזלעכע בלוט, וואָס האָט באַפאַרבט דאָס ווייסלעך־גרינע פלייש אַרום. ער האָט דאָס ליב געהאַט צו טאָן פון קליי־נערהייט אָן. אַז ער פלעגט זיי שפּעטער אַוועקנעמען פון די אויגן, איז נאָך די וועלט אַרום געווען אַזוי ראָזלעך־שיין. קיין האָלדז איז ביי אים נישט געווען, נאָר דער קאָפּ איז געזעסן ווי איינגעשרויפט אויף די נידעריקע, פלאַטשיקע אַקסלען ווי ביי יעדן האַרבאַטן בעל־מום. דאָס פּנימל, אַ דינס און אויסגעצויגנס, מיט אַ גרינלעכן אַפּשיין, איז געלעגן אין גאַנצן איבער דעם אַרויסשטאַרצנדיקן ביין פון ברוסט־קעסטל. אויף דער צווייטער זייט, דאָרט וווּ די פלייצע האָט געדאַרפט זיין אַ גלאַטיקע, האָט זיך געהויבן אַ ביינערדיק שפּיציק בערגל. אַז ער פלעגט רעדן האָט זיך זיין קעפּל מיט די פאַרקעמטע פּעכיקע הערעלעך געשאָקלט אַהין און צוריק, זיך געשרויפט צווישן די ביידע ביינערדיקע בערגלעך און דערביי אַרויסגעלאָזט אַ טרוקענעם „כ־כ־כ”, ווי אַ סאָווע ביי נאַכט. דאָס וואָרט איז אַרויסגע־קומען פון זיין קעל פאַרזשאַווערט, ווי ס׳וואָלט זיך דאָרט פריִער געזעגט אויף אַן אַלט שטיקל אייזן.

פון די קינדער־יאָרן געדענקט מאַכעלע בלויז צוויי פּאַסירונגען. חוץ זיי געדענקט ער גאָרנישט. און אַז ער גייט אַ מאָל צוריק צו די קינדער־יאָרן, אַזוי ווי דאָס טוט יעדער מענטש ווען מען ווערט מיד פון דער אַרו־מיקער וועלט, טויכן זיי ווידער אויף און לייגן זיך אויף זיין פּנימל מיט אַ ליכט פון אבלות און הענגען לאַנג איבער זיינע בלאָס־געלבלעכע

באַקן. ער לייגט דעמאָלט ווידער אַרויף זיינע ברייטע בעל־מומישע דלאָ־ניעס איבער די אויגן און קוקט לאַנג דורך דעם ראָזלעכן אָפּשיין פון בלוט, ביז די זעונגען ווערן בלאַסער און פאַרשווינדן.

ער געדענקט, מאַכעלע, אַז דער טאַטע האָט אייביק געקרענקט און ס׳גאַנצע לעבן געלעגן צו בעט. ער געדענקט אויך זיין לאַנגע געפאַלדע־ווּעטע באָרד. קליינערהייט האָט אים דעם טאַטנס באָרד, וואָס איז געלעגן אַן אויסגעשפרייטע איבער דער קאָלדרע און פאַרנומען אפשר אַ האַלב בעט, תמיד דערמאָנט אין אַ גרוי וואַש־ברעטל. בעת דער טאַטע איז אָפּ־געשטאָרבן האָט אים די מאַמע צוגעפירט צום בעט און אַראָפּגעבויגן זיין קעפּל גאָר נידעריק צום טאַטנס באָרד. זיין גאַנץ פנימל איז דעמאָלט געלעגן איינגעגורעט אין דער טרוקענער וואָל פון דער באָרד. ער איז דאָרט געלעגן, מאַכעלע, מיט פאַרשלאָסענע אויגן און איינגעזאַפּט אין זיך אַ קילן טויט־גערוך, וואָס איז געגאַנגען פון טאַטנס באָרד. ער האָט בלויז געהערט ווי די מאַמע האָט געשריִען איבער זיין איינגעבויגענער פּלייצע, דערנאָך זענען עטלעכע הייסע טראָפּן אַראָפּגעפאַלן אויף זיינע אויערן־לעפּלעך.

דער דאָזיקער קילער טויט־גערוך פון טאַטנס באָרד איז מאַכעלען שוין פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. און תמיד ווען ער לאָזט זיך צוריקגיין צו יענע יאָרן — שטייט־אויף דער דאָזיקער גערוך און הילט אים אַרום ווי אַ מלבוש. ער גייט דעמאָלט אַרום אַן איינגעפאַלענער, אַ פאַרטראַכטער און ס׳דוכט זיך אַז דעם טאַטנס באָרד האַלט אים צוגעבונדן מיט די געדרייטע וואָל־פעדעם צו יענע טונקעלע, ווייטע קינדער־טעג.

נאָכן טאַטנס טויט האָט די מאַמע מאַכעלען אָפּגעפירט אין חדר. ער געדענקט בלויז, אַז אויף אַ בלוילעכער וואַנט איז דאָרט געהאַנגען אַ גרויסער צעפלאָשעטער פויגל. דאָס איז געווען אַ ווילדער, בייזער אָדלער, וואָס האָט אויף מאַכעלען אָנגעוואָרפן אַן אימה פון איינזאַמע מדבריות און הימל־הויכע בערג. ער איז לאַנג אין חדר נישט געגאַנגען, וואָרעם אַ פּאָר טעג שפּעטער איז צו זיי אין שטיבל אַרויפגעקומען דער מלמד און לאַנג געשמועסט מיט דער מאַמען. נאָך דעם ווי דער מלמד איז אַרויס — האָט

די מאַמע שטאַרק זיך צעוויינט. זי האָט אים צוגערופן צו זיך און אויף זיין האָרבאַטער פּלייצעלע אַרויפגעוואָרפן אירע וואַרעמע ווייסע הענט.

מער איז שוין מאַכעלע אין חדר נישט געגאַנגען.

באַלד נאָך דעם האָט די מאַמע אָפּגעגעבן מאַכעלען אין דער לער צו אַ טאָרג־שטייער, וואָס פאַרקויפט אַלערליי פּרוכט אויפן מאַרק. דער טאָרג־שטייער האָט געהאַט אויפן הויף אַ שמאָל קעמערל און אין אָוונטן פלעגן דורך אַ לאָך ביים דעכל אַריין־און־אַרויספליִען די שוואַרצע פלינקע פלעדערמייז. דאָס קעמערל איז געווען אָנגעשטעלט מיט ווייסע, לענגלעכע ליידיקע קעסטלעך פון די פאַרקויפטע ציטרינען און פּאָמעראַנצן. אין די קעסטלעך זענען נאָך געלעגן שטויסן מיט פּליזלעך, אין וואָס די פּאָ־מעראַנצן און ציטרינען זענען געווען אַמאָל איינגעוויקלט. ער האָט מורא געהאַט אין אָוונט, אַז די אַריינפלאַטערנדיקע פלעדערמייז זאָלן זיך נישט פאַרטשעפּען אין זיינע האָר. בעת ער איז געבליבן אַליין אין קעמערל האָט ער ליב געהאַט אַריינצולייגן אין די קעסטלעך זיינע הענט און אויך פאַר־גראָבן דאָרט דאָס פּנים. דער ריח פון די פּאָמעראַנצן און ציטרינען האָט ווי אַ שמעקעוודיק ווינטל אַרומגענומען מאַכעלעס קילע באַקן. ער פלעגט לאַנג אַזוי איינזאַפּן אין זיך דעם גערוך, וואָס האָט געכּישופט און גע־וואַשן זיינע דלאָניעס, וואָרעם אין טונקעלן קעמערל, אָנגעשטעלט מיט די ליידיקע קעסטלעך, איז תּמיד אַרומגעגאַנגען אַ ווינט ווי פון אַ צעבלי־טער, פרילינגדיקער לאָנקע.

*

אַז מאַכעלע איז אָנגעקומען מיט דער אַלטער מאַמען אין געטאָ אַריין, איז ער נאָך אַלץ געווען קליין־געוויקסיק ווי אַ ייִנגעלע, כאָטש די באַקן זענען אים שוין געווען פאַרוואָרפן מיט אַ מאַכיק, מאַנצביליש בערדעלע. ער איז שוין געווען נאָענט צו די דרייסיקער, מיט די זעלבע ברייטע בעל־מומיקע דלאָניעס און דער קאָפּ איז אים נאָך מער אַריינגעקראָכן צווישןביידע אָפּשטייענדיקע בערגעלעך. מענטשן האָבן זיך געשראָקן צו קוקן אים גלייך אין פּנים אַריין. זיין נאָז, אַ דאַרלעך־שפּיציקע, האָט זיך אַריבער־געבויגן ווי אַ פּאַפּוגיי־שנאָבל איבער זיין ברייט, שטענדיק אָפן מויל, ווו

ס׳זענען געזעסן קליינע, געלע ציינדעלעך. די פעכיקע הערעלעך האָבן געלויכטן אויף זיין קאָפ מיט אַ דיבוקישן, שוואַרצן רייץ. די אויגן זענען געווען גרויסע, גרינלעכע און געזעסן באַוועגלאָז ווי קליינע וואַסערלעך באַצויגן מיט גרינעם שימל. פון צייט צו צייט איז נאָר אויף זייער גרינ־לעכער, פאַרגליווערטער אויבערפלאַך ארומגעשווומען אַן אַנגעצונדן שוואַרץ פלעמל. דאָס איז געקומען פון זיינע טרערן־ווייכע, צעגאָסענע אויגן־אַפּלען.

די מאַמע איז שוין געווען אַלט. זיי האָבן זיך ביידע אַריינגעכאַפּט אין ערשטן בעסטן חדרל אויף אַ הויף מיט אָנגעלאָפענע ייִדן פון דער שטאָט. אַז די שכנים פון קאַרידאָרל האָבן זיך געכאַפּט, אַז אין זעלבן הייזל ווױנט אַ ייִדענע מיט אַ זון אַ פּאַרזעעניש, האָבן זיי געהאַלטן אין איין קלאָגן איינער פאַרן צווייטן:

— ס׳עט זען, ייִדן, אַז צוליבן מעלעיער וועט ס׳גאַנצע הויז גיין אויפן פייער!... ס׳עט זען, ייִדן...

מאַכעלע מיט דער מאַמען האָבן זיך טאַקע גאַנצע וואָכן צוליב דעם נישט געוויזן אויפן הייפל. מאַכעלע האָט זיך נישט אוועקגערוקט גאַנצע טעג פון פענצטערל און געקוקט אויפן הויף אַראָפּ, ווו ווייבער און מיידלעך האָבן געוואַשן קאַרטאָפל־שאָלן ביים ברונעם. ער איז געזעסן מיט די דלאָ־ניעס אונטערגעשטעלט אונטערן פּנים און געוויזן די געלע שיטערע ציינ־דעלעך. טייל מאָל האָט אַ מויד, אַ דערשראָקענע, אויפגעהויבן איר קאָפּ צום פענצטערל און גיך אַנטלאָפן, שרייענדיק ווי אַ באַנומענע:

— געוואַלד!... געטס נאָר אַ קיק ווי ס׳אימגליק קיקט מיר נאָעך!... אַ בראָך איז צונעם!...

זי האָט אַפילו נישט גוט אָרומגעוואַשן די קאַרטאָפל־שאָלן און ווי אַ ווינט אַרויסגעלאָפן פון הייפל.

*

שווערע טעג זענען אָנגעקומען פאַר מאַכעלען מיט דער מאַמען. ס׳ברויט איז געוואָרן מיט יעדן טאָג קנאַפּער, איינגעגאַנגען און זיך אויס־געלאָשן ווי אַ שיינער שטערן, וואָס לעשט זיך אויפן מאָרגן־הימל. דאָס, וואָס מ׳האָט באַקומען, האָט קוים געסטייעט אויף עטלעכע בּיס. דערצו האָט

די מאַמע זיך אָוועקגעלייגט און נישט געקאָנט מער אַרומגיין אויף די פיס. יעדער ווייס, אַז בעת מען ליגט צו בעט דאַרף מען נישט אַזוי פיל צו עסן. אירע ברויט־רעפטלעך זענען טאַקע געלעגן באַזונדער און געוואַרט זי זאָל געזונט ווערן. קעגן אָוונט פלעגט זיך מאַכעלע אַראָפּכאַפּן צו דער פּלומפּ, אַרויפברענגען אַן עמער וואַסער, כּדי אין שטוב צו וואַשן די קאַרטאָפל־שאָלן.

אַנומלט איז מאַכעלע אַראָפּ צום ברונעם, כּדי אונטן צו וואַשן אַ שיי־סעלע מיט שאָלן. ס'איז שוין געווען אָוונט. אויפן הייפל האָט זיך ראָזלעך צעפּיצלט אַ ווייטער וואָלקן, וואָס האָט זיך אין דעמער־שעה ערגעץ ווו געצעונדן און נאָר דאָ אַראָפּגעפּאָלן מיט צעפּיצלטע, כּישופדיקע פלעקן. ביי דער פּלומפּ איז געשטאַנען אַ הויך, דאַר מיידל און קוים געהויבן דאָס דיקע ברונעם־אייזן אַרויף און אַראָפּ. מאַכעלע איז צוגעקומען נענטער און אַוועקגעשטעלט דאָס שיסעלע אויף דער ערד. ער איז געשטאַנען ווי אַ גרויסער, שוואַרצער קנויל מיט זיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אין דער ראָז־לעכער אָוונט־פינצטערניש און געוואַרט. דאָס מיידל ביי דער פּלומפּ האָט קוים געהויבן דאָס אייזן. מאַכעלען האָט עפּעס פּלוצעם אַ ציי־געטאָן פאַר זיינע ברייטע דלאַניעס. ער האָט אָנגעכאַפּט דאָס אייזן און געהאָלפן דעם מיידל פּלומפּען, בעת זיינע ברייטע הענט זענען געלעגן אויף אירע קליינע פויסטלעך און זיי אין גאַנצן פאַרדעקט. זי האָט נישט אָפּגעכאַפּט אירע הענטלעך און צוזאַמען מיט מאַכעלען געהויבן דאָס אייזן אַרויף און אַראָפּ. ער איז געשטאַנען לעבן איר פּנים אל פּנים און דערזען, אַז אַ בלאַסלעכער, ראָזלעכער שמייכל גליטשט זיך אַראָפּ פון איר מויל. דער דאָזיקער שמייכל האָט זיך געזעצט אויף מאַכעלעס האַרץ ווי אַ גרויסער, פלאַטערנדיקער זינגפויגל, וואָס פאַרגייט זיך מיט אַ שיין געזאַנג.

אַז מאַכעלע איז שפּעטער אַרויפגעקומען צו זיך אין חדרל איז ער לאַנג געזעסן אין ווינקל און דאָס פּנים געהאַלטן פאַרשטעקט אין זיינע בריידע דלאַניעס. די וואַרעמקייט פון מיידלס הענט האָט אַזוי גיך פון זיינע דלאַניעס נישט אויסגעוועפּט. ער האָט זיך שפּעטער צוגעזעצט צו דער מאַמען אויף דער פּריטשע, וואָס האָט גראָד אַרויסגענומען דאָס ברויט־זעקעלע פון הינטערן קאָפּ און געציילט די דינע, גרויע רעפטלעך. אין

דער קרענק האָט די מאַמע אָפּגעשפּאָרט אַ שיינע פּאָרציע ברויט. אָבער מאַכעלע האָט איצט לחלוטין נישט געזען די וווּנדערלעך־שיינע ברויט־רעפטלעך. די מאַמע האָט גענומען אַ שמאָל רעפטעלע און עס דערלאַנגט מיט אַ געלער האַנט מאַכעלען. ער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און בשום אופן נישט געוואָלט נעמען.

— מע דאַרף נישט, מאַמע... מע דאַרף נישט... וועסט געזונט ווערן מערטשישעם, וועסט זיך דאַרפן שטעלן אויף די פיס...

די מאַמע האָט צוריק אַריינגעלייגט דאָס ברויט אין פינצטערן זעקעלע און עס אַוועקגעלייגט הינטער זיך צוקאָפּנס. זי איז די לעצטע טעג אין גאַנצן איינגעגאַנגען, די מאַמע. די באַקן זענען איר אַראָפּגעהאַנגען מיט לײדיקע בייטעלעך און די פיס זענען איר געווען אָנגעלאָפן מיט אַ גרוי וואַסער־געשווילעכץ. דאָס ברויט־זעקעלע הינטערן קאָפּ האָט אַ שאַרך געטאָן, אַ בייזלעכן, טרוקענעם שאַרך. ס'איז געלעגן איינגעבעט, דאָס טאָרבעלע מיטן ברויט, ווי אַן ערד־זעקעלע צוקאָפּנס פון אַ טויטן.

דער מאַמעס קרענק האָט מאַכעלען ווידער צוריקגעפירט צו די קינדער־יאָרן און צום טאַטנס טויט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער טאַטע ליגט ווידער אויפן בעטל און זיין ברייטע באָרד ליגט אַ געפאַלדעוועטע איבער דער קאָלדרע. נישט איין מאָל האָט די מאַמע אויף אים אַרויפגעלייגט די וואַסערדיקע הענט אירע און אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס ליגן אַזוי אויף אים דעם טאַטנס הענט בעת ער איז אָפּגעשטאָרבן.

*

אין דרויסן האָבן זיך דערווייל געשטעלט זייער קילע טעג. די וואָלקנס איבערן געטאָ האָבן זיך צונויפגעקנוילט אויף איין אָרט און אָנגעהויבן שפּינען זייערע שוואַרצע, לויזע קרעפּ־טיכער. אַ קאַלטער הונגעריקער ווינט האָט זיך געריסן דורך די נידעריקע הייזלעך מיט זיינע בלויע, אויפגעלאָפּענע פינגער. יעדן פאַרטאָגס האָבן ייִדן אויף די דעכלעך געפונען ליגן טויטע וורובליעס, וואָס זענען געפאַלן פון הונגער.

מע ווייסט נישט פאַר וואָס מאַכעלע האָט פּלוצעם אָנגעהויבן אָפּשפּאָרן פון זיין טעגלעך ברויט און עס צוגעלייגט צו דער מאַמעס ברויט־זעקעלע.

ער איז גאַנצע טעג געזעסן ביים פענצטער און געקוקט צום ברונעם אַראָפּ. דאָס זעקעלע מיט ברויט איז מיט יעדן טאָג געוואָרן פולער. די מאַמע אַליין האָט שוין קוים אַרויסגערעדט אַ וואָרט. זי איז געלעגן מיט איר קאָפּ איינגענורעט אינעם האַרטן ברויט־זעקעלע און דאָרט געדרימלט אַ טויטלעכן, קאַלטן דרימל.

דאָס איז געשען פּלוצעם. מאַכעלע האָט זיך אַפילו נישט געכאַפּט, אַז די מאַמע איז אויסגעגאַנגען, וואָרעם אַלע שטאַרבן דאָ מיט אַ שטילן, איינשלאָפנדיקן טויט. דאָס זעקעלע צוקאָפּנס איז נאָר געוואָרן אַ ביסל פּלאַטשיקער אונטער איר קליינעם, אויסגעלאָשענעם קאָפּ.

אַז מ'האָט מאַכעלעס מאַמע אַרויסגעכאַפּט פון שטוב, איז נאָכן טויטן־וועגעלע קיינער פון הייפל נישט נאָכגעגאַנגען, בלויז מאַכעלע. ערשט ביים טויער איז צוגעלאָפן אַ הויך, דאַר מיידל און געלאָפן צוזאַמען מיט מאַכעלען, הינטערן וועגעלע, דורך אַ פּאָר געסלעך. מאַכעלע האָט דערקענט, אַז דאָס איז דאָס זעלבע מיידל, וואָס ער האָט איר אַנומלט געהאָלפן פּלומפּען וואַסער ביים ברונעם. זי איז איצט געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ שוואַרצער פאַטשיילע. פון איר מויל האָט זיך געגליטשט דער זעלביקער שמייכל וואָס אַמאָל, נאָר איצט איז ער געווען אַ קאַלטלעכער און טרויעריקער.

מאַכעלע איז געגאַנגען לעבן איר, מיט איין האַנט אַנגעלענט אינעם קאַנט פון שוואַרצן וועגעלע. דאָס מיידל האָט יעדע רגע אָפּגעדעקט איר פּנים און אַרומגענומען מאַכעלען מיט אַ וואַרעמען, פייכטן בליק. אַזוי גייענדיק האָט זי אויך אַרויפגעלייגט איר האַנט אויפן וועגעלע, ווי מען טוט דאָס, ווען מע באַגלייט אַן אָרון. זייערע הענט אויפן שוואַרצן ברעטל זענען געווען זייער נאָענט צו זיך. ער האָט אַפילו שוין דערפילט אַ דינע וואַרעמקייט פון אירע קליינע פינגער. דאָס וועגעלע איז אונטערגעשפּרונגען און מאַכעלעס דלאָניע איז מיט איין מאָל אַרויפגעפאַלן אויף איר פויסט. ער איז איצט גרינג געלאָפן, מיט קליינע, דראָבנע טריטלעך, בעת דעם מיידלס פויסט איז די גאַנצע צייט געלעגן אונטער זיינע פינגער. ער האָט אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז הינטערן שוואַרצן טירל פון וועגעלע ליגט די מאַמע אַ טויטע, אַן אויסגעלאָשענע אין איר געשווילעכץ.

אַז מאַכעלע איז צוריקגעקומען פון רייניקם פעלד איז שוין געווען

נאַכטלעך. ער איז אַריבער די שוועל פון חדרל אַן איינגעקאָרטשעטער, מיט אַ שווערן, אַראָפּהענגענדיקן קאָפּ. ערשט איצט, בעת ער איז שטיין גע־בליבן לעבן דער מאַמעס ליידיקער פּריטשע, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אויפן פעלד נישט קדיש געזאָגט נאָך דער מאַמען. די קברנים־יונגען פון פעלד האָבן זיך געיאָגט ווי די טייוולאָנים און גיך־גיך אַראָפּגעוואָרפן די מאַמע אין אַ שמאָלן, פינצטערן ערד־שפּאַלט. זיי האָבן אויך אויף שנעל צוגעשיט און מאַכעלען נישט געלאָזט אַפילו עפּענען ס׳מויל, וואָרעם דער דייטש, וואָס האָט געהאַלטן וואַך נישט ווייט פון דאַנען, הינטער דעם דראָ־טענעם צוים, און זיך צוגעקוקט ווי אַזוי ייִדן באַגראָבן זייערע מתים — האָט געהאַלטן אין איין שרייען: שנעל־שנעל!... שנעל!... שנעל!... ערשט איצט, אין חדרל, האָט מאַכעלען אַרומגענומען אַ ווייטיקלעכע בענקעניש צו דער מאַמען און צו עפּעס אַזאַ תּפילה, וואָס זאָל דער מאַמען גרינג מאַכן די נאַסע ערד אין פינצטערן, שמאָלן שפּאַלט אויפן פעלד. ער איז גע־שטאַנען אין טונקעלן חדרל לעבן דער מאַמעס פּריטשע, וווּ ס׳איז נאָך גע־לעגן אַ צונויפגעקנוילטער אַלטער פּאַלטן. אין דאָזיקן פּאַלטן איז די מאַמע געלעגן אַרומגעהילט די לעצטע טעג, איידער זי איז אויסגעגאַנגען. און מיט אַ מאָל האָט מאַכעלע זיך אַריבערגעבויגן איבער דער מאַמעס פּריטשע, פאַרשטעלט ס׳פּנים מיט די הענט און העשענדיק זיך צעשאָקלט איבערן שוואַרצן פּאַלטן־קנויל מיט אַ צעריסן שטאַמלעניש:

— יתּ־יתּ־גדל... ויתּ־יתּ־קדש...

ער האָט זיך לאַנג, לאַנג געוויגט און אַזוי קדיש געזאָגט איבער דער מאַמעס ליידיקער, קאַלטער פּריטשע.

*

אַ ביסל שפּעטער, דעם זעלביקן אָוונט, איז מאַכעלע שוין אַרומגעגאַנ־גען איבערן שמאָלן דילעכל מיט אַן אומגעדולדיקן צאַפּל אויף זיין פּנים און שווער געסאַפּעט. ער האָט אַרויסגענומען פון אונטערן בעט דאָס זעקעלע ברויט, געהאַלטן עס אין האַנט אַ ציטערנדיקער און שפּעטער עס ווידער אַוועקגעלייגט. אַ פריידיק ליכט האָט זיך פלוצעם געצונדן אין זיינע אויגן: דאָס מיידל האָט געזאָגט, אַז זי וועט אַרויפקומען אַפּוואַשן די פּאָד־

לאָגע... נאָך אַ מת דאַרף מען וואַשן די פּאַדלאָגע... זי וועט אַרויפקומען אַ ביסל אויפרוימען...

ס׳איז שוין געווען גוט פינצטערלעך, די קולות פון די שכנים זענען הינטער די ווענטלעך פאַרשטילט געוואָרן — אַז ס׳האָט זיך געעפנט ביי מאַכעלען די טיר. דאָס הויכע, פרעמדע מיידל איז אַריין. זי האָט געטראָגן צוויי פולע עמערס וואַסער. דאָס טונקעלע ליכט פון שטוב־לעמפּל האָט זיך געקרישלט אינעם וואַסער מיט רויטלעכע, פאַליענדיקע סטענגעס. זי האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט און אַוועקגעשטעלט די עמערס ביי דער שוועל. דערנאָך האָט זי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך איר קורץ צעריסן מענטעלע און צוגעגאַנגען צו דער פּריטשע, ווו דער מאַמעס געלעגער איז נאָך גע־שטאַנען צערודערט מיט אַלטע מלבושים נאָכן אַוועקגענומענעם בר־מינן. די מאַמע איז דאָך נישט געוואָרן אָפּגעהויבן און איז די גאַנצע צייט גע־לעגן אויפן בעטל. דאָס מיידל האָט אויסגעגליכן דאָס געלעגער און פאַר־גלעט די אָנגעוואָרפענע מלבושים מיט אירע שיינע, מיידלשע הענט.

אַ דערשראָקענער און צעפלאָמטער איז מאַכעלע געשטאַנען אַריינגע־רוקט אין ווינקל. דאָס ערשטע מאָל ווי ער איז מיט אַ מיידל אַליין אין שטוב. ער האָט נישט געוווּסט וואָס אַזוינס צו טאָן מיט זיינע אַראָפּגע־לאָזטע, לאַנגע הענט. ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק איז די מאַמע גע־קומען צו קבורה — און מע דערקענט שוין אַפילו נישט די שטוב. ער האָט מיט אַ פּחד נאָכגעקוקט ווי דאָס פרעמדע מיידל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאַדלאָגע און אָנגעהויבן שייערן די טונקעלע דיל־ברעטער. ער האָט געקוקט אויף אירע פלינקע ווייסע הענט. זיי זענען געווען קליין, רונ־דיק, אַזוי ווי דעמאָלט אויפן ברונעם און היינט אויפן קאַנט פון טויטן־וועגעלע. ער האָט געזען, אַז דאָס מיידל האָט שיטערע האָר, וואָס ליגן זיך הינטער אירע געלבלעכע אויערן. יעדע רגע האָט זי אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ, מיט איר בלאַסלעך פּנים און דער זעלבער שיטערער, וואָרעמער שמייכל האָט זיך צו אים געצויגן פון איר דין מויל. מאַכעלע האָט זיך געוואָלט אַ ריר טאָן פון ווינקל אַרויס, נאָר די פיס זענען אים נישט געגאַנגען. ער האָט געוואָלט זי אַ פרעג טאָן ווי מע רופט זי און פאַר וואָס טוט זי דאָס אַלץ. די צונג אין מויל איז אָבער מאַכעלען געווען ווי

אָפּגעשניטן. ער האָט נאָר שווער געאָטעמט און יעדעס מאָל אַרויסגעלאָזט אַ פּאַרסאָפּעטן כ־כ־כ...

נאָך דעם ווי דער דיל איז געווען אָפּגעוואַשן האָט זיך דאָס מיידל מידלעך אַוועקגעזעצט אויפן בעטל. מיט אַ שטיל קול האָט זי געזאָגט, אַז מאַכעלעס מאַמע איז מסתמא געווען אַ צדיקת... זי האָט זוכה געווען צו ליגן מיט ייִדן אויפן בית־עולם... צו קומען צו קבר־ישׂראל... אָבער אירע טאַטע־מאַמע? פאַר אַ יאָרן האָבן זיי די דייטשן אַרויסגעשיקט... ווער ווייסט וווּהין... צי וועט זי זיי נאָך אַ מאָל זען? און ס׳גרייט זיך שוין ווידער...

זי האָט אַרויסגעשאָרט אירע האָר פון הינטער די אויערן און אים לאַנג אָנגעקוקט מיט פייכטלעכע מיידלשע אויגן.

מאַכעלע האָט דערווייל אַרויסגעצויגן פון ווינקל דאָס זעקעלע מיטן אָפּגעשפּאָרטן ברויט. ער האָט עס פּאַמעלעך אויפגעוויקלט און פון דאָרט אַרויסגענומען עטלעכע פאַרטריקנטע רעפטלעך. ער האָט זיי געהאַלטן אויף דער ברייטער דלאָניע און זיי האָבן אַראָפּגעלויכטן פון דאָרט ווי גאָלדענע שיינע מטבעות.

ער וועט זיך טיילן מיט איר מיט די ברויט־רעפטלעך. זי איז דאָך אַוודאי הונגעריק... זאָל זי נעמען אַ פּאָר רעפטלעך... ס׳איז דאָך זייער אָפּגעשפּאָרט ברויט... און ס׳איז אַ שאָד, אַז ס׳זאָל פאַרשימלט ווערן...

זי האָט לכתּחילה אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, אָבער מאַכעלע האָט דאָך אַריינגעלייגט אין איר האַנט צוויי ברויט־רעפטלעך. זי האָט זיי לאַנג גע־האַלטן און דערנאָך, אַ פאַרשעמטע און מידע, זיך צוגעלייגט אויפן שטרוי־קישעלע. מאַכעלע איז געשטאַנען אַזוי נאָענט, אַז ער האָט אַפילו אומגע־ריכט מיט זיינע קני אָנגערירט אירע אַראָפּהענגענדיקע פיס. אין זיין שמאָל הערצל האָט זיך געצונדן אַן אומגעדולדיק פרעמד, וואַרעם געפיל. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן בעטל און מיט אַ הייזעריקלעך־ציטערדיקער שטים אַרויסגעשטאַמלט:

— כ־כ־בעט אייך ג־גייט נישט אַוועק... ב־ב־לייבט דאָ... כ־כ־בעט אייך... כ׳בעט אייך... כ־כ־בעט אייך...

מער האָט מאַכעלע פון קעל נישט אַרויסגעבראַכט.

ער האָט זיך אַזוי נאָענט אַריבערגעבויגן איבער איר מיט זיין קאָפּ, אַז

זיינע אויגן זענען געווען אַפילו נאָענט צו איר מיידלשן האַלדז. ס׳ערשטע מאָל אין לעבן ווי ער איז אַזוי נאָענט מיט אַ מענטשן. ער האָט אַריינגע־קוקט אין איר פּנים און אָן אויפהער געשטאַמלט נישט־פאַרשטענדלעכע רייד.

דאָס מיידל האָט פּלוצעם אַ צוק געטאָן מיטן אַקסל.

— און אַז... אַז דער דייטש... וועט אַרויסשיקן ?

— ווען מיר גיין צונעזאַמען... צונעזאַמען... צונעזאַמען...

זי האָט אויפגעהויבן איר האַנט, וווּ ס׳זענען נאָך געלעגן די שטיקלעך ברויט. מיטן אָרעם האָט זי אַרומגענומען זיין איינגעבויגענעם קאָפּ. מאַכע־לע האָט דערפילט אויף זיין פּלייצע אירע פינגער. זי האָט איצט געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן. די פינגער אירע זענען געגאַנגען איבער אים מיט אַ גלעטנדיקער, גוטער נאָענטקייט. און מאַכעלען האָט זיך אויסגעוויזן: דאָס ליגט נאָך די מאַמע אויפן בעטל און נעמט אים אַזוי אַרום. ער איז גע־שטאַנען אַזוי נאָענט מיט זיין פּנים צו איר, אַז ער האָט אַפילו געהערט דעם שאַרך פון אירע האָר אויפן שטרוי־קישעלע. ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין פנימל אויף אירע האָר. אין דער רגע האָט מאַכעלען אויף ס׳ביי אַ ריס גע־טאָן אין נאָז אַ ווייטער, שוין אויסגעלאָשענער גערוך: ער האַלט אויף ס׳ביי זיין קאָפּ, ווי אַנומלט קליינערהייט, אינעם קנויל פון די קילע ציטרין־פליז־לעך. מיט זיינע הענט נעמט ער אַרום די ליידיקע אויפּסט־קעסטלעך אין פינצטערן קעמערל. זיין פּנים, די אויגן און דאָס אָפענע מויל עטעמען מיטן פאַליענדיקן גוטן ריח. זיינע ליפּן פלאַטערן. דאָס אָפענע ברייטע מויל עסט אירע ווייכע האָר מיט די טרויעריקע, געלע־ציינדעלעך.

1940—1944

פאַרן זון־אויפגאַנג

בעת איסר פלעגט אַרויסקוקן פון דאַך־פענצטערל האָט ער תמיד געזען קעגנאיבער דאָס זעלביקע: אַ שיטערן, צעפלאָסענעם הימל־פּאַס, וואָס איז געהאָנגען איבער די קליינע שייבלעך פון קעגנאיבערדיקן פּאַציאַטקע־פענצטער. אַפילו דעמאָלט, ווען ס'איז שוין געווען שטאַרק טונקל, האָבן קעגנאיבער, אויף די שייבלעך, נאָך געברענט די בלאָלעכע און פיאָלעטע זון־שפּליטערס. זיי זענען געווען ראָזלעכע, רויטלעך־פייערדיקע פון די שיינע דעמערונג־פלעקן, וואָס האָבן דאָ, צו אים, אַהערגעוואָרפן אַ זאַפטיקן אָפּגלאַנץ פון אויסגעפּוצטע מעשענע טעלער. אונטערגיין די זון האָט ער קיין מאָל אויפן הימל נישט געזען. ער האָט עס תמיד געזען נאָר אין אָפּשפּיגלונג פון די קעגנאיבערדיקע פיר־קאַנטיקע שייבלעך. בלויז הינטער זיי איז געלעגן באַהאַלטן יעטוועדער שיינער זון־פאַרגאַנג. און ס'איז געווען אַזוי אויסטערליש, וואָס דווקא קעגנאיבער האָט זיך אויסבאַהאַלטן דאָס גאַנצע שפּילנדיקע פייער פון דער נישט־זעבאַרער זון. ס'האָט טייל מאָל טאַקע אויסגעזען ווי דאָס העכסטע חדרל דאָרט וואָלט אינעווייניק געשטאַנען אין אַ שׂרפה. דאָס פייער איז געווען אינעווייניק, נישט אַרויס אויף דער דרויסנדיקער וועלט. ערשט לאַנגע שעהען שפּעטער זענען די שייבלעך קעגנאיבער געוואָרן ביסלעכווייז מאַטער, צעפלאָסן זיך אין בלאָ בעת די גאַנצע פּאַציאַטקע האָט זיך מיט אַ מאָל אויפגעהויבן העכער צום הימל און ביסלעכווייז אַריינגעפלאָסן אינעם געוועב פון די אָוונט־וואָלקנס.

און גראָד דעמאָלט, ווען די זון האָט זיך געהאַט שוין ערגעץ ווו אויסגעלאָשן, האָט זיך קעגנאיבער ווידער אָנגעצונדן אַ קליין פלעמל. ס'האָט אויסגעזען ווי די זון וואָלט פאַרגעסן אויסצולעשן דאָרט דאָס לעצטע בינטל אָוונט־פייער און עס איבערגעלאָזט פאַר די מענטשן. דאָס איז אָבער

נישט געווען פון דער זון. דאָס איז געקומען פון אַ קליין לעמפּל, וואָס האָט איצט שרעקעוודיק און ציטערדיק געוואָרפן זיין פאַרשעמט ליכט צו איסרס פּאַציאַטקע־פענצטער.

און טאַקע דעמאָלט פלעגט איסר תּמיד זען איר קאָפּ. אַ קליינטשיקער, אַ פלאַטשיקער, האָט זיך תּמיד איר מיידלשער קאָפּ אָנגעלענט אין דער שויב. זי האָט געקוקט אָן אויפהער צו אים.ביידע זענען זיי געשטאַנען ביי די פענצטערלעך, געקוקט צו זיך איבערן מרחק פון הייפל ווי איבער אַ ליידיקן, שוואַרצן תּהום. צווישן זיי איז געפלאָסן די הויף־פינצטערניש ווי אַ פליסטערנדיקער טייך, וואָס האָט אַלץ מער פאַרווישט דאָס קעגנאיבערדי־קע ליכט־פלעמל. ער האָט נאָר געוווּסט, איסר, אַז דער מיידלשער קאָפּ שטייט דאָרט נאָך אָנגעלענט אין דער שויב, קוקט צו אים אַהער, אַפילו נאָך דעם, ווי זי האָט געמוזט פאַרהענגען די שייבלעך מיט אַ שוואַרץ געוואַנט, כּדי דאָס ליכט זאָל נישט אַרויס אויפן הייפל. ער איז געשטאַנען אין זיין נישט־אָנגעצונדענער פענצטער־פראַמוגע און לאַנג געקוקט אַהינצו. דאָס קעגנ־איבערדיקע פענצטערל איז געלעגן טויטלעך־אויסגעלאָשן, בעת זיין שוואַרצקייט האָט זיך אויסגעמישט מיט דער גראַנאַטענער נאַכט־שוואַרצ־קייט פון אַראָפּהענגענדיקן ווינטערדיקן חלל.

איין איינציק מאָל האָט ער זי געזען ביי טאָג. ס׳איז גיכער געווען אַ שרעקעוודיקער פריִער באַגינעט, נאָך פאַרן אויפגיין פון דער זון. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען מ׳האָט אַלע אַראָפּגעיאָגט אויפן הייפל. ס׳האָט גע־הייסן, אַז אַלע יונגע מענטשן פאָרן אַרויס אויף אַרבעט ערגעץ אין וואַרטעגאו. מיידלעך אויך. און דעמאָלט האָט זי איסר ס׳ערשטע מאָל געזען.

*

זי איז געשטאַנען אויפן הייפל אין דער פרימאָרגנדיקער קאַלטער שניי־לופט, אָנגעטאָן אין אַ לייכט, צעריסן מענטעלע. דער קאָפּ — פאַר־וואָרפן מיט אַ פאַטשיילע און נאָר די אויגן אירע — שמאָלע, מיידלשע, וואַרעמע — האָבן אים די גאַנצע צייט נישט אָפּגעלאָזט. ער איז געשטאַנען גראָד קעגנאיבער איר און געוואַרט אויף זיין ריי, ביז דער דייטש וועט


Benn

זיך דערנענטערן. ער האָט די גאַנצע צייט אַריבערגעקוקט צו איר און כאָטש ס׳איז געווען אַזאַ שיטערלעכער גראָער באַגינען מיט קראַנקע ווינטער־נעפּלען, וואָס האָבן זיך געוויקלט איבערן הייפל, האָט ער זייער נאָענט געזען איר דערשראָקן מיידלש פּנים. ער האָט אַפילו געזען ווי זי האָט זיך, שטייענדיק אין דער ריי, איבערגעקוקט אין אַ קליין שפּיגעלע און זיך פאַרריכט די האָר, כדי צו געפעלן און אַרויסגעשיקט צו ווערן. אַזוי האָבן אַ סך געטאָן. דער הונגער איז געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס הייפל יונגע מענטשן האָט געוואָלט וואָס גיכער אַרויס פון דאַנען, בפרט, אַז מ׳האָט באַלד אויפן וואָגן איטלעכן צוגעוואָרפן אַ גאַנץ ברייטל און אַ ביסל זיסלעכע בלוט־רויטע מאַרמעלאַד. יונגע פרויען מיט אויסגעצערטע טויטע פּנימער האָבן פאַרשטעלטערהייט זיך געקנייפּט די באַקן, כדי אין זיי אַריינצוויאָגן דאָס רעשט ביסל בלוט. אָבער וואָס מער זיי האָבן זיך געקנייפּט, אַלץ בלאַסלעכערע און טויטלעכערע פלעקן האָבן באַדעקט זייער דורכזיכטיק און אָפּשטאַרבנדיק פלייש. בלויז אַ דינער, ראָזלעכער שאָטן פון שיטער בלוט האָט זיך טייל מאָל צעשפּילט איבער זייערע קאַלטע און אויסגעלאָשענע באַקן. בעת די יונגע מענטשן אין דער ריי האָבן אַלע מיט זייערע בליקן געבעטן דעם דייטש און אויך די ייִדישע באַהעלפערס — זענען די אַלטע לייט געשטאַנען אַריינגעשטעלט צווישן די יונגע און מיט ציטערדיקע קניִען געבעטן שטומערהייט רחמים ביים באַשעפער: ס׳זאָל זיי באַשערט זיין צו בלייבן... צו שטאַרבן אויפן אייגענעם בעט... דער הויף איז געווען אויסגעשטעלט פול מיט מענטשן, אויך פון פרעמדע שכנותדיקע הייפלעך. דער דריטער ראָל־וואָגן איז שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען, אָנגעפּראָפּט מיט ייִדן, בעת דער דייטש האָט זיך דערנענטערט צו דער קעגנאיבערדיקער ריי.

און איצט, בעת דער דייטש האָט זיך וואָס מער דערנענטערט צו זייערע רייען, ווו זיי זענען געשטאַנען איינער קעגנאיבער דעם צווייטן, אַלץ גלייַיקער האָט איסר אַריבערגעקוקט צום מיידל, וואָס האָט אים אויך נישט אַרויסגעלאָזט פון אירע פייכטע, וואַרעמע, מאַנענדיקע אויגן. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער שטייט אַ נאַקעטער, אַרומגערינגלט פון איר הייסן מאָנענדיקן בליק. ער האָט איצט געהאַט נאָר איין איינציקן באַגער:

אַרויפגיין אויפן וואָגן צוזאַמען מיט איר. אויך זי טראַכט מסתּם דאָס זעלביקע. מען האָט עס געזען אין אירע גרויסע אויפגעפּראַלטע אויגן־אַפּלען, וואָס האָבן אָן אויפהער געקלעפּט אויף זיין פּנים. אינעם גרויסן תּהום פון געטאָ האָבן זיי זיך פּלוצעם אָפּגעזוכט, — צוויי פרעמדע, איינזאַמע, אויסגעהונגערטע מענטשן, ווי צוויי פייגל, וואָס טרעפן זיך פּלוצעם ערגעץ אונטער אַ לײדיקן, אײנזאַמען הימל־טראַקט. וואָס מער זיי האָבן זיך געוויקלט אין זייערע בליקן, אַלץ גיכער איז די ערד אונטער זייערע פיס ערגעץ ווו אַוועקגעשווומען. די שוואַרצע קאַלטע ערד איז אונטער זייערע פיס פּלוצעם געוואָרן וואַרעם און לייכט. דער שיטערער, פאַרוואָלקנטער הימל האָט זיך העכער אויפגעהויבן. ס׳האָבן זיך באַוויזן אין די הויכע הימל־געוועלבן שפּילעוודיקע, רויטלעכע, שטרייפיקע פלעקן פון דער זון, וואָס איז ערגעץ ווו אויפגעגאַנגען. און אפשר איז די זון גאָרנישט אויפגעגאַנגען, נאָר זיי האָט עס זיך בלויז אַזוי אויסגעוויזן — דאָס דאָזיקע שיינע וואַרעמע קאַלירן־שפּיל הויך אין די קאַלטע הימל־געוועלבן איבערן געטאָ.

דער דייטש איז איצט פאַרבייגעגאַנגען די קעגנאיבערדיקע ריי לעבן די אויסגעשטעלטע פרויען. די פנימער קעגנאיבער האָבן זיך פּלוצעם אַלע אויפגעהויבן העכער און מיט אַ פאַרכטיקן צאַפּל אָנגעקוקט דעם פאַרבייגייענדיקן דייטש. ער איז געווען יונג, דער דייטש, מיט אַ הויכן, רויטלעכן האַלדז, ווי די הויט זיינע וואָלט געווען אָפּגעבריט און מיט אַן אָפּגעדעקטן אויסגעגאָלטן באָרגיקן שאַרבן, וואָס האָט געגלאַנצט ווי ביין אין דער פרימאָרגנדיקער ווינטער־גראָקייט. ער האָט יעטוועדע ווילע אויסגעצויגן זיין דין שפּיצרוטל און דאָ און דאָרט איבער די אַקסלען פון די פרויען אַ קלאַפּ געטאָן. דאָס האָט געהייסן, אַז מע דאַרף אַרויף אויפן וואָגן.

איצט האָט שוין דעם דייטשס פּלייצע אין גאַנצן פאַרשטעלט דאָס מיידל, ווייל ער איז גראָד געשטאַנען לעבן איר. איסר האָט נאָר געזען ווי דאָס שפּיצרוטל האָט זיך הויך אויפגעהויבן, געהאָנגען אַ רגע אין דער לופט און זיך שפּעטער אַראָפּגעלאָזט.

דאָס מיידל איז שוין אַרויס פון דער ריי. זי איז איצט פאַרבייגעגאַנגען איסרן. אין אירע געשפּאַלטענע מיידלשע אויגן־אַפּלען איז געלעגן פּחד און

האָפענונג. זיי זענען געווען גרינלעך, די אויגן־אַפּלען, מיט עפּעס אַ תּפילה־דיקער, פאַרגליווערטער גערירטקייט. זי איז אַדורך דעם שמאָלן וועג־פּאַס צום וואָגן מיט אַ פאַרקרימטן, קראַנקן שמייכל, אויסבייגנדיק דעם קאָפּ אויף הינטערווייַלעכץ צו איסרן און באַלד האָט זי זיך געפונען צווישן די אָנגעפּראָפּטע מענטשן אויפן וואָגן.

פּלוצעם האָט זיך דער דייטש אַ ווענד געטאָן צו די איבעריקע וואַרטנ־דיקע רייען. מיט אַ ווילפיש געוואַי האָט ער אָנגעהויבן צו צעטרייבן די מענטשן.

— אַבער שנעלל! לאָס! לאָס! לאָס! צוריק!...

דער הויף איז אין איין רגע געבליבן ליידיק. די מענטשן זענען זיך צעלאָפן אין די פינצטערע קאָרידאָרלעך. די וועגענער זענען שוין געשטאַ־נען אַלע אָנגעפּראָפּטע און גרייטע צו פאָרן, בלויז אין מיטן הויף איז גע־בליבן שטיין אַ דאַר, פאַרוויקלט מענטשל.

דאָס איז געווען איסר.

דער דייטש האָט זיך צוגעגליטשט צו איסרן ווי אַ לאַנגער בויגעוודי־קער פיש און האָט טיף אַרייַנגעקוקט אין זיין ייִדיש־צעשראָקן פּנים.

— ? ?

איסר איז געשטאַנען אַרומגערינגלט פון אַ גרזעמל פרעמדע מענטשן. ער האָט נישט געוווּסט וואָס אַזוינס צו זאָגן דעם דייטש. ער האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן פון דער ערד און בלויז געזען פאַר זיך דעם מיידלס פּייכטע, מאָנענדיקע בליקן.

— איך... וויל... מיט... — האָט ער קוים אַרויסגעקרעקט פון האַלדז,

— דאָרט איז מיין... בראוט... מיין... כּלה...

דער דייטש האָט אַ בליק געטאָן אויף איסרן, דערנאָך אויפן וואָגן.

— וואָ איזט זי, דיין איזאָלדע?

תּחילת האָט איסר נישט געוווּסט וואָס אַזוינס דער דייטש מיינט. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן פון דער ערד און מיט די בליקן אָנגעוויזן אויפן מיידל. זי האָט איצט אַראָפּגעקוקט צו אים מיט אַ וואַרעמען גלאַנץ פון פרייד און האָפענונג. זי האָט אַפילו מילד און בעטנדיק אָנגעקוקט אויף דעם

דייטש. דאָס געזעמל פּרעמדע מענטשן האָט געכיכיקעט מיט הילצערנע נישט־ייִדישע געלעכטערס לעבן אָנגעפּראָפּטן וואָגן.

— אַך, דו, מיין ליבער גאָט! נאַ, נאַ, נאַ! איין ייִדישער טריסטאַן און איזאָלדע! — האָט דער דייטש, פונאַנדערפּראַלנדיק זיין דין אָפּגרונטיק מויל אַרויסגעשליידערט איבער זיינע בלענדנדיקע ציין אַ כוואַליע פון שפּי־ציק געלעכטער — אַך, דו הימלישער פאָטער!... כאַ, כאַ, כאַ!... טריסטאַן און איזאָלדע!... אין געטאָ!... טריסטאַן און איזאָלדע!...

ער האָט באַפוילן אַריינצוּוואַרפן איסרן אינעם אָנגעפּראָפּטן וואָגן, בעת די העלפער אַרום האָבן מיטגעכאָקעט און נישט געוווּסט וואָס דער דייטש מיינט מיט די דאָזיקע צוויי פרעמדע און אויסטערלישע ווערטער.

*

דער וואָגן איז געווען שטאַרק געפּראָפּט. אַ פּייכטלעכע, בייסיקע וואַרעמקייט האָט זיך געריסן פון צווישן די מענטשנס אַלטע מלבושים. זייערע הענט האָבן דערווייל אויפגעריסן די ברייטלעך, געקנייפּט פון זיי שטיקער און איינגעטונקטע אין רויטלעכן, פליסיקן מאַרמעלאַד, זיי באַלד געשלונגען מיט אַ נישט־מענטשלעכער גיריקייט. זייערע נעז, מיילער, באַקן און גאָמבעס האָבן זיך געהאַט באַדעקט פונעם פליסיקן מאַרמעלאַד מיט צעריסענע, בלוט־רויטע פלעקן. ס'האָט אויסגעזען ווי די מענטשן אויפן וואָגן וואָלטן אַלע פּלוצעם באַקומען בלוט־שטורצן. דורך די נעז, העלדזער און אויערן־לעכער זענען געגאַנגען די וואַרעמע בלוט־שנירלעך, וואָס זענען פאַרגליווערטע געבליבן הענגען איבער זייערע פּנימער. זיי האָבן געגעסן מיט הייסע, צעריסענע ביסן דאָס רויטע ברויט פון די איינגעקנוילטע פויסטן. בלויז די צוויי ברייטלעך פון איסרן און פון מיידל זענען אומבאַ־רירטע, צעטראָטענע געלעגן ביי זייערע פיס.

ס'איז דערווייל שוין געוואָרן גראָלעכער טאָג. אַ דינער, דערשראָקע־נער געטאָ־שניי האָט אָנגעהויבן צו פּרישען. ס'איז געווען אַן אָפּענער לאַסט־וואָגן מיט הילצערנע הויכע ווענט ביי די זייטן. איסר איז געשטאַנען לעבן מיידל און אין גאַנצן געווען איבערגעדעקט מיט איר. נאָך פריִער, בעת ער איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויפן וואָגן, האָט זי צו אים געהאַט

אויסגעשטרעקט די הענט און אַזוי זענען זיי שוין די גאַנצע צייט געבליבן ליגן אין זיינע. זי האָט געהאַט וואַרעמע, דינע מיידלשע פינגער פון אַ בלאַס־פּאַרצעלייענער קאָליר. איר דורכזיכטיק פּנים מיט די ברייטע, צעשפּאָל־טענע, וואַרעמע אויגן־אַפּלען זענען אַזוי נאָענט געלעגן ביי זיין האַלדז, אַז זיין אָטעם האָט זיך, אַפּשלאָגנדיק אין איר הויט, ווידער צוריקגעקערט פון איר פּנים אַ דערוואַרעמטער צו זיין מויל. זיי זענען ביידע געשטאַנען אַזוי צונויפגעפּרעסט און אַרומגענומען מיט די הענט, אַז זיי האָבן טייל מאָל אָפּגעקערט די אויגן אין אַ זייט פון עפּעס אַ פאַרבאָרגענער מענטשלעכער בושה מחמת זייער פּלוצעמדיקער נאָענטקייט. אין זייער צונויפגעפּרעסט־קייט האָט אַ לייכטנדיקער, באַפרייערישער כוח נאָך מער געוועקט אין זיי די לייבלעכע נאָענטקייט. ער האָט אויף אַ רגע פאַרמאַכט די אויגן, איסר. אָט איז עס טאַקע זי — איר קאָפּ, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געזען בלויז הינטער די פּאַציאַטקע־שייבלעך. ס׳איז מער נישט געווען קיין ווייטער, אויסבאַהאַלטענער, טונקל־שאָטנדיקער מיידלשער קאָפּ, וואָס האָט צו אים געקוקט איבערן הויף־אָפּגרונט בעת די אָוונט־דעמערונג פלעגט אַראָפּפאַלן. ער איז געווען איצט, דער קאָפּ, זייער, זייער נאָענט. ער האָט אַרויסגענו־מען אַיין האַנט פון אירע פינגער און אין דער צונויפגעפּרעסטקייט זי איידל אַרומגענומען ביים אָרעם. ער האָט דערפילט אירע וואַקלדיקע, מיידלשע אָרעם־מוסקלען, וואָס האָבן ביי זיין באַריר אויפגעצאַפּלט מיט אַ פאַרבאַ־האַלטענער געשפּאַנטקייט. די מענטשן אַרום האָבן זיי נאָך שטאַרקער צו־נויפגעפּרעסט און ער איז אין גאַנצן געלעגן ווי אַ צונויפגעוויקלט קינד אויף אירע הענט. בעת דער וואָגן האָט איטלעכס מאָל אַ טרייסל געטאָן, האָט זי געפּרוווט נאָך מערער אים אַריינגעמען אין זיך. דער שניי האָט דערווייל פּאַוואָליע, פּאַוואָליע פאַרדעקט דעם לאַסט־וואָגן און איבערגע־וואָרפן די מענטשן מיט ווייסע, גרויסע, דורכזיכטיקע שניי־שטערן, וואָס זענען לאַנג געלעגן אויף זייערע קעפּ.

*

ס׳איז געווען אַ שמאָלער און פינצטערער באַראַק פון אויסגעליידיקטע פערד־שטאַלן הינטער דער שטאָט, ווו מען האָט אויף דערווייל געהאַט

אָפּגעשטעלט די מענטשן. דאָ האָבן זיי געזאָלט בלייבן אויף בייַנאַכט און ערשט צו מאָרגנס פּאַר טאָג אָפּגעפירט ווערן צו דער נאָענטער באַן־ראַמפּע. אַ פּאָר הונדערט מענטשן זענען געלעגן אויף פּערדיש מיסט אין דער באַראַק־פינצטערניש. דורך די פאַרקראַטעוועטע דאַך־פענצטערלעך האָט זיך געגאָסן אַ זילבערדיק ליכט פון אַ פרי־צוגעפּאַלענער פּוילישער ווינ־טער־נאַכט.

איסר מיטן מיידל זענען צווישן די מענטשן אין באַראַק נישט געווען. שוין פריִער, ווי נאָר די אָנגעלאָדענע וואָגנס זענען אָנגעקומען, האָט דער דייטש, דער ס״ס־שטורמבאַנפירער גאָטפריד שמידקע, אָוועקגעשטעלטביידן אין אַ זייט. שפּעטער האָט עמעצער זיי אַריינגעפירט אין אַ באַזונ־דער קליין קעמערל אין צפון־זייט פון באַראַק.

ביידע שטייען זיי איצט, איסר און דאָס מיידל, אין דער קאַמער־פינצטערניש אָנגעלענט אין דער קאַלטער שטיינערנער וואַנט. אַ פאַרהע־מערט קליין טירל לאָזט אַדורך צווישן די שפּאַלטן דינע, שאַרפע נאַכט־פּאַסן פון דרויסן. אינעווייניק הענגט אַ קויטיקע פינצטערניש, נאָר אין דרויסן איז די נאַכט העל און זילבערדיק. זיי האַלטן זיך ביידע פּאָר די הענט, בעת דעם מיידלס קאָפּ פון הינטער דער פאַרוואָרפענער פאַטשיילע, האָט אָפּגעדעקט אירע קורצע האָר. ער ווייס שוין, איסר, אַז די האָר אירע האָבן אַ ריח פון טרוקן גראָז און דער האַלדז אירער איז וואַרעם און גליטשיק. פון פאַרטאָג אָן האָבן זיי גאָרנישט געהאַט אין מויל. זייערע צוויי ברייטלעך זענען נאָך ביים אַראָפּגאַנג פון וואָגן, צעטרעטענע און צעריסענע, באַלד צעכאַפּט געוואָרן דורך די מענטשן. נאָר קיין הונגער פילן זיי עפּעס גאָרנישט נישט. זי האָט נאָר איין איינציק מאָל אַרויסגענומען אַ לעק צו־קער פון אַ טאָרבעלע, וואָס איז געווען אָנגעהאָנגען צווישן אירע קליינע מיידלשע בריסטן. מיטן דאָזיקן צוקער האָט זי זיך געטיילט מיט איסרן אין דער פינצטער. ער האָט דעם צוקער לאַנג אָפּגעווישט פון אירע דינע מיידלשע פינגער, דערנאָך אויך די איבערגעבליבענע צוקער־שטויבלעך, וואָס האָבן געקלעפּט אויף אירע פייכטלעכע וואַרעמע ליפּן.

ס׳איז שוין געווען שטאַרק פינצטער. דורך די דינע טיר־שפּאַלטן איז מער שוין נישט גערונען דאָס שנייִיקע נאַכט־זילבער. די דינע ליכט־פּאַסן

זענען איצט געווען גראָלעכע, געפאַלן צעדריוולטערהייט אויף דער קעגנ־איבערדיקער וואַנט און דאָרט געבליבן הענגען אין שיטערע הימלדיקע פלעקן. ביידן האָט זיך געדוכט, אַז די קעגנאיבערדיקע וואַנט איז געוואָרן טיפער, זיך אויסגעצויגן, גראָד ווי דער הימל פון דרויסן וואָלט דאָ אַריין אינעווייניק, אין דער קאַמער, ווו די וואַנט איז געוואָרן אַ טייל פון שוועבנ־דיקן הימלדיקן חלל. — — —

*

דער ס״ס־שטורמבאַנפירער גאָטפריד שמידקע, אַ געוועזענער געריכט־אַסעסאָר און יוסטיץ־ראַט פון טישנרויט, אַ שטעטל אין אויבער־בייערן, איז דעם גאַנצן אָוונט געזעסן ביים פענצטער פון דער שענק, וואָס איז געשטאַנען ביים שאָסיי קעגנאיבער דעם באַראַק. דער וועג לעבן דער שענק איז געווען איצט אַ ליידיקער, אַ פינצטערער. בלויז איינצלנע זייער ווייסע שטערן זענען געפרווירענע געהאַנגען הויך איבערן שאָסיי און געציטערט דורך ווייטע, פינצטערע מרחקים. גאָטפריד שמידקע האָט שווער געהאַלטן זיין קנאָכיק, געלבלעך פנים אין זיינע לאַנגע אָפיצירישע הענט און די אויגן די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגעלאָזט פון יענע פינקלענדיקע ווייסע שטערן. זיי זענען געווען אַזעלכע ווייסלעכע און חוצפהדיקע, ווי די אַלע יידן־פּנימער אויף די אַנגעפּראַפּטע וועגענער, וואָס האָבן נאָך איצט אָן אויפהער געטאַנצט פאַר זיינע אויגן. ער איז שוין געווען שיכּור פון מיטאָג־אָן, דער ס״ס־שטורמבאַנפירער גאָטפריד שמידקע. זינט די אַרמיי האָט זיך גענומען צוריקציִען פון מיזרח, פון דעם „פאַרדאַמטן באָלשעוויסטישן אַסטן”, פלעגט ער תּמיד, ווי נאָר ס׳פלעגט צופאַלן דער אָוונט, אָנהייבן צו זוכן בראַנפן. פאַר גאַרנישט האָט ער זיך אַזוי געשראָקן ווי פאַר די פּוי־לישע נעכט. זיי זענען געווען אַזעלכע אויסטערליש־פינצטערע און תּהומיק־טיפע. דערפאַר איז ער געווען צופרידן וואָס ער איז געוואָרן צוגעטיילט צו דער געטאָ־קאָמאַנדאָ. ס׳איז תּמיד מיט ז י י היימלעכער, מיט דעם דערשראָקענעם „יודען־געזינדל”... האַ־האַ!... ער האָט געזופּט אַ קופּל ביר, געמישט מיט בראַנפן און איין אויג — נישט אַראָפּגעלאָזט פון די דריי טאַנצנדיקע ווייסע שטערן פאַר דער שויב. זינט נעכטן טרינקט ער,

אמת, צו פיל. נאָר אין דעם איז שוין אַוודאי שולדיק דער בריוו אויך. דער בריוו פון טישנרוויטער לאַנדראַט אין אויבער־בייערן. דאָס הייזל מיטן גאָרטן זענען „אויסגעבאָמבט“ און די גוטע, אַלטע טאַנטע גערטרודע איז טויט... אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. ווען נישט ליזעלאָט... ער האָט זיך געקליבן טאַקע חתונה צו האָבן מיט דער קליינער ליזעלאָט... אַז ער וועט קומען אויף אורלויב... איצט זענען זיי ביידע טויט — די אַלטע גוטע גערטרוד און זיין קליינע ליזעלאָט, די קליינע לאַכנדיקע ליזעלאָט...

דער שטורמבאַנפירער גאָטפריד שמידקע האָט אַ הויכן זיפץ געטאָן, דערנאָך אויסגעצויגן זיין לאַנגע שפּיציקע האַנט, פון וואָס דער קופּל האָט זיך געקייקלט פון טיש אויפן דיל אַראָפּ.

ערשט איצט, נאָכן קלאַפּ פון קופּל אויפן דיל, האָט ער ברייטער אויפגעעפנט די אויגן. ער האָט ווידער אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. אין דרויסן איז געווען ווינטיק. די פּאָר רוישנדיקע פּוילישע טאָפּאָליעס אויפן שאָסיי האָבן מיט זייערע קעפּ פאַרדעקט דאָס דינע ווייסלעכע ליכט פון די געפרוירענע שטערן. ער איז געווען צופרידן וואָס דאָס „יודען־געזינדל“ פילדערט כאָטש נישט מער... רוע, רוע, רוע... וואָסער פאַרדאַמט, פילדערנדיק פּאַראַזיטן־פאָלק... די געטאָ־יידן... תּמיד: ראַ־ראַ־ראַ... ראַ־ראַ־ראַ...

אין דער רגע האָט ער זיך דערמאָנט אינעם יונגן פּאָרל, וואָס ער האָט געהייסן אָפּשליסן באַזונדער אינעם באַראַק־קעמערל. די צוויי יונגע יידן... דער הייסער אויפגעקאָכטער ביר, געמישט מיט בראָנפן, האָט אים אָן אויפהער געררוישט הינטער די אויערן: ליזעלאָט־ליזעלאָט־ליזעלאָט... ער האָט פּלוצעם געטראַכט וועגן דער קליינער יידין... זי האָט אויך אַזעלכע האָר ווי זי, ליזעלאָט... נאָר שוואַרצלעכער... אַלע יידן־ווייבער זענען שוואַרץ... טייוולאָניש שוואַרץ... ווייל דער טייוול איז שוואַרץ... נישט אַזוי?... ליזעלאָט... ליזעלאָט... אַ קאָמישע געשיכטע: ליזעלאָט אין געטאָ... ליזעלאָט און די פרעמדע... צוויי פּריילינס... און ער — גאָטפריד... ווי פלעגט זי עס אַריינלאָכן אין זיין פּנים, ליזעלאָט, בעת ער איז געווען ס'לעצטע מאָל אין דער היים? דו, מיין טריסטאַן — איך — דיין איזאָלדע... יאָ, טריסטאַן און איזאָלדע, גאָטפריד און ליזעלאָט, טריסטאַן און איזאָלדע... כי—כי—כי...

ס׳האָט אין אים הייס געזידט אַ שיכּורדיקע טעאָוטאָנישע היץ. די שלייפן האָבן געקלאַפּט צו שטאַרק און דוכט זיך, אַז עפּעס אַ ווייטיק איז געזעסן אין הינטערשטן קאָפּ־טייל, ווי עמעצער וואָלט אים געגאָסן בריִענ־דיק וואַסער אויפן אויסגעגאָלטן, רונדיק־גלאַנצנדיקן שאַרבן. דאָס איז גע־ווען אַן אויסטערלישער ווייטיק, וואָס האָט מיט אַ מאָל אויפגעעפנט אין זיין פאַרשיכּורטן מאַרך אַ קליין שופלעדל: אַ קאָמישע געשיכטע, באמת, ער דערמאָנט זיך איצט גאַנץ גענוי... נאָך פון די שול־יאָרן... די אויסטער־לישע ליבע צווישן... טריסטאַן... און... איזאָלדע... מייסטער גאָטפריד פון שטראַסבורג... טאָמאָס פון ברעטאַן... אַך, דו גרויסער מייסטער גאָטפריד פון שטראַסבורג !...

ער האָט זיך פּאַוואָליע אויפגעהויבן פון אָרט, אַרויסגעוואָרפן אויף זיך אַ ווייסן מיליטערישן פעלץ („ליזעלאָט־ליזעלאָט־ליזעלאָט...״) און מיט וואַקלדיקע טריט אַרויס פון שענק: כע־כע, אַ קאָמישע געשיכטע... ליזע־לאָט... ליזעלאָט... גאָטפריד און די קליינע ליזעלאָט... די אַלטע, גוטע גער־טרוד... טריסטאַן און איזאָלדע... אין דער קאָמער...

*

איסר מיטן מיידל זענען איינגעקנוילטע געזעסן אויפן דיל. זיי האָבן נישט געהערט אַז עמעצער זאָל האָבן אַריין. זיי האָבן צוליבן פּלוצעמ־דיקן ליכט גאָרנישט נישט געזען.

— ווי גייטס, טריסטאַן און איזאָלדע ?

דער דייטש האָט דאָס דין־מעסערדיקע ליכט אַרומגעפירט איבער זייערע קליינע איינגעקורטשעטע גופים. איבער זיין שפּיציקן קין איז גע־לאָפן אַ צוק פון אַ בייזער, אומגעדולדיקער טאַט.

ביידע האָבן געשוויגן. אַז איסר האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער נאָר געזען פאַר זיך דעם מיידלס האָר, צעוואָרפענע אינעם שאַרפן ליכט. זיי זענען אַריבערגעפאַלן איבער איר גיפּסענעם דערשראָקענעם שטערן. דאָס קליינע טאָרבעלע מיט צוקער, אויפגעהאָנגען צווישן אירע פלאַכע מיידלשע בריסטן, האָט לייכט אונטערגעציטערט אויפן שוואַרצן האַלדז־שנירל. מ׳האָט געהערט איר הויך אָטעמען. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז

זי פּרעפּלט עפּעס מיט די ליפּן, אַז זי פּליסטערט זייער, זייער שטיל: „באַ־שערטער, באַשערטער מיינער...״ און פּלוצעם האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי ער הערט „שמע ישׂראל...״. זי האָט אַזוי שוואַך באַוויגן מיט די ליפּן, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס פּליסטערט זי אין אַ ווייטן, נישט ערדישן חלום. אירע אויגן־לעדלעך זענען געווען איצט געשלאָסן, בעת די דינע מעסער־שטראַלן פונעם לעמפּל זענען עקשנותדיק געקראָכן איבער איר אָפּ־געדעקטן האַלדז.

דער דייטש איז לאַנג געשטאַנען איבער זיי און ביידן אָנגעקוקט פון הינטער פאַרזשמורעטע בלאַ־וואַסערדיקע אויגן. עפּעס קאַלטס און שאַרפס איז געלעגן אין זיינע פאַרגליווערטע בלאַלעכע ווייסלען, בעת זיינע הויכע פיס הינטערן פעלץ האָבן אַרויסגעשטאַרצט ווי די שלאַנקע פיס פון אַ וואָלף.

פּלוצעם האָט דער דייטש זיינע ביידע פויסטן אַראָפּגעלאָזט אויף זייערע קעפּ און מיט היץ אַרויסגעשטאַמלט:

— הערונטער!... אויף דען פוסבאָדן... האַבט אייך ליב... אויף דען פוסבאָדן... אויף דען פוסבאָדן!... האַבט אייך ליב!...

דער דייטש האָט אָנגעהויבן צו צאַפּלען מיט זיינע היפּטן אין חיהשע, ריטמישע באַוועגונגען. אויף זיינע דינע ליפּן האָט זיך געזעצט אַ וואַרע־מער שוים פון פינצטערער נישט מענטשלעכער תאווה. וואָס מער ער האָט געצאַפּלט מיט די הענט און היפּטן, אַלץ הייסער האָט דער שוים באַגאָסן זיין דינע גאָמבע. ביידע זענען געלעגן אין ווינקל און פאַרשוויגענע נישט געריכט זיך פון אָרט. איסר האָט זיך געהאַט אַפילו אין דער ערשטער רגע אָפּגערוקט פונעם מיידל. ער האָט פאַרשטאַנען וואָס דער דייטש מיינט. ער האָט אַ בליק געטאָן אויף איר פּנים. ביידע האָבן פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזט זייערע קעפּ.

— נו? — האָט גאָטפריד שמידקע אויף ס'ניי אָנגעהויבן צו צאַפּלען — האַבט אייך ליב!... טריסטאַן און איזאָלדע!... אויף דען פוסבאָדן!... אויף דען פוסבאָדן!... טריסטאַן און איזאָלדע!... האַבט אייך ליב!...

איסרן האָט זיך איצט מער שוין נישט געדוכט, אַז ער הערט עפּעס פון איר מויל. ער האָט עס געהערט אַזוי באַשיימפּערלעך נאָענט, ווי זי וואָלט אים אַריינגעשושקעט אינעם אויער. דאָס איז געווען אַ הייס, מיידלש

פליסטערן. זיי האָבן זיך שטאַרקער אָנגענומען פאַר די הענט, נישט רירנ־דיק זיך פון אָרט.

דער ס״ס־שטורמבאַנפירער איז מיט אַ מאָל אַרויסגעלאָפן פון קעמערל. אין קאָפּ זענען אים אַרומגעשפּרונגען רויטע, שאַרפשנאָבלדיקע פייגל און ווילד געשריגן: ליזעלאָט!... ליזעלאָט!... ליזעלאָט!... ער האָט עפּעס אויף גיך איינגערוימט דעם ס״ס־אונטער־אָפיציר, וואָס האָט געהאַלטן וואַך ביי דער קאַמער מיט זיין אַראָפּהענגענדיקער ביקס.

*

נישט לאַנג שפּעטער, בעת דער לבנה־האָרן איז געוואָרן פולער און רויטלעכער און ער איז געהאָנגען גראָד איבער דער באַראַקן־קאַמער — האָט דער ס״ס־אונטעראָפיציר צוריק אַוועקגעשטעלט זיין ביקס אין ווינקל פון דער שענק. זי איז געווען נאָך וואַרעם, די ביקס, אין דער לאַנגער שוואַרצער רער. ער האָט זיך דערנאָך אַוועקגעזעצט און גענומען אויף דער קני די דיקע געלבלעכע שענק־קאַץ. בעת ער האָט מיט איין האַנט צוגע־האַלטן איר רונדיקן קאָפּ, האָט זיך צווישן די פינגער פון דער צווייטער האַנט געוויקלט אַ לייוונט טאָרבעלע, אָנגעהאָנגען אויף אַ לאַנג סאַמעט־שוואַרץ שנירל. ער האָט גיך געגישטערט אינעם טאָרבעלע און עפּעס דאָרט געזוכט. זיינע שפּיציקע פינגער האָבן דאָרט אָנגעטראָפן אַ ביסל רויטלעכן, קלעפּיקן צוקערזאַמד. זיין פנים האָט זיך איצט צעצונדן פון היץ. ער האָט איינגעבויגן דער קאַצס האַלדז און, אָנהענגענדיק אויף איר קאָפּ דאָס טאָרבעלע מיטן שנירל, האָט ער זיך הילכיק צעלאַכט. די קאַץ האָט געהאַט אַ האָריקן וואַרעמען רוקן און דער ס״ס־מאַן האָט דאָרט טיפער איינגע־גראָבן זיין האַנט אין איר האָריקער ווייכער וואַרעמקייט. מיט גרינלעכע, געשפּאָלטענע אויגן־אַפּלען האָט זי געקוקט צום דרויסן דורכן פענצטער. פאַר דער שוועל האָבן גערוישט די דאַרע פוילישע טאָפּאָליעס. זיי האָבן נישט אַדורכגעלאָזט אויפן שאָסיי צווישן זייערע אָפּגעשונדענע צווייגן דאָס מינדסטע ליכט פונעם ווייטן אויסגעשטערנטן הימל.

ס׳איז געווען אַ נאַכט פול מיט זילבער פונעם קלאָרן, לייכטנדיקן שניי, וואָס איז דערווייל געפאַלן אויף די נאָענטע פעלדער. הינטערן וועלדל, לעבן

דער באַן־ראַמפּע, האָט זיך געוויגט דער שאַרפער, ציטערדיקער האָרן פון אַ זייער ווייסער לבנה. ס'איז געווען שטיל. דער ווינט, וואָס איז געקומען פון פעלד, האָט מיט זיך געבראַכט אַ לייכטן נאַכט־פראָסט. ערגעץ ווו, פון אויסגעשטערנטן נאַכט־הימל, זענען איינציקווייז אַראָפּגעפאַלן קליינע שטערן און זיך אויסגעלאָשן אין דער פעלד־פינצטערניש. אין היגטערשטן צפון־טייל פון באַראַק זענען איינער איבערן צווייטן געלעגן די ייִדן און געוואַרט אויפן זון־אויפגאַנג.

1948

אַ קאַטש פאַרט אויף דער חתונה

יעדן באַגינען האָט זיך אָנגעהויבן דאָס זעלביקע: עמעצער האָט אויפגעפּראַלט ס׳פענצטער און איבערן נאָך פינצטערן הויף אויסגעשריִען אַ ווילד, קאַלט געשריי, ווי ס׳געשריי איבער אַן אָפּשטאַרבנדיקן. דאָס דאָזי־קע געשריי איז לאַנג געבליבן הענגען איבערן נאָך שלאָפנדיקן הייפל און געשניטן די שטילקייט מיט אַ פאַרזשאַווערט מעסער. שפּעטער איז שוין געוואָרן אין גאַנצן שטיל. אין אַ מעשענער, האַרבסטיקער רויטקייט האָבן זיך געצונדן קעגן הימל די פענצטער. די זון איז מסתּם ערגעץ ווו אויפ־געגאַנגען הינטערן געטאָ, נאָר דאָ איז אַריבערגעשוווּמען אַ קאַלטע רויט־קייט, ווי פון אַ ווייטער, הימלישער שׂרפה.

יעדן טאָג האָט מען זיי געזען גיין אייניציקווייז און אויך גאַנצע משפּחות, אָנגעהאָנגען מיט די רוקזעקלעך אויף די פּלייצעס און אין די הענט — כּלערליי שטוב־זאַכן. ווייבער האָבן געטראָגן וואַש־ברעטלעך, טעפּ און טשייניקלעך, זקנים — זייערע אָפּגעהיטענע טלית־זעק מיט אַ באַהאַל־טענעם סידור אָדער תּהילים. טייל מאָל איז אַ ייִדענע שטיין געבליבן אין מיטן הויף, זיך אין עפּעס דערמאָנט און צוריקגעלאָפן אין שטוב מיט אַ געוואַלד:

— אַ בראָך איז צו מיר, כ׳האָב דאָך פאַרגעסן דאָס סענץ־זייערל, מענטשן...

בעת די מענטשן זענען געגאַנגען איבערן הויף, האָבן זיי געוווּסט, אַז אין דער זעלבער רגע זיצן נאָך די איבעריקע שכנים האַלב־נאַקעטע ביי די פענצטער מיט אַרויסגעזעצטע אויגן אויף די ווייסע, אָנגעלאָפענע פּנימער און קוקן זיי נאָך, ווי זיי גייען אַרויס פון הויף מיט די אָנגעהאָנגענע רוק־זעקלעך. זיי זענען געווען אויפגעבייט, די רוק־זעק, פון ליילעכער און טיש־

טעכער, פון קאַלדרעס און ציכן, מיט ייִדישע נעמען, אויפגעשריבן אָדער גענייט מיט דיקן, שוואַרצן פאָדעם. די מענטשן זענען געגאַנגען מיט פאַמעלעכדיקע טריט, פירנדיק ביי די הענט די קינדער. אויך אויף די קינדערס פלייצעלעך זענען געהאַנגען רוק־זעקלעך מיט צוגעטשעפּעטע קליינע שיסעלעך. די מענטשן זענען געגאַנגען און צוריק געקוקט צו די פענצטער, שאָקלענדיק זיך אונטער דער שווערער לאַסט און געווישט דעם שווייס פון די פנימער. זיי האָבן נישט געוווּסט וווּהין זיי גייען. מען איז אַוועק מיט דער מחשבה, אַז ערגעץ ווו וועט מען זיך מסתמא מיט אַלע צונויפטרעפן, מיט אַלע, וואָס זענען נאָך געבליבן דערווייל אויף די געלעגערס. זיי וועלן אַלע קומען, איינער נאָכן צווייטן. מען וועט זיך ערגעץ ווו צונויפטרעפן מיט שכנים, קרובים און אייגענע.

די שטוב, וווהין ס'איז אַריינגעפאַלן דאָס געלע פּאַפּיר, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז ס'גאַנצע בני־בית ווערט אַרויסגעשיקט פון געטאָ, — איז מיט איין מאָל געוואָרן אַנדערש. ס'הילצערנע מעבל האָט מען גיך גענומען צעהאַקן אויף האָלץ. שכנים זענען געשטאַנען און צוגעהאָלפן און דערפאַר האָבן זיי זיך גענומען פאַרשיידן שטובוואַרג, כּלים אָדער מלבושים, וואָס זענען נישט אַריין אין די רוק־זעק. אויך גאָר פרעמדע מענטשן פון זייטיקע געסלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט אין שטוב און צעשלעפּט די שטוב־חפצים. קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. שכנים האָבן געזוכט און גענישטערט אין די שענק, אין די שופלאָדן, גענומען אַן איבעריקן טעלער, אָדער טעפּל, טייל מאָל — אַ ייִדיש ספרל. די, וואָס האָבן געמוזט אַוועק, האָבן זיך אַרומגעדרייט שוואַכע, שווייגנדיקע און פאַרלוירענע צופוסנס פון די געפּאַקטע רוק־זעק. זיי האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס ס'געשעט דאָ. זיי האָבן נישט משׂיג געווען, פאַר וואָס די דאָזיקע פרעמדע ייִדישע הענט פון אַנדערע הייפלעך נישטערן דאָ, ווי שפּאַרבערס, צווישן די שטוב־זאַכן. די שענק זענען געשטאַנען ברייטע, אויפגעפּראַלטע, די מלבושים — אַלטע, נישט געטראָגענע — האָבן זיך געוואַלגערט צופוסנס, ווי אָפּגעריסענע אברים פון עפּעס אַ גרויס און שוואַרץ באַשעפעניש. אַלטע וואַנט־לאַנדשאַפטן און משפחה־פאָטאָגראַפיעס זענען געהאַנגען אויסגעלאָשענע אויף די ווענט און פון זיי האָבן געשטאַרבענע,

אַלטע משפּחה־פּנימער אַראָפּגעקוקט מיט קאַלטע, פֿאַרגליווערטע שמייכ־לען צו די, וואָס גרייטן זיך אין וועג אַריין.

און אַז אין שטוב איז געוואָרן לײדיקער, ס'איז שוין נישט געווען וואָס אויסצונישטערן צווישן דעם צעוואָרפֿענעם אַלטוואַרג — זענען די שטוביקע געבליבן אַליין. דאָס פֿאַרבלייבן אַליין אין דער צעריסענער שטוב איז גע־ווען צו זיי ווי זיי וואָלטן זיך פּלוצעם געפֿונען אין אַ פֿאַרלאָזן טהרה־שטיבל. דאָס לעצטע מאָל האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט. זיי האָבן זיך געזעגנט מיט די פֿאַרבלאַקעוועטע וואַנט־פֿאָטאָגראַפֿיעס, מיט די פּנימער פֿון פֿע־טערס און מומעס און לאַנג אַריינגעקוקט אין זייערע מאַטע, אויסגעטריקנ־טע בערד און ייִדישע פֿרומע שייטלען. מען איז לאַנג געשטאַנען אין די שטוב־ווינקלען, ווי מען וואָלט פֿון דאָרטן געוואָלט מיטנעמען די אויס־געוואָרעמטע, טרויעריקע ייִדישע היימישקייט. אויף די בעטן זענען נאָך געלעגן שטויסן בעטגעוואַנט, וואָס מ'האָט נישט געקאָנט פֿאַרפּאַקן אין ערגעץ. די רויטקייט פֿונעם בעטגעוואַנט האָט געשלאָגן אויף די ווענט מיט וואַרעמע פֿלעקן פֿון אַ צעצונדן פֿייער.

און אַז די מענטשן זענען אַרויס, געלאָזט די שטוב אויף הפקר — איז די טיר געבליבן שטיין אָן אויפֿגעפּראַלטע. שכנים האָבן אַריינגעשטעקט די קעפּ און זיך געשראָקן אַריינצוגיין אינעווייניק. ערשט קעגן אָוונט האָט עמעצער צונויפֿגעקליבן אַ מנין ייִדן פֿון די זייטיקע הייפֿלעך. מ'האָט זיך געשטעלט דאַווענען מעריב. אַ שכנה האָט פֿריִער געהאַט אַ ביסל צוגע־רוימט און די ייִדן האָבן דאָ געדאַוונט, ווי מען וואָלט פֿון דאַנען נאַר־וואָס אַרויסגעטראָגן אַ בר־מינן. די געלע לאַטעס אויף זייערע געבוקטע פּלייצעס האָבן געציטערט מיט אַן אָפּשיין ווי פֿון געלע, צאַנקענדיקע וואַקס־ליכט.

*

אַ באַרג מיט גוט ייִדיש בעטגעוואַנט האָט זיך געהויבן ביז צום בעליק ביים זקן שמואל דוד פּיעטריקאָווער. דאָ, צו שמואל דודן, וואָס איז גאַנצע יאָרן אָפּגעלעגן אין געטאָ אַ פֿאַרשוואַכטער, און צו זיין ייִדענע, וואָס האָט נישט אויסגעטאָן פֿון איר קאָפּ דעם פֿאַרצייטיקן טשיפּיק, — האָבן ייִדן גענומען אַרויפֿוואַרפֿן זייער בעטגעוואַנט פֿאַרן אָוועקגיין.

דאָ האָט מען אַרויפגעטראָגן די קישנס און אונטערדעקן, פאַרבונדן אין ליילעכער. די אַלטיטשקע האָט עס אָנגענומען, אַוועקגעלייגט אויף אַ שטויס, וואָס איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, ביז דער באַרג מיט בעטגעוואַנט האָט פאַרנומען די גאַנצע וואַנט. די מענטשן האָבן געגלייבט, אַז די בײדע זקנים וועלן אַוודאי בלייבן. מען וועט זיי פון געטאָ נישט אַרויסשיקן. אַז גאָר אין גיכן וועלן זיי אַליין אויך סיי ווי צוריקקומען, אָפּנעמען ס׳בעטגעוואַנט, אויף ס׳ניי עס צעלייגן איבער די בעטלעך און אויפהענגען די שטוב־כּלים אויף די ווענט. און אפשר גאָר — ווער ווייס, גאָט קאָן פּלוצעם העלפן! — מען גייט אַזוי צו דער באַן און פּלוצעם פאַרשטעלט מען זיי דעם וועג: ווּהין, ייִדן? גייטס אַהיים!... מען דאַרף שוין נישט!... אויס!... אויס גע־טאָ!... און מיט די נישט־אויסגעפּאַקטע פּעקלעך, אַזוי ווי זיי גייען און שטייען, וועלן זיי זיך לאָזן מיט די ברייטע גאַסן גלייך אין דער שטאָט אַריין, צו זייערע גרויסע שטובן, וואָס זענען אַזוי פיל יאָר געלעגן פאַר־לאָזט, צו די קראָמען און געוועלבער, צום בית־מדרש און שולן, צוריק צום לעבן, צום לעבן — ווי אַמאָל, ווי אַמאָל...

דערווייל אָבער איז דער באַרג מיט בעטגעוואַנט אויבן, ביי שמואל דוד פּיעטריקאָווער, אַלץ מער געוואַקסן. דאָס שטיבל איז שוין געווען אַזוי איבערגעפילט, אַז מ׳האָט אַפילו שוין נישט געקאָנט קיין שפּאַן טאָן. ר׳ שמואל דוד אַליין איז געלעגן אונטער אַ הויכן באַרג בעטגעוואַנט אויפן אייזערנעם בעטל. אויף דער עלטער האָט די ייִדענע קיין מאָל נישט אויס־געטאָן פון קאָפּ דעם אַלטן ייִדישן טשיפּיק. איר דאַרער קאָפּ מיטן טשיפּיק, וואָס איז געווען איינגעפאַלן ווי אַ פאַרטריקנטע פּרי און זיך געבויגן אונ־טער די יאָרן פון דלות און זאָרג, — האָט זיך געטראָגן אויף אירע שמאָלע אַקסלען, ווי עפּעס אַ טרויעריקער, פאַרכישופטער קאַנאַריק צווישן די בערג בעטגעוואַנט. ר׳ שמואל דוד אַליין האָט זיך שוין זינט חדשים נישט אויפגעהויבן פון בעטל. דורכן קליינעם אויסגעהאַקטן שייבל פלעגט די ייִדענע אַראָפּגיסן זיין אומריינקייט אויפן נידעריקן דעכל, ווו ס׳האָבן זיך געזאַמלט בייזע וואָרנעס מיט אַ שוואַרץ, הונגעריק קראַקען.

ס׳איז געשען עפּעס אַ נס, וואָס פון אַלע הייפלעך, פון אַלע איינגע־פאַלענע שטיבלעך זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן קינד און קייט, נאָר דווקא

אַט דאָס אַלטע פּאַציאַטקעלע האָט ס'אומגליק אויסגעמיטן. ס'איז שוין קיי־נער נישט געווען אַרום און אַרום, בעת אויבן, אין פּאַציאַטקעלע, זענען ביידע אַלטיטשקע געלעגן שלאָפנדיקע, פאַרגליווערטע און פאַרגעסענע.

דערווייל זענען אָנגעקומען קאַלטע רעגן־טעג. ביי טאָג האָט אַ ווינט געוויינט אין די אָפענע פענצטער. קעגן אָוונט האָט זיך דער הימל אויס־געלייטערט, געוואָרן שטיל. אַ ים מיט גרינע, ציטערדיקע שטערן־פלעמלעך האָט זיך געוויגט אין די שויבן און פאַרדעקט ס'פענצטערל ווי מיט אַן אויסגעהאָפטן, גרין טישטעך.

ס'איז געשען, אַז ר' שמואל דוד פּיעטריקאָווער איז אויסגעגאַנגען. ער איז אויסגעגאַנגען בנשיקה און געלעגן אַ קאַלטער. דאָס רוב מענטשן זענען אויסגעגאַנגען אינעם געטאָ־טויט מיט אַ לייכטן דרימל, וואָס איז געפאַלן אויף זייערע אָפענע אויגן. און אַזוי, מיט אָפענע אויגן, זענען זיי אַלע אָפּגעשטאָרבן מיט וואַכע, צעגאָסענע שוואַרצאַפּלען. די אַלטיטשקע האָט נישט געוווּסט דערפון, פלעגט זי פון צייט צו צייט אַראָפּגיין פון גע־לעגער, פאַרריכטן שמואל דודן די קישנס צוקאָפּנס און צופוסנס, כּדי דער ווינט זאָל נישט צושלאָגן צו זיין לייב. זי פלעגט אויך צעדרויבלען אַ פּאָר ברויט־קרישעלעך אינעם טעפל מיט וואַסער און עס אַוועקשטעלן ביי שמואל דודס בעטל.

אין די ליידיק־געוואָרענע שטובן איז דערווייל אַרומגעגאַנגען אַ קופּ־קעלע יונגען. זיי האָבן אָנגעהויבן אויפצורוימען פאַרן דייטש דאָס איבער־געלאָזטע שטובוואַרג. נאָך זיי איז נאָכגעפאָרן אַ גרויסער ראַלוואָגן, ווו מ'האָט אָנגעלאָדן דאָס בעטגעוואַנט און די מלבושים. דער וואָגן איז גע־פאָרן פון הויף צו הויף, פון הייזל צו הייזל און אַלץ אַוועקגעפירט שפּע־טער צו דער באַן, הינטערן בית־עולם.

דעם זעלבן טאָג, בעת שמואל דוד איז אויסגעגאַנגען, איז קעגן אָוונט צוגעפאָרן צום הייזל דער וואָגן מיט עטלעכע יונגען. זיי זענען אַרויף אין דער פּאַציאַטקע גראָד דעמאָלט, ווען די אַלטיטשקע האָט זיך געהאַט צוריק־געלייגט. עפּעס אַ וואַרעמער חלום איז געפאַלן איבער אירע אַלטע אויגן. די פאַרשטאָרבענע טאָכטער זיסל איז אַריינגעקומען אין דער שטוב און געבעטן די מאַמע אויף איר חתונה. זי האָט נאָך געהאַט, זיסל, רויטע פלעקן פון

היץ אויף איר פּנים, ווארעם זי איז דאָך געשטאָרבן פון טיפוס, באַלד אין די ערשטע חדשים פון געטאָ. די טאָכטער זיסל איז אַ שמייכלענדיקע צו־געגאַנגען צו ערשט צום טאַטנס בעטל, זיך דאָרט אַוועקגעזעצט אויפן קאַנט, און מיט די פינגער זיך געשפּילט מיטן טאַטנס באָרד. שפּעטער האָט אויך די אַלטיטשקע געזען ווי זי שטייט לעבן איר בעטל און זי האָט געפילט זיסלס האַנט, ווי זי בריט אויף איר אַקסל. — — —

זי האָט פּלוצעם געעפנט אירע אויגן. אין דער טונקלקייט פון חדרל האָט זי דערזען איבער זיך אַריבערגעבויגן עטלעכע יונגען.

מיט פאַרשאַרצטע אַרבל האָבן זיי זי גיך אַ כאַפּ געטאָן פון בעטל אַראָפּ. די אַלטיטשקע האָט זיך געלאָזט נעמען ווי אַ קינד און נאָר אַרויס־געשטאַמלט: — יידישע קינדער, וווּ פירט עץ מיך ?...

— אויף אַ חתונה, באָבעשי... אויף אַ חתונה... מיט אַ קאַטש אויף אַ חתונה...

זיי האָבן אַזוי אַריינגעפּליסטערט אין איר פּנים, בעת די אַלטיטשקע האָט שוין ווידער פאַרמאַכט אירע אויגן. די טאָכטער זיסל איז אויף ס׳ניי געזעסן ביי איר צוקאָפּנס. זי האָט געוועדט מיט אַ צעהיצט פּנים פון פרייד.

די יונגען האָבן זי אַרויסגעטראָגן דורכן קאָרידאָרל, אַראָפּ צום וואָגן און זי דאָרט אַוועקגעלייגט. זיי זענען שפּעטער אַרויף נאָך אַ מאָל און גענומען שמואל דודן. זיי האָבן זיך פאַרפּלאָנטן די פינגער, אַרויפגעזעצט אים צו זיך אויף די הענט, בעת זיינע טויטע אָרעמס האָבן אַרומגענומען די יונגענס העלדזער. זיי האָבן אים געטראָגן, ווי מען טראָגט אויף די הענט אַ חלוש, בעת דער קאָפּ איז אים געפאַלן אויף היינטערוויילעכץ, גע־וויגט זיך אויף רעכטס און לינקס, ווי דער האַלדז וואָלט געווען ביים זקן אונטערגעשניטן. זיי האָבן אים געטראָגן אין געאייל, געוואָלט אים וואָס גיכער אַרויפוואַרפן אויפן וואָגן און צודעקן מיטן באַרג בעטגעוואַנט. וואָרעם נישט איין מאָל האָט מען אויך פאַרשטאָרבענע אַריינגעוואָרפן אין וואָגן, וואָס האָט אַרויסגעפירט די מענטשן פון געטאָ.

אַז שמואל דוד איז שוין געזעסן מיט דער פּלייצע אָנגעלענט אינעם װענטל פונעם װאָגן, האָבן דעמאָלט ערשט די יונגען אָנגעהויבן אַראָפּצו־וואַרפן פון אויבן דאָס בעטגעוואַנט. דער וואָגן איז פול געוואָרן מיט קישנס

און אונטערדעקן, מיט קאַפּ־קישעלעך און וואַטענע קאָלדרעס. ער איז גע־שטאַנען אין מיטן הויף ווי אַן אויסגעוואָקסענער רויטער באַרג.

די גאַנצע צייט, בעת די יונגען האָבן זיך געפּאַרעט ביי שמואל דודן, האָט די אַלטיטשקע נישט געעפנט אירע אויגן. די וואַרעמע ווייכקייט פון בעטגעוואַנט האָט נאָך מער פאַרשלעפערט איר פאַרדרימלטן קאָפּ. אַ דין געוועב פון אַ ווייט נחתדיק שמייכעלע האָט זיך ווי אַ זיסער נעפּל אַראָפּ־געלאָזט אויף איר אַלט פּנים. אין אירע טויבלעכע אויערן איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען דאָס ווידער־קול פון די רייד, וואָס די יונגען האָבן געלאָזט פאַלן לעבן איר בעטל וועגן אַ חתונה... וועגן אַ קאַטש, וואָס פאַרט אויף אַ חתונה... די טאָכטער זיסל מיט די רויטע פלעקן אויף איר ווייס פּנים איז שוין ווידער געשטאַנען לעבן דער מאַמען. ביידע האָבן זיי זיך געהוידעט אַנגעלענט אינעם בעטגעוואַנט, ווי אויף אַ ווייך געזעס פון אַ נגידישער חתונה־קאַטש.

פּאַמעלעך איז דער וואָגן מיט ביידע זקנים אונטער דעם הויכן באַרג בעטגעוואַנט אַרויסגעפאָרן פון הייפל. ער האָט זיך געלאָזט איבער די שוואַרצע ליידיקע, טויטע געסלעך. ס'איז שוין געווען אין גאַנצן פינצטער. דער הימל האָט זיך ווידער באַשאָטן מיט פינקלענדיקע שטערן. בעת דער וואָגן איז אַרויסגעפאָרן פון די געסלעך און אַרויף אויפן פעלד, איז דאָרט אויפגעגאַנגען אַ האַלבע, צעבראָכענע לבנה. די אַלטיטשקע איז געלעגן אויפן וואָגן מיטן פּנים צום הימל און שמואל דוד — מיט זיינע אָפענע, אויסגעלאָשענע אויגן. דעם גאַנצן וועג איז מיט זיי מיטגעשוווּמען די לבנה. איבער זייערע ווייסע פּנימער האָט זיך אַלץ נידעריקער, נידעריקער אַראָפּגעלאָזט דער אויסגעשטערנטער הימל מיט צעשאָטן דראָבנעם שטערן־שטויב. דער וואָגן איז איצט געלאָפן איבער דער ווייכער, שוואַרצער ערד. וואָס מער דער וואָגן איז געלאָפן, אַלץ גיכער האָט פון אויבן די צעשפּאָל־טענע לבנה נאָכגעיאָגט דעם הויכן באַרג בעטגעוואַנט מיט די אָפּגעדעקטע פּנימער. די יונגען האָבן איצט נאָך גיכער אָנגעטריבן די פערד. דער וואָגן, וואָס האָט ביידע אַלטיטשקע אַרויסגעפירט פון געטאָ, האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט פון דער פינצטערניש אַריינגעשוווּמען אינעם ברייטן, צעשטויבטן שטערן־הימל.

1944

דער הימל פון אָנקל טעאָדאָר

שוין דער דריטער טאָג אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן. און אָנגעהויבן האָט עס זיך באַלד פאַר טאָג, ווען ס׳איז נאָך געווען נעפּלדיק־נאַכטלעך. די שפּעט־זומערדיקע לופט האָט געפּאַליעט איבער די געסלעך, און אָנגעפילטע מיטן ריח פון איבערגעברענט האָלץ, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט דער פייכטקייט פון די ערשטע פוילישע רעגנס. די איינגעפּלאַנצטע ירקות לעבן די נידעריקע הייזלעך זענען שוין געשטאַנען רויטלעך־פאַרברענטע פון אַ בייזער, זומערדיקער געטאָ־זון. די גרינסן, — נאַסע, צעלעכערטע קרויט־בלעטער און סתּם ווילד־גראָז און קראָפּעווע — האָבן זיך געריסן אַרויף אַלץ העכער לעבן די פּרוכנעוואַטע ווענט. קיין שום האַנט האָט זיי זינט וואָכן נישט געריסן — האָבן זיך זייערע בלעטער און שטענגלעך, אָנגע־גאָסענע מיט רייפקייט, אַראָפּגעבויגן צוריק מידע און פאַרחלשטע צו דער האַרטער און איינזאַמער ערד.

באַלד נאָך פּסח האָבן ייִדן אָנגעהויבן אַרויסצורייסן די שטיינער פון די הייפלעך און פון די זייטן־געסלעך. די ערשטע ערד־שיכט איז געווען אַ געלבלעכע, אַ מאָגערע און שיטערע. מען האָט געמוזט גראָבן אין דער טיף, איבערוואַרפן אַ שיכט איבער אַ שיכט, כּדי די ערד זאָל קאָנען אויפ־נעמען די זריעה. די דאָזיקע ערד, וואָס איז געלעגן אייביק אַ פינצטערע און פאַרדעקטע מיט שטיינער און ציגל־גרוז, איז ס׳ערשטע מאָל איבער־געגראָבן געוואָרן דורך ייִדישע הענט. ס׳איז געשען עפּעס אַ נס, וואָס די דאָזיקע האַרטע באַלוטער ערד האָט פּלוצעם אָנגעהויבן צו געדייען. ווייטע, פאַרבאָרגענע ערד־זאַפטן פון לאַנגע דורות צוריק האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין די דאַרע שטענגלעך און בלעטלעך. אַ גרעטעניש, ווי אַ גוטער חלום, איז אויפגעגאַנגען איבער די בייטן, גראָד ווי די ערד וואָלט געוואָלט

לינדערן דאָס אויפגעלאָפענע געשווילעכץ פון די מענטשן, וואָס האָבן איבער איר געטראָטן פאַרלאָשענע און איינגייענדיקע.

דאָס אויפגיין פון די גרינע, זאַפטיקע בלעטלעך לעבן די הייזלעך האָט די ייִדן פלוצעם צוריקגעבראַכט אַ ווייסע ליכטיקייט פון בטחון. וואָס מער די ערד האָט זיך באַוואָרפן מיט די פאַרפלאַנצטע בייטן — אַלץ מערער האָט מען געגלייבט צוצוקומען צום נאָענטן סוף... מ'האָט אויסגערעכנט, אויף וויפל מאָלצייטן ס'וועט סטייען — און אויף קיין סך האָט מען שוין נישט געדאַרפט, וואָרעם פון דער צווייטער זייט וויסל, האָט מען געוווּסט, האָט דער דייטש שוין אָנגעהויבן צו אַנטלויפן אין בהלה...

די בייטן זענען שוין געווען צעוואַקסענע. אַ וואַרעמער ווינט האָט זיך געשפּילט אינעם נידעריקן גראָז און קראָפּעווע — ווי ס'האָט זיך פלוצעם אָנגעהויבן. אין מיטן נאַכט האָבן ייִדן אָנגעהויבן צו פאַרפּאַקן אין די רוק־זעק דאָס רייפע גרינצייג. אָבער שפּעטער האָט מען עס אַרויסגעשליידערט און אויף זייער אָרט פאַרפּאַקט קישנס און מלבושים אין וועג אַריין. דאָס ערשטע געסל איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון ייִדן נאָך אין מיטן נאַכט, ווען קיינער האָט זיך גאָרנישט געריכט דערויף. בעת דער דייטש האָט צו מאָרגנס געשיקט ראַלוואַגנס, כּדי אָנצולאָדן די ייִדן — איז שוין קיינער דעמאָלט אין די שטובן נישט געווען. אין די קעלערס און ביידעמער, אין פינצטערע, פאַרשטעלטע קעמערלעך און אין אַלטע, טויטע ברונעמס איז געלעגן דאָס גאַנצע געסל. מ'האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַרן וואָגן־גע־שפּענסט, וואָס האָט זיך געיאָגט און געקלאַפּט אין דרויסן איבער די שטיינער.

ס'איז געווען אַן הכנעהדיקע געליימטקייט, וואָס איז פלוצעם באַפאַלן אַלע ייִדן אין געסל און פאַרגליווערט זייער מענטשלעכן ווילן. דורך די אַלע הונגער־יאָרן האָט זיך אין האַרץ אַרומגעטראָגן אַ זילבערנער פלאַם, ווי אַן אָנגעצונדענע שוועל, ווו ס'באַהאַלט זיך אונטער איר אַ נייע און אומפאַרצוימטע וועלט. אָבער צו דער דאָזיקער פרייער און שיינער וועלט האָט קיינער נישט געקאָנט צוקומען. דער דייטש האָט פון די אַרומיקע געסלעך לעבן די דראָטן אַרויסגעפירט די פוילישע באַווינער ווייט פון געטאָ. דאָ האָט ער באַזעצט דייטשן פון וואָלין און פאָלקס־דייטשלעך פון

דער פראָווינץ. די אָפּגעצוימטקייט פון דרויסן האָט געלאָשן יעדן פלאַם פון מרידה. דערפאַר אָבער האָט נאָך געטליִעט אין שוואַכן, קוים־קלאַפּנדיקן האַרץ דער בטחון אין גאָט און אין מענטש, ווי אַ הייליק פלעמל, וואָס וויל נישט אויסגיין.

טאָג־איין, טאָג־אויס האָט מען זיך אויסבאַהאַלטן. ס׳איז געווען אין דעם אַ קינדיש אַנטלויפן פון איין באַהעלטעניש אין דער צווייטער. מ׳איז אַריין אין די באַהעלטענישן נאָך פאַרן זון־אויפגאַנג און ערשט אַרויס, ווען ס׳איז שוין געווען גוט טונקל בעת בלויז די שטערן האָבן געלויכטן איבערן געטאָ. אַ גאַנצן טאָג האָט מען, ליגנדיק אין דער פינצטער, גע־גריזשעט די רויע בלעטער און די אָפּגעשפּאַרטע ברויט־ברעקלעך. ערשט ביי נאַכט, ווען דער דייטש איז אַרויס פון געטאָ, איז מען זיך ווידער צע־לאָפן אין די הייזלעך. די טירן פון די שטובן האָט מען שוין געטראָפן דעמאָלט אויפגעבראָכענע מיט העק און אייזנס. דאָס ביסל שטובוואַרג איז געלעגן צעהאַקט און צענישטערט. דורך לאַנגע שעהען אין דער נאַכט האָט זיך שפּעטער געצויגן פון די דעכלעך אַ שרעקעדיקער, בלאַסלעכער רויך. דאָס האָבן די מענטשן פון די באַהעלטענישן איצט געצונדן אין די אויוונד־לעך און געקאָכט וואַרעם וואַסער פאַר עפּעס אַ ציטעריק, גראָ געקעכטס.

*

אַז פייגעלע איז ס׳ערשטע מאָל אַראָפּ אין קעלער מיט דער מאַמען, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף אירע געשוואָלענע פיס, האָט זי נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. דער קעלער האָט זיך געצויגן טיף אונטער דער אָפּיצינקע־מויער און קיין שום שפּאַרע איז אין ערגעץ נישט געווען צום דרויסן. פאַר איר פאַרויס זענען שוין געגאַנגען אין דער פינצטער די שכנים מיט די אָנגעהאָנגענע פעקלעך אויף די פּלייצעס, שאַרנדיק זיך טיפער אין קעלער אַריין. אַ וואַרעמע, פאַרפוילטע פינצטערניש האָט גע־שלאָגן אין פּנים ווי פון אַן אַלטן געעפנטן קבר. מ׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, זיך אָנגעלענט אויף די רוק־זעקלעך און מיט די פּנימער געלעגן אָנגעלענט ביי דער מויער. פייגעלע האָט געפירט די גאַנצע צייט די מאַמע פאַר דער האַנט. יעדערער האָט געוואָלט זיין וואָס טיפער אין

קעלער און אַלץ ווייטער פון דער עפענונג, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ בלינד ווענטל. אַז אַלע זענען שוין געווען אינעווייניק און זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף דר׳ערד, איז געוואָרן גאָר, גאָר שטיל. דער אָטעם — אַן איינגעהאַלטענער און פאַרצוימטער. פון ערדענעם דיל האָט געשלאָגן מיט ווילגאַטש און נעציקייט. די פינצטערניש איז געהאַנגען איבער די קעפּ ווי אַ שוואַרצער, אויסגעלאָשענער הימל. די מענטשן זענען געלעגן מיט פאַרשלאָסענע אויגן, וואָרעם סיי ווי האָט מען גאָרנישט נישט געזען.

געלעגן זענען דאָ נאָר די שכנים פון דער אָפּיצינקע, וואָרעם די, וואָס האָבן געוווינט אין צווייטן הילצערנעם הייזל פון זעלבן הייפל, האָבן זיך שוין געהאַט אַליין פריִער צוגעשטעלט צום דייטש. איבעריקנס, האָבן די ייִדן פון דער געמויערטער אָפּיצינקע נישט געוואָלט זיי אַריינלאָזן אינעם איינציקן קעלער, וואָס איז געלאָפן אונטער דער אָפּיצינקע. תּחילת האָבן די ייִדן פון צווייטן הייזל געדראָט צו מסרן אויב מ׳וועט זיי נישט אַריינלאָזן אין קעלער. שפּעטער זענען זיי אַלע אַוועק און זיך אַליין צו־געשטעלט, נאָך איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גרויסע געיעג איבער די געסלעך פון דעם טייל געטאָ.

*

פייגעלע האָט אין אירע זעכצן יאָר אויסגעזען ווי אַ קינד. די שמאָלע אָקסלעך זענען איר אַרונטערגעפאַלן, דאָס פּנימל — אַ דינס און צע־שראָקנס ווי פּליספּאַפּיר. בלויז אין אירע גרויסע, גרינלעכע אויגן האָט זיך אויסבאַהאַלטן דער כּישוף פון אָנקומענדיקער, שפּראָצנדיקער יונג־פרוי־לעכקייט. כאָטש איר גאַנץ גופל איז געווען אויסגעמאָגערט און פלאַך, זענען דאָך אירע פיס געווען פולערע, שטראַמע. זי האָט זיך געוויגט פאַר־טראַכט און צוריקגעהאַלטן, ווי זי וואָלט זיך תּמיד געקווענקלט אַ טראָט צו טאָן. בעת די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען אין אַ געל הונגער־געשווילעכץ — האָט פייגעלען עפּעס אויסגעמיטן יעדע געטאָ־חולאת. די מאַמע האָט זי חושד געווען אין אַנהייב, אַז נישט אַנדערש ווי פייגעלע דערנערט זיך פון דעם, וואָס דער אָנקל טעאָדאָר גיט איר בסוד אויף די שטיגן, אָדער ווען זי כאַפּט זיך אַריין צו אים. דאָס איז, אָבער, נישט געווען אמת, וואָרעם

אַנקל טעאָדאָר אַליין האָט אויך געהאַט דיקע, געשוואָלענע בייטעלעך אונ־טער די אויגן און אַרום די פינגער — הונגער־רייפלעך פון אַנגעלאָפן וואַסער.

ווי אַזוי אַנקל טעאָדאָר, דער איינציקער דייטש פון ווין, וואָס האָט געוווינט קעגנאיבער זייער שטיבל, האָט זיך אָפּגעראַטעוועט פון דער גרויסער „אויסזידלונג" פון דייטשע ייִדן פאַר צוויי יאָר צוריק — איז פאַר אַלעמען געווען אַ רעטעניש. ער איז אָנגעקומען אין געטאָ בלויז מיט אַ קליין רענצל, וואָס איז געווען פול מיט פאַרגרעסער־גלעזער, טעלעס־קאָפּלעך און סודותדיקע מעכאַניזמען. ביי נאַכט פלעגט מען אים זען זיצן ביים פענצטער און קוקן דורך אַ לאַנג פאַרגרעסער־גלאָז אינעם אויסגע־שטערנטן הימל איבערן געטאָ. ער האָט געהאַט לענגלעכע האָר, אַ ביסל שוין גראָלעכע, און אַ ברייט, גאָרנישט קיין ייִדיש פּנים. אויפן הויף האָט מען אים גערופן: „דער שטערן־זעער", דער „הימל־קוקער", אָדער „אַנקל טעאָדאָר". דעם לעצטן נאָמען האָט אים דער הויף געגעבן דערפאַר, וואָס ער האָט אַמאָלט אַ סך דערציילט וועגן טעאָדאָר הערצל און ער אַליין האָט געשטאַמט פון ווין, פון יאָזעף־שטאַט־באַצירק.

אַז ס'איז אויסגעקומען אַראָפּצולויפן באַלד אין דער פרי אין קעלער, האָט טאַקע אַנקל טעאָדאָר מיטן שוואַרצן רענצל אונטערן אָרעם דער ערש־טער אויפגעמאַכט די טיר און געהאָלפן פייגעלען מיט דער מאַמען אַרויפּ־צוואַרפן אויף די פּלייצעס זייערע רוק־זעקלעך. די מאַמע האָט אפילו נישט געוואָלט יעדן טאָג אַראָפּלויפן, וואָרעם די פיס האָבן זי שוין מער נישט געטראָגן אינעם געשווילעכץ. זי פלעגט זיך אַוועקזעצן אויפן בעטל און האַלטן אין איין טענהן: זאָלן זיי שוין קומען און מיך צונעמען... וועט זיין איין מאָל אַ סוף... אָבער דער אַנקל טעאָדאָר מיט פייגעלען האָבן זי אויפ־געהויבן פון בעט, גענומען אונטער די הענט און זי געצויגן איבער די שטיגן אין קעלער אַראָפּ.

דאָ, אין קעלער, איז פייגעלען תמיד אויסגעקומען צו זיין לעבן „דייטש". ער איז געזעסן אָנגעלענט אויף דער וואַנט, האַלטנדיק דאָס רענצל הינטער זיך. די מאַמע, ווי נאָר זי איז אַריינגעפאַלן אין קעלער, האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן פּעקל און פלעגט אַ גאַנצן טאָג נישט אויסרעדן קיין

וואַרט. די איבעריקע מענטשן האָבן זיך אין די ווינקלען איינגעגראָבן אין זייערע פּעקלעך און רוק־זעק, בעת די אויערן זענען געווען וואַך צום דרויסן. דורך די דיקע ווענט אינעם קעלער האָט זיך אַהער געטראָגן אַ שוואַכער אָפּקלאַנג פון מענטשלעכע טריט און אַ ווייט גערויש פון רעדער. יעדעס מאָל פלעגט פייגעלע אָנכאַפּןביידע הענט פון אָנקל טעאָדאָר און ציטערן. ער האָט אַרויסגעלאָזט פון איין האַנט דאָס רענצל זיינס און מיט די פינגער געגלעט פייגעלעס ווייך פּנימל, פליסטערנדיק מיט אַ וואַרעמען, פרעמדן אָטעם:

— רו־ע... רו־ע... פייגעלע... רו־ע... נור רו־ע...

*

די טעג זענען דערווייל איינגעקאָרטשעטע געוואָרן און געוואָרן קילע ווי בלעך. איידער וואָס־ווען פלעגט די זון אונטערגיין אין אַ שפּעט־זו־מערדיקער מידקייט. מען איז נאָך געלעגן אונטן, בעת אין דרויסן איז שוין געווען נאַכט. דער אָנקל טעאָדאָר האָט גאָרנישט אַזוי באַדויערט איצט ווי נאָר דאָס, וואָס ער קאָן נישט קוקן דורך זיין פאַרגרעסער־גלאָז צום הימל. ער האָט געזוכט אין די קעלער־ווענט ערגעץ ווו ער זאָל קאָנען אַריינשטעלן דאָס גלאָז פון טעלעסקאָפּ. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומטאַפּן די פינצ־טערע ווענט פון קעלער און גאָרנישט געפונען. די ייִדן האָבן אים דערווייל באַוואָרפן מיט די ביטערסטע קללות, געדראָט, אַז זיי וועלן אים מער נישט אַריינלאָזן דאָ, ווייל נישט אַנדערש ווי דער חסר־דעהדיקער הימל־קוקער וויל אויף זיי, חס ושלום, ברענגען דאָס גרעסטע אומגליק...

זינט יאָרן זענען דעם אָנקל טעאָדאָרס אויגן אַרומגעשווומען אין די סודותדיקע שטערן־פעלדער און דאָרט האָט זיין אַלט־בחוריש האַרץ גע־בלאָנדזשעט צוזאַמען מיטן ווינט, וואָס באַוועגט די שטערן און פּלאַנעטן. ער האָט די מענטשלעכע גורלות דערקענט אינעם וויברירן פון די לייכטנ־דיקע מילך־וועגן. אין זייער אייביקן קרייז־לויף האָט ער געפילט אויך דאָס קלאַפּן פון זיין אייגן מענטשלעך האַרץ. פונעם ערשטן טאָג אָן פון אָנקל טעאָדאָרס קומען אין געטאָ אַריין, איז אים באַפאַלן אַ וואַרעמע

פרייד און טיפע טרייסט: ער האָט דערזען, אַז אויך דאָ, איבער די פּרוכ־נעוואַטע הייזלעך און געטאָ־געסלעך, שפּרייט זיך אויס דער זעלבער סודותדיקער, אויסגעשטערנטער הימל, ווי אין דער היים, איבער דער ווינער אָבסערוואַטאָריע. ביי טאָג איז ער געגאַנגען מיטן שיסעלע נאָכן געקעכטס און ביי נאַכט האָט ער געמאַכט זיינע ווייטע, איינזאַמע נסיעות איבערן פינקלענדיקן שטערן־חלל. ער האָט אַפילו דערזען, אַז דאָ, אינעם געטאָ, זענען די שטערן גרעסער, זילבערנער, און דאָס ליכט, וואָס פליסט פון זיי, איז שטאַרקער און כּישופדיקער, גראָד ווי מען קאָן זיי זען ביי טאָג אין אַ טאָל, אָדער אין אַ טיפן ברונעם. דערפאַר איז דעם אָנקל טעאָדאָר, זיצנדיק אונטן אין קעלער, תּמיד באַפאַלן אַ טרויער, וואָס דער הימל איז אים אָפּגענומען געוואָרן. ער האָט נישט געפונען קיין שום עפענונג, כּדי צו זיין נעענטער צו די שטערן. ער איז געווען די גאַנצע צייט אומרויִק, און ערשט דעמאָלט, ווען ער איז אַרויף צו זיך אין צימערל און דערזען איבער זיך אין דרויסן דעם ברייטן, לייכטנדיקן נאַכט־הימל, — איז אים דער אומרו פאַרשוווּנדן.

ס׳איז געווען אומגלייבלעך, ווי דער דאָזיקער מענטש איז געווען איינגעלאָשן פון יעטוועדער שרעק, וואָס האָט געהערשט אַרום אים. בעת די ייִדן לעבן אים האָבן געפּלאָטערט אין טויט־אימה, לויפנדיק אין קעלער אַראָפּ, איז אָנקל טעאָדאָר געווען אויסטערליש רויִק. אויף זיין פּנים איז געלעגן אַ מילדקייט פון גנאָד און טרייסט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי דאָס שוואַרצע רענצל אונטערן אָרעם וואָלט אים געיאָגט פאַרכּישופט בלוט אין די אָדערן אַריין. מ׳האָט באַשיימפּערלעך געזען אַז ער איז בייגעקומען אין זיך און צעבראָכן דעם פּחד פאַר דעם אומבאַקאַנטן און ווייטן, פון וואָס אַלע אויפן הויף האָבן זיך אַזוי געשראָקן. עס איז געווען צו זען, אַז זיין הארץ איז געווען באַזעסן פון אַ פרעמדן, נישט־ערדישן פרידן, וואָס איז בייגעקומען אין אים די אימה פאַרן טויט. מיט דעם דאָזיקן פרידן האָט ער אויך אָנגעטרונקען ביסלעכווייז פייגעלעס גרינע אויגן. זי האָט זיך גע־קלאַמערט אין אים ווי אין אַ טאַטן. דאָ, אינעם קעלער־ווינקל, האָט זיך פייגעלע געצורעט צו אָנקל טעאָדאָר, ווי אַ הינדל אונטער אַ קשאַק בעת אַ שטורעם.

שטילערהייט האָט אָנקל טעאָדאָר איר געפּליסטערט אין אַ פּאַרדייטשטן יידיש וועגן די איינזאַמע הימל־פעלדער, וואָס זענען באַזייט מיט מיליאָנען שטערן. ער האָט זי געפירט ביי דער האַנט איבער די קליינע שטערן און איבער די גרויסע שטערן, איבער די, וואָס מען זעט מיטן נאַקעטן מענטש־לעכן אויג, און איבער די, וואָס יאָגן זיך אין וועלט־חלל פאַרהוילענע פאַרן אויג זינט אייביקע דורות. ער האָט אָנגערופן ביים נאָמען די שטערן פון צפון־הימל און די שטערן פון דרום־הימל. ער האָט איר דערציילט וועגן די שטערן, וואָס זענען שוין לאַנג נישטאָ אין הימל, נאָר זייער ליכט שווימט ערשט איצט אַראָפּ אויף דער ערד. ער האָט זי אַרומגעפירט איבער די ערש־טע שטחים פון אַ וויסטער ערד. עס זענען צוריק לעבעדיק געוואָרן די אַלע, וואָס זענען אָוועק פון דער ערד. וואָרעם ס׳איז קיין טויט נישטאָ, בלויז די אייביקע וואַנדלונג פון פורעם. און קיין שרעק איז נישטאָ פאַר די, וואָס הערן דאָס געזאַנג פון די שטערן, דאָס געפּליסטער פון די לבנות אין די הימל־געוועלבן. זיי זענען פריי, פריי — ווי דער ווינט, ווי דער וואָלקן, ווי גאָט...

פייגעלע איז אומעטום אַ פאַרכישופטע נאָכגעגאַנגען דעם אָנקל טעאָ־דאָר אויף די אַלע וועגן. איר פּנים, אַ וואָרעמס און צעהיצטס, האָט געצי־טערט אויף זיינע אַ ביסל אָנגעלאָפענע הענט. טייל מאָל איז אָנקל טעאָדאָר צוגעקומען מיט זיין אָטעם אַזוי נאָענט צו פייגעלעס האַלדז, אַז זי האָט אין דער פינצטער אַפילו דערזען אַרומפלאַטערן אין זיינע ברייטע שוואַרצ־אַפּלען גרינע פונקען, ווי אַ בליץ וואָלט זיך דאָרט געצונדן און — באַלד צוריק איינגעלאָשן געוואָרן. זי פלעגט אויך פילן אויף זיך זיין האַנט, וואָס האָט זיך מילד געגליטשט איבער אירע אַקסלען. אויף אַזאַ אופן האָט אָנקל טעאָדאָר פאַר פייגעלען געעפנט דעם הימל און זי האָט בחוש געהערט ווי ס׳זינגען די שטערן איבערן געטאָ.

*

אין דער זעלבער צייט, בעת פייגעלע איז אַזוי נאָענט געוואָרן צו אָנקל טעאָדאָר אונטן, אין קעלער, אין דער פינצטערניש, איז די מאַמע אין מיטן נאַכט אַפּגעשטאָרבן ביי זיך אויפן בעטל. זי האָט געוואָלט אויס־

שטרעקן, די מאַמע, די האַנט נאָכן טעפּעלע קאַווע — און איר האַנט איז שוין געבליבן אַזוי הענגען אויף דער פּאָדלאָגע אַראָפּ, אַ געלע און אויסגעלאָשענע. דאָס איז געווען נישט לאַנג נאָך דעם, ווי פייגעלע איז אַרויפגעקומען פון קעלער. זי איז אַריינגעלאָפן צום „דייטש״ מיט אַ געוואַלד און אים געשלעפּט אין שטוב אַריין. אַנקל טעאָדאָר איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל מיטן רענצל, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט. לאַנג האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט. שפּעטער איז ער צו צו פייגעלען, זי אָנגענומען פאַר דער האַנט, צוגעפירט צום בעטל און קוים אַרויסגעפּליסטערט:

— נו, יאַ... זי שלעיפט... זי שלעיפט... זי שלעיפט...*

ער האָט אויפגעהויבן דער מאַמעס טויטע האַנט, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען אויף דער פּאָדלאָגע, און זי אַוועקגעלייגט אויף איר געלער, אָפּגעדעקטער, קאַלטער ברוסט.

דער טויט פון דער מאַמען האָט נאָר אויף אַ גאָר קורצער ווייל אויפגעבונדן ביי פייגעלען דאָס געוויין. זי איז געשטאַנען אָנגעלענט אויפן אָרעם פון אַנקל טעאָדאָר, וואָס האָט דערווייל אין דער פינצטערניש ביים פענצטער געזוכט עפּעס אינעם אויסגעשטערנטן הימל איבערן געטאָ. זיי זענען ביידע געשטאַנען ביים פענצטערל און גאָר פאַרגעסן, אַז אין שטוב ליגט אויפן בעטל די מאַמע, אַן אָפּגעשטאָרבענע. דאָס געוויין איז פון איר אַוועקגעשוווּמען און צעגאַנגען, ווי עס צעגייט דער טוי אויף ביימער־בלעטער, ווען די זון גייט אויף. אַ גאַנצע נאַכט, נאָך דעם ווי די מאַמע איז אָפּגעשטאָרבן, זענען זיי ביידע געשטאַנען ביים פענצטערל און געקוקט אין געטאָ אַריין. דער גאַנצער קוואַרטאַל איז שוין געווען ליידיק פון ייִדן. ווייט איבער דער גרויסער בריק האָט זיך נאָך געוויגט אַן אָנגעצונדענער רעפלעקטאָר, וואָס האָט אויפגעכאַפּט יעדן אויסבאַהאַלטענעם שאָטן פון אַ ייִד. פון מיזרח־זייט האָט דער ווינט אַהער געטראָגן אַ דין ווידערקול פון ייִדישער יללה. דאָס האָבן די דייטשן אַזוי געשלעפּט די לעצטע ייִדן פון זייערע באַהעלטענישן.

באַלד צו מאָרגנס, נאָך דעם ווי די מאַמע איז אָפּגעשטאָרבן און אַנקל

* זי שלאָפט... זי שלאָפט... זי שלאָפט...

טעאָדאָר מיט פייגעלען זענען אַראָפּ אין קעלער — איז דאָרטן שוין קיינער נישט געווען. נאָך ביי נאַכט האָט דער הויף באַשלאָסן מער זיך נישט אויס־צובאַהאַלטן און באַלד פאַר טאָג זיך אַליין צושטעלן. עמעצער האָט דער־ציילט, אַז די דייטשן האָבן אַרויסגעלאָזט שפּיר־הינט איבער יענעם געטאָ־טייל, פון וואַנען מען פירט אַרויס איצט די ייִדן, און אַז די, וואָס מען פירט אַרויס פון אַ באַהעלטעניש, ווערן דערשאָסן אויפן אָרט... באַלד פאַר טאָג האָט זיך די גאַנצע אָפּיצינקע געשלעפּט מיט די רוק־זעקלעך צו דער בריק, ווו ס'האָבן זיך געזאַמלט די לעצטע באַהאַלטענע ייִדן.

פון איצט אָן זענען אָנקל טעאָדאָר און פייגעלע געבליבן אַליין אין קעלער. אויבן, אין חדרל, איז נאָך אַלץ געלעגן די מאַמע אַ נישט אָפּגע־הויבענע אין איר בעטל. פון קעלער זענען זיי ביידע מער נישט אַרויף אויבן, אין חדרל אַריין. ביי נאַכט פלעגט אָנקל טעאָדאָר בלויז אַרויסגיין פון קעלער אויפן הייפל און פון די פאַרזייטע בייטן רייסן די רייף־גע־וואָרענע ירקות — די גרינלעכע קרויט־קעפּלעך און די רויטלעכע בורעק־לעך. דאָס האָט זיי געשטילט דעם הונגער. ער האָט אויך אָפּגעריסן אַ סך ווילד־גראָז און בלעטער און זיי געלייגט אויף דעם ערדענעם דיל פון קעלער. ס'האָט מער שוין נישט געצויגן די נעציקייט פון דער ערד. ביידע זענען זיי געלעגן פאַרוויקלטע אין אָנקל טעאָדאָרס ווייכן, וואַרעמען פּלעד. דער „דייטש" האָט אויף ס'ניי אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די פאַרהוילענע שטערן־וועלטן, וואָס ראַטעווען פון טויט. זי דאַרף נישט מורא האָבן, פייגע־לע, וואָרעם ס'איז קיין טויט נישטאָ אויף דער ערד, נישטאָ קיין שטאַרבן פאַר די וואָס טרינקען דאָס ליכט פון די שטערן. בעת ער פלעגט אַזוי פליסטערן, האָט זיין קנאָכיקער אָרעם אַרומגענומען אירע ציטערדיקע אַק־סעלעך. זיין אָנגעלאָפן פּנים האָט זיך געשאַרט איבער פייגעלעס האָר. עפּעס אַ פרעמד, כּישופדיק פייער איז דאָ אַרומגעגאַנגען אין פינצטערן קעלער. פייגעלע פלעגט זיך אָפּרוקן פונעם פּלעד און נישט געקאָנט זיך אַרויספּלאָנטערן פון אָנקל טעאָדאָרס אָנגעלאָפּענע הענט. זי האָט געצי־טערט און זיך נאָר הייס געבעטן ביי אים:

— אָנקל טעאָדאָר... טוט מיר נישט קיין שלעכטס... אָנקל טעאָדאָר... אָנקל טעאָדאָר...

*

זיי זענען ביידע נישט אַרויס פון קעלער דריי מעת לעת. אויפן פערטן טאָג האָט זיך אויפן הייפל, לעבן קעלער, געריסן פלוצעם אַ ווילד היגט־בילעריי. אַנקל טעאָדאָר האָט זיך אויפגעזעצט און מיט די הענט געזוכט דאָס רענצל. פייגעלע איז געזעסן לעבן אים, מיטן קאָפּ אָנגעלענט אויף זיין קני.

אין דרויסן האָבן זיך דערוויי די הינט געריסן. זיי זענען שוין צוגעקומען נאָענט צום קעלער. הילכיקע קלעפּ האָבן געזעצט אין באַהאַלטענעם טירל. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט ווי דורך אַן אַרויסגעריסן ברעט האָט זיך אַריינגעריסן אַ פּאַס טאָג־ליכט.

ווען די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט און דריי דייטשן זענען אַריין מיט טאַשן־לעמפּלעך — האָבן זיי געטראָפן ביידן זיצן אויפן געלעגער, אַרומגענומענע און שטילע. באַלד האָט זיך אַנקל טעאָדאָר אויפגעשטעלט. מיט דער לינקער האַנט האָט ער אַרומגענומען פייגעלען און אין דער צווייטער — געהאַלטן דאָס קליינע, שוואַרצע רענצל מיט די פּאַרגרעסער־גלעזער.

בעת די דייטשן האָבן זיי אַרויסגעפירט אויפן הייפל, זענען זיי נאָך ביידע, פייגעלע און אַנקל טעאָדאָר, געגאַנגען אָנגענומענע פאַר די הענט, ווי קינדער. זיי זענען געגאַנגען פאָרויס, בעת די הינט האָבן זיי פון הינטן אונטערגעיאָגט איבערן אויסגעטראָטענעם הייפל. אַנקל טעאָדאָר האָט געזען ווי די פּאַרזעצטע בייטן זענען געלעגן צעריסן און צעטראָטן. בלאַסע פלעקן פון דער זון האָבן זיך געלייגט אונטער זיינע פיס. ער איז געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם, צעשויבערטן קאָפּ און מיט ברייטע, צעפּראַלטע אויגן. ס׳איז שוין געווען אָנהייב האַרבסט, כאָטש די זון האָט נאָך גוט געוואַרעמט. זיי זענען ביידע געגאַנגען איבערן ווילד־גראָז און קראָפּעווע, ביז די אונטערגעהעצטע הינט האָבן זיי צוגעיאָגט צו אַן איינגעלייגטער מויער. דאָ זענען זיי ביידע שטיין געבליבן. די דייטשן האָבן זיי באַפוילן זיך אויסדרייען מיט די פּנימער צו דער וואַנט. אַנקל טעאָדאָר האָט דערזען, אַז אויף דער מויער אַנטקעגן אים זיצן קליינע, גרינע גרעזעלעך און איבער דער ציגלנער וואַנט הענגט אין דער ווייטנס אַ בלאָער, שיינער הימל. זיי האָבן

ביידע נישט געזען, וואָס הינטער זיי טוט זיך. די דייטשן האָבן זיך אָפּגע־רוקט אויף אַ פּאָר שריט. ס׳האָט גאַרנישט לאַנג געדויערט. זיי זענען נאָך געשטאַנען אַ ווייל, אָנקל טעאָדאָר און פייגעלע, ביידע אָנגענומענע פאַר די הענט. זייערע קעפּ זענען געווען אויפגעהויבענע און געקוקט פּאָרויס צום שיינעם פּיצל הימל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אויף יענער זייט מויער.

1944

אונטערן שניי

דער ווינט האָט אין אָוונט, אַן אייז־קאַלטער און מעסערדיק־שאַרף, צונויפגעקליבן בלאָע בערגלעך שניי, געטראָגן זיי ווילד איבער הייזער און פּלויטן און דערנאָך צעשאָטן מיט אַ שדיש וואָיען אין די שפּאַרעס און שפּאַלטן פון ווענט און דעכלעך. דאָס פייפן פון ווינט האָט נאָך פאַרשטאַרקט די טיפע שטילקייט פון דער נאַכט, וואָס איז געהאָנגען איבערן געטאָ מיט פינקלענדיקע, ווייטע, פאַרפרוירענע שטערן. ערגעץ אויף די צפון־פליינען הינטער די דראָטן האָט זיך דער זעלבער ווינט שפּעטער צעהוליעט מיט אַ פּראָסטיק לאַכן און געכיכיקעט ווי אַ נישטגוטער. טאַקע צו צפון־זייט פון געטאָ האָבן זיך געצויגן די זאַמדיקע פעלדער פון בית־עולם מיט די רעשטן פאַרבליבענע קאַשטאַן־ביימער און ווילדע, טרויעריקע קשאַקעס. דאָרט זע־נען זעלטן שוין געשטאַנען באַוווינטע הייזלעך. די פעלדער אַרום ציִען זיך דאָ ביז צום בזשעזשינער וועג, וואָס וויקלט זיך דערנאָך צונויף מיטן וואַר־שעווער טראַקט. דער בית־עולם איז זינט די צוויי געטאָ־יאָר אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער טויטן־שטאָט. אין די טויזנטער האָבן די קליינע הילצערנע מצבה־ברעטלעך באַדעקט די ערד — זומער־צייט אין גאַנצן פאַרהילטע מיט הויך ווילד־גראָז און שטעכיקע פעלד־בלומען און אין ווינטער פאַר־וואָרפן מיט אַ ווייך שניי־ליילעך. קוקנדיק אַזוי אויף די ווייטע, ברייטע פעלד־שטחים, האָט מען געקאָנט פאַרגעסן, אַז אונטערן שניי רוט אַ גאַנצע שטאָט פאַרשטאָרבענע ייִדן. דער ווינטער אין דאָזיקן יאָר איז געווען אויס־טערליש שאַרף. דער פראָסט, זילבערדיק־בלוי, איז געשוווּמען אין דינע נעפּעלעך פון די נאַענטע פעלדער, און געשניטן דעם אָטעם פון די מענטשן. ס'רוב איז מען געלעגן איינגעוויקלטע אין די מלבושים אויף די בעטן און גאַנצע וואָכן נישט אַרויס אין דרויסן. גאַנצע טעג פלעגט די זון שטיין אַ

געפּרוּוירענע. אכזריותדיק־שטיל איז זי געהאַנגען אין אירע אומענדלעכע הימל־געוועלבן. ערשט אַקעגן אָוונט־דעמערונג האָט זיך דער שניי אויפגע־הויבן. געשמיסן פונעם פראָסטיקן ווינט איז ער אַזוי געפאַלן אַ גאַנצע נאַכט, אַדורכלאָזנדיק דורך זיינע ווינטיקע אָרעמס פון צייט צו צייט אַ דינעם, גרינעם שטרייף פון קאַלטע, ווייטע שטערן.

ס׳האָט זיך דערנענטערט צו האַלבער נאַכט. אַרום די דראָטן אין די וואַך־ביידלעך זענען געזעסן אין זייערע פּעלצן די דייטשע וואַך־פּאָסטנס און געקוקט מיט פאַרשפּיצטע אויגן דורך די אויסגעשניצטע ביידל־לעכער צום בלענדנדיקן שניי־טאַנץ אין געטאָ. אַרום בית־עולם לעבן דער וואַנט, וואָס לויפט דאָ מיט אויפגעשטעלט שטעכל־דראָט, האָט זיך דער ווינט בייז געוואָרפן און געשפּילט אַ האַרט, מעטאַלן געזאַנג פון וויגנדיקן שטעכל־דראָט. דערהערנדיק דעם דאָזיקן פאַרדעכטיקטן דראָטן־קלאַנג, האָט זיך דער דייטש טייל מאָל אַרויסגעריסן פון זיין ביידל און זיך צעשריִען אין דער נאַכט מיט אַ ווילד, וועלפיש וואָיען: ה־אַ־אַל־ט !... ער פלעגט דער־ביי אויסציִען די ביקס און וואַרטן. דאָס עכאָ פון זיין געשריי האָט זיך געקאָלערט אויף די שטילע, פינצטערע פעלדער און איינגעזונקען געוואָרן הינטערן בית־עולם. די דראָטן האָבן נאָר געציטערט אין קאַלטן ליכט פון די עלעקטרישע לאָמפּן. קיין שאָטן פון קיין מענטש האָט מען נישט געזען. דער דייטש שטייט אַ ווייל מיט זיין אויסגעצויגענער ביקס לענג־אויס די דראָטן. ס׳ווערט זייער שטיל. ער הערט דעם שניי־געווירבל פאַלן אויף די אַרומיקע פעלדער. אפשר איז עס געוועזן בלויז דער שניי־ווינט ? און אפשר גאָר — טראַכט דער דייטש — איז עס דאָס נאַכטיקע פליסטערן פון די ייִדישע געשפּענסטער און טויטע ? ס׳איז אָבער אויך מעגלעך, אַז ערגעץ וווּ ביי די פּעריפעריעס, הינטערן בית־עולם, האָט אַ ייִד געפּרוּווט אַדורכ־צוגיין און אַ טרייסל געטאָן די דראָטן... אַ מענטש האָט זיך אַוודאי אַרויס־געגנבעט אין דער דאָזיקער שניי־נאַכט פון געטאָ און זיך געלאָזט אין נאָענטן וואַלד אַריין...

*

סענדער האָט נישט געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס וועט אַדורכגיין.

שוין וואָכן ווי אַן איינציקער רעיון האָט אים געטליִעט אין מוח: אַנטלויפֿן...
באַלד נאָכן טויט פֿון טאַטע־מאַמע, וואָס זענען געשוואָלענע אויסגעגאַנגען, איז סענדער געבליבן מיט דער עלטסטער שוועסטער, מיט איטען. תּחילת האָט ער זיך בלויז אַליין אַרומגעטראָגן מיט דער דאָזיקער מחשבה. דער טאַטע האָט אָפּשטאַרבנדיק געלאָזט פֿאַלן עפּעס אַ וואָרט וועגן אַנטלויפֿן. ער האָט אַ האַלב־גוססדיקער גערעדט פֿון ייִדישע גבורים, פֿון בר כוכבא, פֿון די חשמונאים, פֿון קידוש־השם, פֿון מסירת־נפֿש און נקמה. די פּאָר ייִדן, די שכנים, וואָס זענען געשטאַנען ביי זיין בעט, האָבן געוויינט אַן אַלט ייִדיש געוויין אין זייערע הענט אַריין. און סענדער אַליין איז געשטאַנען דעמאָלט אין מיטן פֿון דאָזיקן געוויין און זיך צעהעשעט פֿון דער געליימטער מאַכטלאָזיקייט פֿון אַ פֿאָלק. נאָך דער גרויסער אויסזידלונג איז די שרעק געזעסן אין יעדער ייִדישער שטוב און מען האָט געוואַרט אויפֿן גורל. אָבער סענדער סטעלמאַך האָט אין זיך צונויפֿגעשאַרט דעם רעשט ביסל כּוח און באַשלאָסן: אַנטלויפֿן. דער שוועסטער האָט ער ערשט שפּעטער דערציילט פֿון זיין סוד. זי האָט באַלד געזאָגט, אַז זי גייט מיט אים מיט. מען האָט געהערט פֿון ייִדן, וואָס מען האָט געכאַפּט מחוצן געטאָ און וואָס זענען שפּעטער אַריין אין געטאָ, אַז ערגעץ ווו, נישט ווייט פֿון די לענטשיצער וועלדער, זאָל זיך געפֿינען אַן עדה אַנטלאָפֿענע, וואָס באַ־האַלטן זיך אויס ביי גוטע פּויערים. פֿאַר דער מלחמה האָט סענדער ביים טאַטן אין שמידעריי געקאָוועט פּויערישע פֿערד און דאָס פּויערישע לשון איז אים נישט געווען פֿרעמד. דעמאָלט איז ער געווען דעמביק־צעוואָקסן מיט פֿול־פֿליישיקע הענט און אַקסלען פֿון אַ בעל־גוף. איצטער איז פֿון אים דאָס לייב אָפּגעפֿאַלן שטיקערווייז, אַזוי ווי אַ מלבוש, וואָס מען טוט פֿון זיך אויס. ווי אַן אָפּגעשונדענער בוים איז דאָס לייב אויף אים אַלץ מער איינגעפֿאַלן און געטריקנט. נאָר ערגעץ ווו, אין אַ ווינקל פֿון מוח, האָט געטליִעט דער פֿלאַם פֿון טאַטנס לעצטע רייד. אין זיין האַרץ האָט געברענט, ווי אין אַ זילבערנעם לייכטער, אַ סודותדיק און הייליק פֿלעמל: ראַטעווע זיך, אַנטלויף...

*

ביידע האָבן זיך היינט אין דער אָנקומענדיקער שנייִקער אָוונט־טונקל־קייט געשאַרט צום בית־עולם צו. דאָס טירל איז נאָך געשטאַנען אָפן, וואָרעם ביז אין טיפער דעמערונג באַגראָבט מען דאָ די טויטע. די קברנים מיט די שפּאַדלעס אויף די פּלייצעס זענען שוין לאַנג הינטער דער מויער. דער בית־עולם איז געוואָרן ליידיק. דער שניי־געווירבל האָט געיאָמערט אויף די שטעכיקע קשאַקעס אַרום די אַלטע ייִדישע מצבות. סענדער און איטע ליגן שוין אונטער אַ דינער שניי־שיכט. זיי האָבן זיך ביידע אָוועקגעלייגט ביי די בערגלעך פון טאַטע־מאַמע. איטע — לעבן דער מאַמען און הינטער איר, קעגנאיבער אין אַ צווייט סטעזשקעלע, ליגט סענדער ביים טאַטנס קבר. זיי האָבן אָפּגעמאַכט נאָך פריִער, אַז דאָס וועט זיין דאָס לעצטע אָרט פאַרן אַריבערגיין די דראָטן. פון דאַנען איז נישט ווייט צום צוים, — אַן ערך פופציק־זעכציק טריט.

שוין עטלעכע שעה ווי ביידע ליגן אַזוי אויף דער געפרוירענער ערד. דורך די פּאָר שעה האָט דער שניי זיי אין גאַנצן פאַרשאָטן און זיך אויסגעגליכן מיט דער שניי־דעק איבער די קברים.

סיי סענדערן און סיי איטען האָט די אַרומיקע בית־עולם־פינצטערניש נישט געשראָקן. וואָס מער דער ווינט האָט אַראָפּגעשליידערט שניי איבערן פעלד, אַלץ מער איז אין זיי אויפגעגאַנגען אַ פרייד און בטחון, גראָד ווי דער בטחון צום לעבן וואָלט געלעגן ערגעץ ווו אין די אָרעמס פון די ווינטן, וואָס קומען פון די פאַרשנייטע פעלדער. פון סענדערס אָטעם איז דער שניי אַרום זיין פנים געוואָרן פייכטלעך און צעגאַנגען. די אברים זיינע זענען פון ליגן אויפן פעלד געוואָרן פאַרשטאַרט. מיטן רעכטן אָרעם האָט ער אַנגערירט דאָס ערדישע בערגל פון טאַטנס קבר. מיט זיין מויל איז ער געלעגן צו דער ערד און מיט פאַרשלאָסענע אויגן עפּעס אין איר אַריינגעמורמלט. אים איז אויסגעקומען, אַז דער טאַטע, אַ פּאָר איילן אונטער אים, ווייסט אַלץ, וואָס דאָ געשעט. ער פרייט זיך אַוודאי און אַ געשטאָרבענער שמייכל וועבט זיך אויף זיין טויט פנים. אָבער באַלד האָט זיך סענדער צוגעהערט צו דער ערד איבערן טויטן טאַטן, אָנשפּיצנדיק די אויערן: ווינט, שניי און אַ קאַלט וואָיעניש האָט זיך געטראָגן איבער זיין קאָפּ. אונטערן שניי זענען געלעגן די טויטע און געשלאָפן זייער שלאָף. סענדער

האָט שטומערהייט געבעטן ביים טאַטן רחמים. ער האָט פאַר אים געפּליס־טערט, אַז ער לאָזט זיך אין וועג אַריין. ער און איטע — ביידע דאַרפן זיי גרויס רחמים אין סכּנהדיקן וועג. איך גיי אַוועק פון דאַנען, טאַטע, — האָט אין אים געזעגט אַ קול אָן ווערטער — כ׳גיי ראַטעווען ס׳לעבן און זוכן נקמה, ווי דיין הייליקער ווילן איז געווען. אין זכות פון דיין הייליקן טויט, טאַטע, און אין זכות פון דיינע טויטע שכנים העלף מיר, שיץ מיך פון דער סכּנה... איך ליג דאָ לעבן דיר און בעט פאַר אונדזער לעבן. איך, סענדער, בעט ביי דיר: שיץ אונדז אין דער גרויסער סכּנה, מי זיך פאַר אונדז, טאַטע...

און לעבן קבר פון דער מאַמען איז געלעגן איטע אַ פאַרשוויגענע, דעם קאָפּ אָנגעלענט אין אַ פאַרפרוירן שטיק זאַמד. איר פּנים איז געלעגן אין אַ טייך וואַסער. פון אירע אויגן איז אָן אויפהער גערונען אַ געוויין. די טרערן זענען אַריין אינעם זאַמד פון דער מאַמעס בערגל. זי האָט געוואָלט, איטע, וואָס גיכער זיך אַרויסשאַרן פון דאַנען און שוין זיין אויף יענער זייט געטאָ. אַרויסהייבנדיק פון אונטערן שניי איר קאָפּ, האָט זי דערזען די עלעקטרישע לאָמפּן ווי זיי צאַפּלען אויף די דראָטן. דאָס ליכט אינעם שניי־געווירבל איז געווען טונקל־געל און רויטלעך ביי די ראַנדן. ס׳איז איצט געווען די פּאַסיקסטע צייט דורכצוגיין אונטער דעם דראָטענעם צוים. זי האָט מיט דער האַנט אַראָפּגעשאַרט דעם שניי פון איר פּנים און שטיל אַ פליסטער געטאָן צו סענדערן.

אונטערהייבנדיק זיך אויף ביידע עלנבויגנס און קוים אויפהייבנדיק די קני, האָט זיך איטע געשאַרט, אין גאַנצן אַ פאַרשאָטענע מיט שניי, לענג־אויס דעם שמאָלן סטעזשקעלע גלייך צו די דראָטן צו. זי האָט אויפ־געהויבן דעם קאָפּ. אירע אויגן האָבן אַריינגעזויגן די אַרומיקע לויערנדיקע סכּנה. די וואַך־פּאָסטנס האָט מען אין ערגעץ נישט געזען. דער שניי־גע־ווירבל האָט זיך געטראָגן דאָ אויפן באַרגיקן פעלד, ווי ער וואָלט וועלן דעם מינדסטן שאָרך אין זיך איינשלינגען און העלפן דעם מענטשן אַדורכצו־גיין דעם צוים. פון די אַרומיקע פעלדער האָט זיך געוויקלט די פינצטער־ניש, אַ שווערע און קאַלטע, וואָס האָט אָנגעזאָגט דאָס נישט־ווייטע אָנקו־מען פון טאָג. מען האָט זיך געמוזט צואיילן. היינטער איר, אויף אַ צען

טריט, האָט געפּויזעט סענדער. איטע איז די ערשטע צוגעקומען צום צוים. זי איז געלעגן אָן אָטעם, אַן אויסגעצויגענע אונטערן שניי. אירע אויגן האָבן געזוכט צווישן די אונטערשטע דראָטן דעם ברייטן שטח, כּדי אַדורכ־צושלעפּן דעם גוף. מען דאַרף זיך נאָר אַ ביסל טיפער אַריינגראָבן אונטערן שניי און אַזוי אַרום דורכפּויזען ווי אַ שלאַנג. איטע שרומפּט זיך טאַקע איין, איינפּרעסנדיק זיך אין דער ערד, ווי זי וואָלט געוואָלט אַריין אין איר שנייִיק לייב. דאָס האַרץ קלאַפּט אין איר אַזוי שווער. זי הערט דאָס קלאַפּן און איר דוכט זיך, אַז עס איז אַזוי הילכיק, אַז מען הערט עס אַוודאי מיילן־ווייט. נאָך גוט, וואָס דער ווינט פּאַרטויבט אַלץ אין אירע אויערן און אויך דאָס קלאַפּן פון איר אייגן צעפּלאָשעט האַרץ.

זי ליגט שוין איצט, איטע, אויף דער צווייטער זייט. זי איז אַדורך. אַ טיפע, וואַרעמע, מענטשלעכע פריידפ האָט זי אין גאַנצן באַגאָסן, צוזאַמען מיט הייסע אַנגסטן אויפן לייב. זי האָט אַריינגעצויגן אין זיך די לופט, וואָס איז געווען קאַלט און פייכט — די לופט אויסערן געטאָ. די אונטערשטע דראָט האָט ביים דורכגיין אַפילו נישט קיין סקריפּ געטאָן. די פאַרשפּיצטע, פאַרזשאַווערטע דראָטן האָבן איצט קלאַנגלאָז געכוואַליעט אינעם ווינט מיט אַ ניגון פון שנייִקער ווייסער פרייקייט פון די אַרומיקע פעלדער. זי וועט ליגן דאָ נאָך אַ ווייל, איטע, און דערנאָך וועט זי זיך אַוועקוויקלען מיטן ראָוו צום וואַלד צו... צום וואַלד, לעבן בזשעזשינער וועג... צום וואַלד... צום וואַלד...

ס'איז געווען די שעה פאַרן אויסברוך פון טאָג, בעת די פינצטערניש איז אַמשטאַרקסטן און אַמטיפסטן. איטע איז געלעגן צוגעדעקט מיט שניי און נאַכט. פאַרכישופט פון דער דאָזיקער פרייקייט אין אַן אָפענער וועלט האָט זי זיך געגורעט אינעם ראָוו ווי אין אַ וואַרעם, ווייך קישן און גע־וואַרט אויף סענדערן.

דער שניי איז איצט געפאַלן גאָר שטיל, אָן ווינטן. הינטערן צוים אויפן בית־עולם האָט זיך סענדער געדרוטשט אויף אַלע פיר, לענג־אויס דעם שמאָלן שטעגל. אַ נייע שניי־שיכט האָט באַדעקט די פאַרפרוירענע ערד און אויסגעגליכן די אומצאָליקע טויטן־בערגלעך. ער האָט איטען שוין נישט געזען. זי איז אַדורך — און איצט דאַרף ער אַדורכגיין. פּויזענדיק אויפן

בויך, האָט זיך ביי אים אין די אַרבל, כאָטש זיי זענען געווען פאַרבונדן מיט שנירלעך ביי די האַנט־געלענקען, אַריינבאַקומען שניי און געלאָשן זיין הויט. די הויט האָט געברענט פון עפּעס אַן אומגעדולדיק פייער. דאָס דאַזיקע פייער האָט אים געשטאַרקט און געצונדן דאָס האַרץ ווי אַ תּפילה, וואָס ברענגט נעענטער צו גאָט. ער האָט שוין געגלייבט, אַז ער וועט ביי־קומען די סכּנה. אַלע טויטע וועלן שיצן דאָס לעבן זיינס. פאַרויס גייען די נשמות פון טאַטע־מאַמע, הייליקע און לויטערע, און נאָך זיי — די געטאָ־טויטע, וואָס זענען אַרויס פון זייער ווייסן, שנייִיקן געלעגער.

דער ווינט האָט זיך איצט שטאַרקער אויפגעהויבן אויף דער צווייטער זייט פון צוים. דער שניי טאַנצט איבער די דראָטן. נאָך איין־איינציקע באַוועגונג פאַרויס — און ער וועט דערגרייכן מיטן קאָפּ דעם דורכגאַנג. ס'איז גוט, וואָס איצט פייפט אַזוי דער ווינט. און אין דאַזיקן פייפן פון ווינט הערט מען אויך אַ דורכלויפנדיק געשריי פון אַ נאַכט־פויגל. ער צאַפּלט אויף, סענדער, פון דאַזיקן פויגלשן געשריי און בלייבט ליגן אַ רגע אָן אָטעם.

ער איז שוין געווען מיט זיין האַלבן גוף אויף דער צווייטער זייט, בעת ס'האָט זיך צעקאַלערט ערגעץ אַ טעמפּער עכאָ פון אַ קלאַפּ. אין דער זעלבער רגע האָט סענדער דערפילט אַ דינעם ברי איבערן שטערן. די ערשטע מחשבה זיינע איז געווען: מסתּם זיך צעדראַפּעט דעם שטערן מיט אַ פעלד־געוויקס. ער האָט געפּרוּווט זיך אַ ריר טאָן — און אים איז געוואָרן וואַרעם איבערן גאַנצן פּנים. אַ פּליסיק שנירל איז אים גערונען גלייך אינעם מויל אַריין מיט אַ קלעפּיקער וואַרעמקייט. דאָס דאַזיקע שנירל האָט אָנגעהויבן וואָס אַ מאָל מער צו וואַרעמען זיינע באַקן און אויך אַריין אין האַלדז. ער האָט געפּרוּווט אַ ריר טאָן מיטן רעכטן פוס — און נישט געקאָנט, גראָד ווי די בית־עולם־ערד אינעווייניק וואָלט אים נישט אַרויסגעלאָזט פון זיך. דאָס ציִען אַזוי די טויטע אים צוריק. ער האָט צו־נויפגעשאַרט זיין פלאַטשיקן גוף, כּדי זיך אַ ריס צו טאָן פאַרויס. זיין גוף איז אָבער צוריקגעפאַלן אַ געליימטער. דאָס איז געשען אַזוי גיך אַז די מחשבה זיינע האָט פאַרלוירן דעם כּוח אויפצונעמען דאָס געשעענע. פּלוצעם האָט דאָס רעשט ביסל ליכט, וואָס האָט נאָך געברענט ערגעץ אין אַ

ווינקל פון זיין געטראָפּענעם קאָפּ — אויפגעלויכטן ווי אַ בליץ. סענדער האָט מיטן לעצטן ביסל כּוח פון זיינע הענט און פיס זיך צוריקגעשאַרט אויפן בית־עולם און געפויזעט היגטערווייַלעכץ אַ פּאָר טריט.

ער איז שוין געלעגן איצט רויִק, דאָס פּנים אין גאַנצן פאַרגאָסן מיט בלוט. ער האָט נאָך געאָטעמט אַ ווײַלע מיט קאַלטן ווינט און שניי. אָבער באַלד איז אים דאָס אָטעמען געוואָרן שטילער, קילער און אויסגעגאַנגען.

דער שניי איז דערווייל נאָך געפאַלן אָן אויפהער. אַ שטילקייט, ווי זי וואָלט זיך אַפּירגעהויבן פון אונטערן שניי, איז געהאַנגען אין נאַכט־חלל. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און דער שניי האָט פאַרדעקט דעם מענטשן. ס'האָט זיך מער נישט געזען ווי אַ פלאַך פאַרשנייט פעלד. טיף אונטערן שניי זענען געשלאָפן די טויטע זייער ווייסן שלאָף. אָט־אָט קומט אָן באַלד דער טאָג. אויף די מיזרח־ראַנדן פון הימל האָבן זיך באַוויזן די ערשטע גראָ־ווייסע, שיטערע פלעקן. דאָס האָבן זיך דאָרט אַזוי צעשאַרט די לעצטע שניי־וואָלקנס פאַרן אָנקומען פון מאָרגן־ליכט. צווישן זייערע פאַלדן אויפן העל־בלאָלעכן נאַכט־הימל האָבן נאָך לאַנג געפינקלט די לעצטע, נישט אויסגעלאָשענע שטערן.

1942

דער רבי פון סאַמפּאָלנע

אין יענעם יאָר איז קיין זומער אין געטאָ אין גאַנצן נישט געווען. ס׳איז שוין געווען אַ שטיק נאָך פּסח — ווי ס׳האָט פּלוצעם ווידער אָנגעהויבן צו יאָגן אַן אייז־קאַלטער ווינט. אין חלל איז געהאָנגען די בלייכקייט פון פאַרביישווימענדיקע טויטע וואָלקנס. נאָכן אָפּטרעטנדיקן ווינטער איז פון חנוכּה־צייט אָן געהאָנגען איבער די דעכלעך אַ נעפּלדיק געוועב פון בלוילעכע שנייען. מען האָט געמיינט, אַז ווי נאָר די זון וועט אָנהייבן שטאַרקער צו וואַרעמען, וועלן די בלויע געוועבן פאַרשווינדן און דער הימל וועט זיך וויזן איבער די דעכלעך. ס׳איז אָבער שוין געווען אַ שטיק אין זומער אַריין — און מען האָט אַלץ דעם הימל לחלוטין נישט אַרויסגעזען. אין די באַגינענס, ביי זון־אויפגאַנג, האָט זיך בלויז ווו נישט ווו יאָ אויף אַ רגע אַ ווייז געטאָן אַן אָפּגעריסן פּיצל הימל־בלויקייט. איז עס אָבער באַלד צערונען, וואָרעם דער ווינט, אַ קאַלטער און שדישער, האָט דאָרט אַראָפּגעלאָזט זיינע פאַרסאַזשעטע וואָלקן־פאָרהאַנגלעך. דורך די פענצטער־פראַמוגעס און אין די בוידעם־לעכער איז אַן אויפהער אַרומגעלאָפן אַ רוחותדיקער, פון קעלט אָנגעשוואָלענער ווינט. ייִדן, וואָס האָבן שוין באַצייטנס געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די דיקע, אויסגעטראָגענע מלבושים, האָבן זיי ווידער אָפּירגענומען פון אונטער די פּריטשעס און אויף ס׳ביי געזוכט עפּעס צו צעהאַקן אויף האָלץ. דורך אַ גאַנצן טאָג האָט די זון אָהער נישט אַראָפּגעקוקט. אין די געסלעך האָט זיך געזיפּט אַ טריבע פינצטערניש. מיט יעדן טאָג איז די דעמערונג געוואָרן געדיכטער. טייל מאָל האָט זיך פון אונטער די וואָלקנס אויפן הימל אַדורכגעשלאָגן אַ געלבלעכער פלעק, מיט שטאַרק־פאַרוויטלטע, אָנגעלאָפענע ראַנדן. דער פלעק האָט זיך פאַמעלעך געגליטשט ווי בעת אַ ליקוי חמה און אויסגעזען

אונטער די וואָלקנס ווי אַ גרויסע, אָנגעצונדענע, מעשענע מטבע.

צווישן די ייִדן, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין געסל, האָט זיך גע־זעצט אַ פּחד און צוגלייך אַ ציטערדיקע, ייִדישע טרייסט. פון אָפּגעראַ־טעוועטע אַלטע ייִדישע ספרים איז עמעצער דערגאַנגען, אַז אין דעם זעלבן יאָר טאַקע וועט אין די גלגלים פאָרקומען אַ גרויסע איבערקערעניש און אויפטרייסלונג, וואָס קאָן ברענגען צום אונטערגאַנג פון דער וועלט. און זיין וועט דאָס אין אַ צייט פון גרויסע ייִדישע צרות און רדיפות. דורך רמזים און פאַרוויקלטע גמטריות האָט מען אויסגעפונען, אַז דאָס דאָזיקע יאָר וועט זיך אָנהייבן מיטן פאַרשווינדן פון זומער. צו ערשט וועלן זיך שטעלן טעג קורצע, אָפּגעהאַקטע. די זון וועט זיך קוים אַ מאָל באַווייזן, ביז זי וועט זיך אין גאַנצן אויסלעשן. זי וועט הענגען ווי אַן אויפגעהאָנ־גענער לאָמפּ אין חלל צווישן די וויסטע גלגלים. פייגל וועלן אין מיטן פלי אַראָפּפאַלן טויטע אויף דער ערד ווי שטיינדלעך.

ס׳איז אָבער געווען אַ צווייטער כּת ייִדן פון זעלבן געסל, וואָס האָט געזאָגט גאָר פאַרקערט: — די זון וועט טאַקע זיך נישט ווייזן, זי וועט אויסזען ווי איינגעלאָשן, נאָר דורך צירופים און אַלערליי פסוקים האָבן זיי אויפגעוויזן, אַז דאָס וועט נאָר זיין אַן אָנדייט אויף דעם, אַז די וועלט גרייט זיך צום גרויסן קץ... לויט זיי וועלן אָנקומען טעג אָן ליכט. די זון וועט זיין ווי אָפּגעשטאָרבן. די שטערן וועלן פאַרשווינדן פון די געוועלבן. שטאַרקע שניי־זאַווערוכעס, מיט דונער און בליץ, וועלן אויסברעכן. אָבער דאָס אַלץ וועט זיין אַ סימן, אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן... דאָס וועט טאַקע געשען אין יאָר פון טיפסטער פינצטערניש פאַר ייִדן. און אין דעם דאָזיקן יאָר פון די גרעסטע ייִדישע צרות וועט פון מיזרח־זייט, צוזאַמען מיטן מאָרגנשטערן, אויפגיין אַ העל ליכט. און דאָס ליכט וועט קומען ווי אַ שׂרפה, וואָס וועט פאַרלענדן אַלדאָס בייז פון דער וועלט, אויסראָטן דעם שׂטן און אַלע משחיתים פון ייִדישן פאָלק. ס׳וועט קומען די שעה פון ליכט און דערלייזונג...

ווייבער און אַלטע ייִדן פון געסל האָבן געזען טאַקע אינעם משונה־דיקן זומער אַלערליי סימנים, וואָס זענען אויסגעלייגט אין די הייליקע ספרים. די גזרות פון דייטש האָבן טאַקע געברענגט צו דער גרעסטער

פינצטערניש פאַר ייִדן. אַרום און אַרום זענען די הייפלעך געשטאַנען אָפענע און וויסטע ווי טהרה־שטיבלעך. דאָרט זענען געלעגן די געשטאָרבענע, נאַקעטע און נישט פאַרדעקטע. קיינער איז זיי נישט געקומען צונעמען. די פאַרשטאָרבענע זענען געזעסן ביי די טישן, אָנגעלענט אויף די עלנבויגנס און אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געדרימלט. לעבן זייערע גרויע, אויסגעלאָשענע קעפּ זענען געלעגן פאַרטריקנטע קאַרטאָפל־שאָלן.

די פּאָר צענדליק פאַרבליבענע ייִדן פון געסל פלעגן זיך ערשט פאַר נאַכט אַריינכאַפּן צום סאַמפּאָלנער אָפּצודאַווענען בסוד אין זיין חדרל. דער סאַמפּאָלנער האָט ביי זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָפּלטער וואַנט אַ שמאָל ספר־תּורהלע, וואָס איז געווען אַרומגעהילט מיט אַ בלוי מענטעלע, אויסגעזעצט מיט פאַרשיידענע בלישטשענדיקע שטיינער. קיינער האָט נישט געוווּסט, פון וואַנען עס נעמט זיך צום זקן דאָס ספר־תּורהלע. שטילערהייט האָט מען טאַקע געזאָגט זיך, אַז די אַלע סברות און נביאות שטאַמען פון אים אַליין, פון סאַמפּאָלנער רבין. ער האָט עס ביי יעדן דאַווענען אָנגעזאָגט די ייִדן די גוטע בשורה... ער האָט עס אַלץ אַרויסגעלייענט פון די הייליקע ספרים...

*

דער רבי פון סאַמפּאָלנע איז געזעסן ביי זיך אין חדרל אַן איינגעהויקערטער איבער אַ צעריסענעם, פאַרשטויבטן ספר. אין שטיבל איז געשטאַנען בלויז אַן עמער מיט וואַסער און אין ווינקל — אַ בענקל מיט דריי פיס. דאָס פערטע פיסל איז געווען אַ רויטלעכער שטויס ציגל. אויפן פענצטערל איז געזעסן אַן אַלטע, דיקע קאַץ, וואָס איז דעם רבין נאָכגעגאַנגען די לעצטע חדשים טריט ביי טריט. ביי נאַכט האָט זי אַפילו געדרעמלט מיט אים צוזאַמען ביי זיינע דאַרע פיס. ס׳איז געווען אַ ביסל אויסטערליש. בעת אין געטאָ זענען קיין קעץ אין גאַנצן שוין נישט געווען, האָט זיך ביים סאַמפּאָלנער די קאַץ געכאַוועט און זיך געפּאַשעט. דער רבי פלעגט שלאָפן תּמיד אין די זאַקן, מיט אַן אָפענעם טלית־זאַק ביי דער זייט. ער פלעגט זיך אויפרייסן פון מיטן שלאָף, אַרויפוואַרפן אויף זיך דעם טלית און פלוצעם מאַכן אַ גוואַלד. ער האָט געברילט, געשריִען און געטופּעט מיט

די פּיס אין דיל. שכנים האָבן זיך אויפגעכאַפּט און געמיינט, אַז די דייטשן שלעפּן שוין ווידער ייִדן אויפן הויף אַראָפּ... אָבער דער רבי האָט לאַנג נישט געשריִען, וואָרעם די כּוחות האָבן אים פּאַרלאָזט צוליב זיין קראַנק, אַלט האַרץ. ער האָט אָנגעהויבן צו וויינען און איז פאַרגאַנגען ווי אַ קליין, שוואַך עופעלע. די גאַנצע צייט האָט זיך אים די קאַץ געוויקלט ביי די פּיס און אַרויסגעגעבן פון זיך קינדישע יללות. ער האָט זיך דערנאָך אוועק־געשטעלט, דער סאָמפּאָלנער, ביים פענצטערל און געקוקט צו די שטערן. מיט די הענט האָט ער בייביידע זייטן אָנגעהאַלטן די פענצטער־פראַמור־געס. דערנאָך האָט ער אויפגעפּראַלט די פענצטער און אַרויסגעשטעקט זיינע ביידע געלע הענט ווי לאַנגע, וואַקסענע יום־כּיפּור־ליכט.

— געוואַלד, טאַטע זיסער!... ווי לאַנג? ווי לאַנג? — פרעג איך דיך!... ווי לאַנג דאַרף איך, דער סאָמפּאָלנער, קלאַפּן אין דיינע שערי רחמים?... געוואַלד, טאַטע זיסער, געוואַלד!...

ער איז לאַנג געשטאַנען אַן איינגעוויקלטער אין טלית ביים אָפענעם פענצטערל און אַזוי געשריִען אין הייפל אַרויס צו די שטערן.

ייִדן האָבן דעם סאָמפּאָלנער נאָך לאַנג פאַר דער מלחמה געהאַלטן פאַר אַ ייִד אַ חסר־דעה... אַז ס'פלעגט עמעצער איבערטרעטן זיין שוועל, פלעגט ער קודם כּל יענעם שטאַרק אָנהייבן צו טרייסלען און דערנאָך אים מכבד זיין מיט פייערדיקע פּעטש. שפּעטער פלעגט ער אַרויסנעמען פון שאַנק אַ קליין פויעריש פידעלע אויף דריַי סטרונעס און אויסשפּילן עפּעס אַ שיינעם ניגון. דער סאָמפּאָלנער האָט געשפּילט און געהאַלטן אין איין שרייען:

— אייזל!... פויערן־וואַיטיק!... הערסט נישט דעם ניגון פון משיח בן דוד?

און שפּעטער האָט ער דעם ייִד אַרויסגעוואָרפן הינטער דער שוועל מיט אַ פּאָר בוכצעס.

וואָס מער דער סאָמפּאָלנער האָט געפּאַטשט און געטריבן פון זיך דעם עולם, אַלץ מער זענען ייִדן געגאַנגען צו אים און געוואָלט כאָטש אויסהערן זיין פידל־שפּילן. טייל האָבן געזאָגט, אַז נאָך דעם ווי זיי האָבן געהערט דאָס פידעלע, האָט זיך ביי זיי דאָס האַרץ געעפנט. אַ יום־טובדיק

ליכט האָט פאַרפלייצט זייער גאַנץ אינגעווייד. דער גרעסטער טייל האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון. זיי האָבן אויסגעטייטשט, אַז דער סאַמ־פּאַלנער איז פשוט אַ ייִד אַ משוגענער... אָדער נישט אַנדערש, אַז ער האָט צו טאָן מיט כּישוף...

*

און אַז די געלבלעכע דעמערונג איז אין געטאָ געוואָרן געדיכטער האָט דער סאַמפּאַלנער געהייסן איינפּאַקן דאָס רעשט ביסל ייִדישקייט, מאַכן קליינע קלומיקלעך און זיין גרייט אויף גרויסע געשעענישן. ייִדן האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן בפירוש געזען ביי נאַכט אויפן פינצטערן הימל, ווי די גרויסע שטערן אין מערב־זייט האָבן זיך איינציקווייז אויס־געלאָשן און צעפאַלן. זיי זענען אַראָפּגעפאַלן אין פּיק־פּיצלעך איבערן תהום, ווו ס'שפּרייט זיך אויס דאָס געטאָ...

פון אַלע טעג אין חודש סיוון איז דער דרייצנטער טאָג אויפגעשטאַנען אַ מער פינצטערער ווי די פריִערדיקע טעג. דאָס קאַרגע ביסל פאַרטאָג־ליכט איז באַלד צעשוווּמען געוואָרן. אין סאַמע מיטן טאָג איז ווידער גע־וואָרן נאַכט. אַ קלעפּיקע פינצטערניש האָט זיך געשאַרט אין די ווינקלען. די זון איז גאָרנישט אויפגעגאַנגען. פון געסל זענען אַלע ייִדן אַריינגע־לאָפן דורך די הינטער־הייפלעך צום סאַמפּאַלנער רבין. ווייבער האָבן גע־וואָלט אָנהייבן צו יאָמערן אויפן קול, נאָר אַז זיי האָבן דערזען, ווי דאָס חדרל פון סאַמפּאַלנער איז איבערפולט מיט ייִדן און ער אַליין, דער זקן, שפּרייזט אַרום אין הויכע, ווייסע זאָקן, — האָט זיך פון זיי אָפּגעטאָן דאָס געוויין. ס'איז געווען אַ היציקער געדראַנג איבער דער שוואַרצער שוועל פון חדרל. מ'האָט בפירוש געזען די וואָרהאַפטיקייט פון אַלע פאַרויסזאָ־געכצן: ייִדן האָבן אַרומגערינגלט דעם סאַמפּאַלנער, געקוקט אונטערטעניק אין זיין אויסגעקרימט, ווייס פּנים. זיין אַלט פּנים איז געווען באַוואָרפן מיט אַ פלאַם פון אַן אינעווייניקסטער, נישט מענטשלעכער שׂימחה. די הויזן זענען אים אונטערן צעריסענעם כאַלאַט יעדע רגע אַריבערגעפאַלן איבער די ווייסע זאָקן. ער האָט זיך איינגעבויגן צום דיל, כּדי זיי צו פאַרריכטן, — איז ער אַזוי געלעגן אַן איינגעבוקטער אַ לאַנגע צייט, ווי ער וואָלט



אַריינגעוויינט אין זיין שויס. בעת ער איז אַזוי געלעגן, האָט אויך אין דער פינצטער זיין מגן־דוד־לאַטע אויף דער פּלייצע אָנגעהויבן שלאָגן מיט אַ גאָלדענעם, שיינעם גלאַנץ. אין שטיבל איז געווען אַזוי פינצטער, אַז מ'האָט נישט געזען איינער דעם צווייטנס פּנים. די קינדער אויף די ווייבערס הענט האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען און שרייען „מאַמע...". דאָס חדרל איז געוואָרן אַזוי פול, אַז מ'האָט שוין געמוזט שטיין אויף איין פוס. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ בייזע טונקלקייט, ווי אַ צעפּאַטלטע מכשפה. דער סאַמפּאָלנער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם טלית, און, אויפהייבנדיק איבער די ייִדנס קעפּ דאָס ספר־תּורהלע, האָט ער הייזעריק אַ געשריי געטאָן:

— ייִדן, זייטס גרייט!... לאָמיר גיין, לאָמיר אַלע גיין!... שטאַרקט זיך, ייִדן!... לאָמיר אַרויסגיין... לאָמיר אַרויסגיין צוזאַמען!... קומטס ייִדן!...

ער איז דער ערשטער אַרויס. נאָך אים איז געגאַנגען די עדה אונטערן אויסגעלאָשענעם הימל מיט אַ פאַרכטיקן, שטילן גאַנג איבער די שטיינער. קיין פּיצל זון־שיין איז נישט געפאַלן פון אויבן. זיי זענען אַלע זייער לאַנג געגאַנגען, וואָרעם דאָס געסל איז געווען אַ שמאָלס און זיך פאַרענדיקט מיט אַן אויפגעהויבענער, טונקעלער וואַנט. דער סאַמפּאָלנער איז אַלץ געגאַנגען פאָרויס מיטן ספר־תּורהלע אויף דער האַנט. דורך אַן ענג טירל אין וואַנט האָט זיך דער עולם איצט געלאָזט גיין אויף ווייכער ערד. מען ווייסט נישט, ווי אַזוי מען איז פּלוצעם שטיין געבליבן אויפן ריינעם פעלד, וואָס פירט צום מיטן פון בית־עולם. מען האָט עס דערקענט דערפון, וואָס ווייבער זענען גייענדיק געפאַלן און מיט די הענט אָנגערירט די מצבות. זיי האָבן זיך דערשראָקן, צוגעלאָפן נעענטער צום סאַמפּאָלנער זקן און אָנגעהויבן צו שרייען:

— סאַמפּאָלנער רבי!... ווו פירט איר אונדז? סאַמפּאָלנער רבי!... קערט זיך צוריק, גייט נישט דאָרט... דאָרט זענען דאָך די דראָטן!... סאַמ־פּאָלנער רבי!... סאַמפּאָלנער רבי!...

נאָר דער סאַמפּאָלנער האָט שוין גאָרנישט נישט געהערט, וואָס די ווייבער שרייען צו אים. ער איז געגאַנגען מיטן אַרומגענומענעם ספר און אויך אָנגעהויבן צו זינגען פאַר זיך אַליין אַ ניגון. דאָס איז געווען אַן אַל־

טער טאַלנער ניגון — און עטלעכע ייִדן האָבן אין דער פֿינצטער אונטער־געהאָלפֿן. ס'האָט גאָר פּלוצעם אָנגעהויבן בלאָזן אַ קילער, פּראָסטיקער ווינט. אַפֿילו אַ לייכטער שניי, ווי זילבערנע מטבעות, האָט אָנגעהויבן צו פּרישען אויף די ייִדנס קעפּ. אַ גרין, שאַרף ליכט האָט אַ שניט געטאָן אין דער פֿינצטערניש, גראָד ווי אַ בליץ וואָלט באַלויכטן דעם פֿאַרצוימטן שטח. די ייִדן זענען געגאַנגען מיט שמאָלע סטעזשקעס צווישן אַלטע ייִדישע מצבות. די שניי־זאַוויערוכע און דער בליץ זענען געווען די לעצ־טע סימנים לויט די הייליקע ספֿרים. דער סאַמפּאָלנער האָט שוין געטראָגן איצט אויף איין אָרעם אַ קליין קינד און אויפֿן צווייטן — דאָס אַרומגע־הילטע ספֿר. ער איז געגאַנגען טאַנצנדיק און געשריִען הינטער זיך:

— ייִדן, שרעקט זיך נישט!... זעט — אַלע צוימען פֿאַלן!... אַלע גרע־נעצן פֿאַרשווינדן!... מיט כּוח ייִדן, אַרויס!... אַרויס!... אַרויס!... זעט, נישטאָ קיין צוים מער!... ייִדן, לויבט דעם בורא עולם!...

און דער סאַמפּאָלנער רבי איז טאַקע געגאַנגען דער ערשטער אויפֿן פּיצל פֿעלד לעבן די אַלטע, איינגעפֿאַלענע מצבות. ער האָט זיך אָבער פּלו־צעם אויסגעגליטשט. און פֿאַלנדיק מיטן שטערן אָנגעקלאַפּט אין קאַנט פֿון אַ שטיין. ער האָט זיך אָבער באַלד גיך אויפֿגעהויבן און ווייטער גע־גאַנגען. ס'האָט נאָך אַ מאָל אַ בליץ געטאָן אויף די נידעריקע ערד־בערג־לעך. גרינע שטרייפֿן האָבן זיך געשלענגלט פֿון דער פֿינצטער. דער שניי האָט האַסטיק געפּרישעט. דעמאָלט האָט דער סאַמפּאָלנער בחוש שוין גע־זען: פֿון די פֿינצטערע טויטן־בערגלעך האָבן זיך אויפֿגעהויבן געשטאַלטן — מאַנצבילן, ווייבער און קינדער, אין זייערע לויזע טויטן־העמדער און טייל אין גאַנצן נאַקעטע. זיי זענען אַלע געגאַנגען צו מיזרח־זייט. הינטער דער עדה האָט נאָך אַ מאָל אַ בליץ געטאָן. זיי זענען געגאַנגען גיך פֿאַרויס, באַגאָסענע מיט אַ גרין, ציטערדיק ליכט.

1943

אַ ייִד פון בית־עולם

שוין תּחילת פרילינג האָט מען דערקענט, אַז דער אָנקומענדיקער זומער וועט זיין אַ שטאַרק וואַרעמער און געבענטשטער. נאָך אַ שנייִקן ווינטער האָבן זיך לסוף באַוויזן גאָר, גאָר הויך די דורכזיכטיקע פרילינג־געוועלבן: די הימלען זענען רחבותדיק און טיף געהאָנגען איבערן געטאָ. זיי האָבן דאָ, אין דער נידער, אַראָפּגעגאָסן אַ ווייס, מילד, שוין פאַרגעסן ליכט. אַממייסטן האָט זיך עס אָנגעזען אינעם בלייִעכץ, אינעם ביסל גרינס, וואָס האָט זיך געריסן פון אונטער די שטיינער. ס'האָט פּלוצעם געגעבן אַ שפּראָץ־אַרויס און אַ שפּאַר געטאָן אין אַזאַ אויסטערלישן, גרינלעכן פרייד־אימפּעט מיט כּלערליי זאַפטיקע, ערדישע קאָלירן. אויף די קליינע הייפלעך האָבן זיך איבער נאַכט מיט איין מאָל די פּאָר איבער־געבליבענע, נידעריקע, דאַרע קשאַקעס באַוואָרפן מיט גרין־זיידענע און ווייך־פלושענע העמדלעך. אַפילו קליינע, משונהדיקע זינג־פייגעלעך, נישט קיין וורובליעס, זענען אָנגעלאָפן פון די דרויסנדיקע פעלדער. זיי זענען געזעסן פאַרבאַהאַלטן אין די אַרומיקע קשאַקעס לעבן די דראָטן, איבערזינגענדיק זיך מיט די געטאָ־וורובליעס אויף די צעבליטע בעז־צווייגעלעך. צוזאַמען האָבן זיי געטרילערט אַן אויפגייענדיק, פּלוצעמדיק געזאַנג, וואָס האָט דערציילט פון אַן אויפשפּראָצנדיקער פרילינג־ליכטיקייט און פון נאָר־וואָס געבוירענע ערגעץ־ווו, יונגע וואַלד־ווינטעלעך.

וואָס נעענטער צו די מאַרישינער פעלדער אַרום געטאָ־בית־עולם, אַלץ מער האָט מען אָנגעזען דאָס פּלוצעמדיקע קומען פון זומער. דאָס גרויסע, גרויע טויטן־פעלד איז געוואָרן אַ בלייִענדיקער, גרינער גאָרטן, ווו אונטער די בייטן זענען פרידלעך געשלאָפן די טויטע. אויף ביידע זייטן פון די זאַמדיקע פעלדער זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין אַ ריי די אַלט־

דורותדיקע פוילישעביימער: די הויכע טאָפּאָליעס לעבן די בלעטער־שפּי־
ציקע קלאָנעס, די איינגעבויגענע ווערבעס און די רויטלעכע קאַשטאַנען.
צופוסנס זיי האָבן זיך געטוליעט די נידעריקע, ברייטלעכע קשאַקעס מיט
באַבלעטערטע ריטלעך, פון וואָס מ׳האָט אַמאָל געניצט גרינס אויף שבועות
אין יידישע שטובן. דאָס אַלץ האָט זיך איצט געוויגט אין אַן אויפגייענדיק,
פריש בלייעכץ. דאָס איז אויך געווען דער איינציקער צעבליטער, גרינער
וועג אין געטאָ, וואָס האָט געפירט דאָס לעצטע מאָל די געשטאָרבענע אויפן
ריינעם פעלד אַרויס. דורך דעם דאָזיקן גרינעם וועג זענען טאָג־איין טאָג־
אויס, פון באַגינען ביזן אויפגאַנג פון די שטערן, געלאָפן די שוואַרצע
וועגעלעך. קיין מלווים זענען דאָ קיין מאָל נישט מיטגעגאַנגען — זענען
די וועגעלעך גיך־גיך געלאָפן מיטן שמאָלן, איינזאַמען שטעגל אונטער די
צעשפּרייטע און צעבליטע ביימער. אויפן וואָגן־דעכל, ווו ס׳זענען געלעגן
אונטער אַ גרויס, שוואַרץ טוך די שפּיציקע פּנימער פון רונדיק־אָנגעלאָ־
פענע גופים, איז אַן אויפהער געפאַלן אַ ווייס און שיטער ביימער־בלייעכץ
— אָפּגעריסענע, גרינלעכע, נאָר־וואָס געבוירענע קנאָספּן און העל־גרינע,
יונגע בלעטער, וואָס דער ווינט האָט ווי אין אַ רעגן פון ווייס בלייעכץ
אַראָפּגעטראָגן פון די ביימער. אין דרויסן, אויפן ריינעם פעלד, האָבן די
קברנים געמוזט גוט אויסשאָקלען דאָס שוואַרצע צודעק־טוך — אַזוי גע־
דיכט זענען זיינע אַלע פאַלדן געווען באַשאָטן מיטן לופטיקן ביימער־
בלייעכץ.

דער פרילינג אין יענעם יאָר איז טאַקע געווען אַ קורצער. באַלד האָט
זיך געשטעלט דער זומער. די יידישע קברנים האָבן דערזען, אַז איבער
נאַכט איז אויפן פעלד אַלץ גרין געוואָרן. ווען זיי זענען אַרויס פאַר טאָג
אויפן פעלד כּדי צוצוגרייטן די טעגלעכע גריבער, איז דער גאַנצער שטח
שוין געלעגן אין גרינס, ווי ס׳וואָלט שוין געווען העט נאָך שבועות. און
אויסטערליש איז דאָס געווען, וואָס אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיך
אויף די קשאַקעס לעבן די מצבות פלוצעם באַוויזן, תּחילת בלאַס־גרינ־
לעכע, דערנאָך שוין לייכט־פאַררויטלטע, די בית־עולם־מאַלינעס. ס׳האָט
לאַנג נישט געדויערט, ווי די מאַלינע־קשאַקעס זענען אַלע געשטאַנען באַ־
וואָרפן מיט אַ גרויס, געבענטשט גערעטעניש. די מאַלינעס אויף די בית־

עולמס זענען תּמיד אַנדערע ווי אין די וועלדער אָדער אין אָפענע פעל־דער. זיי זענען דאָ אַזוי גיך געוואַקסן, די מאַלינעס, אַז מ׳האָט אָנגעזען ווי זיי זענען עפּעס גאָר אַנדערש ווי יעדעס יאָר. זיי זענען דאָס מאָל גע־ווען שטאַרק פאַררויטלטע, מיט אַזאַ משונהדיקער רויטער קאָליר, גרויסע און פליישיק־קיילעכדיקע און ביים מינדסטן אָנריר האָבן זיי געלאָזן אויף די פינגער אַ שאַרפע, טונקעלע רויטלעכקייט. זיי זענען אויך זייער פרי רייף געוואָרן, געווען ווי קליינע קינדערשע פויסטלעך און געהאָנגען ני־דעריק איבער די זאַמדיקע טויטן־בערגלעך ווי אַ הימל באַזייט מיט אומ־צאָליקע, רויטע שטערן.

די יונגעץ פלעגן בעתן מקבר־זיין די מתים אָן אויפהער שלאָגן מיט זייערע שאַרפע שפּאַדלעס איבער די מאַלינע־קשאַקעס, כאָטש דאָס איז זיי געווען פאַרווערט צו טאָן. זיי פלעגן פולע הויפנס מיט מאַלינעס שטופּן אין די אָפענע מיילער. אַ רויטע פליסיקייט איז דעמאָלט זיי געראָנען איבער די ליפּן. בגנבה פלעגן זיי אויך אָנשטופּן זייערע קעשענעס מיט די מאַ־לינעס און אַרויסטראָגן אין געטאָ אַריין. אויף אַלע זייטן אַרום דעם בית־עולם זענען געשטאַנען אַרומגעשטעלט שומרים, וואָס האָבן געהיטן די מאַ־לינע־קשאַקעס, וואָרעם די אַלע פעלדער מיט די אומצאָליקע מאַלינע־קשאַקעס זענען געשטאַנען צום רשות פונעם איינציקן ייִד — דעם ייִדן־עלטסטן פון געטאָ ליצמאַנשטאָט.

*

פון די אַלטע קברנים איז נאָר פאַרבליבן דאָ דער איינציקער — דער פעטער כיל. דער פעטער כיל איז געווען דער מאַמעס אַ ייִנגערער ברודער. נאָך איידער ער האָט איבערגענומען דאָס קברנות פונעם עלטער־פעטער פנחסל, האָט ער צוזאַמען מיט שקצים געהאַלטן אין באַלוט טויבן אין אַ קעמערל און דערפון זיך מפרנס געווען. ער פלעגט אויך פאָרן אויף די יאַרמערק און דאָרט איינהאַנדלען פויערישע טויבן. פאַרנדיק אַהין, פלעגט ער תּמיד מיטנעמען מיט זיך עטלעכע, שוין היימיש־אויסגעהאָדעוועטע טויבן און דאָרט זיי אָפּלאָזן אויפן מאַרק. די טויבן פלעגן תּמיד אָנקומען קיין באַלוט, פון וואָס דער פעטער כיל איז געווען זייער שטאָלץ. שפּעטער,

אַז ער האָט חתונה געהאַט און דאָס ווייב איז אים פּלוצעם אָפּגעשטאָרבן, האָט ער אָוועקגעוואָרפן די טויבן, וואָס אַן אמת, מיט אַ שטיקל צעבראָכן האַרץ. דער עלטער-פעטער פּנחסל, וואָס איז געווען דער בעל-מתעסק אויפן גוטן אָרט, האָט, נאָך דעם ווי מען האָט מקבר געווען דעם פעטער כילס ווייב, אים אַריינגערופן צו זיך אין חדר און געהייסן זיין טאָכטער חוהן שטעלן לעקעך מיט בראָנפן. משמעות, אַז שוין דעמאָלט האָט דער עלטער-פעטער פּנחסל אָפּגעשמועסט צווישן ביידן אַ חתונה. צי ס׳איז באמת אַזוי געווען, איז מיר קיין מאָל נישט געלונגען צו דערגיין. נאָר ס׳בלייבט אַן אמת, אַז נישט לאַנג נאָכן ווייבס טויט האָט דער פעטער כיל ווידער חתונה געהאַט און אויך באַלד איבערגענומען דאָס קברנות.

דער עלטער-פעטער פּנחסל, וואָס האָט נאָך געדענקט די צייטן פון כאָלערע, האָט נאָך דער חתונה שוין לאַנג נישט געלעבט. ער איז שוין גע־ווען העט איבער די אַכציקער. אין מיין משפחה זענען די קברנים אַלע אָפּגעשטאָרבן זאַטע מיט יאָרן. ער האָט נאָך באַוויזן דעם פעטער כיל אַריינצופירן אין די סודותדיקע וועגן פון דער קברנישער פּרנסה, אים אויס־געלערנט מאַכן אַן אל מלא רחמים, שטעלן אַ מצבה-שטיין, דערקענען די ערד, ווו זי איז טרוקן און גוט און ווו זי וועט זיך אַראָפּלאָזן, וואָרעם אונטער איר רייסן זיך אַדורך די וואַסערלעך פון נאָענטן סטאַוו. ער האָט אים אויך געלערנט זיך אַרויספּלאָנטערן פון די הונדערטער גאַסן און געסלעך, וואָס האָבן, פאַרוואַקסענע מיט וועלקנדיקע גרעזער, באַדעקט דעם גרויסן יידישן בית-עולם. בעת איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזען דעם פעטער כיל, איז ער שוין געווען אַ פופציקער און איך האָב נאָר-וואָס אָנגעהויבן צו לייגן תפילין. ער האָט געוווינט אין דער רויטער, ציגלנער געביידע צוזאַמען מיט אַנדערע קברנים. די וואַנט פון דער דאָזיקער געביי־דע האָט זיך אָנגעלענט אין טהרה-הייזל. נאָך איצט געדענק איך, אַז איך בין דאָס ערשטע מאָל אַרויס אויפן בית-עולם ווען ביי אונדז, אויפן הייפל, איז אַ שכן אָפּגעשטאָרבן. דאָס ערשטע מאָל האָב איך דעמאָלט געזען דעם יידישן טויט. מיין יונג הערצל איז געווען איבערגעפילט מיט געוויין און שרעק פאַרן אייגענעם טויט, וואָס דאַרף יעדע רגע אָנקומען, בעת מ׳האָט דעם שוואַרצן קאַסטן פאַררוקט אינעם גלאַנציקן, פינצטערן וואָגן.

דערצו איז דער געיאָמער פון דער משפחה און פון גאַנצן הויף ייִדן מיר נאָכגעגאַנגען, ווי איך אַליין וואָלט שוין געלעגן אַ געשטאָרבענער אין קאַסטן. קיינער פון די שטוביקע האָט נישט געזען, ווי איך בין נאָכגעלאָפן דעם וואָגן ביז אויפן ריינעם פעלד. איך האָב געוואָלט מיט די אייגענע אויגן זען דעם ווייטערדיקן סוף פון טויט.

און דעמאָלט האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזען דעם פעטער כיל, דעם קברן.

זיין פּנים איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ העל־רויטלעכער באָרד, וואָס האָט אין גאַנצן אַרומגעקרייזט זיין ברייטלעך פּנים. פון דער ווייטנס האָט זיין באָרד אויסגעזען ווי אַ גרויס, געדרייט וויינטרויב־שטענגל און טייל מאָל אויך ווי אַ שאַרפער, שפּיציקער רידל. די דאָזיקע באָרד האָט אים אין גאַנצן פאַרדעקט די נאָז, אַפילו די שלייפן, און מ׳האָט נאָר אַרויסגעזען זיינע קליינע, בלוילעך־וואַסערדיקע אויגן ווי סאַזשלקעס. ער איז געווען הויך און פעסט און געהאַט אין זיינע אַקסלען עפּעס פון אַ מצבה־שטיין. מיט דער לאָפּעטע, פאַרוואָרפן אויף זיינע ברייטע, שטיינערנע אַקסלען, האָט דער דאָזיקער ייִד אויסגעזען, טרעטנדיק צווישן די קברים, ווי אַ פויער, וואָס גייט אויפן פעלד טאָן זיין הייליקע ערד־אַרבעט. ער איז מיר דעמאָלט אַקעגנגעגאַנגען אויפן וועג. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ רונדיק, אויסגעשניטן היטעלע און זיינע שטיוול האָבן שטענדיק, סיי זומער, סיי ווינטער, געטראָגן אויף די כאַליעוועס די פאַרטריקנטע, געלבלעכע גרודעס פון קבר־ערד. איך האָב נישט געקאָנט אַראָפּנעמען מיינע יונגע אויגן פון דער דאָזיקער צוגעקלעפּטער ערד אויף זיינע שטיוול, וואָס האָבן מיר אויסגעזען שוין צו קומען פון יענער וועלט. בעתן רעדן פלעגט ער תמיד אַרויפלייגן זיין האַנט אויפן פּנים און פונאַנדערשפּרייטן אין ביידע עקן די ווילד־פאַרוואַקסענע באָרד, ווייזנדיק זיין ברייט, לאַכנדיק מויל. ער האָט תמיד געלאַכט מיט אַ קלינגענדיק, העל געלעכטער און מיר האָט זיך דעמאָלט געדוכט, אַז פון זיין מויל בולבעט אַרויס, ווי פון אַ פלאַש, עפּעס אַ פאַרכּישופט, מתימדיק געלעכטערל פון יענער וועלט. ער פלעגט שטיין זייער נאָענט איבער מיר, אָנגענומען מיך פאַר די הענט און פּליסטערן:

— נו, ווילסט זיך אפשר אויסלערנען די מלאכה פון מלאך־המוות?

אין פעטער כילס שטוב איז תּמיד געשטאַנען אַ וואַרעמער געטומל פון פרעמדע ייִדן און ווייבער ווי אין אַ שענק. זיי זענען אָן אויפהער, די מענטשן, געגאַנגען אַריין און אַרויס — פון פעלד און צום פעלד צו. ייִדן זענען געשטאָרבן ווייט אין גרויסן כּרך — און דאָ איז מיט די אָוועק־גייענדיקע געטאָן געוואָרן זייער לעצט ייִדיש רעכט. דאָס זענען געווען אַלץ מענטשן, וואָס האָבן די חיונה געצויגן פון גרויסן ייִדישן בית־עולם: מצבה־קריצער און מתעסקים, קוויטלעך־שרייבער און תּהילים־זאָגער, גרעבער און טהרה־לייט, קלאָג־ווייבער און סתּם אָרעמעלייט, וואָס האָבן אַזוי ליב תּמיד זיך צו האַלטן נאָענט ביי די בית־עלמינס. דעם פעטער כילס צווייט ווייב, די מומע חוה — אַ הויכע, טרוקענע ייִדענע מיט דריי בינטלעך שליסלען פאַררוקט אין איר רויטלעכער שירץ, האָט געהאַלטן אין איין באַקן לעקעכער און דערנאָך געשניטן פון זיי אויף אַ זילבערנער טאַץ דיקע שטיקער צום פאַרבייסן נאָכן ברענענדיקן ספּירט, וואָס די ייִדן האָבן דאָ געטרונקען פון העל־בייכיקע פלעשער. און געטרונקען האָבן נישט בלויז די דאָיִקע תּושבים, געטרונקען האָבן אויך די מלווים, גייענדיק פון ריינעם פעלד, פון אַ לוויה אָדער קבר־אָבות, און יעדער וואָס איז נאָר אַריבער דעם פעטער כילס שוועל. אין שטוב איז תּמיד געווען טומלדיק, וואַרעם און רעשיק מיט לעבן. מ׳האָט זיך געהאַלטן איז איין ווינטשן לחיים, בעת פאַרן פענצטער האָט זיך געריסן אָן אויפהער פון טהרה־שטיבל אַ ייִדיש געוויין. זומער־צייט האָבן זיך די קינדער פון די קברנים, וואָס זייער צאָל איז געווען, קיין עין־הרע, גרויס, געשפּילט צווישן די מצבות און געשפּרונגען בגנבה דווקא איבער די צוגעגרייטע, אָפענע קברים. ביי נאַכט, בעת אַ געלבלעכע, פולע לבנה האָט געקלעטערט איבער די לויזע וואָלקנס און דערנאָך זיך אַראָפּגעלאָזט מיט איר כּישופדיקן נאַכט־זילבער, אַריבער־וואַרפנדיק איבער די אַלטע אוהלס און דורותדיקע מצבות זילבערנע טלי־תים, — דעמאָלט פלעגט געאָרעמט דאָ אַרומגיין דאָס אונטערוואַקסנדיקע יונגוואַרג אין אַ הייס ליבע־פליסטעריי. מ׳האָט געפּראַוועט דאָ שנעלע חתונות און בריתן. די יום־טובים און אויך די שלושים זענען דאָ, אין קליי־נעם שולכל, אַדורכגעגאַנגען גאָר אַנדערש ווי דאָרט, אויף יענער זייט. דאָ,

לעבן די גרויסע טויטן־פעלדער, איז קיין טויט נישט געווען. ס׳איז נאָר געווען דאָס שטילע אַוועקגיין פון אַ רעשיקער, טומלדיקער וועלט אין אַ צווייטער, וואָס איז פול מיט רו און מיט גרינער שטילקייט.

דאָס איז אַלץ געווען אין די ערשטע יוגנט־יאָרן — און מיר איז דע־מאָלט אויסגעקומען דאָס אַלץ פרעמד און אויסטערליש: ווי אַזוי האָבן די דאָזיקע מענטשן, אַרומגערינגלט מיטן שטענדיקן יידישן טויט, געפירט דאָ זייער טאָג־טעגלעך, פרידלעך לעבן? דאָס איז מיר ערשט קלאָר געוואָרן פיל, פיל יאָרן שפּעטער, טאַקע אין יענעם אויסטערלישן זומער פון פערטן געטאָ־יאָר, בעת די גרויסע, רויטלעכע מאַלינעס זענען אויפגעגאַנגען איבער די אומצאָליקע טויטן־בערגלעך.

*

אין יענעם זומער איז שוין דער פעטער כיל געווען דער איינציקער פאַרמלחמהדיקער קברן צווישן די צענדליקער יונגען־קברנים אויפן געטאָ־בית־עולם. ער איז שוין געווען לאַנג אַן אַלמן און די איינציקע שוועס־טער צירל האָט שוין זינט יאָרן געוווינט מחוץ דעם בית־עולם מיט דער טאָכטער מינדל. ער האָט זיך איצט אַרומגעדרייט, דער פעטער כיל, מיטן שפּאַדל אויפן אַקסל צווישן די צעבליטע, רויטע מאַלינע־קשאַקעס און געגראָבן די ערד. אויף זיין צעוואַקסענער, געקרייזלטער באָרד האָט ער געלאָזט שפּילן דעם ווינט, וואָס איז געגאַנגען אַ וואַרעמער פון די באַענטע טויטן־פעלדער. און דער ווינט האָט אויף זיין צעפּלאַשעטער באָרד זיך געצויגן ווי אַ סמיטשיק איבער אַן אַלטער כישוף־פידל, וואָס דערציילט פון פאַרגאַנגענע, געשטאָרבענע וועלטן.

דורך די געטאָ־יאָרן זענען די פעלדער ווייט אַראָפּ צום בזשעזשינער וועג פאַרזייט געוואָרן מיט אַ גאַנצער קהילה יידן. מ׳האָט געמוזט צונעמען פאַרן בית־עולם נאָך זייטיקע קאַרטאָפל־פעלדער פון די פאָלקס־דייטשן, וואָס זיי זענען עס גערן אַנטקעגנגעקומען. ער האָט געקאָנט, דער פעטער כיל, אַלע משפחות, וואָס זענען איינציקווייז, איינע נאָך דער צווייטער, אַנגעקומען צו אים. ער האָט אַפילו געוווּסט, ווער פון די משפחות ס׳איז נאָך געבליבן אויף יענער זייט, ווו ס׳איז פאַרבליבן אַ טאָכטער, ווו אַן

אייניקל און ווו ס'איז קיינער שוין נישט געווען צו דערוואַרטן. ער האָט, גראַד ווי מיט יאָרן צוריק, כאַטש שוין אַן אָפּגעצוימטער פון אייגענער משפחה און בני־בית, געטאָן זיין אַרבעט מיט הייליקע כוונות. די צענד־ליקער יאָרן פון זיין צוזאַמען מיטן טויטן ייִדישן גוף האָט אין אים אין גאַנצן פאַרווישט די מינדסטע טויט־אַנגסט, גראַד ווי ער אַליין וואָלט געווען אַנ־געגרייט צום אייביקן לעבן. אָבער אין דעם דאָזיקן פערטן געטאָ־יאָר איז פלוצעם אַלץ געוואָרן אַנדערש.

דער אומצאָליקער ייִדישער טויט איז דאָס מאָל געקומען מיט זיין אויסטערליש און פרעמד געשטאַלט: דער בר־מינן איז מער נישט געווען ענלעך צו יענע, וואָס ער פלעגט צוריקגעבן דער ערד דורך די צענדליקער יאָרן פון זיין לעבן. דער ייִדישער גוף איז געקומען צו אים רונדיק־גע־שוואָלן, ווי אַ ברייטער בוים־קלאָץ און פאַרנומען דעם גאַנצן אויסגע־גראָבענעם גרוב־שטח. דערצו איז נאָך געגאַנגען פון אונטער די שיטערע, צעריסענע טויטן־העמדער אַן עסנדיקער, שאַרפער אַוויר. דער דייטש האָט צוליב די משונהדיקע געטאָ־חולאתן פאַרוועדט צו וואַשן די טויטע — האָט מען דעם ייִדישן גוף גיך אַריינגעוואָרפן, נישט טוענדיק צו אים זיין מענטשלעך און ייִדיש רעכט.

אין דער דאָזיקער צייט האָבן אינעם פעטער כיל ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן זאַמלען מחשבות פון מרידה. ער האָט פאַרנומען דעם גרויסן חטא קעגן דעם ייִדישן גוף. מען ווייסט נישט ווי אַזוי ער איז אַנומלט פאַרקראָכן צווישן די גרין־פאַרשימלטע מצבה־שטיינער און לעבן די אוהלס פון די הייליקע, גוטע ייִדן אָפּגעלעגן אויף זייער איינגעפאַלענער ערד עטלעכע טעג. ער איז געלעגן דעמאָלט מיטן בויך איינגעגראָבן אין דער ערד, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט נעציקייט פון אַלטע, פאַר־פוילטע און וואַרעמע בלעטער. אַ פאַרזונקענער אין דער פינצטערניש פון אוהל, ווו ס'האָבן געגעסטיקט גראָע בית־עולם־פייגעלעך און ס'האָבן געצויגן זייערע דינע, זילבערנע פעדעם אַלטע, יענע־וועלטיקע שפּינען, — פלעגט ער פון צייט צו צייט אויפהייבן זיין פּנים צו די אַלטע, אָפּגעריי־בענע ייִדישע אותיות, וואָס האָבן אַראָפּגעגלאַנצט מיט זייער אייביק איינ־געקריצט גרין־גאָלד אין דער טונקלקייט. דאָס גאָלד פון די ייִדישע אותיות

אין די איינגעקריצטע תּפילות איז שוין לאַנג געווען אויסגעלאָשן און פאַרזונקען אינעם שטיין דורך די רעגנס, שנייען און ווינטן. מיט די הענט האָט ער אַרומגענומען די רעשטלעך גרודעס ערד, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך די קבר־בערגלעך, און עפּעס אַ תּפילה, אַ כאָרכלעניש פון פּראָסטע, אויפגייענדיקע ייִדישע ווערטער, האָט אין דער אוהל־פינצטערניש צוריק געמאַכט פלאַטערן דאָס גוטע, לויטערע ליכט פון די פאַרשטאָרבענע גוטע ייִדן. אויף אַזאַ אופן האָט דער פעטער כיל מתפלל געווען. ער האָט גע־בעטן צו די פאַלדן פון דער איינפאַלנדיקער ערד אונטער זיך און מיט זיינע ליפּן געזוכט דאָרט אַ דערלייכטערונג, אַ נס קעגן דער גרויסער ייִדישער מגפה. ער האָט אַפילו געוויינט — אַ שטאַמלענדיק געוויין פון טרערן און תּפילה צו די הייליקע שאָטנס, זיי זאָלן זיך מיִען פאַרן באַ־שאַפער. ער האָט געבעטן פאַר טהרה און פאַר אַ ביסל ווייסצייג פאַר די געשטאָרבענע ייִדן אין געטאָ.

אין דער זעלביקער צייט איז געשען, אַז די איינציקע שוועסטער פון פעטער כיל איז אָפּגעשטאָרבן אין געטאָ און איבערגעלאָזט אַליין אַ דער־וואַקסן מיידל, מינדלען. בעת ער איז געשטאַנען אינעם גרוב לעבן דער שוועסטער, וואָס איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ גרין, צעריסן שבת־טישטעכל ביי די זייטן, האָט ער אַריינגעשריִען אין איר געשוואָלן פּנים: „זיי רויִק, צירל, כ'וועל אָפּהיטן דיין מינדלען...". ער האָט אַפילו לייכט אַרויפגעלייגט זיין פינגער איבער איר האַלב אָפן אויג. פונעם אויג האָט אַרויסגעקוקט אַ פאַרגליווערטער און צעגאָסענער שוואַרצאַפּל ווי אַ צע־טראָטענע פלוים. דאָס אויג האָט צו אים אַרויפגעשמייכלט מיט טרייסט און מיט אַ פאַרבאָרגענער ליכטיקייט.

*

ער איז אויפגעשטאַנען גאָר באַגינען, בעת אויף די ביימער־בלעטער איז נאָך געלעגן דאָס ווייכע טוי־געוויין פון מיטן־נאַכט. בלוילעך־שיטערע און צעריסענע נעפּעלעך האָבן זיך געצויגן, געשווומען גאָר־גאָר נידעריק פון די פעלדער היגטערן צוים. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער הייך און דערנאָך ביסלעכווייז אַראָפּגעגלידערט אויף דער ערד ווי בלאַסלעכע,

שיטערע חופה־וועלאָנען. די נידעריקע מאַלינע־קשאַקעס האָבן איצט גע־שמעקט מיטן ווארעמען נאַכט־רעגן און מיט זיסלעכע, פרישע ווינטן. לויזע, מילדע זומער־שטראַלן וועלן באַלד, ווי נאָר ס'וועלן זיך אויסלעשן די לעצטע שטערן, אויסשיילן פון זיך אַ יונגע זון, וואָס וועט אַ לאַנגן, לאַנגן טאָג ווארעמען די טויטן־בערגלעך.

מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם און מיט אַ קריגעלע אין דער האַנט איז ער איצט אַרומגעגאַנגען אויפן ריינעם פעלד צווישן די נידעריקע מאַלינע־קשאַקעס. ער האָט זיך געבויגן, געקניט צווישן די קברים און איינס נאָך איינס געריסן די מאַלינעס. ער האָט געוואָלט גאָר גיך, נאָך איידער די זון גייט אויף, אַריבערגיין מיט די מאַלינעס צו דער פאַר־שטאָרבענער שוועסטערס טאָכטער — צו מינדלען.

דאָס קלייבן זיך פונעם בית־עולם אין געטאָ אַריין, האָט ער גע־ווּוסט, איז נישט בלויז מחמת דער יתומה, וואָס איז געבליבן דאָרט אַליין. אים האָט זיך מיט אַ מאָל דאָס האַרץ אַ ריס־געטאָן צו זיין וואָס בעענטער מיט דער לעצטער עדה ייִדן. די פּאָר געטאָ־יאָר האָבן אים אוועקגע־טראָגן פון זייער גורל און דערפאַר האָט עס אים איצט געצויגן צו זיין נאָענט צו אַלע די, וואָס זענען אויף יענער זייט פון בית־עולם. ער האָט אויך געוווּסט, אַז ער גייט אַהינצו מיט נאָך אַנדערע כּוונות — כּוונות טונקעלע און דאָך לויטערע, וואָס שוין איצט, אַז ער טראַכט וועגן זיי, ווערט זיין אַלט האַרץ פאַרוועבט ווי מיט קליינע ליכט־פעדעמלעך, וואָס קומען אַוודאי פון יענץ הייליק ליכט אין די פינצטערע אוהלס פון די גוטע ייִדן.

אַז ער האָט שוין געהאַט דאָס קריגעלע און אויך דאָס זעקל פול מיט מאַלינעס, האָט ער זיך געלאָזט צום טויער, וואָס האָט געפירט אין געטאָ אַריין.

אויפן גאַנצן וועג פון טויער ביז צום הויכן בערגל, וואָס האָט גע־פירט אַראָפּ אין געטאָ, איז איצט געלעגן אַ דינע שיכט פון אַראָפּגעפאַלן בלעכץ — אַ טייל פון ביימער־וועג און אַ טייל פון ריינעם פעלד, וואָס דער ווינט האָט דאָ אַהערגעטראָגן. דער פעטער כיל איז געגאַנגען מיט זיינע געפאַלדעוועטע אַלטע שטיוול אינעם אַנגעוואָרפענעם בלעכץ, ווי

איבער נאָר־וואָס אַראָפּגעפּאַלענעם שניי. דאָס בליִעכץ האָט איצט גע־קלעפּט אויף די שטיוול מחמת די ווילגאָטנע קרקע־ברוזדעס און נישט געוואָלט אַראָפּ פון די געלבלעכע גרודעס ערד.

הינטערן צוים, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס גרויסע ייִדישע טויטן־פעלד, זענען געלעגן די שטחים שטילע, שווייגנדיקע און וויסטע. און כאָטש ס'איז שוין געווען סיוון־צייט, די צייט פון פולער ערד־דערוואַכונג, איז דאָ, אויף דער צווייטער זייט פון ריינעם פעלד, געלעגן אַ טריביקייט, ווי די ערד וואָלט נישט געווען די זעלביקע, וואָס דאָרטן, ווו עס שלאָפן די טויטע. די פעלדער זענען דאָ געווען זאַמדיקע און רויע, ווי זיי וואָלטן געטראָגן אין זיך אַ קללה פון זינדיקע וועלטן. בייזע פייגל האָבן גע־היפּערט איבער די שטייענדיקע וויסטע קשאַקעס, גענישטערט אינעם זאַמ־דיקן באָדן און געצוויטשערט אַ פרעמד, נישט־פויגלש, אויסגעלאָשן געזאַנג.

דער גאַנצער שטח איז געלעגן אויף אַ באַרג. פון דאַנען צו דרום־זייט האָט מען געקאָנט זען ליגן די אָפענע שטאָט, אויסגעשפּרייט צופוסנס מיט אירע גרוי־שפּיציקע בנינים און בלאַנקענדיקע קירכע־טורעמלעך. צו צפון־זייט איז געלעגן דאָס געטאָ־פּערטל, איינגעטונקען אין אַ צעדריוולט טוך פון די שווימענדיקע, נידעריקע און טרויעריקע וואָלקנס.

דורך די פּאָר יאָר, זינט דער פעטער כיל האָט נישט פאַרלאָזט דאָס גוטע אָרט, האָט ער זיך אין גאַנצן אָפּגעוווינט צו קומען אין באַרירונג מיט לעבעדיקע. ער האָט ביסלעכווייז פאַרלוירן פון זכרון ווי אַזוי עס זעט אויס אַ לעבעדיקער גוף. טאָג־איין, טאָג־אויס האָט מען געמוזט מקבר־זיין און ס'איז אויך נישט געווען קיין שבת פאַר די קברנים. אין געשפּענסטיק געאייל האָט מען זיי צוריק אָפּגעגעבן דער ערד — די אַלע געפּאַלענע און אויסגעגאַנגענע, נישט טוענדיק צו זיי דאָס לעצטע מענטשלעכע רעכט. איצט, גייענדיק מיטן טלית־זעקל אָנגעפּילט מיט די רויטע מאַלינעס, האָט ער געוווּסט, אַז ער גייט אַהינצו מיט אַ גרויס שליחות — אַ שליחות, וואָס איז צו אים געקומען דאָרט, אין די טונקעלע אוהלס פון די אייביקע, הייליקע שאָטנס. ער האָט יעדעס מאָל געקוקט צום ריינעם פעלד און נישט געקאָנט פון דאָרט אָפּווענדן זיינע אויגן. אַ טונקעלע, וואַרעמע בענ־

קעניש האָט זיך געצויגן פון זיין פאַרוואַקסן האַרץ צו די טויטן־בערגלעך, וואָס זענען געלעגן אַרומגערינגלט מיט בלעכעך. ער האָט געוווּסט, אַז עס וועט נישט לאַנג דויערן און ער וועט דאָ ווידער צוריקקומען. ער איז גע־גאַנגען פּאַרויס און די גאַנצע צייט איבערן ליידיקן וועג קיינעם נישט אָנגעטראָפן. וואָס מער ער האָט זיך דערווייטערט פון רייַנעם פעלד, אַלץ מער האָט אים געצויגן אין געטאָ אַריין. ער האָט בלויז געדריקט צו זיך דעם טלית־זאַק מיט די מאַלינעס. איצט איז דער וועג געגאַנגען משופּעדיק און אַריינגעפאַלן אין אַ שמאָל געסל. אויף ביידע זייטן האָבן זיך געבוקט די פּרוכנעוואַטע, קראַנקע הייזלעך. לעבן אַ שוועל זענען געזעסן עטלעכע קינדער. בעת זיי האָבן דערזען דעם זקן מיט דער צעפּאַטלטער באָרד, זענען זיי צוגעשפּרונגען, אַרומגעכאַפּט אים ביי די צעפּלאָטערטע פּאָלעס און אויסגעשטרעקט זייערע דאַרע, דורכזיכטיקע הענטלעך. די קינדערס אויגן, גרויסע און אָפענע, האָבן פון זיך געגאָסן אַ שאָטנהאָפטיקן, גרוי־נעם שימער, וואָס קומט פון הונגער־געשווילעכץ. די אויגן זייערע זענען געווען אויפגעפּראַלטע, ליכטיקע און געגלאַנצט, ווי די אויגן פון דער־וואַקסענע, איידער זיי שטאַרבן אָפּ. ער האָט זיין פּנים נישט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן פון זייערע אויגנס גרינער ליכטיקייט, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט ווי אַ היץ. די קינדער זענען אַלע שוין איצט אים געלעגן צופוסנס, געריסן ווי קליינע שדימלעך די קאַפּאָטע, געדראַפּעט זיך אַלץ מער אַרויפצו צום טלית־זעקל, וואָס ער האָט געטראָגן לעבן האַרץ, און געהאַלטן אין איין שרייַען מיט שפּיציקע קולות:

— זיידעשי, שענקט עפּעס!... ר׳ ייד, גיט עפּעס!... צדקה תציל ממות!... שענקט עפּעס יידישע קינדער!...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אין געסל איז געווען ליידיק. פון הינטער די הייזלעך און איינגעפאַלענע פּלויטלעך איז געגאַנגען אַ טויטער, שימל־דיקער ווינט. ער האָט פּאַמעלעך קוים זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון די קינ־דערס הענט, זיי אָנגענומען פאַר די שפּיץ־פינגער און אַריינגעפירט אין אַ טונקל, ליידיק קאָרידאָרל.

דאָ, אין דער טונקלקייט פון קאָרידאָרל, האָט דער פעטער כיל גע־שטופּט פולע גאָרשטשן רויטע מאַלינעס אין די קינדערס אויסגעשטרעקטע

הענט. זיי האָבן זיך פּלוצעם דערשראָקן און איינציקווייז געגומען פון אים אָפּטרעטן. זיי האָבן געהאַלטן די מאַלינעס אין די אויפגעפּראַלטע פויסט־לעך און נישט געוווּסט וואָס מיט זיי צו טאָן. זיי האָבן די נעזלעך צוגע־טראָגן צו די אויסגעשטרעקטע הענטלעך, געצויגן פון זיי די לופט און מיט חשד געקוקט אויפן זקן. דאָס ערשטע מאָל זענען זייערע אויגן די דאָזיקע קליינע, כּישופדיקע, פרעמדע פּרוכט. זיי האָבן זיך געריכט גאָר־נישט צו באַקומען פון אַלטן און דאָ — ליגן גאָר אויף זייערע הענט אַזעלכע קליינע, אויסטערלישע, רויטע קעפּעלעך, ווייכע און גליטשיקע. זיי האָבן זיך מיט שרעק אָנגעהויבן צוריקצוציִען. זיי האָבן מורא געהאַט זיי צו לייגן אין מויל אַריין. דעמאָלט האָט דער פעטער כּיל געגומען עט־לעכע מאַלינעס אויף זיין האַנט, שטיל אין זיך עפּעס אַ פּליסטער געטאָן און, אַרויפליייגנדיק זיינע הענט אויף די קינדערס קעפּלעך, געפּליסטערט אין אַ ציטערדיק קול:

— קינדערלעך, מאַכטס אַ ברכה! ס'איז דאָך גאָטס גאָב! מאַלינעס, זיסע מאַלינעס...

די קינדער האָבן אויף ס'ניי זיך איינגעקוקט אין די רויטע, פאַר־כּישופטע קעפּלעך, אויפגעהויבן זייערע גרויסע, ליידיקע אויגן צום זקן, וואָס האָט דערווייל מיט זיינע אַלטע ליפּן געזויגן דעם זאַפט פון די מאַלינעס.

זיי האָבן אַלע באַלד אין איילעניש געשטופּט די מאַלינעס אין די קליינע, איינגעפּאַלענע מיילער, וואָס האָבן זיך פאַררויטלט ביי די ליפּן ווי פון וואַרעמע בלוט־פלעקן. זיי האָבן תּיכף דערפילט די פרעמדע, אויס־טערלישע זיסקייט און אויף ס'ניי אויסגעצויגן זייערע הענטלעך. דער פעטער כּיל האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון זיי, בעת די קינדער האָבן אים נאָך אַ שטיקל וועג נאָכגעיאָגט ווי די נישט־גוטע אין אַ חלום. ער האָט זיך געלאָזט מיטן קרומען געסל אַראָפּ אין געטאָ אַריין. ער האָט געוואָלט אויך ברענגען אַ ביסל פּרוכט פאַר מינדלען. פון דער ווייטנס האָט ער נאָך געזען, ווי די קינדער ציִען צו אים זייערע הענטלעך און לעקן אָן אויפהער די רויטקייט פון די צעקוועטשטע מאַלינעס.

*

מינדל האָט גראָד געהאַלטן ביים איבערלופּטערן די אַלטע מלבושים נאָך דער פאַרשטאָרבענער מאַמען, ווי ס׳האָט זיך געעפנט די טיר. דער פעטער כיל איז געשטאַנען מיטן טלית-זעקל אויף דער שוועל. מינדל איז שוין געווען אַ דערוואַקסן מיידל, מיט אַן אויפגעהויבן, דאַר קעפּל, וואָס איז קוים געזעסן אויף די אַראָפּפאַלנדיקע, מיידלשע אַקסעלעך. זי איז געווען הויך און אויסגעוואַקסן, בעת אירע האָר, שיטערע און געקרייזלטע, האָבן געהאַט אַן אָפּגלאַנץ פון דער טונקעלער רויטלעכקייט פון פעטער כילס באָרד. די גאַנצע משפחה האָט געהאַט די זעלביקע רויטלעכע האָר. מינדל געדענקט נישט, אַז דער פעטער כיל זאָל האָבן ווען אַמאָל געקו־מען אין שטאָט אַריין פון ריינעם פעלד. זי געדענקט אים נאָר פון דע־מאָלט, ווען אין דער משפחה איז עמעצער אָפּגעשטאָרבן. אויך דורך די פּאָר געטאָ־יאָר איז ער קיין מאָל נישט געקומען אַהער. איצט, אַז ער איז שטיין געבליבן אויף דער שוועל פון חדרל, האָט מינדל אַזש אַ געשריי געטאָן פאַר פּחד פאַר דעם דאָזיקן פרעמדן ייִד. זי האָט אים אַ רגע אָנגע־קוקט מיט דערשראָקענע בליקן. דער פעטער כיל האָט זיך דערנענטערט צו איר, אויסגעשטרעקט די האַנט און ווייך אַ זאָג געטאָן:

— ביסט מינדל, מיין שוועסטערס קינד?

— פעטער כיל! — האָט זי אויסגעשריִען, אַוועקוואַרפנדיק די מלבו־שים, און געפאַלן אויף זיינע אויסגעשטרעקטע, בײדע, האַריקע הענט.

זי האָט זיך צעוויינט און לאַנג אַזוי געהעשעט אויף זיינע דלאָניעס.

דער פעטער כיל האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן מיט די פאַרבאַהאַלטענע ליפּן, וואָס זענען געלעגן פאַרדעקט אונטער זיין באָרד. ער האָט זיך פאַ־מעלעך אַוועקגעזעצט אויפן קאַנט פון דער פּריטשע. שווייגנדיקערהייט האָט ער דערנאָך מיט פאַרזיכטיקע פינגער אָנגעהויבן אַרויסצוקלייבן פון טלית-זעקל די קליינע, רויטע מאַלינעס און זיי געלייגט אויף מינדלס צי־טערנדיקע הענט. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום עמער, אָפּגעגאָסן זיך דאָרט נעגל-וואַסער און אַרויסגעצויגן דעם טלית. ער האָט אים אַרי־בערגעוואָרפן איבערן קאָפּ און איבער דער רויטער, צעפּאַלדעוועטער באָרד, אַזוי אַז מ׳האָט אים לחלוטין נישט אַרויסגעזען. ער איז געשטאַנען אין ווינקל און אויסגעזען ווי אַ פאַרדעקט, שמאָל שענקל. די ווייסע פּאַסן

פון טלית האָבן אויף זיך דאָ און דאָרט געהאַט רויטלעכע, רונדיקע פלעקן פון גאָטס שיינער און ערדישער פרוכט. אַז מינדל איז געשטאַנען פון דער ווייטנס און זיך אַ פאַרבליפטע איינגעקוקט אינעם דאַוונענדיקן פעטער כיל, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז די פלעקן זענען אַלע קליינע, פאַררויטלטע שטערן אויפן הימל, וואָס בלינצלען צו איר אַהער פון אַ פרעמדער, אָפּגעשטאָרבענער וועלט.

די מחשבה, אַז ער איז אַהער געקומען דאָ אָפּטאָן אַ גרויס שליחות פאַר די לעבעדיקע, האָט אין אים געלויכטן ווי אַ גלי־ווערעמל אין דער פינצטערניש פון זיין האַרץ. תּחילת האָט ער נישט געוווּסט, וואָס אַזוינס דאָס וועט זיין, נאָר אַ העלקייט האָט געפּראַלט אין זיין האַרץ, ווי אַן אויפגייענדיקע זון. און די זון האָט אַלץ מער און מער צעשאָרט די שווערע נעפּלען, וואָס זענען געהאַנגען אויף זיין פּנים... בעת זיין שוועסטערן־קינד מינדל האָט זיך צו מאָרגנס אויפגעכאַפּט, ווי נאָר ס׳האָט זיך אַריינגעזיפּט דער טאָג, איז דער פעטער כיל שוין געשטאַנען אויף די פיס. ער האָט צו איר גערעדט ווייטע, נישט־פאַרשטענדלעכע רייד, וואָס האָבן לכתּחילה אָנגעפילט איר האַרץ מיט מיידלשער שרעק. זי האָט אין אָנהייב נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס דער פעטער וויל פון איר. ער האָט רעדנדיק יעדע רגע צעלופטערט זיין טונקל־רויטע באָרד, אויפגעפּראַלט גרעסער די אויגן צווישן די אַראָפּהענגענדיקע געדיכטע ברעמען און געהאַלטן אין איין דערמאָנען, אַז ז י י ד אָ ר ט ן, די טויטע קהילה, האָבן אים דאָ אַהער געשיקט, כּדי אויסצופירן גאָטס שליחות. זי האָט אָנגעהויבן מורא צו קריגן פאַרן אַלטן ייִד, וואָס איז געשטאַנען אין קליינעם חדרל און זי פאַרשאָטן מיט אַזעלכע פרעמדע רייד, וואָס האָבן געפלאָמט מיט הייסער נאָענטקייט פון גאָט, פון טויט און הייליקן ייִדישן גוף. זי האָט זיך אין איר מיידלשן פּחד צוריקגעצויגן אין ווינקל אַריין און געוואָלט מאכן אַ געוואַלד, וואָרעם דער אַלטער ייִד, פון וועלכן ס׳איז געגאַנגען אַן אויפהער דער קילער אָוויר פון אויפגעקאָפּעטער ערד, איז געשטאַנען איבער איר ווי אַ באַזעסענער מיט אַ פּאָר צעפּלאָטערטע הענט, וואָס האָבן זיך געוואָרפן ווי די פליגל פון אַן אָדלער. זי האָט אַפילו אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש פון גרויס פּחד, וואָרעם דעם פעטער כילס רייד האָבן

אָנגעפילט דאָס קליינע חדרל מיט הונדערטער פאַרשטאַרבענע געשטאַלטן. אַלע האָבן זיי געקניט צו איר, און זיך געבויגן מיט די ביינערדיקע, איינ־געפאַלענע, טויטע הערצער. לסוף האָט זי בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אַז דער אַלטער האָט זי אָנגענומען פאַר אַ שפּיץ פינגער, האָט זי זיך געלאָזט פירן פון אים, גראָד ווי אַ בלינדער לאָזט זיך פירן פון אַ זעעוודיקן.

דעם זעלביקן טאָג, באַלד אין דער פרי, האָבןביידע, דער פעטער כיל און זיין שוועסטערס קינד מינדל, זיך געלאָזט גיין פון הויז צו הויז, פון שטוב צו שטוב איבער די קליינע הייפלעך פון געטאָ. זיי האָבן זיך גע־נומען נאָכפרעגן, ווו ס'איז עמעצער, חלילה, אָפּגעשטאָרבן. און אַז מ'האָט זיי אָנגעוויזן דאָס אָרט, האָבן זיי זיך אָנגעבאָטן צו טאָן דעם מת זיין לעצט רעכט: אים אָרומוואַשן אַ ביסל און עפּעס־וואָס אָנטאָן אויפן לייב. זיי האָבן זיך ביידע איינגעטיילט מיט דער עבודה: דער פעטער כיל האָט זיך מתעסק געווען מיט מאַנצבילן און ייִנגלעך און מינדל — מיט ווייבער און מיידלעך. מען איז געגאַנגען פון הויף צו הויף און פאַר זייער מי באַקומען שהי־פּהי. ייִדן פון געטאָ האָבן געוווסט, אַז דער דייטש פאַר־באָט דאָס צו טאָן. וואָרעם דער דייטש האָט אָפּגענומען ביים ייִד אין געטאָ נישט בלויז זיין לעבן, נאָר אויך צוגענומען אים דאָס רעכט צום אָפּגע־שטאָרבענעם נאַקעטן גוף. דער דייטש האָט פאַרשוועכט אויך דעם ייִדישן טויט. ייִדן האָבן תחילת מורא געהאַט אַרויסצוגעבן די טויטע, נאָר לסוף האָט זיי דער אויסטערלישער ייִד פון בית־עולם איבערוועלטיקט. זיי האָבן ביידע, דער פעטער כיל און מינדל, געוואַשן די טויטע בסוד, זיי אָנגעע־טאָן אין וואָס עס איז און תפילה געטאָן. זיי האָבן עס געטאָן פון זון־אויפגאַנג, ביז די שטערן האָבן זיך געוויזן אין די שיטערע הימל־געוועלבן איבערן געטאָ. און כאָטש דער פעטער כיל האָט די אַרבעט קיין מאָל אין זיין לעבן נישט געטאָן, איז זי אים געוואָרן הייליק און נאָענט. די פער־ציק יאָר אויפן ריינעם פעלד האָבן אים נישט געבראַכט אַזוי נאָענט צום טויט ווי טאָקע איצט דאָ, צווישן די נאָך לעבעדיקע ייִדן אין געטאָ. ער איז דערגאַנגען, אַז דאָס בהדרגהדיקע מענטשלעכע אָפּשטאַרבן איז אימה־דיקער ווי דער טויטער מענטשלעכער גוף. ערשט אינעם שטאַרבן פון די ייִדן איז אין אים אויפגעגאַנגען די גרויסע טויט־מגפה. דער נאָך לעבע־

דיקער ייִדישער גוף, וואָס פּאַלט ביסלעכווייז איין, איז שוואַרצער און טיפער ווי דער טויט אַליין. ערשט אין דער גסיסה פון ייִדישן גוף האָט ער דערפילט די בייזע האַנט פון באַשעפער און זיין גרויסן גרימצאָרן. די טויטע ייִדן זענען מער נישט געווען די אַמאָליקע טויטע. דאָס איז געווען אַ טויט אָן אַנדערער, אַ טויט אַ ווייטער, אַ נישט מענטשלעכער, אַ פאַרבאָרגענער און סודותדיקער, ווי ער וואָלט געקומען פון טונקעלע וואַסערן און זומפּיקע תהומען, פון אַ ווייטער, נישט מענטשלעכער וועלט. און אויך די לעבעדיקע אַרום, וואָס האָבן איבערגעגעבן דעם באַענטן, נאָקעטן גוף פון בר־מינן, האָבן אין זייערע אויגן געהאַט שוין עפּעס אַ ווייטן, גרינעם גלאַנץ, די לעצטע מענטשלעכע רעיונות פון אַ בייזער שדישער ערד.

ערשט ביי נאַכט זענען ביידע, דער פעטער כיל און מינדל, אַריינגעפאַלן פאַרמאַטערטע אינעם קליינעם חדרל. דעמאָלט ערשט האָט זיך מינדל געשטעלט קאָכן אַ ביסל שיטערס פון גרוי־גרינלעכע קראָפּעוועבלעטער. נאָכן נאַכט־עסן איז דער פעטער כיל אַזוי גיך נישט געגאַנגען שלאָפן. עפּעס איז דער שלאָף פון אים אַוועק און די אויגן, פולע, אָנגעלאָפענע מיט אַ וואַסערדיק הייטל, האָבן געהאַלטן אין איין קלעפּן אינעם דרויסן. ער איז שעהען אָפּגעשטאַנען לעבן ווענטל און זיך צוגעהערט צום ווינט, וואָס איז געגאַנגען צום לײדיקן הימל. דער ווינט אין געטאָ טראָגט תמיד מיט זיך אַ כליפּעדיק געוואָי ביי נאַכט, ווי דאָס העשען פון גוססדיקע קינדער. ער האָט טייל מאָל אויפגעהויבן דעם שטערן, אים אָנגעלענט אויף דער פינצטערער קילקייט פון דער שויב און געוואָלט זען דעם בלייכן, אַדורכשווימענדיקן וואָלקן, וואָס האָט זיך געשאַרט ווי אַ פינצטער שיפל איבערן דעכל. מינדל פלעגט שוין דעמאָלט לאַנג שלאָפן אויף דער פּריטשע. זי פלעגט תמיד עפּעס מורמלען פון חלום אַרויס. נאַכט נאָך נאַכט האָט זי אויף ס׳ניי אין חלום אונטערגעהאַלטן און אַרומגענומען די גלעע, איינגעפאַלענע, מיידלשע גופים, זיי איבערגעוואַשן און אָנגעטאָן אין אַלטע צעריסענע קליידלעך און העמדלעך. ערשט טיף אין דער נאַכט האָט זיך דער פעטער כיל אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל, אונטערגעלייגט דעם טלית־זאַק צוקאָפּנס און אַריבערגעוואָרפן איבער זיך אַן אַלט

מלבוש. אינעם קליינעם, שוואַרצן שויבן־רעמל האָט זיך די גאַנצע צייט געוויגט אַ גרין פּינטל און נישט געוואָלט אָוועקגיין. דאָס איז געווען אַ ווייטער, גרין־פינקלענדיקער שטערן, וואָס האָט דאָ אַריינגעקוקט אין חדרל ווי גאָטס אייביק־וואַך אויג. עס איז געהאַנגען, דאָס פּינטל, אַזוי ווייט און דאָך האָט דער פעטער כּיל עס געזען אַזוי נאָענט, ווי ס׳וואָלט טאַקע געהאַנגען דאָ איבער דער שויב. זיין כּישופדיק ליכט האָט געפּלייצט מיט ווייסע ליכט־פּאַסיקלעך אין חדרל ביז צו די אויגן זיינע.

*

אַנומלט ביי נאַכט האָט דער פעטער כּיל געהאַט אין שלאָף־ווינקל אַ לאַנגן, אויסטערלישן חלום. און אפשר איז דאָס גאָרנישט געווען קיין חלום, נאָר אַ זעונג, וואָרעם די גאַנצע צייט האָט איבער זיינע אויגן געלויכטן דער גרינער, פינקלענדיקער שטערן פון דרויסן. עס האָבן זיך אויסגעשטעלט פאַר אים אין אַ קרייז צענדליקער ייִדן, יונגע און אַלטע, מיט לויזע שמייכלען און טרויעריקע פּנימער, וואָס האָבן געטראָגן אין זייערע פאַלדן נישט־ערדישע תּנועות און העוויות. זיי זענען אַלע געווען אָנגעטאָן אין ווייסן און נאָר די לאַנגע, פלאַטערנדיקע אָרבל זענען אַראָפּגעהאָנגען איבער זייערע הענט, וואָס האָבן געשטעקט טויט־פאַרגליווערט אונטערן געוואַנט. קיין פיס האָט מען פון אונטער די לאַנגע קליידער נישט אַרויסגעזען און דאָך זענען זיי געגאַנגען צו אים באָרוועסע און לייכטע, ווי זיי וואָלטן געטרעטן איבער גראָז. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. פּלוצעם האָבן זייערע פּנימער אָנגעהויבן צו לייכטן מיט אַ ליכט, פון וואָס דאָס גאַנצע ווינקל איז געוואָרן פאַרפּלייצט. דאָס ליכט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער פון אַלע פענצטער־שפּאַלטן בעת די גאַנצע צייט איז געהאַנגען אין דרויסן דער לייכטנדיקער אָוונט־שטערן. מיט אַ מאָל האָבן זיך אַלע קעפּ און פּנימער צו אים אַ בייג געטאָן, געפּרוווט אים אָננעמען פאַר די הענט. ער האָט באַשיימפּערלעך געהערט, ווי זיי פּליסטערן צו אים: „רבי, רבי — זייט אונדז מטהר!...".
ער האָט זיך אין שלאָף גאָרנישט געשראָקן, — פאַרקערט, ער האָט געפּרוווט זיך אונטערצוהייבן אויף די פיס און זיי דערלאַנגען דעם עלנ־



בויגן. זיי האָבן אים גענומען, אַ לייכטן און שוועבנדיקן, אונטערן אָרעם. אַרומגערינגלט מיט דער־אַ מחנה ווייסע ייִדן, איז ער געגאַנגען פּאָרויס, בעת די וועגט פון חדרל זענען זיך צעגאַנגען ווי שפּינוועבס. זיי זענען אַרויס אויפן הויף, ווו ס׳איז נאָך געהאָנגען דער נאַכט־הימל און דער איין־אייגציקער, גרויסער, לייכטנדיקער אָוונט־שטערן האָט זיי באַגלייט אַרויס צום ריינעם פעלד. די ביימער זענען זיי אָקעגנגעגאַנגען, פאַר־שאָטענע מיט בליִעכץ. זיי האָבן געהאַלטן אין איין זינגען. און דאָס גע־זאַנג — אַזאַ געמיש פון בלעטער־רויש און רעגנפאַל — איז נישט גע־וואָרן קלענער, נאָר וואָס נענטער זיי זענען צוגעקומען צום ריינעם פעלד, אַלץ זילבערנער האָט זיך געריסן דאָס געזאַנג אי פון די ביימער, אי פון דער ערד. ער האָט שוין באַשיימפּערלעך געהערט ווי דאָס דאָזיקע גע־זאַנג רייסט זיך פון אונטער די טויטן־בערגלעך. ס׳האָט זיך געגאָסן ווי אַ באַהאַלטענער טייך און די גאַנצע צייט האָט זיך צווישן זיינע זילבערנע כוואַליעס געשפּיגלט דאָס ליכט פון דעם איין־אייגציקן שטערן אויפן גרינ־לעכן נאַכט־הימל.

*

צו מאָרגנס באַלד אין דער פרי, נאָך דעם דאָזיקן חלום, האָט זיך דער פעטער כּיל אויפגעכאַפּט פון ווינקל מיט אַן אומרויִק ברוסט־קלע־מונג. די באָרד האָט זיך אים אַזש געהויבן אַרויף און אַראָפּ איבערן צעפלאָשעטן האַרץ. ער האָט קוים זיך אָוועקגעשטעלט אויף די פיס און צוגעגאַנגען צום פענצטערל. אומהיימלעכע קולות האָבן זיך געטראָגן פון הינטער די דעכלעך. אין מיטן נאַכט האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן. דער דייטש האָט אין געאייל אַרויסגעפירט די לעצטע ייִדן. אין דער נאַכט־שטילקייט האָבן זיך מיט די וואָלקנס, וואָס זענען געשוווּמען פון די מיזרח־דיקע ווייסל־וואַסערן, אויך געטראָגן ווייטע אָפּהילכן. זיי האָבן זיך צע־שאָטן איבער די דעכלעך ווי אַ זינגענדיקער, דערלייזנדיקער רעגן.

ווען דער פעטער כּיל מיט מינדלען זענען, ווי יעדן טאָג, אַרויס פון טויערל כּדי צו וואַשן בסוד די געטאָ־טויטע, זענען שוין פון אַלע געסלעך געפאָרן די וועגענער, אָנגעשטאָפּט מיט קינד־און־קייט. אויף אַ קליינעם

מרחק פון דאַנען, לעבן מאַרק, זענען געשטאַנען די דייטשן, זיך צוגעקוקט צו דער בהלה, בעת טייל פון זיי זענען נאָך אַרומגעלאָפן איבער די הייפ־לעך, געניסטערט אין באַהעלטענישן, ברונעמס און ביידעמער און פון דאָרט געטריבן די ייִדן אויף ליידיקע ראָל־וועגענער. די ייִדן זענען געשטאַנען אויפן וואָגן, געקוקט איבער זיך אין דער טויבלעכער, ליידיקער הימל־בלאָקייט אַריין. זייערע אויגן האָבן געקוקט פאַר זיך שאָטנהאַפטיקע, אויסגעלאָשענע, ווי אָפּגעשטאָרבענע וואַסערלעך. דער פעטער כיל מיט מינדלען זענען גראָד אַרויס פון טויערל, ווי פון אַ ליק איז צו זיי אַרויסגע־שפּרונגען אַ הויכער דייטש. מינדל האָט אַ דערשראָקענע אַרומגעכאַפּט דעם פעטער כיל פאַר דער זשופּיצע און אין אים געזוכט שוץ ווי אונטער אַ גרויסן, שוואַרצן פליגל. דער פעטער כיל אַליין האָט נאָר אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַ ביסל העכער ווי תּמיד און געקוקט דעם דייטש גלייך אין פּנים אַריין.

זיי זענען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם צווייטן אַ לאַנגע ווײַלע און טיף און דורכדרינגלעך אַרײַנגעלאָזט די בליקן איינער אינעם צווייטנס אויגן. זייערע בליקן האָבן זיך געגליטשט, ווי צוויי שפּיציקע פיילן, אַזוי ווי דאָס טוען צוויי פיינטלעכע חיות אָדער פייגל, וואָס טרעפן זיך פּלוצעם אין אַן אורוואַלד. דער ייִד — מיט דער צעשויבערטער, רויטלעכער שוואַרצקייט פון זיין באָרד, מיט די געדיכט־באַברעמטע ייִדישע, ווייכע אויגן, מיט די אָנגעוואָקסענע, ווילדע קופּקעלעך שוואַרצע האָר אויפן קאַרק, די גרוילעכע פאה־פּאַסמעס און אויך באַוואָקסנקייט פון די אויערן־לעכער — בעת דער דייטש איז געשטאַנען אַ וויסער, אַ דורכזיכטיקער, אַ גליטשיקער ווי אַ פיש און אַן אויסגעשטרעקטער מיט זיין הויכקייט איבערן ייִד, ווי אַ הילצערנער צעשפּרייטער צלם. ער האָט געטראָגן אַ זייער ווייס העמד, דער דייטש, און ברוינע, גלאַנציקע הענטשקעס האָבן באַקליידט זיינע לאַנגע, דאַרלעכע, שפּיציקע הענט. זיי זענען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם צווייטן ווי טאָג און נאַכט, ווי צוויי באַשעפענישן פון פרעמ־דע פּלאַנעטן, וואָס האָבן זיך דאָ פּלוצעם געטראָפן אויף דער ערד. דער ייִד האָט געזען, אַז דעם דייטשס אויגן זענען וואַסערדיק־בלוי, ווי חלב, און זיינע באַקן — גלאַטיק־בלווילעכע, באַדעקט מיט דינע, אָנגעלאָפענע

בלוט־שנירעלעך. פון בײדנס אויגן, וואָס האָבן זיך דאָ אַזוי פּלוצעם צו־זאַמענגעטראָפן, איז אַנטשטאַנען אַ מין פײַערדיקער פונק, פון וואָס די בײדע האָבן זיך אַ רגע אַ וואַקל געטאָן. זײ זענען באַלד אויף ס'נײַ גע־שטאַנען אײנער אַנטקעגן דעם צווייטן און שווייגנדיקערהייט זיך אָנגעקוקט. דאָס האָט געדויערט נאָר אַ רגע, אָבער פאַר בײדן האָט דאָס אויסגעזען צו דויערן אַן אײביקייט. אַרום דעם דײַטשס חלבנע אויגן האָט ווי אַ מע־סער אַ שניט געטאָן אַ צוק, וואָס האָט געצאַפּלט מיט שפּאָט, גבורה און באַפעלערישקייט צום דערנעבן שטייענדיקן ייִד, ווי איבער אַ פינצטערן, קראַנקן וואָרעם. דער ייִד האָט אָבער אויסגעהאַלטן דעם דײַטשס בליק און בלויז אַ רגע אַ פינטל געטאָן מיט די געדיכט־באַברעמטע אויגן. ער איז געשטאַנען לעבן אויסגעצויגענעם דײַטש מיט ייִדישער געבראָכנקייט און הכנעה, אָבער מיט אַ געצוימטער שטילקייט און רו, וואָס קומט פון דורות־דיקער געפּרוווטקייט און מיט בטחון אין נצחון פון גאָט אויף דער ערד. די בײדנס בליקן האָבן זיך געקרייצט, אײַנגעהאַלטן זיך אויף אַ ווײַל און אין זײער צוזאַמענטרעף איז געלעגן דער צוזאַמענשטויס פון צוויי מאַכטיקע געטער. בעת דער דײַטש האָט געקוקט צום ייִד פון אויבן אַראָפּ און שוין געווען זיכער אין זײַן נצחון איבערן ווילד־באַוואַקסענעם באַשעפעניש, וואָס וועט באַלד ליגן און זיך קראַמפן בײַ זײַנע פיס, — האָט דער ייִד אַ הייב געטאָן זײַן שטערן און אויף אַזאַ אופן ברייטער פונאַנדערגעעפנט זײַנע פאַרוואַקסענע אויגן, וווהין דער דײַטש האָט אַרײַנגעקוקט ווי אין אַ פינצטערן, פײַער־שפּייענדיקן תהום. דערנאָך איז אַלץ שוין געשען אַזוי בליציק, אַז דער דײַטש האָט אַפילו נישט באַוויזן זיך אַ באַוועג צו טאָן: דעם ייִדנס בײדע, שוואַרצע אַלטע קבֿרנישע הענט זענען געלעגן ווי שטאָ־לענע רײפן אַרום דעם גליטשיקן, חלבדיקן האַלדז פונעם דײַטש.

מינדל האָט פון פּחד אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן, משוגהדיקן קוויטש. זײ זענען בײדע געפאַלן, דער פעטער כּיל מיטן דײַטש, אײנער איבערן צווייטן אויף דער ערד ווי צוויי קנוילן, בעת דעם ייִדנס שוואַרצע הענט האָבן אַלץ נישט געוואָלט אָפּלאָזן דעם גליטשיקן, ווײַכן האַלדז פונעם דײַטש. דעם אײַנגעקראַמפּטן האַלדז האָט פאַרפעלט לופט און זײַנע הענט האָבן גע־צאַפּלט. די בײדע גופים האָבן זיך געקאַלערט אויף דער ערד, בעת פון

זייערע מיילער האָט געזעצט אַ שווערע, סיטשעטנדיקע לופט. באַהאַלטענע כּוחות זענען אָנגעפּלאָסן אינעם ייִדנס הענט, וואָס האָבן זיך אַלץ מער איינגעביסן אינעם דייטש. אָט איז דער דייטש געווען אין דער הייך און באַלד ווידער איז זיין דאַרער, צעצויגענער גוף געלעגן אונטער דעם אַלטן קברנס צעכראַשטשעטער ברוסט. בײדע גופים האָבן זיך איינגעגעסן איינער אינעם צווייטן. דער געראַנגל צווישן די ביידע מענטשן האָט געדויערט אַ קורצע ווײַלע און איז געשען אַזוי בליציק, אַז די זייטיקע דייטשן האָבן זיך ערשט אַ כאַפּ געטאָן דעמאָלט, ווען ביידע גופים זענען שוין צונויפגעקנוילטע געלעגן אויף דער ערד. באַלד האָט אַ שאַרפער ברי אַ שניט געטאָן דעם פּעטער כּיל אין דער פּלייצע ווי אַ שטאָך פון אַ נאָדל. ער האָט געהערט דאָס ווידערקול פון אַ ווייטן צעשאָטענעם דונער. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָבן דעם פּעטער כּילס פינגער אָפּגעלאָזן דעם דאַרן, איינגעדושעטן האַלדז פונעם דייטש.

דער דייטש איז אויפגעשפּרונגען פון דער ערד. די איבעריקע דייטשן האָבן געלאַכט, בעת דער פּעטער כּיל איז נאָך אַ רגע געלעגן אויף דער ערד. באַלד האָט ער זיך אויך אויפגעשטעלט און מיט וואַקלענדיקע פיס געגאַנגען צום וואָגן פאָרויס. ס׳איז געווען אַזאַ פּאַליענדיקע שטילקייט אַרום אים. מינדל איז צו אים צוגעלאָפן און אים אונטערגעהאַלטן. ער האָט געשפּירט אַ פייכטע וואַרעמקייט אין דער פּלייצע, ווי עמעצער וואָלט דאָרט געטעמט אויף אים מיט אַ נאָענטן, הייסן אָטעם. די ייִדן אויפן וואָגן האָבן אים דערלאַנגט די האַנט און געהאָלפן אַרויפגיין. זיי זענען ביידע איצט געשטאַנען, דער פּעטער כּיל און מינדל, איינגעקוועטשט צווישן די ייִדן, וואָס האָבן אָן אויפהער געשעפּטשעט. זי האָט געהאַלטן אין איין אַרומווישן זיין פּלייצע פון פּליסנדיקן בלוט, וואָס איז געווען שוואַרצלעך און געדיכט. מיט זיין שווערן גוף האָט ער זיך אָנגעלענט אויף די ייִדנס הענט, וואָס האָבן אים אונטערגעהאַלטן. ער האָט געפילט, ווי די כּוחות לאָזן אים אָפּ און עס דערנענטערט זיך דער סוף. און אַזוי שטייענדיק האָבן זיינע ליפּן אָנגעהויבן עפּעס צו מורמלען — שטום און איינגעשוויגן. ער האָט שטילערהייט געדאַנקט דעם באַשעפער וואָס ער געפינט זיך צווישן אַזוי פיל ייִדן. באַלד איז אים אָבער באַפאַלן אַ פּחד און אַ פאַרביטערונג פאַר

אַ טויט אַ משונהדיקן, אַ נישט־ייִדישן. ער האָט מתפּלל געווען, אַז דער באַשעפער זאָל אים אין דער לעצטער רגע אָפּדינגען מיט אַ טויט אַ מענטש־לעכן אויף דער זעלביקער ערד, ווו ער, דער קרבן, האָט באַדינט דעם ייִדישן גוף. ער האָט געבעטן אויפן טויט, ווי לאַנג ס'איז נאָך דאָ איין־איינציקער ייִד אין געטאָ. די ייִדן אַרום האָבן אים נישט געלאָזט פאַלן פון די פיס. זיי האָבן אים אונטערגעהאַלטן, בעת אונטער זייערע שיך האָט זיך וואָס אַ מאָל מער צעשפּרייט דאָס שוואַרץ־רויטלעכע בלוט, וואָס האָט געמאַכט נאַס די ברעטער פון וואָגן, ווי פון אַ רויטן רעגן.

דער וואָגן מיט די ייִדן איז דאָס מאָל נישט אַרויסגעפאָרן צום באַן־פּלאַנט. ער האָט פאַרקערעוועט מיט די הינטערגעסלעך צום ברייטן, גרי־נעם וועג גלייך צום ריינעם פעלד. דער וועג אַהינצו האָט געפירט אינעם ווייכן, פלושענעם שאָטן פון די קאַשטאַן־ביימער. בעת דער וואָגן איז דאָ אַריינגעפאָרן אין די שאָטנס, איז איבער די ייִדנס קעפּ געפאַלן אַ רעגן פון צעריסן ביימער־בלעטער. אויפן פעלד האָט דער פעטער כּיל אַפילו נישט געוווּסט, ווען און ווי אַזוי ער איז אַרונטער פון וואָגן. זיי האָבן אים גע־האַלטן באַזונדער, די דייטשן, ווייט פון דער עדה, און געגרייט פאַר אים אַן אַנדערן, אַ מער אויסטערלישן טויט, ווי פאַר דעם רעשט ייִדן. מינדל האָט די גאַנצע צייט אים געפירט אונטערן אָרעם ביז ער איז אַראָפּגעזונ־קען אויף דער ערד. ער האָט געזען, אַז זיין תּפילה איז נישט אָנגענומען געוואָרן. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט ער דאָס לעצטע מאָל אַ קוק גע־טאָן אויף מינדלען. אין אירע אויגן האָט זיך געלאָשן דאָס לעצטע פּיצל הימל, וואָס איז געהאַנגען אויפן ריינעם פעלד. ער איז געלעגן אויפן בערגל בעת מינדל האָט די גאַנצע צייט נישט אַוועקגענומען אירע הענט פון דער פאַרבלוטיקטער זשופּיצע. ער האָט נאָך אַ מאָל אויפגעהויבן דעם קאָפּ, בעת די דייטשן האָבן זיי ביידן אַרומגערינגלט אין אַ קרייז. מיטן אויג האָט ער אַרומגענומען די נידעריקע טויטן־בערגלעך, די פאַרצייטיקע אוהלס, ווו ס'האָבן גערוט דורות גוטע ייִדן. די אוהלס האָבן איצט מיט זייערע רויטע שינדל־דעכלעך געבלאַנקט קעגן דער זון און די זון איז געהאַנגען גראָד אין מיטן הימל — אַ פולע, אַ זילבערנע. ייִדישע תּפילות, אויסגעמישט מיט געשריי, זענען געהאַנגען אין דער לופט. אַ וואַרעמער ריח פון אויפ־

געקאָפּעטער ערד איז געגאַנגען פון די פעלדער. דער געשמאַק פון רויטע מאַלינעס איז ווי אַ ווייכער פאָרהאַנג געפאַלן איבער די ייִדנס אויגן. גאָטס רייפע, כּישופדיקע פרוכט איז שוין געווען איבערצייטיק, שווער און אָנגעשוואָלן מיט אַ בלוטיקער, זאַפטיקער פליסיקייט.

1943

מאָנע

אויפן צווייטן טאָג איז די זון זייער פרי, אַ קלאָרע און ציטערדיקע, אַרויס פון הינטער די באַרגיקע, פייכטע סודעטן־פעלדער. און אַז זי האָט זיך אויפגעהויבן פלוצעם איבער די פּאַרווישטע נאַכט־ראַנדן פונעם הימל, איז די ערד אונטער אונדזערע פיס אויפגעגאַנגען דעמאָלט מיט קאָליריקע, שפּיגלדיקע טוי־נעפּלען. די נעפּלען — שיטערע, צעדריוולטע גאַרדינען — האָבן געהאַלטן אין איין אַריינוועבן אין זיך פון די אויסגעקלאָרטע הימל־הויכקייטן די ערשטע שווימענדיקע טאָג־בלאַקייט און דורכגעפלאָכטן די ראַנדן מיטן לעצטן, אויסגעלאָשענעם נאַכט־זילבער. אין די דאָזיקע שטילע, גרינע, פרעמדע געגנטן ווערט די זון שטענדיק געבוירן אין דער שויס פון אַלטע, שווייגנדיקע וועלדער. אַ גאַנצע נאַכט האַלטן זיי די זון געפאַנגען אין זייער אור־פינצטערניש, צווישן גרין־זילבערנע, גליטשיקע מאָך־דעקן, באַבלעטערטע פעלדזן־ווענט, ווו אויסטערלישע, שוין לאַנג אויסגעשטאָרבענע פייגל און אַלט־גערמאַנישע וואַלד־געטער כישופן די זון מיט די פאַרבאַרגנסטע פלייטלעך. אַזאַ איז דער נאַכט־געפליסטער פון פרוכנעוואַטע צווייגן, צווישן ריזיקע דעמבן־בלעטער און אַלטע, וואַרעמע ווינטן. זיי ווילן זי לכתחילה נישט אַרויסלאָזן פון דער וואַלד־באַהעלטעניש, אָבער אַז זי באַפרייט זיך פון זייער שפּיציקן צווייגן־געפלעכט, גיט זי זיך אַ ריס מיט אַזאַ כּוח, ווי זי וואָלט אויף זיך אַרויפגעוואָרפן אומ־צאָליקע, ריזיקע פליגל. אַן אָנגעצונדענע און פיאָלעט־יונגע פונעם נאַכט־געראַנגל, קלעטערט זי דעמאָלט אַרויס פון דער וואַלד־נעץ, איבערלאָזנ־דיק אויף די וואַלד־ראַנדן איר וואַרעם זונבלוט. די ערשטע זון־פליסיקייט טריפט און טריפט ווי אַ רעגן פון איר צעראַצטער און געשפּאָלטענער זונ־הויט. זי גיסט זיך פונאַנדער, די פליסיקייט, אין אַ שיינעם, רויטלעכן

ליכט־טייך, וואָס פאַרפלייצט אַלץ אַרום: די פינצטערלעכע, נידעריקע טאָלן, די טונקל־גרינע היגלען און די נאָך פאַרדרימלטע, מיט פּחדים אי־בערגעצויגענע, קליינע נאַכט־וואַסערלעך.

מיטן פיאַלעטן טאָג־אויפשפּראָץ ווערט אונדז די פרעמדע ערד ווידער גרינג און אויפגעבונדן, בפרט נאָך די וואַרעמע סודעטן־רעגנס, וואָס פאַלן לעצטנס נאַכט נאָך נאַכט. פון דער ערד פאַלט ביסלעכווייז אָפּ איר שטע־כיקער, שטייניקער שטויב. איבער די שמאָלע פעלד־וועגן ציִען זיך איצט די אויפגעהויבענע פאַרטריקנטע ערד־פּאַסן. זיי זעען אויס ווי אָנגעצויגע־נע, פאַרגליווערטע סטרונעס אויפן לייב פון אַ ריזיקער ערדישער פידל. זיי ציִען זיך, די דאָזיקע ערד־סטרונעס, באַרג אַרויף. באַלד פאַלן זיי אַראָפּ הינטער די פלאַכע, נאָך דרימלענדיקע היגלען. צווישן זייערע שמאָלע פאַרטיפונגען לויפט פון די בערג און פון די צעקרישלטע, טויטע שטיין־סקאַלעס אַ קילער רעגן־אָפּפלייץ. ער שאַרכט און זינגט, דער דאָזיקער רעגן־אָפּפלייץ, אונטער אונדזערע לויפנדיקע, געשוואָלענע פיס. אונדז קו־מען אַלץ מער אַנטקעגן די אָנגעזאַמלטע נאַכט־וואַסערלעך, וואָס זענען איבערגעפילט מיט קיילעכדיקע, קליינע לופט־בלעזלעך. בעתן לויפן איז נישט שווער צו זען אין זיי די אָפּשפיגלונג פון אַ שווימענדיק פיצל הימל איבער אונדז, אַ פלעק פון אַ דאַרן נאָדלבוים ביים וואַלד־וועג און אויך די אייגענע, ווייסלעכע, יִדישע פּנימער, וואָס ווערן באַגאָסן ביים טאָג־אויפשפּראָץ מיט שוועבנדיקן גינגאָלד.

*

שוין צוויי טעג, ווי ז י י יאָגן אונדז. אָנגעהויבן האָט זיך עס פונעם קליינעם זאַקסישן וואַלד־לאַגער דורך די סודעטן־וועגן ביז טערעזיענ־שטאָט. געראַמאַנישע פּנימער רינגלען אַלץ מער אונדז אַרום אויף די וועגן מיט אוממענטשלעכער ווּט, ווען ס׳דערנענטערט זיך דער מערב־פראָנט. מיר לויפן צונויפגעדריקטערהייט — אַ מחנה אונטערגעיאָגטע שעפּסן־שאָטנס. זיי וואַרפן־אונדז־נאָך בעתן לויפן שפּאַט־רופן און טרייבן אונטער מיט נאַקעטע, געראַמאַנישע באַגנעטן. זינט אונדזער צוויי־טאָגיקן לויפן אי־בער דער דאָזיקער ווייכלעכער, גרינלעכער סודעטן־ערד זענען פון אונדז

אָפּגעפאַלן אַ סך טויטע. קיינער האָט זיי נישט געציילט און קיינער האָט זיי נישט געמאָנט, די טויטע. צי ציילט עמעצער די טויטע בלעטער, בעת זייער אָפּפאַלן אינעם ווינט? דאָס זענען געווען ס׳רוב די הינטערשטעליקע, וואָס האָבן זיך, אָפּגעשוואַכטע און וואַקלענדיקע, געהאַלטן אין די הינטער־שטע רייען. זיי פלעגן זיך נאָך אַ לאַנגע צייט האַלטן פאַר די הענט, געצויגן איינער דעם צווייטן און געפרווּט זיך אַליין שטאַרקן מיט תּחנונימדיקע, ייִדישע רייד. זיי האָבן זיך געלאָזט פירן אונטער די אָרעמס פון די שטאַר־קערע און מיטגעלאָפן מיט פאַרוואָרפענע קעפּ. זיי זענען אַלץ מערער און מערער אָפּגעשטאַנען, די הינטערשטעליקע, אין דאָזיקן גרינעם טויט־גע־לאַף. זייערע פּנימער זענען צוגעפאַלן צו די קילע, קליינע וואַסערלעך, וואָס האָבן ווי צעבראָכענע שפּיגלען געבלענדט צווישן די נידעריקע, גרינע היגלען. און דעמאָלט האָבן די גערמאַנישע פּנימער זיי ענגער אַרומגע־רינגלט און זיי געצוווּנגען נאָך נידעריקער אַראָפּצובייגן צו דער ערד די פאַרוואָרפענע קעפּ. זיי זענען טאָקע שוין פאַרבליבן דאָרט, די הינטער־שטעליקע, מיט איבערגעקערטע פּנימער, מיט גרויסע, אויפגעריסענע, ייִדישע אויגן, וואָס האָבן דעם לעצטן שלוק לעבן אויסגעטרונקען צוזאַ־מען מיטן טויט. און דער טויט — אַ גרינלעכער, אַ בלישטשענדיקער, אַ פרילינגדיקער, איז געלעגן פאַרטייעט אין די שיינע, קילע וואַסערלעך. זיי זענען פאַרבליבן ליגן אומעטום, באַפרייטע פונעם טויט־פּחד: אויפן פעלד, אויפן היגל, צווישן שאָטנדיקן וואַלד־וועג. זיי זענען געלעגן אָנגעגרייט פאַרן יונגוואַרג און פאַר די קינדער, וואָס זענען אונדז נאָכגעלאָפן מיט שפּאָטעריי און מיט שטעקנס אין די הענט איבער די שמאָלע דייטשע דאָרפס־וועגן. זיי וועלן זיי שפּעטער, די געפאַלענע, אַריינשליידערן ער־געץ אין דער ערד מיט ווייניקער כּבוד פאַרן טויטן גוף, ווי זיי טוען עס מיט זייערע געפאַלענע קעץ, הינט און קאַליריקע זינגפייגל. דערפאַר זע־נען מיר אַזוי געלאָפן מיטן איין־אייגציקן באַגער: אָנצוקומען אין אַ וואַלד; שטאַרבן ביי נאַכט אין אַ וואַלד! וואָסער זכות איז צו ווערן אַריינ־געטראָגן דאָרט אין דער ערד אויף אייגענע ייִדישע הענט. וואָרעם די וועלדלעך דאָ זענען זייער געדיכטע, די ביימער — אַלטע, ריזיקע. זיי שטייען זייער נאָענט, אַרומגענומען איינער מיטן צווייטן, ווי פאַרליבטע.

די ערד אונטער זיי איז ווייך און גרין, איבערגעצויגן מיטן פלושענעם שאָטן פון דיביימער, ווי מיט אַ שיין טישטעך. די גריבער, וואָס ווערן געגראָבן פאַר אונדז ביי נאַכט, זענען אַלע פלאַכע און שמאָלע. באַלד, אונטער דער אייבערשטער ערד־שיכט, וואָס איז ברוין און פייכטלעך, ליגן שוין די שוואַרצעביימער־וואָרצלען, אויסגעהעקלט ווי אַ געדיכטע נעץ. אויף די דאָזיקע וואָרצלען לייגט מען אונדז אַוועק, די טויטע. די וואָרצלען זענען ענג צונויפגעפלאָכטן, גיבן־זיך־לייכט־אונטער דעם פלאַטשיקן יידישן גוף, וואָס זינקט ביסלעכווייז טיפער אין דער ערד, ווי ער וואָלט גערוט אויף אַ ווייכער, פון שטריק צונויפגעפלאָכטענער וויג. — — —

דערווייל לויפן מיר נאָך אין די טיפע, לויזע, הילצערנע לאַגער־שיך. זיי רייסן די אויפגעלאָפענע, געלע הויט פון די פיס, וואָס פאַלדעוועט און שיילט זיך ווי פאַרלעגענע, אַלטע ציטרין־שאָל. צי ביסטו שוין אַמאָל גע־טריבן געוואָרן אין אַזעלכע הילצערנע גיהנום־שיך, דו, וואָס דיינע אויגן רוען איצט איבער די דאָזיקע טרויעריקע שורות ? דאָס איז אָבער גאָרנישט קעגן דעם הייסן, צאַפּלענדיקן פלאַטער פון הארץ, וואָס וויל אַרויסרייסן זיך פון דער פאַרטריקנטער און ברענענדיקער קעל. ניין, דאָס איז נישט קיין פויגל, וואָס זיצט אין דיר געפאַנגען, פלאַטערנדיק אין זיין אוממאַכט. דאָס קליינע, פויגלשע הארץ איז שוין לאַנג אין דיר געשטאָרבן. דאָס איז בלויז זיין פאַרבליבענער, פאַרקרימטער פויגל־שנאָבל, וואָס רייסט די האַלדז־ווענטלעך און וועט באַלד אַרויס דורך אַן אויסגעפּיקטער עפענונג. דערפאַר אָבער איז דער וואַלד־ווינט אַזוי קיל און פריש ! ער באַפאַלט אונדזער פנים מיט דער האַסטיקייט פון אַ יונגן אַפּריל־רעגן אין די סו־דעטן־בערג. אונדזערע שטערנס זענען שוין פייכטע און קילע, ווי פאַר־רעגנטער מאָך. אַ, ווען נישט די קולות פון די אָפענע גערמאַנישע מיילער : „האָפּ ! האָפּ !"... זיי פאָרן אונדז נאָך אויף פלינקע, בלאַנקענדיקע ראָווערן מיט אויסגעשטרעקטע, קורצע, שוואַרצע ס.ס.־ביקסלעך. זייערע קולות איבער אונדזערע קעפּ רייסן אויף ווי שראַפּנעלן : האָפּ, האָפּ !... האָפּ, האָפּ !...

אַ, גאָט, ווי לאַנג וועלן אַזוי לויפן דיינע טויטע ? — — —

הינטער די פלאַכע, שלווהדיקע סודעטן־היגלען שטייען אויף די פעל־

דער אַ סך לײדיקע, שוואַרצע תּבֿואה־שפּײכלערס, אָפֿענע שאָפֿעס, שטאַלן און װיסטע, פֿאַרלאָזענע פֿעלד־באַראַקן. די דאָזיקע עלנטע, אָפֿענע בנינים האָבן איבער זיך נאָר אַ נידעריק־הענגענדיקן דאַך, װאָס האַלט זיך בײַ אַלע פֿיר זײַטן אויף ברײַטלעכע, הילצערנע סלופּעס. זײ דינען דאָ אויף אַרײַנצופֿירן תּבֿואות, הײ און קאַרטאָפֿל, כּדי זײ צו שיצן פֿון די רעגנס, װאָס הײבן אָן דאָ צו פֿאַלן זײער פֿרי. איצטער שטײען נאָך די שפּײכלערס אַלע לײדיקע. זײער אָפּט טרײַבן זײ אונדז אַרײַן אויף בײַנאַכט אין די דאָזיקע פֿאַרלאָזענע, װיסטע בנינים. דעמאָלט ליגט מען אין דער פֿינצטער אויף דער ערד. פֿון אַלע פֿיר זײַטן יאָגט דער נאַסער, שװאַרצער נאַכט־װינט פֿון די בערג. ער יאָגט דאָ אַראָפּ פֿון טונקל־גראַנאַטענעם הימל אַ שװאַכן כּישוף־גלימער פֿון פֿרעמדע, פֿאַרלאָשענע שטערן. אונדזערע פֿינגער ניש־טערן דערװײַל אין דער פֿינצטער אין דער שפּײכלער־ערד. זי איז פֿול, די ערד, מיט אַלטע, פֿאַראַיאָריקע קאָרן־ און װײץ־קערנער, טײל מאָל אַפֿילו מיט פֿולע זאַנגען אָדער צעטראָטענע קאַרטאָפֿל, װאָס האָבן שײן גע־קרײזלטע, אויסגעװאַקסענע װאָרצלען. די קערנער זענען זיס. זײ ליגן לאַנג אינעם מויל־חלל װי אַ זיסע חלומדיקע ברויט־זאַפֿטיקײט. אַלע הענט זוכן אונטער זיך אויף דער ערד. מאָרגן װעלן מיר װײַטער לויפֿן מיט אַט די קערנער אין די טאַשן, בעת דאָ, אינעם שפּײכלער, װעלן פֿון אונדז איבערבלײַבן די טויטע מיט פֿולע קערנער אין די פֿאַרקרימטע, קאַלטע פֿויסטן. װער װעט מיט זײ בלײַבן אין די שפּײכלערס? אַ גאַנצן טאָג װעלן דאָ קומען די פֿעלד־פֿײגל און אויספּיקן די קערנער פֿון צװישן זײערע טויטע פֿינגער. בײַ נאַכט װעלן זיס צװיטשערן די שװאַלבן, װאָס האַלטן דאָ זײערע נעסטן אונטער די דאַך־בעלקעס. זײ װעלן אַראָפּצװיי־טשערן, די שװאַלבן, אַזוי לאַנג, ביז דער מאָרגנשטערן װעט אויפֿבליצן דורך די שפּאַלטן. און דעמאָלט װעלן דער װינט און דער מאָרגנשטערן אָװעקטראָגן אין פֿעלד דאָס װידערקול פֿון זײער געזאַנג — די לאַנגע פּסוקים פֿונעם שװאַרצן, פֿויגלשן נאַכט־תּהילים.

*

פֿאַר מיר לויפֿט מאָנע. זײַן אמתן ייִדישן נאָמען װײס איך נישט —

אפשר עמנואל, אָדער אפשר גאָר אַנדערש. אַלע רופן מיר אים דאָ פשוט: מאַנע.

איך לויף הינטער אים מיט קליינע, אָפּגעהאַקטע שפּרייזן. איטלעך מאָל מיין איך, אַז כ'וועל אַריינפאַלן אין זיינע פונאַנדערגעפּראַלטע, שוואַרצע פלעדער־פליגל, וואָס שפּרייטן זיך קעגן ווינט. ביידע וועלן מיר, צונויפגעקלעמטע אַזוי מיט די פלעדער־פליגל, אַוודאי אַראָפּזינקען ערגעץ ווו אין דער טונקעלער וואַלד־געדיכטעניש, וואָס הענגט דאָ צווישן די גליטשיקע, גרינלעכע פעלדזן. בעתן לויפן האָט איטלעכע מחשבה אַ שטאַרק־אויפגעהעלטע שאַרפקייט, ווי דאָס גרינע פייער פון אַ נאַר־וואָס געבוירענעם נאַכטבליץ. מאַנעס דאַרלעכער, ווינטיקער גוף איז אין גאַנצן איינגעהילט אינעם דאַזיקן צעדריוולטן פלעד ווי אין אַן אַלטן טלית. איבעריקנס לויפן מיר אַלע איינגעהילטע אין די דאָזיקע שוואַרצלעכע טלית־פלעדן. ווען מיר קלעטערן אַרויף אויף אַ בערגל, אָדער לאָזן זיך אַראָפּ אין אַ טאָל, קאָן מען אונדז אַלעמען זען. מיר זעען אַוודאי אויס פון דער ווייטנס ווי אַ טויטן־עדה, וואָס האָט זיך נאַר־וואָס אויפגעהויבן פון די באַהאַלטענע, ערדישע געלעגערס. דאָרט, ווו אונדזערע עלנבויגנס באַוועגן זיך בעתן לויפן אַהין און צוריק, האָבן די פלעדן ברייט אויסגעריסענע לעכער. דורך זיי זע איך געלע, נאַקעטע אָרעם־שפּיצן. מיטן דאָזיקן אויסגעוואַקסענעם ייִנגל, וואָס טראָגט דעם אויסטערלישן נאָמען מאַנע, האָבן מיך שוין פריִער, אין טויטן אוישוויצער בירקענאַו, פאַרבונדן אומפאַרשטענדלעכע טרעפונגען. ער פלעגט תּמיד אויסוואַקסן פאַר מיר, ווי אַן אָנזאָג פון בייז און אומפאַרמיידלעכקייט. זינט דעמאָלט איז מאַנע תּמיד לעבן מיין קרומען גוף. זיין אָפּגעריסענער ייִנגלשער שאָטן, וואָס שוועבט אַרום מיר, זוכט אויף ס'ניי זיך מיט אים צונויפצוגלידערן. ווען כ'שליס די אויגן דוכט זיך מיר: מיר ביידע זענען נאָר איין־איינציקער ייִדישער גוף מיט איין־איינציקן פליסיקן שאָטן. פאַר וואָס שרעקסטו מיך איצט אַזוי, מאַנע, ווי נאָר דו טרעטסט אַריין אין גבול פון מיין געלאָף מיט דיינע צעפּאַכטעטע פליגל?

דער פּחד קומט נאָך אַוודאי פון יענער נאַכט אין בירקענאַוער טויטן־טאָל. צווישן די אומצאָליקע טויט־באַראַקן, צווישן די אומצאָליקע ייִדן־

קהילות, וואָס זענען דאָרט אַריינגעוואָרפן געוואָרן פון די פוילישע שטעט און שטעטלעך און אויך פון די ייִדן־כּרכן אַרום רהיין, דונאַי און וועלטאַווע, איז ער, מאַנע, פּלוצעם לעבן מיר געבליבן ליגן ביי נאַכט אויף דעם שטיי־נערנעם בירקענאַוער באַראַקן־דיל. דעמאָלט זענען שוין קיין פּריטשעס אינעם ייִדן־לאַגער נישט געווען. מען האָט זיי, די דאָזיקע נידעריקע, נישט־געהובלטע טויטן־אַרונות, לחלוטין דעמאָלט שוין נישט באַדאַרפט. די ייִדן־קהילות האָבן בלויז געזאָלט אַדורכגיין די דאָזיקע בייזע, געשפּענס־טיקע ערד, אָדער גאָר גיך אַדורכלויפן דאָס שמאָלע, פאַרשאָטנטע פעלד־סטעזשקעלע, וואָס ליגט הינטער די הויכע באַראַקן־ווענט — צו אָט די גרויסע, פאַרבאַהאַלטענע, תּמיד רויכערנדיקע בנינים. די דאָזיקע אויסטער־לישע, רויכערנדיקע געביידעס שטייען דאָרט אַרומגעהילט מיט הויכע, שאָרכנדיקע, שיינע בירקן־ביימער. די ביימער זענען פּוילישע און שטייען דאָ הויכגעוויקסיקע, מיט גרינע, שפּעדיקע, שטאָלצע קרוינען. זייערע צווייגן, באַהאַנגען מיט שווערע, גרין־זילבערנע בלעטער, שפּילן זיך אָן אויפהער מיטן געדיכטן שוואַרץ־בלאָלעכן קוימען־רויך, ווי מיט שיינע, פלאָטערנדיקע האָר־קרויזן. — — —

*

כ'ליג אויפן קאַלטן שטיין־דיל, איינגעוויקלט צווישן אַ מחנה טויט־כראָפּענדיקע ייִדן, וואָס האָבן געקרעכצט און געיאָמערט פונעם שלאָף. אונדזערע הענט און עלנבויגנס, פיס און פּלייצעס ליגן איינגעפלאָנטערט צווישן זיך ווי די וואָרצלען פון איינגעפאַלענע, איבערגעשניטענע ביי־מער. און דאָך: ווי זיי וואָרעמען אונדז אין די דאָזיקע ווינטיקע טויט־נעכט — די פרעמדע, פאַרפּלאָנטערטע ייִדישע גלידער. זיי זענען איבערגע־פּילט, די בירקענאַוער נעכט, מיט אַ געשוואָלענער, אימהדיק־גרויסער לבנה, בעת פון די פאַרנעפּלטע בעסקידן־בערג גייען די פייכטלעכע, שאַרפע רעגן־ווינטן. דער פייכטער באַרג־ווינט פאַרציט ביסלעכווייז די ברייטלעכע לבנה־ראַנדן מיט גרויסע, העל־ברוינע, פאַרגליווערטע פלעקן. זיי הענ־גען, די פלעקן, איבערן האַלדז פון דער לבנה ווי אַ בייטשל געדיכטע, רויטע קרעלן. פון דער ערד, דורך די באַראַקן־שפּאַלטן, זעט מען זי ביי נאַכט,

אויפן ווייטן דרום־הימל, אַ רויט צעדריוולטע, אַ געשפּאָלטענע, ווי זי ווערט פולער, צעוואַקסענער איבערן שוואַרצן בירקענאַוער וועלדל. מיר האָט זיך תּמיד געדאַכט, אַז אין דרויסן איז אַ פּאַרוואָלקנטער זון־פאַר־גאַנג און אַז די זון קאָן נישט אונטערגיין. נישט אַנדערש ווי דער צפון־דיקער נאַכט־הימל האָט אַרויסגעלאָזט אַ טשאַטע צעפּלאָשעטע שפּאַרבערס און זיי אַרויפגעוואָרפן מיט אַלע יענעוועלטיקע, שדישע רציחות אויף דער זונס צעשראָקענעם, לייכטנדיקן קאָפּ.

קיין מאָל איז דער טויט נישט אַזוי נאָענט צו אונדז ווי דעמאָלט, ווען ער איז צום ווייטסטן. דאָס ווייסן מסתּם בלויז די פייגל, בעת זיי פליִען אין זילבערנעם חלל פאַרן אַראָפּפאַלן אויף דער ערד. דאָס וועלן אויך פאַר־נעמען נאָר די, וואָס זענען צענדליקער מאָל שוין אָפּגעשטאָרבן אין יענע טויט־יאָרן. דער איבערגאַנג פונעם געשפּענסטיקן ערדישן לעבן ציט זיך פון אונדזער איינגעפּאַלענעם גוף ווי איבער אַ דין, זילבערדיק שטראָמל, וואָס פליִיצט צווישן שיינע, נידעריקע הימלען, אַראָפּ, אַראָפּ אין אַ גרויסן, זינגענדיקן טייך. יאָ, אין אַ גרויסן, זינגענדיקן טייך. שמייכלט נישט, איר לעבעדיקע. איך רעד איצט פון מאָנען, וואָס איז צוריקגעקומען פון שמאָלן, לעצטן סטעזשקעלע, ווו דער רויט־שוואַרצער נאַכט־פלעק רוישט מיט הימלדיקע אַנגסטן איבער די געקרויזטע פּוילישע בירקן־ביימער. איך רעד פון מאָנען, וואָס איז צוריקגעקומען. ער וואָלט אויך געקאָנט נישט צוריקקומען. אַזוי ווי איך. אַזוי ווי דו. און דעמאָלט, דעמאָלט וואָלט מיין טרויעריק האַרץ נישט געהאַט וואָס אייך צו דערציילן — אייך, לעבעדיקע און שמייכלענדיקע.

כ׳פלעג תּמיד דער ערשטער זיך שטעלן, כּדי צו באַקומען אין ביר־קענאַו דאָס וואַרעמע קראָפּעווע־וואַסער, אָבער תּמיד בין איך צוריקגעשטויסן געוואָרן און געבליבן שטיין צווישן די לעצטע און הינטערשטע־ליקע. אפשר האָט עס מאָנע אויך אַזוי געטאָן. דערפאַר האָט פאַר מיר און פאַר אַנדערע ס׳רוב אויסגעפּעלט דאָס טעגלעכע קראָפּעווע־געקעכטס. און דערפאַר האָב איך בגנבה געריסן די טונקל־גרינע, בייגעווודיקע גראָזן, וואָס זענען מיט אַן אויסטערליש גערעטעניש הויך געוואַקסן אַרום אונדזער באַראַק אין די טיפע בירקענאַוער ריוון. זיי זענען געווען, די גראָזן, אַליווי־

קאַליריקע, דיקלעכע און איבערגעפולט אין זייערע רונדיקע, האַרטע שטענגלעך־קאַנאַלן מיט אַ פעטער, קלעפּיקער מילך־פליסיקייט. די דאָזי־קע פליסיקייט, וואָס האָט געהאַט אַ שאַרף־ביטערלעכן קראַפּעווע־טעם, האָט וואַרעם געביסן די צונג. דאָס האָט זיי אַזוי די בירקענאַוער ערד געגערט מיט דער דאָזיקער ביטערלעכער מילך־פליסיקייט. מען האָט בלויז באַדאַרפט אַרומשיילן די דיקלעכע גראָז־הויט, צעברעכן די שטענגלעך, כּדי די ווייסלעכע פליסיקייט זאָל טראָפּנווייז אויסרינען — און דעמאָלט איז די גראָז־ביטערניש לחלוטין שוין פאַרשוווּנדן. אַ קלעפּיקע פלאַנצן־וואַרעמקייט מיט אַ זיסלעכן, ערדישן טעם, ווי פון צייטיקע מאָן־קעפּלעך, פלעגט פאַרבלייבן אין מויל־חלל. דורכגייענדיק די קעל, האָבן זיי וואַרעם געמאַכט די הויט ווי מיט אַ שאַרף, גוט געטראַנק. צי האָט עמעצער פון אייך געהערט, ווי איך האָב תּפילה געטאָן, אַז די דאָזיקע קרייטעכצער זאָלן נישט וועלקן מיטן אָנקומען פונעם בעסקידן־האַרבסט? — — —

און גראָד ווי ס׳איז מיט מיר געשען מיטן טראָפּן קראַפּעווע־זופּ, וואָס ווערט אין בירקענאַו דערלאַנגט איין־איינציק מאָל ביי טאָג, אַזוי איז אויך געשען מיטן ביסל שלאָף אויפן גרויסן, שטיינערנעם באַראַקן־דיל. ס׳איז גוט צו ליגן אין דער מיט, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט שלאָפנדיקע וואַרעמע גופים, כּדי נישט צו פילן פון דער הוילער ערד די בירקענאַוער קעלט. איך ווייס אָבער נישט, ווי אַזוי פלעג איך תּמיד אין דער פרי גאָר ליגן ביי דער וואַנט — אָדער גאָר לעבן די ברייטע, אָפענע באַראַקן־טירן, פון וואַנען ס׳איז אָן אויפהער געגאַנגען דער קאַלטער, ווייַנענדיקער בעס־קידן־ווינט.

טאַקע מחמת דעם, וואָס כ׳בין אַזוי אַרויסגעשטויסן געוואָרן שלאָפנ־דיקערהייט און געבליבן ליגן ביי די אָפענע באַראַקן־טירן, איז לעבן מיר אַנומלט, אין מיטן נאַכט, אַנידערגעפאַלן עמעצנס דאַרער, ייִנגלשער גוף. פונעם פאַלן בין איך געוואָרן האַלב וואַך און זיך געפּרוּווט אויפזעצן. אָבער אויפן בירקענאַוער דיל קאָן מען זיך נישט אויפזעצן בעתן שלאָף. אין דיר זענען אַריינגעפלאָכטן עטלעכע שלאָפנדיקע. ס׳איז געווען זייער שטיל. הינטער די דראָטן האָב איך פאַרנומען די פאַרטייעטע, וועלפּישע נאַכט־טריט פון די באַראַקן־שומרים. די פינצטערע נאַכט־טריט האָבן

אָנגעהויבן באַגלייטן דאָס אייגענע האַרץ־קלאַפּן. אַ טראָט — אַ קלאַפּ, אַ טראָט — אַ קלאַפּ, גראָד ווי דאָס האַרץ און דער בלוט־לויף וואָלטן געווען צוזאַמענגעהעפט מיט די דאָזיקע דרויסנדיקע, פּאַרטייעטע שטיוול־טריט. איבער אונדזערע פּנימער איז געלעגן די קעלט פון דער דרויסנדיקער, צעריסענער אלול־לבנה. דורך די ברייטע טירן האָט פון הינטער די בערג געפלייצט איר העל ציטרין־ליכט ווי פון אַן איבערגעשניטענער, פאַרוווּנדיקטער פרי. און אין דעם דאָזיקן ציטרין־ליכט, וואָס האָט געטריפט צו די שמאָלע אויגן־שפּאַלטן, האָט מען געקאָנט זען די אָפּגעדעקטע, שוואַרצע גלידער פון די שלאָפנדיקע. זיי זענען געלעגן מיט פאַרוואָרפענע העלדזער, ווי איבערגעשניטענע, בעת זייערע איינגעקנוילטע רוקנס און פּלייצעס האָבן אויסגעזען אינעם קאַרגן לבנה־ליכט, ווי אַרומגעהילטע מיט שיינע, זילבערנע טליתים.

מיר איז פּלוצעם געוואָרן אַזוי וואַרעם אויפן רוקן און ביי די פיס, ווי לעבן מיר וואָלט זיך אַוועקגעלייגט אַ שעפּס.

— ווער איז דאָס ? — האָב איך קוים אַרויסגעשטאַמלט פון שלאָף.

עמעצנס קול האָט זיך געוויגט פליסטערנדיק :

— ש... ש... ש... ס׳איז נאָך נאַכט... שלאָף — ס׳איז נאָך נאַכט...

דאָס קול איז געקומען קורץ און אָפּגעהאַקט ווי פון דער ערד־טיפע־ניש. באַלד איז עס אין גאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן. אַרום איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקאָנט הערן ווי דער בעסקידן־ווינט קעמט ווייגענדיק די הויכע, פינצטערע קראָפּעווע־גראָזן הינטער דער וואַנט.

דער אַראָפּפאַלנדיקער גוף האָט זיך מערער צונויפגעקנוילט אַרום מיינע פיס.

— ווער איז דאָס ? — האָב איך זיך נאָך מערער דערשראָקן אין דער בירקענאַוער נאַכט־שטילקייט און אויף ס׳ניי געפּרוווט זיך אויפזעצן אויפן דיל.

— שרעק זיך נישט... אַ ייִד... אַ ייִד... דאָס בין איך — מאָנע... מאָנע...

— איצטער, אין מיטן נאַכט ?

דער פרעמדער האָט אין דער פינצטער זיך אַריבערגעבויגן איבער מיין אַקסל ווי אַ גרויסער, וואַרעמער שאָטן. כ׳האָב געזען די טונקעלע

ראַנדן פון זיין פּנים, פון וואַנען ס'האָבן אַרויסגעפינקלט צוויי קיילעכדיקע ליכט־פינטעלעך. איצט האָט ער שוין געהאַלטן אַרומגענומען מיט זיין עלנבויגן מיין אַקסל. ער איז געבליבן ליגן אַזוי שטיל ווי ער וואָלט אַנט־דרימלט געוואָרן. אַ געוויש פון אָפּגעשיילטע, ציטערנדיקע ווערטער האָט זיך געגליטשט פון זיין קעל. פונעם קלאַנגען־קנויל האָב איך בלויז גע־קאָנט אויפנעמען איין־איינציק וואָרט:

— טאַ־טע — — טאַ־טע — — — טאַ־טע — — — —

איך האָב דעם פרעמדנס האַנט לויז געמאַכט פון מיין אַקסל.

ער האָט גאָר נאָענט מיר געפּליסטערט אין אויער:

— כ'קום פון דאָרטן... כי... כי... פון... קוימען... כי... כי...

כ'האָב גאָרנישט געזען אין דער נידעריקער פינצטערניש. ער איז איצט געלעגן איבער מיר אין גאַנצן אָן אָטעם ווי אָפּגעשטאָרבן. מיינע הענט האָבן זיך אויסגעצויגן און אָנגעטראָפן אויף זיין שמאָלן, דאַרלעכן קאָפּ ווי אויף אַ קאַלטן, קליינעם אַרבוז.

פּלוצעם האָב איך דערפילט, ווי זיינע פינגער שטופּן אין מיין מויל אַריין אַן אָפּגעבראָכן שטיקל ברויט, וואָס איז געווען האַרטלעך און פאַר־טריקנט. אין דער פינצטער האָב איך געהערט, ווי זיינע ציין האָבן אויך אָנגעהויבן עפּעס פלינק צו קייען. דאָס איז געווען אויסטערליש. פון וואַ־נען קומט צו אים ברויט אין מיטן נאַכט? נאָך אַ רגע האָט מיך מאָנע אויף ס'ניי אַרומגענומען. ס'איז אונדז ביידן געוואָרן גאָר וואַרעם. איך האָב אין דער פינצטער אַרויסגעפילט, אַז ער טראָגט אויף זיך בלויז דאָס רעקל, אָן הויזן. ער איז געווען אויך אָן וועש אויפן לייב. ווי גוט איז די נאָקעטע, מענטשלעכע וואַרעמקייט אין די בירקענאַוער נעכט! דאָס רעקל האָט בעת זיין פאַלן איבער מיר זיך אין גאַנצן אַראָפּגערוקט און ער איז איצט געלעגן לעבן מיר כּמעט אַ נאַקעטער, מיט דער וואַרעמקייט פון זיין שטיל־קלאַפּנדיק, דערשראָקן, ייִנגלש האַרץ.

— זיי... האָבן... מיך צוריקגעשיקט... כי־כי... נישט געלאָזט מיט־גיין... נישט געלאָזט... כי־כי...

— מיט וועמען?

— מיטן טאַטן, כי־כי...

דאָס שפּיציקע, אָפּגעהאַקטע כיכיקען זיינס איז אַרומגעשפּרונגען אַרום מיר אין דער פינצטער ווי דאָס פאַרהוילענע געלעכטערל פון אַ נאַכט־שד. ס'האָט געגרוילט מיט אוממענטשלעכן פּחד און פינצטער שפּאָטעריי פון יעטוועדן באַשעפעניש. אפשר איז דאָס אַלץ בלויז אַ גיהנומדיקער ביר־קענאָוער חזיון? אפשר איז דאָס בלויז אַ געשפּין פון מיין שלאָפלאָזן מוח אויפן בירקענאָוער דיל, בעת פון דרויסן ציִען זיך אַריין דורך די שפּאַרעס אַזעלכע פּישופּדיקע ליכט־סטענגעס פון אַ גרויסער בירקענאָוער לבנה?

כ'בין געלעגן אין יענער נאַכט אַרומגענומען מיט מאָנען ווי אין אַ קבר. אפשר האָבן מיר ביידע שוין נישט געלעבט. ער האָט צו מיר גע־שטאָמלט מיט האַלבע, ייִנגלשע, ייִדישע רייד. און אפשר איז דאָס געווען נאָר דער ווינט, וואָס האָט אין דרויסן געקעמט די הויכע בירקענאָוער גראָזן? וואָרעם ס'איז נאָך געווען גאָר, גאָר לאַנג צום אויפגיין פון די פרימאָרגן־נעפּלען, וואָס מען זעט זיי אַראָפּנידערן אין די טאָלן פון די שיינע פּוילישע בעסקידן־בערג.

און איצט וועל איך פּרוּוון אייך דערציילן די אויסטערלישע גע־שיכטע פון מאָנען און זיין טויטן שאָטן.

*

דער טאַטע ירחמיאל איז געווען אַ קליינגעוויקסיקער, אַ נידעריקער, ווי אַ צונויפגעקליבענער פון אַ סך דראָבנע, ייִדישע גלידער. די דאָזיקע גלידער האָבן לחלוטין נישט געפּאַסט איינער צום צווייטן. בעת די הענט זענען געווען גאָר, גאָר לענגלעכע, זענען די אַקסלען זיינע געווען שמאָלע, רונדיקע, ווי ביי אַ ייִנגל, און דער האַלדז איז געזעסן אויף אים פלאַך, אַראָפּגעלאָזט, ווי אויף אַ גיפּסענער פיגור. זיינע פיס — קורצע, קינדישע — זענען תמיד געלעגן פאַרבאָרגן הינטער דער ברייטלעכער, פאַרקויטיק־טער קאַפּאָטע. די אויגן זיינע, אין גאַנצן אַרומגעוואַקסן מיט ווילדע האָר־אינדזעלעך, פלעגן מיט עפּעס אַ שעמעוודיקייט בליקן אויף דער וועלט. ער האָט קיין מאָל, דער טאַטע ירחמיאל, נישט געקוקט אַרום זיך מיט ברייט־לעך־אָפענע אויגן. גיכער האָט דער טאַטע ירחמיאל תמיד אויסגעזען, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אויפגעשטאַנען פון דרימל, מיט צוגעלענטע, ציטערנ־

דיקע, אויגן־דעקלעך. אַט, למשל, ווי ביי אַ דרימלענדיקער הון, וואָס כאַפּט זיך אויף פּלוצעם פון אַ הינערשן חלום. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס דרויסנדיקע, שאַרפע ליכט איז נישט גוט פאַר זיינע צעגאָסענע אויגן־אַפּלען. אפשר האָט מאַנע אַזוי געזען דעם טאַטן דערפאַר, וואָס דער טאַטע ירחמיאל איז תּמיד געזעסן אויפן הילצערנעם, נידעריקן שוסטער־בענקעלע און געלאָטעט דאָס צעריסענע שכוואַרג פון אָרעמעלייט. מאַנע זאָגט, אַז די, וואָס טוען זייער מלאכה אויף נידעריקע בענקעלעך, זעען די וועלט גרעסער און ווונדערלעכער. זיי זיצן נידעריק צו דער ערד, ווי שבעה־זיצערס, אָבער דערפאַר זעען זיי איבער זייערע געבויגענע קעפּ אַ סך הימלדיקע פריידן.

דעם טאַטנס לאַנגע, אומרויִקע הענט האָבן אַרומגעפאָכעט איבער דעם שוסטער־בענקעלע, ווי די פליגל פון אַ פאַרכישופטן פויגל. זיי האָבן גע־ריסן די צעפּאַלענע, אַלטע שטיוול פון יידישע מדינה־גייערס און אָרע־מעלייט, פון מאַרק־שטייערס און הקדש־לייט. און נאָר דורך עפּעס ווייטע, נישט־ערדישע שפּרוכן זענען די צעפאַלענע שטיוול ווידער צונויפגע־שטעלט געוואָרן צו אַ ניי־גייענדיק לעבן. אָבער צום מערסטן האָט מאַ־נען פאַרבלענדט דאָס קלאָרע, זילבערנע פייער פונעם שוסטער־מעסער, וואָס דער טאַטע ירחמיאל האָט געהאַלטן צווישן זיינע פלינקע פינגער. דאָס דאָזיקע מעסער איז געווען אַנגעטאָן אויבן ביז אין דער העלפט אין אַ ווייך, שוואַרץ־טרויעריק מענטעלע, בעת די צווייטע העלפט איז געווען נאַקעט, אָפּגעדעקט און פריילעך געבלאַנקט מיט אַ שיינער, שאַרפער דורכזיכ־טיקייט ווי פון אַ חלף. דאָס אויסטערלישסטע איז געווען, וואָס מאַנע האָט קליינערהייט אַפילו קיין איין־איינציק מאָל נישט געהאַלטן דאָס מעסער אין זיינע הענט. תּמיד איז עס געלעגן פאַרבאַרגן הינטער זיבן לעכער, כדי ס׳זאָל נישט אַ מאָל אַריינפאַלן אין זיינע קליינע, קינדישע הענט. וואָס מער דאָס מעסער איז געלעגן פאַרבאַרגן, אַלץ מערער איז זיין ליכטיקע שאַרף געקומען אים צו חלום, זיך געשטעלט פאַר אים אין גאַנצן נאַקעט, אויסגעטאָן פונעם מענטעלע, ווי אַ שיין, טאַנצנדיק צווערג־לצל.

בעת זיי זענען ביידע אָנגעקומען, מאַנע מיטן טאַטן ירחמיאל, אין דער געטאָ־אָפּגעצוימטקייט, איז שוין די מאַמע געווען לאַנג געשטאָרבן. זי איז

געלעגן אויפן בית־עולם צווישן אַ סך נידעריקע, איינגעפאַלענע שטיינער, דאָרט, ווו עס קומט צו קבורה דאָס בעל־מלאכהשע פאָלק און די הקדש־לייט. די מאַמע זיינע געדענקט ער אַפילו נישט גוט, מאָנע. די, וואָס געדענקען נישט זייער מאַמע, נישט איר שמייכל און נישט איר טרער, — זענען די אָרעמסטע אויף דער וועלט. אַפילו טויטע מאַמעס מאַכן פון יענער וועלט לויטערער אונדזער לעבן מיט זייער פאַרשטאָרבענעם שמייכל — זאָגט מאָנע.

*

פונעם אָפּגעצוימטן הקדש־געסל צום געזעמל ייִדן, וואָס איז געטריבן געוואָרן פון דער ראַמפּע צום אָפענעם וואַגאָן, האָט זיך דער שטח געצויגן אַ זאַמדיקער, פאַרוואָרפן מיט שטיינער און גלאָזוואַרג. דער טאַטע ירחמיאל האָט בלויז באַוויזן מיטצוכאַפּן: אַ האַלב פאַרדאַרט געטאָ־ברייטל, דעם טלית־זאַק מיט די תּכריכים און אויך דאָס שוסטער־מעסער, כּדי אָפּצושניידן אַ כּזית ברויט.

ווי נאָר דער וואַגאָן־דיל איז געוואָרן איבערגעפילט מיט מאַנצביילן און ווייבער און די טיר פאַרריגלט פון דרויסן, איז אינעווייניק אויפגעגאַנגען אַן אימהדיק, שטיל געפליסטער, ווי דאָס שאָרכעריי פון אַ סידור ביי נאַכט. גאַטס דרויסנדיקע, אָפענע וועלט איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַזוי איינגעשרומפּן און קליין, ווי זי וואָלט באַקומען די שוואַרצע פאָרעם פון אַ קבר. אַלע הימלדיקע, בלאָע הויכקייטן זענען אַראָפּגעפאַלן צום דיל, ווו ס׳איז געלעגן דער טאַטע ירחמיאל מיט מאָנען. אַ געשטאָרבענע, ציטערנדיקע דעמערונג, דורכגעפלאָכטן מיט ליכט־שטרייפן, האָט קוים־קוים זיך אַריינגעזיפּט פון דער דרויסנדיקער וועלט. די דאָזיקע ליכט־שטרייפן האָבן וויברירט אין דער דעמערונג, געלויכטן מיטן פאָספאָר־גלאַנץ, ווי געפלאָכטענע שטריק, אָנגעהאָנגענע פון וואַנט צו וואַנט, וואָס וואַרטן נאָר אויף עמעצענס פאַרלייגטע, טויטע העלדזער. בעת די וואַגאָן־רעדער האָבן שפּעטער אָנגעהויבן שלייפן די שינעס, איז פון הינטער דעם דיל געגאַנגען אַ שדיש קריצעריי און אַ פינצטער אייזן־געוואָי ווי פון פאַרזשאַווערטע, אַלטע מעסערס. אָבער פּלוצעם — האָט אַ העשענדיק וויינען און ווייבעריש

קרייסן געשפּאָלטן די דעמערונג. אין וואַגאָן־ווינקל איז אַ פולער, געשוואָלענער שאָטן פון אַ פרוי געגאַנגען צו קינד. זי איז געלעגן אַריינגעקנוילט אינעם ווינקל — ווי אַן אויסגעשניטן שטיק הימל־פינצטערניש, וואָס גייט געבערן פון זיך אַ נייעם, אויפגעצאַפּלטן בליץ־שטרייף. איר געשוואָלענער, גרויסער שאָטן איז געוואָרן ביסלעכווייז איבערגעפילט מיט אַ זיפצעריי פון אַלט־ייִדישע, שוין לאַנג־פאַרגעסענע תּפילות. אין דער פינצטערניש אויפן וואַגאָן־דיל, צווישן די לייכטנדיקע, דורכרייסנדיקע שפּאַרע־שטרייפן, איז איצט אָנגעגאַנגען אַ האַרטנעקיק געראַנגל צווישן פאַרזשאַווערטן אייזן־געוואַי און דעם דינעם, קרייסנדיקן תּפילה־געוויין פונעם ווייבלעכן, געשוואָלענעם שאָטן. אַלע פינצטערע, שדישע אייזן־כּוחות פון הינטער די בהלהדיקע רעהער האָבן געקריצט מיט זייערע שפּיציקע ציין, זיך געוואָרפן אין געפּעכט מיטן מענטשלעך געוויין, כּדי עס צו איבערוועלטיקן און בייקומען ווי מיטן ריזיקן, שוואַרצן אָרעם פון אַ בייזן גאָט. טייל מאָל האָט מען שוין לחלוטין נישט געהערט דעם געשוואָלענעם שאָטן, גראָד ווי דאָרט וואָלט טאַקע בלויז געלויערט אַן אַראָפּגעפאַלענע שטיק הימל־פינצטערניש. פון דער דאָזיקער אַראָפּגעפאַלענער הימל־פינצטערניש האָבן זיך די מענטשן אײנציקווייז אָפּגערוקט. זיי האָבן בלויז געקוקט מיט אַ פינצטערער, מבולבלער פאַרשטאַרטקייט אַהין אינעם ווינקל, ווו ס'דאַרף איצט געבוירן ווערן אַ מענטש. דאָס בייזע אייזן־געיאָמער הינטער די רעדער איז געווען הילכיק און דראָענדיק. ס'האָט שוין געהאַט אין גאַנצן איינגעשלונגען איטלעכן מענטשלעכן קרעכץ פון ווינקל, ווו ס'איז פּלוצעם געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט דאָס שרעקיקע עטעמען פון די מענטשן. און מיט אַ מאָל — אַ שוואַך, געשפּאָלטן געוויין פון אַ געבוירן נפשל האָט פונעם ווינקל צעשניטן די דיל־פינצטערניש. דאָס געוויין פון פאַלנדיקן קינד האָט איבערגעשניטן דעם שוואַרצן אייזן־געוואַי. מען האָט בלויז געהערט דאָס פאַרשטילטע, רויִקע עטעמען פונעם אויפגעבונדענעם ווייבלעכן שאָטן און דער אָטעם איז געגאַנגען ווי דאָס מילדע עטעמען פון אַ ווינט. דער טאַטע ירחמיאל און מאַנע זענען געלעגן אין דער דאָזיקער הייליקער וואַגאָן־פינצטערניש מיט פאַרשלאָסענע, דערשראָקענע אויגן. דאָס ווײנענדיקע עופעלע האָט אויף

ס'ניי זיך צעכליפּעט און געהעשעט לאַנג און צעצויגן מיט אַלע אַנגסטן פון טויט און יצירה, ביז דער טאַטע ירחמיאל האָט פונעם טלית־זאַק אַרויס־גענומען די תּכריכים, זיי אויפגעהאַנגען איבערן וואַגאָן־ווינקל און גע־מאַכט אַ מחיצה פאַר דער געווינערין. אַ בלענדנדיק־שיינע ווייסקייט האָט ווי אַ מילכוועג זיך צעשפּרייט פונעם ווינקל אַרויס. דער טאַטע ירחמיאל און מאַנע האָבן אָנגעהויבן צו זאָגן תּהילים. לעבן שמאָלן, פאַרקראַטע־וועטן פענצטערל האָבן געגומען אַרומפלאַטערן די תּהילים־פּסוקים, ווי קליינע, צעשראָקענע פעלדפייגל, וואָס קאָנען נישט אַרויס פון דער פינצ־טערער געפאַנגענשאַפט.

דאָס הענגענדיקע, טויטע ווייסגעצייג איבער דער געווינערין מיטן קינד, דאָס טלית־זעקל מיטן פאַרבאָרגענעם שוסטער־מעסער, זענען גע־בליבן אינעווייניק, נאָך דעם ווי דער טאַטע ירחמיאל און מאַנע זענען גע־טריבן געוואָרן פון וואַגאָן אין דרויסן. דער טאַטע ירחמיאל האָט בלויז מיטגעכאַפּט הינטערן אָרעם אין דער לעצטער רגע דאָס האַלב־פאַרטריקנטע ברייטל, וואָס איז געווען שטייניק־קיל און צעשפּאָלטן.

*

ס'איז נאָך געווען גוט פינצטער. אַ רויטלעכער פלאַם איבערן וועלדל האָט געמאַכט ליכטיק דעם קיזלשטיינערנעם וועג אין בירקענאַו. איבערן דאָזיקן וועג זענען איצט געגאַנגען דער טאַטע ירחמיאל און מאַנע, גע־אָרעמט און אַרומגענומען, ווי איין גרויסער, וואָרעמער שאָטן. הינטערן טאַטנס אָרעם איז געהאַנגען דאָס ברויט ווי אַן אָפּגעשטאָרבענע לבנה.

אַ רוי שדיש קול, וואָס איז געקומען פון דער פינצטערניש, האָט זיי ביידן אָפּגעשטעלט.

— פאַטער אונד זאָהן ?

מאַנע האָט נאָך וואָרעמער אַרומגענומען דעם טאַטן.

— ווילסטו דען מיט, דו דוממער בענגל ? נאָך צייט !... צוריק !...

— טאַ־טע !...

דער טאַטע ירחמיאל האָט אויסגעשטרעקט צו מאַנען דאָס ברייטל, וואָס האָט געלויכטן מיט אַ פאַרגליווערטער, ווייסער קאַלטקייט.

— זון מיינער... גיי צוריק... גיי צוריק... פאַרגעס נישט...

מאַנע איז געבליבן שטיין אַן אָפּגעטיילטער פון טאַטנס איינגעבוי־גענעם שאָטן. אויף זיין קליינער האַנט־פלאַך איז געלעגן דאָס ברויט. ס'איז געווען שווער, דאָס ברויט, און געלעגן ווי אַ האַלבער, צעבראָכענער כדור־הארץ, בעת אין די פאַלדן פון דאָזיקן כדור־הארץ זענען געפאַלן מאַנעס קליינע, יינגלשע טרערן־טראָפּנס.

איך, וואָס האָב אין יענער בירקענאַוער נאַכט אויפן באַראַקן־דיל געגעסן פון דאָזיקן ברויט פון מאַנעס האַנט, האָב אויך אויף מיין גומען געהאַט מאַנעס וואַרעמע טרערן. און אפשר — זענען עס גאָרנישט געווען מאַנעס טרערן, וואָס האָבן אַזוי געבריט אין דער בירקענאַוער פינצטערניש?

*

דאָס האַלבע לעבל ברויט, וואָס דער טאַטע ירחמיאל האָט איבערגע־לאָזט, האָט מאַנע קיין מאָל אין בירקענאַו נישט פאַרצערט, אפילו נישט דעמאָלט, ווען ס'האָבן שוין אָנגעהויבן אויספעלן די הויכע קראָפּעווע־גראָזן אין די בירקענאַוער ריוון. אין זיין לינקער קעשענע איז תמיד געלעגן אַ גרויסע, פאַרדאַרטע ברויט־רינדל, וואָס איז אין צווישן געוואָרן גרינלעך און פאַרצויגן מיט אַ גליטשיקן, פעטן שימל. איך האָב אים זייער אָפט געזען זיצן, מאַנען, לעבן ריוו פון די אויסגעריסענע קראָפּעווע־גראָזן און האַלטן אין דער האַנט דאָס דאָזיקע אויסטערלישע שטיקל ברויט. ער האָט געקוקט דערויף ווי אויף אַ פאַרבאַהאַלטענעם, לייכטנדיקן שטערן, וואָס גיסט פון זיך אַרויס אַ סך ליכט פון גאָטס פאַרבאָרגענע גלגלים. דאָס איז געווען אַן אויסטערלישער, שיגעונדיקער בונד צווישן נאָך לעבעדיקן זון און דעם אָוועקגעגאַנגענעם טאַטן. דווקא דאָס ערדישע פיצל ברויט, וואָס איז שוין געווען טויטלעך־פאַרטריקנט און אָפּגעשטאָרבן, האָט צווישן זיינע פינגער געלעבט אַ ווייטערדיק, גרין, ערדיש ברויט־לעבן. אפשר איז מאַנע צו יענער צייט שוין געווען פאַרלוירן אין אַ נעץ פון שיגעון, בעת די וועלט הענגט אויף די שענסטע קאַליריקע בריקן? ער איז אָפט געלעגן מיטן פּנים אינעם ריוו, בעת דאָס פאַרדאַרטע טויטן־ברויט פלעגט אַרומ־פלאַטערן אויף זיינע ליפּן. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז ער זויגט אַזוי פון

זיינע פאַרטריקנטע, אויסבאַהאַלטענע געפּעסן אַלע כּישופדיקע ערד־זאַפטן. ער פלעגט עס שפּעטער זייער פאַרזיכטיק אַראָפּנעמען פון די ליפּן, איינ־וויקלען אין אַ שטיקעלע לייוונט און אויף ס'ביי אַריינלייגן אין קעשענע. דאָס איז אוודאי געווען פאַר אים אַן אומזעעוודיקע בריק, וואָס האָט אים פאַרבונדן מיטן טאַטן, וואָס איז פאַרשוווּנדן הינטער דער וואַלד־פורטקע. דער דאָזיקער בונד האָט מער נישט געהאַט קיין ערדישן פאָדעם. ער איז געלעגן אין מאָנעס יינגלש, יידיש האַרץ איינגעפּאַסט ווי אַ שם־המפורש, וואָס פאַרבאַרגט אין זיך אַלע סודות און רעטענישן פון לעבן און טויט.

איך, וואָס האָב אין יענער ערשטער נאַכט פון זיין צוריקקומען, אויך געגעסן פון יענעם ברויט, בין גראָד ווי מאָנע פאַרוועבט געוואָרן אין זיינע אויסטערלישע, טריבע חזיונות. זינט דעמאָלט, בעת ער איז ביי נאַכט אַריינגעפאַלן אין באַראַק, ציט זיך צווישן אונדז אונדזער ערדישער בונד. זינט דעמאָלט איז מאָנע שוין צוזאַמען מיט מיר און — אפשר גאָר אַ שאָטן פון מיר. בעת ער לויפט אַזוי איצט, מאָנע, איז עס אפשר טאַקע מיין אייגענער לויפנדיקער שאָטן? ווי אויסטערליש, מיין גאָט! פאַר וואָס לויפט מאָנע גראָד פאַר מיר? פאַר וואָס האַלט ער די לינקע האַנט תּמיד איינגעפויסט? צי איז עס נישט דאָס כּזית ברויט, וואָס ס'האָט אים אין דער בירקענאַוער נאַכט אַריינגעלייגט אין זיין האַנט דער טאַטע ירחמיאל? און אפשר, אפשר האַלט ער גאָר איינגעפויסט אַזוי — אַ מעסער?

*

איך ליג שוין ווידער לעבן מאָנען אויף דער ערד. אַ ליידיקער, פאַר־לאָזענער פעלד־שפּייכלער ביי נאַכט. אונדזערע הענט זוכן די קערנער און קאַרטאָפל. ס'איז דער אַכטער טאָג פון אונדזער לויפן איבער דעם שיינעם סודעטן־לאַנד. אין יענער צייט זענען שוין די טויערן פון הונדערטער נישט־יידישע קאַצעט־לאַגערן געוואָרן אויפגעפּראַלט. אין גרויסע, הונ־געריקע פעלקער־מחנות האָבן שוין די מענטשן געוואַנדערט צוריק צו זייערע היימען — די באַפרייטע רוסן, איטאַליענער, טשעכן, פּאָליאַקן און פראַנצויזן. בלויז אונדז, די אומצאָליקע יידן־מחנות, האָט מען נאָך אַלץ געפירט, כּדי אונדז איינצוזאַמלען אין די טויט־לאַגערן פון טערעזיענ־

שטאָט און פלאָסענבורג. אַרום די פּראָגער פרילינגדיקע וועלדער זענען נאָך געגאַנגען די לעצטע שלאַכטן.

ס׳האָט קוים, קוים געגרויט אויף טאָג, בעת אין אָפענעם שפּייכלער האָט „דער קליינער ביסמאַרק״ — אַ הינקעדיקער געשטופּלטער דייטש — אַריינגעפירט צו אונדז אַן אויסטערלישן מענטשן. דער מענטש איז געווען אַ נידעריקער, אַ באַוואַקסענער איבערן גאַנצן פּנים, מיט אַ ברייט־ייִדיש־לעכער, געקרויזטער באָרד. בלויז די אויגן — שוואַרצע און גליִענדיקע, האָבן מיט איבערגעשראָקענע טויטע שמייכלען אַרויסגעקוקט פון דער שוואַרצער פאַרוואַקסנקייט. מיר האָבן זיך איינגעקוקט אינעם פרעמדן. זיינע האָר, לאַנגע און פאַרוואָרפענע אויפן אַקסל, זענען אָפּגעשטאַנען אין ברייטע קרויזן; די פּיס — באָרוועסע, דאָס פּנים — דורכזיכטיק און אָפּ־געצערט. ער האָט אויסגעזען, שטייענדיק אַזוי אין דער פרימאָרגן־דעמע־רונג, ווי אַ וואַלדגאָט, וואָס איז אַרויס פון די בערג און זיך אַריינגעגנבעט צווישן די ייִדן. ער איז געווען איינגעהילט אין אַ לאַנגער, שוואַרצער קאַ־פּאָטע, וואָס האָט אויך געקאָנט זיין אַ גלחשע טאָגע. אונטערן אָרעם האָט ער געהאַלטן אַ צייגענע טאָרבע, וואָס האָט דערמאָנט אַן אַלט, צעריבן טלית־זעקל.

„דער קליינער ביסמאַרק״ האָט דעם פרעמדן אַוועקגעשטעלט אין ווינקל, ביז ס׳וועט ליכטיק ווערן. ער האָט אים בלויז מיטן שפּיץ באַגנעט אַ קער געטאָן ביים אַקסל. דער פרעמדער האָט אַפילו נישט אַ ריר געטאָן מיט די ווימפּערן. „דער קליינער ביסמאַרק״ האָט געהאַט אַ חשד, אַז דאָס איז אַן אַנטלאָפענער ייִד, וואָס האָט זיך מסתּם אָפּגעריסן ערגעץ פון זיין שטאַם־לאַגער. אויב אַזוי — איז זיכערער אים צו האַלטן טאַקע דאָ, אינעם שפּייכלער, צווישן די ייִדן.

ווי נאָר דער פרעמדער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אינעם ווינקל, האָט מאַנע פון אים מער נישט אַראָפּגענומען זיינע אויגן. ער האָט זיך אונטער־געהויבן אויף זיינע עלנבויגנס און שטאַר אַריינגעקוקט אינעם פרעמדן מיט אַ הייסן, פיבערדיקן גלאַנץ. דער פרעמדער האָט שטיל אָנגעהויבן עפּעס אונטערצוזינגען — לכתּחילה גאָר־גאָר איינגעהאַלטן. שפּעטער איז זיין קול געוואָרן פולער און דרייסטער. דאָס איז געווען אַן אויסטערליש

געזאַנג, געמישט פון פייגל־קולות, פון ווינט־זשומעריי און אויך פון מענטשלעכע זיפצן. אפשר האָט זיך עס נאָר אַזוי מיר און מאַנען אויסגע־וויזן? זיינע ניגונים האָבן טייל מאָל דערמאָנט דאָס ווילדע בעקען פון באַרג־שעפּסן, טייל מאָל ווידער דאָס סווישטשען פון אַ בייטש, וואָס טראָגט זיך אין אַן אָפענעם חלל. אָבער אַז דער פרעמדער האָט פּלוצעם אָנגעהויבן צו ברומען מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט מאַנע אַ שטאַרקן זיפץ געטאָן. דער פרעמדער איז געווען אַזוי אויסגעהונגערט, אַז ער האָט קוים געקאָנט אויספורעמען אַ וואָרט אין זיינע ניגונים. מיר האָבן אים אינעם ווינקל צוגעוואָרפן די פאַרטריקנטע שפּייכלער־זאַנגען פונעם דיל. ער האָט אַפילו נישט פאַרבויגן דעם קאָפּ. ער האָט זיך נאָר פעסטער אָנגעלענט אויפן שטעקן, וואָס איז געווען אַן אָפּגעשיילטע, פאַרקרימטע צווייג. אַזוי שטייענדיק האָט דער פרעמדער אויסגעזען ווי ער וואָלט געדאַוונט. אפשר איז עס טאַקע געווען אַ ייִד. אויף אונדזערע אַלע רופן איז ער גע־בליבן שטום און נאָך מער אַרומגעוויקלט זיין גוף מיט דער לאַנגער, שוואַרצער טאָגע. איך האָב בלויז געהערט ווי מאַנע האָט לעבן מיר נישט אויפגעהערט צו זיפצן:

— טאַטע—טאַטע—טאַטע — — —

ס'איז שוין געווען ליכטיק. אַ גראָע שפּייכלער־ליכטיקייט איז אַראָפּ־געפאַלן פון די דאַך־בעלקעס ווי צעריסן שיטער שפּינוועבס. דער פרעמ־דער האָט איצט אויסגעזען ווי ער וואָלט שטייענדיקערהייט געדרימלט, בעת די באָרד איז געווען אָנגעלענט אויפן פאַרבויגענעם צווייגן־שטעקן, ווי דאָס טוען הייליקע. „דער קליינער ביסמאַרק" איז שוין איצט גע־שטאַנען לעבן אים און אים געפּאַרשט מיט קליינע, שאַרף־שפּיציקע ווער־טער.

— יודע?

דער פרעמדער האָט געשוויגן.

— אַהאַספער?

דער פרעמדער האָט נישט אַ ריר געטאָן מיט די ווימפּערן.

— יודע, אַהאַספער, דו, טויפלס זאָהן!

ערשט איצט האָט דער פרעמדער אויסגעשטאַמלט:

— איטאַליאַנאַ, איטאַליאַנאַ... סיניאָרע, מיזעריקאָרדאַ!...

— דוטשע — קאַמעראַדע?

— סי־סי... איטאַליאַנאַ... איטאַליאַנאַ...

„דער קליינער ביסמאַרק" האָט אָנגעשטעלט זיינע פאַרזשמורעטע אויגן־אַפּלען אויפן פרעמדנס באָרד און זיי לאַנג פון דאָרט נישט אַראָפּ־גענומען. זיי האָבן געשניטן דעם פרעמדנס פּנים ווי מיט דינע, אָנגעגליטע מעסערלעך. פּלוצעם האָט זיך „ביסמאַרק" אויסגעגליכן און אַרויסגעצויגן פון זיין קעשענע אַ לענגלעך שטיקל ברויט. דאָס ברויט איז געווען בלענדנ־דיק־ווייס און פריש. ער האָט עס לאַנג געהאַלטן צווישן די פינגער, דער־נאָך עס אומגעדרייט אויף דער האַנטפלאַך און עס צוגעטראָגן גאָר נאָענט דעם פרעמדן צום מויל, ווי מען טראָגט צו אַ צלמל צום קושן. דער פרעמ־דער האָט אָנגעהויבן לייכט צו באַוועגן מיט די ליפּן און אַריינגעקוקט אינעם ברויט ווי אין אַן אַנטפּלעקונג. „ביסמאַרק" האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַרויסצורוקן פונעם שפּייכלער און געהאַלטן די גאַנצע צייט אויסגעשטרעקט פאַר זיך דאָס פּיצל ברויט. דער פרעמדער איז אים נאָכ־געגאַנגען אַן איינגעבויגענער אויפן שטעקן. אין דרויסן האָט „ביסמאַרק" לאַנג זיך געפּאָרעט ביים פרעמדנס אונטערשטע מלבושים...

מאָנע און איך זענען געלעגן די גאַנצע צייט אויף דער שפּייכלער־ערד און געזען ווי „דער קליינער ביסמאַרק" האָט אַראָפּגעפירט דעם פרעמדן צום בערגל, הינטערן שפּייכלער. דער דייטש איז די גאַנצע צייט געגאַנגען פרײַער־אויס מיטן אויסגעשטרעקטן שטיקל ברויט. נאָך אים האָט זיך געשלעפּט דער פרעמדער, אַן איינגעהילטער אין זיין טאָגע. זיי זענען ביידע ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן הינטערן אויפגעהויבענעם, באַוואַקסענעם היגל, ווי צוויי דורכזיכטיקע, שוועבנדיקע געשטאַלטן.

די שטילע, פּרימאָרגנדיקע נעפּלען, וואָס האָבן דאָ אַן אַליוו־קאָליר, האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסצושוועבן פון הינטער די סודעטן־בערג. זיי האָבן זיך ביסלעכווייז, די נעפּלען, אַראָפּגעלאָזן אין די טאָלן, ווי איבער גליטשיקע, פלאַכע שטיגן. הינטער די טונקעלע באַרג־ווענט איז נאָך גע־האַנגען די נאַכט־שטילקייט, אַ דערשראָקענע און צעריסענע, מיט ווילדן

געשריי פון עלנטע נאַכטפייגל, וואָס זענען געפאַנגען פון דער שוואַרצער הימלישער איינזאַמקייט. הינטער די הויכע דאַך־בעלקעס האָבן זיך אָנגעהויבן רירן אין זייער פרימאָרגנדיקער אומרו די ערשטע שפּייכלער־שוואַלבן.

פּלוצעם האָט הינטערן היגל אַ קלאַפּ געטאָן. ס'האָט אויסגעזען, ווי עמעצער וואָלט געוואָרפן אַ שווערע, אָפּגעבראָכענע צווייג אויף אַ דרימלענדיקער וואַסערפלאַך, בעת דאָס וואַסער האָט פון דער טיפעניש אָפּגעענטפערט מיט אַ געדעמפטן, פאַרשניטענעם קלאַנג. פונעם אָפּהילך האָט בלויז אויפן היגל דאָס קופּקעלע ביימער צעשאַרט זיינע קרוינען, ווי פון זיי וואָלט איצט אַרויסגעפלויגן אַן איבערגעשראָקענע פייגל־טשאַטע גלייך אין הימל אַריין. די שיטערע ביימער־קרוינען האָבן זיך לאַנג, לאַנג נאָך געוויגט אויף אַלע זייטן. זיי זענען ביסלעכווייז געבליבן הענגען פאַרגליווערטע, אויסגעשטרעקטע אין זייער גרינלעכער הויכקייט. פון דער שפּייכלער־ערד האָט מען זיי געזען ווי זיי זענען אַרויף העכער, העכער און זיך פאַרווישט מיט דער בלאָלעכער שטילקייט. פון דער נידעריקער פעלד־גראָקייט האָבן געגומען אויפהייבן זייערע קעפּלעך די ערשט־געבוירענע רויטע מאָן־קעפּלעך אויף זייערע דינע, בייגעוודיקע פיסלעך.

*

וואַקלענדיק זיך אויף זיינע קורצע פיס האָט „דער קליינער ביסמאַרק" זיך אומגעקערט אַליין פון הינטערן היגל. ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן זיינע הענט אין די קעשענעס, בעת זיין גערמאַניש־שפּיציק פּנים איז געווען אַרומגעשנירט מיט רויטלעכע ביסמאַרק־וואָנסן. די דאָזיקע העל־פייערדיקע וואָנסן זענען איצט געווען נאָך רויטלעכער און אַרומגעזוימט זיינע בלייכע באַקן מיט אַ שאַרפן פלאַם. די שפּיציק־פאַרזעצטע אויגן אונטערן היטל האָבן זיך אין גאַנצן געטונקען אין דאָזיקן רויטלעכן וואָנסן־פלאַם און אַליין אויך אָנגעהויבן צו גליִען מיט אַ היידנישער, אורוועלטיקער רציחה. וואָס מער די אויגן־רציחה האָט געזויגן דאָס צישענדיקע, בייזע פייער פון זיינע ביסמאַרקישע וואָנסן, אַלץ מער זענען זיינע גלידער געוואָרן געצוימטער, רויִקער, און די פיס האָבן געשטעלט די טריט

מיט אַ שלאַנגישער, פּויזענדיקער געלאַסנקייט, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף פּישפּאַנג. ער איז פּאַוואָליע אַריבערגעטראָטן דעם שפּייכלער און געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג. די ייִדן אויפן ערדענעם דיל האָבן שוין פון פריִער געהאַט אַריבערגעצויגן איבער זייערע קעפּ די שוואַרצע טיכער. פון הינטער זיי האָבן זיך די קעפּ אַרויסגעשניטן שאַרף און שפּיציק ווי די קעפּ פון טויטע. מען האָט איצט געוואַרט אויף אַ שטיוול־שטויס פון „קליינעם ביס־מאַרק״. ער איז געווען גאָר דערשטוינט, בעת אַ נישט־פאַרדעקטער קאָפּ האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע, אויפגעפּראַלטע אויגן.

דאָס איז געווען דאָס אָפענע, ייִנגלשע פּנים פון מאָנען.

„דער קליינער ביסמאַרק״ האָט זיך דערנענטערט צו אים מיט גליי־טשיקע, שלאַנגישע טריט.

— דו ווירסט אים באַערדיגען... דיזען ראַבינער... שנעל !...

איבער מיין פאַרדעקט פּנים איז איצט אויך געפאַלן „ביסמאַרקס״ שטיוול־שטויס. איך מיט מאָנען דאַרפן באַגראָבן דעם פרעמדן.

ער איז געבליבן שטיין, „דער קליינער ביסמאַרק״, פון דער ווייטנס, הינטערן היגל, אויף אַ גאָר קליינעם מרחק און זיך צוגעקוקט, ווי מאָנע און איך האָבן זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, כּדי קובר צו זיין דעם פרעמדן. די ערד, וווּ דער מענטש איז געלעגן, איז געווען ווייכ־לעך און באַדעקט מיט אַ זאַנפטער, גלעטנדיקער גרינקייט. איבער דער דאָזיקער גרינקייט האָבן געקיניגט צוויי שטילע בירקן־ביימער מיט זייערע דורכזיכטיקע, דין־באַבלעטערטע צווייגן. דער פרעמדער איז געלעגן אַ צונויפגעקנוילטער און אַ פאַרוויקלטער אין זיין שוואַרצער טאַגע. צווישן די געדיכטע באָרד־קרויזן האָט פון זיין מויל אַרויסגעשטעקט דאָס לענגלע־כע, ווייסע שטיקל ברויט. ס׳איז געלעגן איבער זיין מויל ווי אַ העלער ווייסלעכער פלאָם. פון זיין פונאַנדערגעפּראַלטער קעל האָט איבערן ווייסן ברויט געפּלייצט אַ רויטלעכער, נאָך וואַרעמער בלוט־שטראָם...

מאָנע האָט זיך דער ערשטער איינגעבויגן. ער האָט פּאַוואָליע צונויפ־געלייגט דעם פרעמדנס צעשפּרייטע פיס און הענט. זיי זענען געווען אין

גאַנצן באַוואַקסן ווי מיט מאָך. ער האָט אים פּאַמעלעך גענומען אַראָפּציִען די טאָגע און נישט אויפגעהערט צו מורמלען אינעם פרעמדנס פּנים אַריין.

— טאַטע, טאַטע... זיי מוחל... זיי מוחל... זיי מוחל...

*

איך האָב שוין לאַנג געוווּסט, אַז צווישן מאַנען און דעם טויטן טאַטן ירחמיאלן איז פאַרבליבן אַ טונקעלער, סודותדיקער בונד, וואָס אַפילו דער טויט צערייסט נישט זיינע פעדעם. וואָס מער די צייט האָט געוואָלט פאַר־ווישן פון מאַנעס זכרון דעם טאַטנס פאַרשווינדן הינטער דער בירקענאַוער פורטקע, אַלץ מער פלעגט פאַר אים אויסוואַקסן זיין טויטער, צעפּלאָ־טערטער, פאַטערלעכער שאָטן. דאָס איז געווען אַ ליבשאַפט־בונד צווישן טויטן טאַטן און זון, וואָס נערט זיך פון די אייגענע אָפּשטאַרבנדיקע בלוט־געפעסן. אַ ווייטער, נישט־ערדישער כּוח האָט אים אַרומגערינגלט מיט אַ ליכט פון אייביקן, געטלעכן רחמים. ער האָט מער נישט געהאַט, מאַנע, דעם מינדסטן ערדישן פּחד פאַר יעטוועדער גרויל־נאַכט און פאַר יעטוועדן גרויל־שאָטן. להיפך: די טיפסטע פינצטערניש האָט אָנגעהויבן אין אים צו געבערן וואַרעמע, לייכטנדיקע זוימען. דעם טאַטן ירחמיאלס פאַר־שווונדענער איינגעבויגענער גוף האָט זיך פאַר אים פונאַנדערגעשפּרייט יעטוועדע רגע ווי אַ בלענדנדיקער, שיינער חזיון, וואָס מאַנט הייליקע, גרויסע מעשׂים. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער טאַטע טרעט תּמיד לעבן אים מיט זיינע נאַקעטע פיאַטעס. אויף מאַנעס איינגעפאַלענע, יִינגלשע ליפּן איז קיין מאָל נישט פאַרלאָשן געוואָרן דאָס וואָרט: טאַטע, גראָד ווי ער וואָלט אין זיין שיגעון אַזוי געפּליסטערט צום אייביק־וואַכעדיקן באַ־שעפער פון אַלע ערדישע און הימלישע וועלטן. ער האָט איצט אַריינגע־קוקט אינעם פרעמדנס פּנים מיט אַ ליבשאַפט פון אַ זון, וואָס האָט צוריק־געפונען זיין טויטן פאָטער. ער האָט אַפילו אָנגעהויבן גלעטן מיט זיינע פינגער דעם טויטנס לאַנגע, געקרייזלטע יידישע באָרד, אָפּגעטיילט פון איר די פּאות, וואָס האָבן זיך זאַנפט געלייגט הינטער זיינע אויערן. דער־נאָך האָט ער מילד פאַרווישט די רויטלעכע בלוט־פלעקן, וואָס האָבן גע־שפּראָצט אויף די טויטלעכע באַקן ווי שיינע, קליינע רויזלעך.

בעת מאַנע און איך האָבן צונויפגעלייגט די שוואַרצע טאַגע פונעם פרעמדן, האָט עפּעס אין דער טאַגע־קעשענע פּלוצעם אַ מאַטן קלונג געטאָן. ס'איז געווען, ווי דער געשאָסענער וואָלט פון זיך אַרויסגעגעבן אַ פאַר־באַהאַלטענעם, סודותדיקן זיפץ. מאַנע, אַן איבערגעשראָקענער, האָט גע־קוקט צום בערגל, ווו „דער קליינער ביסמאַרק" איז געזעסן מיט די פּליי־צעס געווענדט צו אונדז. מאַנע האָט נאָך אַ מאָל אַ שאָקל געטאָן מיט דער טאַגע. דער קלאַנג האָט ווידער אַ זילבערדיקן קריץ געטאָן איבער דעם פרעמדנס פּיס. מאַנע האָט זיך גיך איינגעבויגן און אַריינגעלאָזט זיין האַנט אין דער טאַגע־קעשענע.

אויף מאַנעס האַנט איז געבליבן ליגן אַ לאַנג, הילצערן שקעטעלע. דאָס דעקל האָט זיך לייכט געעפנט און אויפן גרינלעך־בלישטשענדיקן פלוש איז געלעגן אַ דינער בלאַנקענדיקער חלף. דאָס איז געווען אַ שיין געשליפן, אַלט־איטאַליעניש מעסער, וואָס זיין שפּיץ איז געווען קרום־פאַרבויגן ווי אַ פויגלשער שנאָבל. דאָס הילצערנע הענטל איז געווען אויס־געזעצט מיט אַ סך שיין־פינקלענדיקע איידל־שטיינער, וואָס האָבן איצט, אין דער פרימאָרגנדיקער ערשטער העלקייט, געוואָרפן פון זיך ראָזלעכע זון־פונקען. דאָס דינע, בלישטשענדיקע מעסער־שטאָל האָט געגלאַנצט מיט אַן אומבאַפלעקטער, פאַרגליווערטער לויטערקייט. אפשר איז עס טאַקע געווען אַ גילגול פון אַ ייִדישן חלף. דער שאַרף־פאַרבויגענער שטאָל־שנאָבל האָט מאַנען מיט אַ מאָל צוריקגעבראַכט צום טאַטנס בלאַנקענדיקן שוסטער־מעסער. ער איז געשטאַנען איבערן אָפענעם שקעטעלע ווי איבער אַ נס, וואָס האָט אויף ס'ניי אויפגעלעבט די טויטע קינדער־יאָרן. דאָס בלאַנקענדיקע שטאָל האָט צו אים געלויכטן מיט די שענסטע פייערן. יעט־וועדער ליכט־שפּליטער האָט זיך געזעצט אויף מאַנעס פּנים און אין אים אויפגעגליט אַלע פאַרבאָרגענע פייערן פון מסירת־נפש. דער פרעמדער איז געלעגן אַ לייכט איבערגעדעקטער מיט דער ערשטער ערדשיכט און נאָר דאָס אָפענע פּנים האָט אַרויסגעקוקט מיט אַ וואַרעמער, פאָטערלע־כער מילדקייט.

דער פרעמדער איז שוין געווען אין גאַנצן איבערגעדעקט מיט די ווייכע ערד־גרודעס בעת מאַנע האָט זיך פּלוצעם אַ לאָז געטאָן מיטן מע־

סער צו די אָפּגעוועגדטע פלייצעס פון „קליינעם ביסמאַרק״. ער איז געשפּרונגען מיט אַזאַ ייִנגלשער פלינקייט אַז מען האָט קוים געזען ווי זיין שמאָלע האַנט האָט זיך ווי אַ ווינט אויפגעהויבן און זיך אַראָפּגעלאָזט בליציק איבערן איינגעבויגענעם קאַרק פון האַלב־דרימלענדיקן „ביסמאַרק״.

*

און איצט —

איצט וועל איך אייך דערציילן דעם סוף פון מאַנען און זיין טויטן שאָטן.

די ביימער אין די סודעטן־וועלדער האָבן שווערע, דיקלעכע צווייגן. זיי בייגן זיך אַפילו נישט איין בעת ס׳זעצט זיך אַוועק אויף זיי אַ מענטש. אויך מאַנעס דאַרער, ייִנגלשער גוף האָט זיי אַפילו נישט אַ בייג געטאָן צו דער ערד. ער איז געהאַנגען, מאַנע, ווי אַ גרויסער, צעפלאַשטעטער פויגל, וואָס איז צוריק אַנגעקומען אין זיין נעסט. אונטער די דאָזיקע ביימער איז די ערד ווייכברוסטיק. אַז מען לאָזט אַריין דעם רידל, באַווייזן זיך די ערשטע וואָרצלען — אַלטע, פאַרהעקלטע און געקרייזלטע.

כ׳האָב דיך אַוועקגעלייגט, מאַנע, אויף די דאָזיקע ווייכע, געקרייזלטע וואָרצלען. האָסט געקוקט אויף מיר מיט דיינע אָפענע, צעגאָסענע, ייִדישע שוואַרצאַפּלען. די וואָרצלען האָבן זיך לייכט אונטערגעגעבן אונטער דיין שוועבנדיקן גוף. די היגלען האָבן געגרינט מיט דער ערשטער, שיינער גרינקייט. קליינע פעלדפייגל האָבן געשניטן דעם נישט־צוטריטלעכן, הויכן, זילבערנעם חלל. דער הימל איז געווען אָן שאָטן. אין די בערג זענען אָפּגעטראָטן די נעפּלען, אַזעלכע שוועבנדיקע און אָליוו־קאָליריקע. פון אונטער דיין שלאָפנדיקן גוף איז געבליבן אויף מיין האַנטפלאַך אַ ווייכער, וואַרעמער וואָרצל. ער רוט נאָך ביז איצט אויף מיין האַנטפלאַך, איינגעוויקלט אין דיין קליינעם, צעפלאַטערטן, ייִנגלשן שאָטן.

1950

באָרוועס

גאָר נידעריק, אויף דער דרויסנזייט, אַרום די שוואַרצע באַראַקן־ווענט, איז די בירקענאַוער ערד שטילער, שיטערער און דין־שיכטיק. אַ ווייכער, פּלושענער שימער פון אַלטן טאָרפמאָך באַוואָרפט דאָס באַראַקן־געהילץ פון אונטן. צווישן די ווענטשפּאַרעס באַהאַלטן זיך נאָך אויס די פאַרשטאַרבענע גילדענע גראָזן פון פאַרגייענדיקן זומער. נעכטן, דעם ערשטן טאָג פון אָנקומען, האָבן נאָך גרין געלויכטן צווישן די אַ גראָזן אויך די בריִענדיקע, בלינד־געפלאָכטענע קראָפּעוועס. די קליינע מאָך־און פּייער־שוועמלעך זענען געווען פאַרוואָרפן מיט די ביטערע פּיאָלון־גראָזן. זיי זענען אויך געווען פאַרדעקט מיט די שיין־זילבערדיקע שפּעטזומער־פעדעם, וואָס האַלטן זיך גאָר לאַנג אונטערן בירקענאַוער הימל. היינט, דעם צווייטן טאָג, זענען שוין די אַלע שוועמלעך, קראָפּעווע־גראָזן און אויך דאָס פעדעם־געוועב פון שפּעטזומער־חלל פאַרזונקען טיפער אין דער ערד. אַלע האָבן זיי פּאָר אונדז פּלוצעם אָפּגעדעקט די הילצערנע באַראַקן־פּאָסאַדן — נאַקעטע, לייכטנדיקע, ווי אַרומגענומען מיט אַ ברייטן גרין־פּלושענעם גאַרטל. דאָס איז געשען מחמת די אומצאָליקע פיס, טייל באַשטיוולטע, אָבער ס׳רוב מיט די שווער־קרעכצנדיקע האָלצשיך. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי זיך געשאַרט לעבן די באַראַקן־ווענט, נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם שאָטן — ביז די זון איז אויסגעגאַנגען גאָר גיך הינטערן באַרג. דעמאָלט האָבן קליינע פייגל, אָפּגעצערטע און ראַכיטישע, זיך דאָ אַראָפּגעלאָזט פון די בירקענאַוער פעלדער אין די שאָטן־און־גראָז־ווינקלען. זייער נידעריק געפלאַטער אויף דער ערד איז גיכער געווען אַ צאַפּלענדיק פאַלן איידער דער כישוף־פּלי פון זייער דינעם פויגלשן גוף. ס׳איז געווען גוט וואָס זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט דאָ, צווישן די צעטראָטענע באַראַקן־גע־

וויקסן, כאָטש קיינער האָט זיי שוין נישט געזען בעת דער פּינצטערניש אין די שאָטנדיקע ווינקלען פון דער בירקענאַוער ערד.

נעכטן, פאַרן אָנקומען, איז נאָך אַלץ אוודאי דאָ געווען ווי אַמאָל. דאָס נידעריקע פלאַנצן־געפלעכט, גענערט פון דער ערד־פינצטערניש, האָט נאָך אין שפע געקלעטערט אַרויף־צו, איבער די פאַרמאַכיקטע באַראַקן־פּאַסאַדן. וואָס געשעט איצט דאָרט, הינטערן בירקענאַוער באַרג, וווּ ס'זענען שטיין געבליבן די אויסגעלאָדענע וואַגאָנען? נאָך בעת דער נסיעה האָבן אַלע אַרויפגעצויגן אויף די פיס דאָס שטאַרקסטע: די אויסבאַהאַלטענע שטיוול, די גוט באַזוילטע שיך, אָדער די קרומלעכע הילצערנע כאָדאַקעס — די מיט קורצע כאַליעוועס פון גרינעם, שטאַרקן ברעזענט. אַלע האָבן עס נאָך געטאָן אין דער וואַגאָן־פינצטערניש, גראָד ווי גוט באַשוכטע פיס וואָלטן געווען מסוגל צו פאַרטרייבן אַן אומגליק. דער מענטש קוקט תמיד אַראָפּ צו זיינע פיס ווי צו זיין געטרייסטן באַשיצער: זיי זענען די ערשטע שליחים פון גוף אַנטקעגן טויט אָדער לעבן. ווי לאַנג וועלן מיר מוזן זיי טראָגן אין וועג — און גיין, גיין, גיין? וואוּהין? און אָט איז שוין דער גאַנצער וועג: אַ שמאַלינקער, אַ פּאַרכטיק איינגעצוימטער ווי אין אַ חלום. דער פלושענער שימער פונעם אַלטן טאַרפּמאָך לייכט צו אונדזערע פיס פון די הילצערנע באַראַקן־פּאַסאַדן. שוין פון מאָרגן־דעמע־רונג טרעטן דאָ די הונדערטער פיס אינעם גליטשיקן שאָטן פון דער ביר־קענאַוער ערד. זי איז דאָ האַרבסטיק־וואַרעמלעך, די ערד. די שטיוול, שיך און הילץ־כאָדאַקעס ווערן אַרומגעוועבט מיט די געפּאַלענע, פּוילישע שפּעטזומער־שפּינוועב־פעדעם. זיי ליגן געדיכט פאַרפּלאָנטערט אויף די פיס און ווילן זיי גאַרנישט אָפּלאָזן. עמעצער פאַר מיר האָט זיך איינגעבויגן און פּרוּווט צערייסן די פעדעם. ער האָט אויסגעריסן אַ בינטל פייער־שוועמלעך. איך טו עס אויך. אויף מיין האַנט ליגט אַ גאַרשט פּיאַלון־גראָזן. איינציקווייז, איינציקווייז שווימען אַראָפּ אויף די פינגער פון די פּיאַלון־וואַרצלען די פאַרגליווערטע, ביטערע מילכטראָפּנס.

*

אַריינגעזונקען צווישן צוויי וואַרעמע, ביינערדיקע גופים, זעען די

אָפּענע אויגן די פֿאַליענדיקע ראַנדן פֿון באַראַק־פֿינצטערניש. תּמיד זעט מען נאָר דאָס חשכות — און קיין מאָל נישט די ליכטיקייט. אַזוי איז אויך געווען אינעם וואַגאָן נעכטן שטייענדיקערהייט, בעת די פֿינצטערניש איז געפֿלאָסן ווי אַ שווימענדיק וואַסער פֿון די צעשניטענע פֿעלדער. ווי אויס־טערליש: אַלע פֿאַרזונקענע, נידעריקע לאַנקעס, די קרומע, ברוין־גילדענע סאָסנע־וועלדלעך, די אָנשאָטנדיקע, דאַרע בזשאָזעס און אַפֿילו די אויפֿ־געפֿראָלטע פֿעלד־שייערן — אַלע, אַלע הענגען זיי איצט הינטער מיינע אָפּענע אויגן־לעדלעך. זיי טוישן זיך מיט אַזאַ געשווינדקייט, גראָד ווי דאָס איז געשען נעכטן, לעבן דער וואַגאָן־שפּאַרע: לאַנקע, וועלדל, בזשאָ־זע, שייער. און ווידער: שייער, בזשאָזע, וועלדל, לאַנקע. דערנאָך קומט־אויף אין דער פֿינצטערניש דאָס פֿריִערדיקע. וואָס איז געשען פֿ ר י ִ ע ר און וואָס שפּעטער? צי איז פֿאַראַן פֿריִער און שפּעטער, זינט דער אָפּגעצוימט־קייט איז בלויז פֿאַרבליבן א י צ ט. אַלץ, וואָס איז געשען און אַלץ, וואָס דאַרף ערשט געשען, — איז פֿאַרזיגלטקייט פֿון איצט. די ערד איז אַ קיילעכ־דיקער, פֿאַרצוימטער, שוואַרצער זיגל. צי וועט זיך אַ מאָל שפּאַלטן דער זיגל פֿון דער פֿאַרשלאָסנקייט? ערגעץ ווו, צווישן פֿאַרשלאָסענע, געפּאַנ־גענע סאָסנעוועלדלעך, רייסט זיך אַוודאי אַ קוואַלשטראַמל פֿון אונטער דער שוואַרצער, פֿאַרצוימטער פֿאַרזיגלטקייט. וואָס מאָנט ער פֿון מיר איצט אין דער פֿינצטערניש? אַ מויל, געעפֿנט אינעם חשכות, ציט זיך צו מיר ווי דאָס שפּיציקע מויל פֿון אַ פֿיש. אַלע לאַנדשאַפֿטן, פֿאַרוואָרפֿענע מיט דער נאָך וואַרעמער האַרבסטזון — זינקען איצט אַראָפּ צו מיר אין דער פֿינצ־טער, בעת כ'ליג צווישן די צוויי וואַרעמע, ביינערדיקע גופֿים. דער אָטעם פֿונעם שלאָפֿנדיקן ביי מיין לינקער זייט זושעט פֿאַר מיין אויער, ווי דער פֿעלד־ווינט דורך דער שפּאַרע, בעת דער צוג לויפֿט אַראָפּ מיטן שיפּוע. דערנאָך קלאַפּן טרוקן און לאַנג די רעדער איבער די פֿינצטערע באַנרעלסן, ווי ס'וואָלטן זיך פֿאַרמאַכט און ווידער געעפֿנט הויכע, שוואַרצע קלאַפּנדיקע טירן.

כ'ווייס: איך ליג איצט אויפֿן בירקענאַוער דיל פֿון כראַפּעוואַטן צע־מענט, אינעם באַראַק פֿון די ניי־געקומענע. דורך די שלייפֿן גיסט זיך דער נאַכט־חלל — אַ רויטער, שווערער ווייץ, וואָס מאַכט וואַכיק. אַלע שלאָפֿן

— בלויז איך אַליין בין וואַך אין דער פינצטער. אָ, גאָט, פאַר וואָס בין איך איצט וואַך? פאַר וואָס בין איך צום מיינסטן וואַך אין געפּאַלנקייט? דער צעמענטענער דיל איז קאַלט. די קעלט זיצט צווישן מיינע ריפּן. זי יאָגט צו מיינע האַרוואַרצלען ווי אַ פּאַרפּראַסטיקטער, טויטער רייטער. באַלד וועט ער אַריבער דעם שטערן — און די טלאָען פונעם פּאַרפּראַס־טיקטן פערד וועלן אַראָפּ אויף מיינע אויגן־לעדלעך. תּמיד, פאַרן אַריינזינ־קען אין שלאָף, לויפט דורך פאַר מיינע אויגן אַ סטאַדע שיינע פערד אין גאַלאָפּ. פאַר וואָס איז איצט דאָס איינציקע פערד פּאַרפּראַסטיקט און אויף אים זיצט דער טויטער רייטער, וואָס שמייכלט צו מיר אין חלום? דאָס אַלץ געשעט אַוודאי מחמת דער נעכטיקער פּאַסירונג. דאָס איז ער, פּאַוו־ליטשעק, דער רייטער. פּאַווליטשעק... פּאַווליטשעק... פּאַ־וולי־טשעק... פּאַ־וולי־טשעק... פאַר וואָס האָט ער נעכטן ביים אַפּעל געקוקט אויף מיינע שיך? ער איז געשטאַנען, פּאַווליטשעק, גראָד אַנטקעגן מיר פאַר דער ריי, און נישט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון מיינע שיכשפּיצן. פּאַווליטשעק איז אַוודאי נישט קיין פּאָליאַק. אפשר יאָ. די פאַר דייטשע ווערטער פאַלן צעבראָכן אַרויס פון זיין שפּיציק מויל. דער דריי־ווינקל־צייכן אויף זיין בלוזע איז נאָך פריש. די הויזן פון זעלנערישן פעלדגרין — ליגן פאַר־פּרעסט אין שאַרפע, שניידנדיקע קאַנטן. אויף די פיס — שפּיציקע, אַלטע לאַקשיך מיט אַן אָפּגעריבענעם, אַלטן לאַקגלאַנץ. פּאַווליטשעקס פּנים איז שמאָל־אויסגעצויגן פאָרויס ווי ביי אַ כאַרטהונט. דאָס בירקענאַוער לאַגער־היטל זיצט אויף אים שיפלעך און פאַרשאָטנט זיינע כאַרט־אויגן. איך זע, אַז פּאַווליטשעקס בליקן הענגען די גאַנצע צייט אויף מיינע שיך. איך פיל זיי אויף מיינע פיספינגער ווי צוויי שווערע, געפּאַלענע, בלייענע זייגער־וואָגעס.

אָבער נאָך פריִער, לעבן באַנפּלאַנט, פאַר דער וואַגאָן־אויסלאָדונג, געשעט אָט אָ דאָס:

— העי, דו!... מיט די ברילן!...

דאָס שרייט אַזוי אַריין אין וואַגאָן נישט פּאַווליטשעק נאָר דער קאַנאַ־דער. פאַר וואָס האָב איך נישט באַהאַלטן די ברילן? איך וואָלט דאָך נישט

געקאָנט אַראָפּגיין פון וואַגאָן אָן ברילן. אפשר וואָלט מיך עמעצער גע־פירט? איצט איז שוין אַלץ צו שפּעט.

איך שטיי אונטן, לעבן ליידיקן וואַגאָן.

דער קאַנאַדער האָט אַ ייִדיש פּנים, גרויסע בהלהדיקע אויגן, ווי ס׳גליט גאָרנישט — נאָר אַ נישט־פאַרלאָשענע בושה און אכזריות. די קליינע נישט־ייִדישע וואָנסעלעך האָבן ביי אים אַ קאָליר פון טיי. זיין נאַקעטע האַנט — אַ פליישיקע, אַ וואַרעמע און שטאַרק־באַוואַקסענע, ליגט אויף מיין רוקזעקל.

— העי, דו!... האָסט פעסטע, פיינע שיך!...

איך וויל אַראָפּקוקן צו מיינע שיך, אָבער דעם קאַנאַדערס פּנים זינקט טיף אַריין אין מיינע אויגן. ניין, נישט בלויז אין דער אויגן־טיפעניש בריט אין מיר דעם קאַנאַדערס פּנים. זיין שווימענדיקער פּנים־קרייז איז ווי אַ סיטש. ער בינדט מיין צונג, פאַרפּלאָנטערט מיינע געליימטע פיס און פאַרפרירט די פיסקנעכלעך. אַפילו איצט, בעת כ׳ליג אויפן באַראַקן־דיל, זע איך דעם קאַנאַדערס בהלהדיקע, ייִדישע אויגן.

— האָסט פיינע, פעסטע שיך!... ס׳איז פּונקט פּאָווליטשעקס נומער!...

וואָס מיינט ער, דער קאַנאַדער? ווער איז דער פּאָווליטשעק? איך קוק אַראָפּ צו מיינע שיך. אָ, גורל פון מיינע אָפּגעהיטענע שבת־שיך... זיי זע־נען לייכט איינגעקנייטשט און פאַרשטויבט מיט אַן אַלטן, שוואַרצן שוכ־טרויער. דאָס זענען זיי — מיינע לעצטע, אָפּגעהיטענע און אויסבאַהאַלטע־נע אַזוי פיל יאָרן. בעת מיר גייען פון וואַגאָן צום באַראַק — גייט דער קאַנאַדער דעם גאַנצן וועג לעבן מיר. שטיל און הייזעריקלעך שושקעט ער מיר אין אויער, ציִענדיק מיך ביים אַרבל:

— גיב אים אָפּ באַלד, הערסט? וואָס דאַרפסטו צרות? גיי בעסער באָרוועס...

איך וויל אַ קוק טאָן צום פליסטערנדיקן פּנים פון קאַנאַדער. ער ציט מיך אָבער גאָר שטאַרק ביים אַרבל.

— האָסט געהערט פון אַזאַ איינעם פּאָווליטשעק?... ווייסט וואָס זיי טוען ביי נאַכט?

ער לאָזט מיך אויסדרייען מיין פּנים צו זיין פליסטערנדיק מויל. מיט בײדע הענט נעמט ער אַרום זיין האַלדז ווי מיט אַ רייף און כאַרכלט:

— וואָס דאַרפסטו צרות? גיב אָפּ... — — —

אָבער איצט — איצט איז נאָך נאַכט. איך ליג אויפן צעמענטדיל אין באַראַק. מיינע צוויי שיך שטייען אָנגעגרייט צוקאָפּנס. אַזוי האָט ער גע־הייסן טאָן — דער קאָנאַדער. ער קומט, פּאַווליטשעק, תּמיד אין דער פינצ־טער. אַז ער טרעפט די שיך אויף די פיס — גייט מען קיין מאָל שוין נישט אַפילו באַרוועס... זאָל ער קומען, פּאַווליטשעק. זאָל ער קומען וואָס גיכער, פּאַווליטשעק. וואָס וועל איך טאָן אָן מיינע שיך? איך בין קיין מאָל נישט געגאַנגען באַרוועס. גיין בלויז אין די זאָקן? אפשר אַרומבינדן די פיס מיט אָניצעס? פון וואַנען וועל איך נעמען אָניצעס? פונעם העמד, וואָס ליגט אין רוקזעקל... יאָ, אָניצעס, אָניצעס... וואָרעם די ערד איז שוין דאָ ווילגאָטנע און פאַררעגנט. זי איז איצט ווי ווייכער טאָרף. באַלד וועט מסתּמא אויך אַראָפּפאַלן דער ערשטער שניי. דער ערשטער שניי אויף דער בירקענאַוער ערד.

*

פאַרן באַראַק שטייט זי נאָך דערווייל — מיין ערשטע בירקענאַוער נאַכט. די שלאָפנדיקע אויפן צעמענטדיל זענען איינגעוויקלט מיט שטיל־קייט. זי איז אָנגעשוואָלן פון דער פינצטערניש — די שטילקייט. איך וואַרט נאָך אַלץ אַז פּאַווליטשעק זאָל קומען און צונעמען מיינע שיך. דערפאַר שלאָף איך אַוודאי נישט. אפשר שטייען זיי שוין נישט, מיינע שיך, מיר צוקאָפּנס? אפשר האָט ער זיי אַוועקגענומען נאָך פריִער, בעת כ׳בין אַזוי געשווומען אין מיין פינצטערער, שלאָפלאָזער נסיעה? ניין, זיי שטייען נאָך מיר צוקאָפּנס — מיינע צוויי שוואַרצע שומרים, וואָס וועלן מיך ראַטעווען פון חניקה. זיי וואַרטן שטומע, רויק־פאַרבויגענע, אין געזונ־קענער הכנעה — בײדע אָנגעגרייט פאַר פּאַווליטשעקן. פאַר וואָס קומט ער גאָרנישט? ווי לאַנג איז שוין נאַכט? אַז פּאַווליטשעק וועט מיר צונע־מען די שיך — וועל איך זיך טאַקע מאַכן מאָרגן אָניצעס. אין מיין משפּחה האָבן אַלע געטראָגן אָניצעס. דער טאַטע, אויך דער זיידע. אפשר



אויך די עלטער־זיידעס. אַ סך מענטשן גייען דאָ, אין בירקענאַו, באָר־וועס, אָדער מיט אָניצעס, אַרומגעבונדן מיט אַ שנירל אויף די פיס. פאַר וואָס קומט ער נישט, פּאַוולישעק? אפשר האָט ער מיך גאָרנישט געפונען אין דער פינצטער, צווישן אַזוי פיל מענטשן, אויפן גרויסן צעמענטענעם דיל? און מאָרגן... מאָרגן... זאָל איך אפשר אַרויסגיין, זיך שטעלן ביי דער אָפענער, אייזערנער באַראַקן־טיר מיט די שיך אין די הענט — ביז ער וועט אָנקומען, פּאַוולישעק? און אַז ער וועט אָנקומען, — וועל איך זיך שטעלן פאַר אים, אויסשטרעקן די הענט:

— אָט זענען זיי, מיינע שיך, פּאַוולישעק. דער זעלביקער נומער. כ'האָב געוווּסט, אַז דו וועסט קומען. כ'האָב געוווּסט, אַז זיי וועלן מיר זיין אַ גואל — מיינע לויטערע, שבתדיקע שיך. כ'האָב זיי אַזוי אָפּגעהיטן אַלע יאָרן, דאָרטן, דאָרטן...

— ווו ד אָ ר ט ן?....

אַזוי שרייט צו מיר מיט הייזעריקן כעס פּאַוולישעק. ער פּאַטשעט אַנט־קעגן מיין שלאָפנדיק פּנים מיט אַ גרויסער, געשפּענסטיקער פויסט. די פויסט איז שטאַרק רויט. דאָס איז גאָר, אין מיין האַלב־וואָך־ און האַלב־געשפּענסטיקן שלאָף, אַ גרויסער רייפער עפּל. כ'האָב נישט מורא פאַרן עפּל. איך ווייז אים אָן אויף זיינע פיס מיט מיינע שיך אין די הענט. ער לייגט־איבער דאָס דראָטענע, קורצע בייטשל פון זיין רעכטער האַנט אין דער לינקער. זיין פינגער איז אויפגעהויבן צום הימל.

— אַ... אַ... אַ... מיינסט, אַז א ו י ב ן דאַרף מען דיינע שיך? אָ, ניין, אַלע גייען דאָרט אַריין באָרוועס. אין גאַנצן באָרוועס. אַזוי ווי מוזולמענער אין אַ מעטשעט. וועסט זיין אַ שיינער מוזולמאַן אין מעטשעט...

— מוזולמאַן אין אַ מעטשעט? — פרעג איך אים שטיל און פאַר־חידושט — וואָס איז דאָס אַזוינס?

איך ווייס, אַז עמעצער אין מיר פירט מיט דער שאָטנהאַפטיקער גע־שטאַלט פּאַוולישעק דעם אַ געשפּענסטיקן שמועס בעתן האַלב־וואַכן שלאָף אויפן צעמענטדיל. כ'בין געפּאַנגען פון אים אינעם חלום. ערגעץ ווו זענען פאַרלאָשן געוואָרן די טאָלן, די אָנשאָטנדיקע בזשאָזעס און לאַנקעס. פאַר וואָס האָבן די בזשאָזעס נישט קיין שאָטן אין חלום? אַלץ איז אַזוי

דורכזיכטיק־קרישטאָליק ווי איינגעפרוירענע קוואַלן. אַפילו די נידעריקע ווינטער־וואָלקנס וואַרפֿן אויך נישט מער זייער שאָטן אויף דער ערד אינעם חלום. פֿון דער פֿינצטערניש שווימען ווידער אַרויס מײַנע שיך און אויך פּאַוולישעקס פּנים. פּלוצעם שפּאַלט זיך דער חלום: כ׳ליג פֿאַרנורעט אונטער אַ פּוכיקער פּערענע. ס׳איז פּסח־צײַט אין פֿענצטער. אַזאַ קריש־טאָליק־גילדענע זון הענגט אויף די פּראַמוגעס און אויף די שויבן. דער פּסח־ווינט טרײַבט אַרײַן אין מײַן ייִנגליש גופֿל דעם ריח פֿון רויטע ווינטער־עפּל. טאַטע־מאַמע שטייען איבער מיר און היטן מײַן ייִנגלשן פּסח־שלאָף.

— זע נאָר, זע, — הער איך דאָס קול פֿון דער מאַמען — וואָסער טיפֿן שלאָף ער האָט עס, אונדזער יורש. אַז ער וועט עפֿענען די אויגן וועט ער זען די נײַע פּסחדיקע שיך...

— צי וועלן זיי נישט זײַן צו קליין ? — שמייכלט דער טאַטע, אַן אויסבאַהאַלטענער הינטער דער מאַמען.

— קליין ?... ע... ע... ער האָט דאָך דעם זעלבן נומער וואָס פּאַוו־ליטשעק, טאַקע ווי פּאַוולישעק...

איך חידוש זיך שטאַרק אינעם חלום. פֿון וואַנען קען די מאַמע דעם נאָמען פּאַוולישעק ? פּאַר וואָס זענען אויפֿגעפּראַלט די פֿענצטער און ס׳גליט אַרײַן אַזאַ שײַנער עפּלבוים, באַוואָרפֿן מיט אַזוי פֿיל צײַטיקע רויטע, באַטויעטע ווינטער־עפּל ? ס׳איז מער נישט די היים מיט די קרומע פֿענצטער־פּראַמוגעס. אַ ראַזעווער סאַדהימל ווי אַ באַלדאַכין הענגט איבער מיר. פֿון אויסבאַהאַלטענע, גרינע היגלען קומען געווירצטע, וואַרעמע עפּל־ווינטעלעך. און אָט קומען זיי אַן אַליין, שוועבנדיק אין חלל, די ווינטער־דיקע סאַדעפּל. די הויט אויף זיי איז אַזוי דורכזיכטיק אַז מען זעט אַפֿילו אונטער איר דעם ווייסן, יונגן עפּל־גוף, וואָס איז ווייך־זאַפֿטיק. זיי פֿאַלן אַלע אויף מײַן פּנים און קרײַנען אַרום דעם האַלדז. אַ קרײַז פֿון עפּל ווי גלײַיקע פּאַטשערקעס ליגט אונטער מײַן קין. און פֿון איין פּאַטשערקע־עפּל, וואָס שפּאַלט זיך, גייען אַרויס פֿון זײַן ווייס־זילבערדיקן אינגעווייד — מײַנע קליינע, ייִנגלשע שיך — שמייכלענדיקע, קלאָרע, באַוואָרפֿענע מיט לײַכטנ־דיקן עפּלטוי — — —

צוקאַפּנס מיר קלאַפּן פּלוצעם טריט אויפֿן דיל, ווי דער אַפּהילך פֿון אַ וועסלע אויף אַ טייך. זיי שפּאַלטן מיין שלאָף־חלום און די וואַכיקע פּינצ־טערניש פּליסט ווידער אַריין טראַפּנוויַיז אין מיינע שלייפֿן. גאָט דער־באַרעמדיקער, היט אָפּ מיינע שיך, אַז קיינער זאָל זיי אין דער פּינצטער נישט נעמען. ווו איז פּאַווליטשעק ? פֿאַר וואָס זוימט ער זיך אַזוי לאַנג ? פֿאַר וואָס קומט ער נישט צונעמען די שיך ? באַלד וועט דאָך ווערן טאָג — — —

איצט ליג איך שוין מיט אָפֿענע אויגן. ס'איז אַלץ נאָך די ערשטע בירקענאַוער נאַכט אויפֿן דיל. אין האַלדז שווימט דאָס בלוט פֿאַרשלאָפֿן און רויִק. בעתן געשפּענסטיקן שלאָף־חלום האָבן זיך דערוויַיל מיינע הענט אַראָפּגעגליטשט פֿון די שיך. די גאַנצע צייט זענען זיי געשטאַנען צונויפֿגע־בונדן מיר צוקאַפּנס פֿאַר פּאַווליטשעקן. איך שטרעק ווידער אויס די הענט אַזוי ווי פֿריִער כּדי זיי צו היטן. אַ גרויסע פֿרייד באַפֿאַלט מיך. די שיך זענען נישטאָ. דאָס איז פּאַווליטשעק געווען דאָ אין דער פּינצטער. דאָס האָט ער זיי צוגענומען און אויך אָוועקגענומען פֿון מיין האַלדז דעם גזר פֿון חניקה. איצט וויס איך: כ'וועל לעבן. לעבן. מאָרגן וועל איך צערייסן ס'העמד און מיר מאַכן אָניצעס. די נאַכט וועט זיך באַלד אויסלעשן. מיין האַלדז, ווו ס'זענען פֿריִער געפֿאַלן די שיינע רויטע סאַדעפּל, טרינקט די פֿרײדיקע פּינצטערניש. די בירקענאַוער האַרבסטיקייט גליט אויפֿן קאַלטן צעמענטדיל: כ'וועל לעבן — לעבן באַרוועסערהייט, באַרוועס... באַרוועס... באַרוועס...

*

דריי גייען מיר הינטער זיי. איך בלויז — אַ באַרוועסער. פֿון פֿאַרנט שפּאַנען צוזאַמען: דער קאַנאַדער און פּאַווליטשעק. דער קאַנאַדער טראָגט שאַרף־גלאַנציקע, נייע שטיוול. פּאַווליטשעק — מיינע שוואַרצע, שבתדיקע שיך. בעתן גיין קוקן זיי גאַרנישט הינטערוויַילעכץ צו אונדז. איבער אונד־זערע נאַקנס ליגן די שווערע, ברייטע אוישוויצער שפּאַדלעס. זיי, די שפּאַד־לעס, זענען פֿון שאַרפֿן, שוואַרצן בלעך און פֿאַרבלאַטיקט פֿון דער בירקענ־אַוער ערד. די ערד איז ברוינלעך־טאַרפּיק און ליגט אויפֿן שוואַרצן שפּאַדל־

בלעך צערונען. גרודעס ערדענע, פּאַרגליווערטע, וואָס גלאַנצן איצט אין קילן, האַרבסטיקן זונליכט. איך גיי אין דער מיט אַ באַרוועסער — און קאָן גאָרנישט אַראָפּנעמען מיין פּנים פון פּאַווליטשעקס פּיס. ביי מיין רעכטער זייט — מיין שלאָפנדיקער שכן אויפן צעמענט־דיל פון ביינאַכט, ביי מיין לינקער — זיין יונגער זון. כ׳זע בלויז דעם זונס האַלבן פּנים, וואָס איז גרינלעך־ווייס פון שרעק. כ׳ווייס נישט ווער מיינע דיל־שכנים זענען. אָט זענען זייערע גופים, וואָס האָבן מיך געוואַרעמט ביי נאַכט אויפן קאַלטן צעמענט. די ערד, ווו מיר גייען איצט, איז ווייך און גאָרנישט קאַלט, כאָטש ס׳האָט ביי נאַכט געצויגן אַ יונגער באַרגפראָסט. ס׳איז אַ שמאָלער זאַמדוועג צווישן די באַראַקן. די נידעריקע פּאַסאַדן לייכטן ווידער צו אונדז מיטן פלו־שענעם שימער פון אַלטן טאַרפּמאַך. דער זאַמדוועג פירט צום באַרג. וווּ־אַהין פירן זיי אונדז? איצט שטייט שוין די בירקענאַוער זון העכער אין הימל. זי הענגט גראָד איבערן פּאַרוואַלקנטן באַרג. פון דאָרט בלאָט צו אונדז אַראָפּ אַ שיטער אינדזועלע פוןביימער. דאָס זענען אַוודאי די ביר־קענאַוער בזשאָזעס, וואָס האָבן נישט קיין שאָטן. בזשאָזעס אָן שאָטן? ווו האָב איך זיי שוין געזען אַזוי דורכזיכטיק־קרישטאָליק? צי איז עס איצט דער סוף פונעם חלום — אָדער גאָר אַ נייער אָנהייב? באַלד וועלן ביידע, דער קאַנאַדער און פּאַווליטשעק, זיך אויסדרייען צו אונדז. ווידער וועט זיך אָנהייבן דאָס זעלביקע וואָס באַגינען, ביים אַרויסגאַנג פון דער שוואַרצער, אייזערנער באַראַקטיר.

ביידע בלייבן זיי שטיין. די שפּאַדלעס זענען איצט געוואָרן שווערער אויף אונדזערע נאַקנס. פּאַווליטשעק קומט־צו צו מיר אַזוי נאָענט אַז זיינע שיך שטייען אויף מיינע באַרוועסע פּיספינגער. כ׳האָב נאָך נישט באַוויזן צו צעשניידן דאָס העמד אויף אָניצעס. פּאַווליטשעקס איינציקער גילדערנער צאָן בלאַנקט רויטלעך פון הינטער זיין אויפגעהויבענער ליפּ. זיינע צוויי פויסטן — גרויסע, צייטיקע רויטע סאַדעפּל — ציטערן אומרויִק אַנטקעגן מיין פּנים. ער פרעגט שטיל, שטיל מיט אַ פאַרצוימטן אָטעם:

— פאַר וואָס גייסטו באַרוועס, דו... ווו זענען דיינע שיך? ווייסט נישט, אַז אין בירקענאַו גנבעט מען אַלץ? פאַר וואָס האָסטו ביי נאַכט נישט געהיטן דיינע שיך?...

איך ווייס: דאָס איז פּאַווליטשעקס לעצטער שפּיל מיט מיר פאַרן סוף. איך דאַרף בלויז זאָגן: אָט... ווי שיין מײַנע שיך זיצן אויף דײַנע פיס, פּאַווליטשעק. זיי זענען ווי געפּאַסט פאַר דיר. דער זעלביקער נומער. אָדער גאָר: בלויז אַרויפשמייכלען צו אים, כּדי ער זאָל פאַרשטיין. און דעמאָלט, דעמאָלט — וועט עס געשען דאָ, צווישן די באַראַקן, אויפן שמאָלן זאַמד־וועג. דאָ, וווּ ס׳פאַלט נישט דער מינדסטער שאָטן. זינט כ׳בין אַרויס פונעם צעמענטענעם דיל און גיי מיטן שפּאַדל — איז דער באָרוועסער גאַנג אין גאַנצן אָנשאַטנדיק. ווּ זענען פלוצעם אַוועק די בזשאָזעס אויפן באַרג? די ערד אונטער מײַנע נאַקעטע פּיאַטעס איז וואַרעמלעך־מילד. איך פיל לחלוטין נישט פּאַווליטשעקס שטיין אויף מײַנע באָרוועסע פינגער. מײַנע שיך האָבן מיך געראַטעוועט פון טויט. צי וועלן זיי מיך איצט צוריק אי־בערגעבן אין פּאַווליטשעקס הענט?

— דו... פאַר וואָס שווייגסטו?... פאַר וואָס גייסטו באָרוועס? ווּ זע־נען דײַנע שיך?...

ער גייט אָלץ נישט אַראָפּ, פּאַווליטשעק, מיט זײַנע שיך פון מײַנע נאַקעטע פיספינגער. זײַן אָטעם איז נאָענט צו מײַן מויל. ער איז האַרב און דורכגעזאַפּט מיט בראָנפן — פּאַווליטשעקס אָטעם. ער פאַרקרימט פלו־צעם זײַנע באַקן, בעת די אויגן שליסן זיך אים פּאַוואָליע ווי בײַ אַ קאַץ פאַרן שפּרונג.

— און איצט וועסטו, נעבעך, זונעניו, גיין באָרוועס... און זיך פאַר־קילן...

דער קאַנאַדער לאַכט הינטער אים — אַ קריציק, צעזעגט, אײַנגע־האַלטן געלעכטערל.

פּאַווליטשעק גייט אַראָפּ פון מײַנע נאַקעטע פיספינגער. צו ערשט מיטן רעכטן פוס, דערנאָך — מיטן לינקן. איצט זע איך: פון מײַנע פינגער גייען אַרויס דינע, רויטע בלוטשנירלעך. ווי אויסטערליש: כ׳האָב זיי גאַרנישט געפילט בעת ער איז געשטאַנען אויף מײַנע נאַקעטע פינגער. מסתּם פילט מע אַזוי אויך נישט דעם טויט. די שנירלעך בלוט ווערן אײַנגעזאַפּט פון דער ערד, וואָס ווערט באַוואָרפן מיט אַ שיטערן, ראַזיקן שאָטן.

איצט ברענען זיי שוין, די פינגער, בעתן גיין אויף ס׳ניי הינטער פּאַוו־

ליטשעקן. די פיאַטעס זענען קיל, בלויז די פינגער איבן גליִען. וואָהין פירן זיי אונדז? איך גיי אַ באָרוועסער הינטער פּאַוווליטשעקן. מיינע שיך אויף פּאַוווליטשעקס פיס לאָזן איבער אין דער פייכטער ערד זייערע שפּורן. מיינע נאַקעטע פיאַטעס טרעטן גראָד אין די דאָזיקע פּאַרטיפטע שיכשפּורן. דאָס זענען זיי — די געפּאַלענע זיגלען פון מיינע שבת־שיך. זיי זענען שאַרף־קאַנטיק און שאָטנדיק־פאַרגילגולט דאָ אויף אייביק אין דער ערד. זיי טראָגן מיך אַזוי שוועבנדיק־לייכט — די געפאַלענע שיינע זיגלען. ווי זיס איז דער שאָטן, וואָס ציט צו זיך דיינע הוילע, נאַקעטע פיס. די ערד איז געוואָרן פּלוצעם קאַלט. אין חלל הענגט דער חלום פון ערשטן שניי, וואָס וועט אַוודאי באַלד אַראָפּפאַלן און פאַרדעקן די געפּאַלענע זיגלען. ביז ער וועט אַראָפּפאַלן, דער שניי, וועל איך נאָך גיין באָרוועסערהייט הינטער פּאַוווליטשעקן. איך וועל גיין באָרוועס — ביז איך וועל אַזוי אַ באָרוועסער צוקומען צום באַרג און צום אינדזעלע בזשאָזעס, וואָס האָבן נישט קיין שאָטן.

*

אַרויף־צו, ביז צו די דאַרע, דורכזיכטיקע בירקענאָוער בזשאָזעס, וואָס האָבן נישט קיין שאָטן, איז דער באַרג נאָך געווען פאַר מיינע באָרוועסע פיאַטעס ווייך און גליטשיק. נידעריק אַרום דעם באַרג־שיפּוע הענגט דער נעפּל — אַ בלאַלעכער, אַ צעריסענער. די שיטער־צעוואָרפענע קוסטעס צופוסנס פון באַרג זענען אויך ווי די בזשאָזעס דין־דורכזיכטיק. אויף זייערע נידעריקע, ערב־ווינטערדיקע צווייגן הענגט שוין נישט דאָס מינדסטע בלעטל. זיי זענען, די קוסטע־צווייגן, ברייטלעכע און שטאַרק געפּאַלענע אין זייער פאַרייִאושטן געפלעכט ביז צו דער ערד אַראָפּ. זיי זעען אויס ווי אַ קופּקעלע געבויגענע געשטאַלטן, וואָס ווילן פאַרזינקען אין דער ערד. דאָס געשעעט מחמת דעם וואָס דער באַרג הייבט זיך אויף גאָר הויך איבערן בירקענאָוער טאָל. ער איז פריי פאַר די שאַרפע פוילישע האַרבסט־ווינטן. געוויינטלעך קומען דאָ אַרויף צום באַרג די ערשטע שנייווינטן פון דער צפון־זייט. זיי קומען, די ווינטן, מיט זייער דינעם, שאַרף־דימענטענעם אָטעם און מיט אַ שדיש קוימען־פייפעריי, כאָטש אַרום אויף די פעלדער

איז נישט צו זען די מינדסטע כאַטע, אָדער באַוווינטער בנין. אויך גאָר נידעריק, ביי מיינע באָרוועסע פיס, איז פון אַלע פיר זייטן געגאַנגען דער ווינט מיט דער זעלביקער גלאַזקייט און חלף־שאַרפקייט. ער האָט אַפילו אָפּגעדעקט, דער ווינט, אין זיין געווירבל אַלע פאַרייַאושטע, קאַלטע קוסטע־וואָרצלען פון דער באַרג־ערד, די טאַרפיק־ברוינלעכע און אַשיק־פאַרקוילטע און אויך די קליינע נישט־אויפגעגאַנגענע בלעטלעך, וואָס זענען פריצייטיק פאַרשטאָרבן אין דער בירקענאַוער באַרג־ערד.

די אַלע קוסטע־וואָרצלען, אָפּגעדעקטע פאַרן הוילן באַרג־ווינט, זענען געהאַנגען איבער דער ערד ווי צעריסענע פויגלשע נעסטן. ביי יעטוועדן געווירבל האָבן זיי זיך אונטערגעהויבן פון דער ערד און זיך געהוידעט אינעם ווינט. אָט, אָט און דער גאַנצער פלאַטשיקער קוסט, אונטערגעהויבן פון די אַ צעשינדענע שוואַרצע וואָרצלען, וועט איבעררייסן זיין לעצטן צו־בונד מיט דער ערד. ער וועט זיך אויפהייבן פון דער נידער און זיך אַוועק־לאָזן אינעם געווירבל צו די בלאַלעכע טונקלענישן פון די ערשטע שניי־וואָלקנס. און אויסטערליש איז געווען ווי אַזוי יעטוועדער באַרג־קוסט האָט זיך געהאַלטן בלויז ביי זיינע גאָר דינע דורכזיכטיקע וואָרצל־פעדעם. אָט די איינציקע, ציטערנדיקע וואָרצל־פעדעם זענען געווען אַזוי בלאַלעך־רויט און אָפן ווי אַן אָדער, ווו ס'איז שוין לאַנג אין וועלקונג פאַרגליווערט דאָס בלוט — און בלויז דער פאַרזיגלטער, אייביקער סוד פון טויט איז מסוגל אים אויף ס'ניי צו מאַכן בליִען אינעם געווירבל פון אַלע ווינטן און אַלע צייטן.

פאַווליטשעק און דער קאַנאָדער זענען ביידע נאָך אַלץ געגאַנגען פאָרויס. די גאַנצע צייט דאָ אַרויף מיטן זאַמד־וועג האָט קיינער פון זיי נישט אויסגעדרייט אויף הינטערווייַלעכץ צו אונדז זיין פנים. זייערע פולע געשטאַלטן זענען איינגעהילט אינעם באַרג־נעפּל, וואָס איז אַזוי מילך־גראָ און ציטערט. פאַרטאָן אין רעדן האָבן זייערע ביידע אויפגעהויבענע הענט געמאַכט עטלעכע מאָל עיגולים אין חלל אַרום זיך. דערנאָך האָבן זיי די לופט־עיגולים אַראָפּגעוואָרפן אויף דער באַרג־ערד, ביי זיך צופוסנס. טייל מאָל האָט זיך פאַווליטשעק אויף אַ ווייל אָפּגעשטעלט. ער האָט לאַנג גע־האַלטן דעם קאָפּ געזונקען צו זיינע פיס. וואָס אַזוינס זוכט פאַווליטשעק

אין מײַנע שיך, וואָס ער טראָגט זיי פון בײַ נאַכט? ערשט נישט לאַנג ווי ער איז געשטאַנען אויף מײַנע באָרוועסע פיס־פינגער, אין מײַנע שיך, מיט זײַן גאַנצן שווערן גוף. דאָ, אויף דער באַרג־ערד, זענען די געפּאַלענע שיך־זיגלען נישט אַזוי ווײַך פּאַרטיפט ווי דאָרט, אונטן, אין בירקענאַוער פּלאַכ־לאַנד. דער פּייכטער נעפּל האָט אוודאי געמאַכט גיך פאַרזינקען די שיך־סימנים אין דער באַרג־ערד. בלויז די שטיוול פונעם קאַנאַדער האָבן אַרויפ־געלויכטן מחמת דער חלל־ווילגאַטנעקייט מיט אַ מאַטן און טריבן גלאַנץ. כ'בין ווידער געגאַנגען אין מיטן, צווישן די צוויי פרעמדע נאַכט־שכנים אויפן בירקענאַוער בעטאָן־דיל. די שיטערע נעפּלען טרעטן פּלוצעם אָפּ. די באַרג־ערד אונטער די פיס ווערט מיט אַ מאָל אָפּגעדעקט שטייניק, אָן דעם מינדסטן ווילדגראָז־שאָטן, אָדער געפּאַלענע קוסט־צווייגן.

די צוויי מענטשן פאַר אונדז בלײַבן פּלוצעם שטיין און דרייען אויס זייערע קעפּ. אויף פּאָווליטשעקס פּנים איז פאַרגליווערט אַ שמייכל פול מיט סוד. מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ ווייכער, אויפגעשפּראָצטער מענטש־לעכער שמייכל, וואָס איז פּלוצעם פאַרטריקנט געוואָרן צווישן די פאַלדן פון זײַן פּנים. אָ, גאָט, וואָס זאָגט־אונדז־אָן דאָס שמייכלענדיקע פּנים פון פּאָווליטשעקן, דאָ בײַם אַרויפגאַנג אויפן בירקענאַוער באַרג? פאַר וואָס קוקט ער נאָך אַלץ די גאַנצע צייט אויף מײַנע באָרוועסע פיס? הימל איי־ביקער, צי וועל איך שוין קיין מאָל נישט אויסקויפן די זינד מחמת מײַנע שיך, וואָס פּאָווליטשעק האָט זיי גענומען פאַר זיך בײַ נאַכט אין דער באַראַקן־פינצטערניש?

דער קאַנאַדער האָט זיך איצט אָוועקגעשטעלט גאָר נאָענט פאַר אונדז, בעת די פיס זײַנע זענען צעשפּרייט און די הענט ליגן אויף די באַקעס. די ייִדישע פאַלדן פון זײַן פּנים, פאַרשלאָפן־אָנגעשוואָלן, זענען געטיילט אין צווייען. איין טייל: אָפּענע, רויטע פונקען־רוגזה, בעת אויפן צווייטן רוט אַ פאַרבאָרגענע גזר־דין־פאַרשטומטקייט. אויך זי, די געצוימטע פאַרגליווערט־קייט פון זײַן פּנים, באַהאַלט אויס מן־הסתם דעם סוד פון אונדזער באַל־דיקן טויט — דאָרט אויבן, אויפן בירקענאַוער באַרג. ס'איז גרינגער פאַר מיר אַרײַנצוּבליקן אינעם אָפּענעם פּנים־טייל מיט זײַן אָפּגעדעקטער צאָרן־פלאַמיקייט, איידער אין זײַן פאַלדן־פאַרגליווערטקייט. צי איז עס מחמת

דעם וואָס דאָס סודותדיק־פאַרבאָרגענע טראָגט צו אונדז תּמיד מער פּינצ־טערע אימה איידער דער אָפענער, אומפאַרהתמעטער גזר? אָבער — פאַר וואָס איז פאַווליטשעקס פּנים נישט אַזאַ ווי דעם קאַנאַדערס? פאַר וואָס שמייכלט ער ווידער, פאַווליטשעק, אַראָפּ צו מיינע שיך, וואָס גלאַנצן אויף זיינע פיס, ווי ער וואָלט דאָרט דערזען עפּעס לצנותדיקס און שטיפעריש, בעת דאָס יִדישע פּנים פונעם קאַנאַדער איז דער מבשׂר פון אונדזער לעצטן אומפאַרהתמעטן גזר? צי וועלן מיך נאָך מיינע באָרוועסע פיאַטעס היינט אַראָפּפירן מיטן באַרג־שיפּוע אַהינצו, צום בירקענאַוער טאָל, צו די פליסנ־דיקע הימל־פלעקן אַרום די שוואַרצע באַראַקן, דאָרט, ווו די ערד עטעמט נאָך האַרבסטיק־וואַרעמלעך און ווו ס׳נידערט קיין מאָל נישט אַראָפּ דער באַרג־נעפּל?

פאַווליטשעק און דער קאַנאַדער שטייען גאָר נאָענט אַנטקעגן אונדז. דאָס מאָל גליטשן זיך שוין זייערע ביידנס בליקן איבער מיינע באָרוועסע פיס. אויף מיינע נאַקעטע פיס־פינגער זיצן נאָך די פאַרגליווערטע בלוט־קייקעלעך ווי קליינע, צעבליטע מאַלינעס. זיי זענען דאָרט שוין פאַר־בליבן, די בלוט־קייקעלעך, באַלד נאָך דעם ווי פאַווליטשעק איז אַראָפּ מיט די שיך פון מיינע באָרוועסע פינגער. אַ סך, אַ סך אַזעלכע בלוט־קייקעלעך זענען אַוודאי אַראָפּגעזונקען אינעם זאַמד פריִער, איידער פאַווליטשעק איז אַראָפּ פון מיינע נאַקעטע פינגער. איצט איז דער גאַנצער זאַמדוועג אַהערצו, דורכן גאַנצן טאָל, פאַרפלאַנצט מיט די אַ מאַלינעס. זיי וועלן דאָרט שוין אַזוי פאַרבלייבן אין דער שיטערער ערד־פלאַך אַנטקעגן הימל, ווינט, רעגן און שניי־נעפּלען. דערנאָך וועלן קומען זיי — די בירקענאַוער פייגל: די גראָלעכע און די גראַנאַט־שוואַרצלעכע, די פליגל־שפּיציקע און די הויכ־פּיסיקע, די שטומע און די זינגענדיקע — פון אַלע אומפאַרצוימטע בירקענ־אַוער פעלדער, פון אַלע אָבלדיקע וואַסערלעך אַרום די טויטע, שוואַרצע מילן. די מילן שטייען נישט ווייט פון די פאַרשטאַרבענע וועלדלעך, ווו דער סאַמעטענער וואַלד־מאָך ווערט יעדן טאָג פאַרשיט מיט טליִענדיקן אַש פון צעפּאַלענע גלידער. זיי וועלן קומען טשאַטעסווייז, די בירקענאַוער הימל־זינגער, און אַרויספּיקן פון דער ערד די רויטע קייקעלעך ווי גע־וואָרפענע זיסע, קליינע זוימען. זיי וועלן זיי טראָגן אין זייערע שנאָבלען

אַנטקעגן הימל מיט זייער פויגלשער אומגעדולד. און אפשר... אפשר וועט גאָר פרי̇ער, נאָך איידער די פייגל וועלן זיך באַווייזן, אַראָפּפאַלן דער בירקענאָוער שניי און פאַרדעקן די פאַרפלאָנצטע זוימען? ווי הייס זיי גלי̇ען אונטער מיין שטערן — די אָ קליינע, צעפלאָטערטע, אָפּגעריסענע מחשבות.
איצטער בליק איך אויך אַראָפּ צו מיינע באָרוועסע פיס. פאַר וואָס שטייען נאָך אַלץ דיביידע מענטשן אַנטקעגן אונדז? צי האָט זייער שוויגן פאַרקניפּט אָ שוואַרצער בונד מיטן שוויגנדיקן בירקענאָוער באַרג? מיט די שאָטנלאָזע באַרג־בזשאָזעס און מיט אַלע געבוקטע, דורכזיכטיקע באַרג־קוסטעס, וואָס קני̇ען פאַר אונדז?
כ׳שטיי נאָך אַלץ צווישן מיינע נאַכט־שכנים. בלויז איך איינער — אָ באָרוועסער. דער טאַטע מיטן זון טראָגן נאָך אויף זייערע פיס די געטאָ־שיך — איינגעפאַלענע, פאַרקרימטע און איבערפול מיט יי̇אוש. די בירקענאָוער שפּאַדלעס ליגן איצט אַזוי שווער אויף אונדזערע אַקסלען. ניין, דאָס זענען שוין מער נישט קיין שוואַרצע, שווערע אוישוויצער שפּאַדלעס. דאָס זענען פייער־פליגל, צעשפּרייטע און צעפּאַכטעטע, שיצנדיקע און לייכטנדיקע, וואָס וועלן אונדז אויפהייבן הויך איבערן באַרגיקן נעפּל. זייערע שפּיציקע פליגל־שאַרפן זענען אַזוי הונגעריק נאָך הימל. דער קאַנאַדער נעמט פּלוצעם אַרויס פון טאַש אָ שטריק־קנוילכל. ער פירט די שטריק גאָר נידעריק אויף דער באַרג־ערד. פון דער שטריק ווערט אָ פירעקיקער פורעם. ער מעסט, דער קאַנאַדער, דעם פורעם און לאָזט אַריין קליינע געהילך־פלעקלעך ביי אַלע זיינע פיר זייטן. בעת דער קאַנאַדער הייבט זיך אויף פון די אַנגעצויגענע שטריקלעך — שרייט צו אונדז שוין פּאַווליטשעק:
— גראָבן!... גראָבן!... אָבער שנעל! גראָבן... גראָבן!... גראָבן!...
ער שרייט מיט אָ פאַרוואָרפענעם קאָפּ גלייך אין הימל אַריין. דאָס שרייט ער אַזוי צו אונדזערע שפּאַדל־פליגל, כּדי זיי זאָלן זיך אויפהייבן מיט אונדז גיכער אונטער די הימל־הויכקייטן. זיין קול פאַלט גיך ווידער אַראָפּ. אָט ליגט עס צעקרישלט ביי אונדזערע פיס אויפן באַרג. מיינע שיך אויף פּאַווליטשעקס פיס שווימען איצט אַוועק אַזוי ווייט. אויף זייער אָרט זע איך בלויז אָ נידעריקן, גראָלעכן נעפּל. פאַר וועמען דאַרפן איצט אונדזערע שפּאַדלעס גראָבן אָ גרוב אויפן באַרג, בעת זייערע שפּיציקע פליגל

בענקען אַזוי אויפֿצוהייבן זיך אַנטקעגן הימל? מן הסתּם איז דער וועג צו די הימל־הויכקייטן דורכן באַרג, וואָס האַלט פֿאַרשלאָסן אין זיך די פֿינצ־טערניש. פֿאַר וואָס הייסט איצט פּאַוולישעק, אַז אויך מײַנע צוויי שכנים זאָלן אויסטאָן די שיך? פֿאַר וואָס דאַרפֿן אויך זיי זײַן באָרוועס? די צוויי בייגן זיך אַפֿילו נישט אַראָפּ כּדי אויסצוטאָן די שיך, וואָרעם די שיך האַלטן זיך אויף זייערע פֿיס אָן די בענדלעך. זיי האַלטן זיך אײַנעם ווייסן, געבעגרלטן געשווילעכץ אַרום די קנעכלעך. אָט שטייען מיר שוין אַלע דריי באָרוועס און וואַרטן. באָרוועס אויפֿן באַרג. דאָס זענען זיי, מײַנע נאַקעטע פֿיאַטעס, שולדיק אין אַלץ. דאָס זענען זיי שולדיק וואָס אויך מײַנע נאַכט־שכנים האָבן געמוזט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די הילצערנע שיך. איצט זעט מען זייער רונדיקע, ווייסע אַנגעלאָפֿנקייט ווי זי קרײַנט־אַרום די אונטער־שטע פֿיס־קנעכלעך. אויך מײַנע פֿיס האָבן דאָס דאָזיקע געשווילעכץ, וואָס איז אָבער רויטלעכער און פֿלאַכער. ווען נישט מײַנע שײַנע שבתדיקע שיך, וואָס פּאַוולישעק האָט בײַ נאַכט גענומען פֿאַר זיך, וואָלטן מיר אַלע דריי נישט געשטאַנען דאָ, גרייטע צום גראָבן אויפֿן באַרג. מײַנע שכנימס נאַקעטע פֿיס־פֿינגער זענען פּלוצעם געוואָרן געל פֿונעם אָפּגעלאָפֿענעם בלוט. זיי זענען גאָלדיק ווי פֿאַרוועלקטע אַלטע בלעטער. מײַנע שכנים הייבן נישט אויף זייערע אויגן פֿון דער ערד. בײַ זיי גליט מסתּם אויך די זעלביקע מחשבה וואָס בײַ מיר: דאָס זענען זיי — מײַנע שבתדיקע שיך שולדיק אין אַלץ. זיי האָבן אונדז אַלע אַרויסגעפֿירט צום זעלביקן גורל. איצט שטייען מיר אַלע דריי באָרוועס. באָרוועס אויפֿן בירקענאַוער באַרג.

שוועב און פּאַוואָליע פֿלאַטערן־אַרײַן אונדזערע דריי שפּאַדל־פֿליגל אין דער באַרג־ערד. ער איז האַרטנעקיק־פֿאַרשלאָסן, דער באַרג, און פֿול מיט גרין־פֿאַרמאַכיקטע שטיינדלעך, וואָס לײַכטן אַרויס פֿון צווישן די גע־קרײַזלטע, פֿאַרשטאַרבענע וואָרצלען. פֿאַר וואָס ציטערן אַזוי אין אונדזערע הענט די שוועבנדיקע רידל־פֿליגל? וואָס מער זיי ציטערן, די רידל־פֿליגל, אַלץ שפּיציקער לאַכן פּאַוולישעק און דער קאָנאַדער. מײַן שכנס אויגן ציי־טערן פֿון טרערן־פֿאַרקלעמונג. ווער פֿליסטערט עס איצט אַנטקעגן מײַן אַראָפּגעזונקען פּנים? דאָס פֿליסטערט אַוודאי פֿאַרשטומטערהייט דער ווינט אַרום די פֿליגל־שפּאַדלעס אויפֿן זאַמד. ווי אויסטערליש: דער באַרג־נעפּל

גייט אַרויס פון דער ערד. אַלע נעפּלען ווערן געבוירן מסתּם אין דער ערד־פאַרשלאָסנקייט — ביז זיי שוועבן ביסלעכווייז אַרויף צו די הימלען. דער נעפּל פאַרשטעלט איצט מיינע שוואַרצאַפּלען. ווער פליסטערט עס איצט אין מיר: גאָט... דערבאַרעמדיקער... אל רחום וחנון... מאַמע... צי פליס־טערן אַזוי די פליגל, וואָס טראָגן אונדז שוין אַוועק פונעם באַרג? צי זענען אַזעלכע תּמיד די רייד פון אַלע, וואָס מוזן פאַר זיך אַליין גרייטן אויף אייביק די ערדישע, פלאַכע פאַרטיפונג?

די אויסגעגראָבענע באַרג־ערד פאַלט אַראָפּ פון די דריַי שאַרפע רידל־פליגל. דאָ, וווּ מיר שטייען, איז דער סאַמע באַרג־שפּיץ, אַרומגערינגלט בלויז מיט ווינט און מיט בירקענאַוער וואָלקנס. ער איז נאַקעט־אָפן און פלאַכלעך — דער באַרג־שפּיץ. נישט ווייט פון אונדז, שוין אויפן שיפּוע, קניִען זיי, די איינצלנע באַרג־קוסטעס. דאָס, וואָס ס'איז נישט געשען מיט אונדז דאָרט, אונטן, צווישן דעם שמאָלן באַראַקן־וועג, וועט איצט געשען דאָ, אויפן בירקענאַוער באַרג. אויף דער צווייטער זייט, אַנטקעגן אונדז, צופוסנס פון באַרג, ליגן שוין די בלאָטיקע טאָרף־פעלדער. קליינע, בידע־ריקע האַרבסט־רויכלעך ווילן זיך אויפהייבן צום הימל און קאָנען נישט. זיי פאַלן גיך צוריק אַראָפּ צו די טאָרף־פעלדער. אַ שערענגע פייגל־טשאַ־טעס יאָגן זיי נאָך, פאַרשווינדן צעפּלאָשעטע אין זייער נעפּל־אינגעווייד און בלויז איינצלנע פון זיי באַווייזן זיך ווידער אין זייער פלי גאָר בידע־ריק ביי דער ערד.

פּאַווליטשעק און דער קאַנאַדער — ביידע זיצן זיי אויף אַן אַרויס־שטייגנדיקן באַרג־שפּיץ ווי אויף אַ טראָן. זיי רייכערן דיקלעכע, לאַנגע ציגאַרעטן, בעת מיר דריַי וואַרפן דערווייל אַרויס די אויסגעגראָבענע ערד. זייערע פּנימער באַגלייטן אונדזערע אויפגעהויבענע רידלען און דאָס פאַלנ־דיקע זאַמד, וואָס בערגלט זיך שוין ביי די זייטן. כ'שטיי גראָד אַנטקעגן מיינע צוויי נאַכט־שכנים. דעם פּאַטערס פּנים איז באַוואַקסן מיט שיטערע שניי־האָר און איז גיפּסיק־טויט. זיין יונגער זון העשעט אָן אַ קול אויפן רידל־געהילץ. נייַן, דאָס העשעט ער אַזוי אויפן איינגעבראָכענעם פליגל. אונטער מיינע נאַקעטע פּיאַטעס גליט די באַרג־ערד. נעפּל, ווינט און פייער גייט צו אונדז פון דער אויסגעגראָבענער פאַרטיפונג.

ווי לאַנג דויערט דאָס גראָבן פאַר דריי מענטשן דאָס אייביקע געלעגער אויפן בירקענאַוער באַרג ? — אַזוי לאַנג ווי עס רוט די אַ גיפּסיקע, שטייניקע טויטקייט אויף מיין שכנס פנים. אַזוי לאַנג ווי ס׳פאַלט אויפן רידל־פליגל דעם ייִנגלס צעבראָכן געכליפּ. אַזוי לאַנג ווי ס׳גייט דאָס באַרג־פייער צו מיינע באַרוועסע פיאַטעס. ווי טיף דאַרף זיין דאָס געלעגער פאַר דריי מענטשן אויפן בירקענאַוער באַרג ? — נישט טיפער ווי די טיפקייט פון אַ פלאַך וואַסערל, פון וואַנען מען זעט אַרויס דעם גראָען ערדישן דנאָ. אָט בליקט צו אונדז שוין דער דנאָ פון אַלץ, — דאָ, אויפן בירקענאַוער באַרג. דער דנאָ פון הימל, וואָס איז פאַרזיגלט. דער דנאָ פון ערד, וואָס איז אַוודאי דער געעפנטער הימל־זיגל. דער דנאָ פון פייער, וואָס גייט־אויף פון דער אויפגעזיגלטקייט. דער דנאָ פון אַלע דנאָען, ווו ס׳פאַלן די שטומקייטן און די רופענישן, וואָס וועלן שוין קיין מאָל נישט האָבן קיין ווידערקול. צי וועט טאַקע דאָ, אויפן באַרג, נישט ווייט פון די דורכזיכטיקע קוסטעס, וואָס האָבן נישט קיין שאָטן, זיין דאָס פלאַכע געלעגער פאַר אונדז, די דריי באָרוועסע ?

אָ, נישט אַזוי גיך וועלן שטאַרבן די דריי באָרוועסע. נישט אַזוי גיך וועלן שטאַרבן די דורכזיכטיקע קוסטעס. נישט אַזוי גיך וועט אויף זיי פאַלן דער ערדישער פליגל־זיגל. לכתחילה וועלן שטאַרבן זיי — די קוסטעס אַליין. זיי וועלן אַרויפקומען אַהער מיט זייער טרוקן צווייגן־געפלעכט. זיי וועלן פאַלן אין דער אָפענער, ערדישער פאַרטיפונג. שפעטער וועט פון די קוסטעס אויפגיין אַ בלאָלעכער און דיקלעכער רויך פונעם פייער, וואָס די צוויי מענטשן הינטער אונדז וועלן אַנצינדן. זיי וועלן אַזוי ברענען, די קוסטעס, לאַנג, לאַנג ביז די אויסגעגראָבענע פאַרטיפונג וועט ווידער ווערן אַ נידעריקער דנאָ מיט די פאַרצערטע אויסגעריסענע קוסטעס. און דעמאָלט, דעמאָלט וועלן די דריי באָרוועסע ווידער שטיין אַנטקעגן דעם אָפענעם, פאַראַשטן גרוב. און דעמאָלט וועט נאָך טליִען אויפן דנאָ אַ פאַרדעקטער איינצלנער פונק, וואָס וועט נישט וועלן אויסגיין.

איצט גייען שוין אַראָפּ געשטאָרבענע — די דריי באָרוועסע. מיר טרעטן איבערן שיפּוע פאַרגליווערטע אין אונדזער פאַרשטאָרבנקייט. הינטער אונדז פלאַקערט נאָך דער באַרג־שפּיץ אַנטקעגן הימל. ס׳איז פלוצעם

געוואָרן בלאָלעד־אוונטיק. דאָס פייער פון באַרג גייט אונדז נאָך ווי אַ שאָטן. דאָס איז מסתּם דער אוראַלטער דאָרנבוים, וואָס פלאַקערט דאָרט אַרויס פון אונדזער פאַרשטאַרבנקייט. ער וועט דאָרט אַוודאי קיין מאָל נישט אויס־גיין. און אפשר, אפשר גליט אַזוי דאָרט די אויפגייענדיקע זון פונעם פּאַר־אַשטן און נאָך טליִענדיקן דאָרן־קוסט? אפשר רופט ער אַזוי צוריק צו זיך אויפן באַרג אונדז — די דריי באַרוועסע?

*

דער גראָלעכער בעטאָנדיל אינעם שמאָלן באַראַק איז היינט נישט אַזוי קאָליריק ווי נעכטן. ער איז אויך נישט אַזאַ ווי מיט צוויי טעג צוריק בעת איך בין געטריבן געוואָרן אַהער מיט אַלע געבויגענע גוף־שאָטנס פון דער נידעריקער בירקענאַוער באַנראַמפּע. דעמאָלט, אין די ערשטע שעהען, איז ער געווען, דער בעטאָנדיל, גראָ־גרינלעך ווי פאַרשטאָרבענער וואַלדמאָך, ווו ס׳פאַלט קיין מאָל נישט די מינדסטע זונשטראַליקייט. פאַר וואָס האָב איך זיך דעמאָלט אַראָפּגעבויגן צו אים און מיט די פינגער אָנגערירט דעם טויטן בעטאָנדיל? ער איז געווען אַזוי פּראָסטיק־פאַרשטיינט אין זיין קאָלי־ריקער וואַלדמאָך־טויטקייט — כאָטש אין דרויסן, פאַרן באַראַק, איז נאָך געהאָנגען די לעצטע, וואַרעמע אלול־לופט. אין סאַמע מיט פון באַראַק, דורך דער גאַנצער לענג, ציט זיך די פלאַכע פאַרטיפונג פאַרן אַראָפּפליסנ־דיקן וואַסער, וואָס וועט דאָ פאַוואַליע אַראָפּשטראָמען פוןביידע דילזייטן. דאָס וועט געשען ערשט דעמאָלט, בעת די הויכע שוואַרץ־בלעכענע עמערס וועלן ווערן דורך אונדז אויסגעליידיקט איבערן נאַקעטן בעטאָנדיל. נאָכן אַהערלויפן פון דער באַנראַמפּע האָט מען די עמערס לחלוטין נישט געזען. ווו זענען זיי געווען, די הויכע וואַסער־עמערס, בעת די פינצטערניש האָט אונדז אַהער געפירט צום פּראָסטיק־פאַרשטיינטן דיל דורך די שמאָלע זאַמד־סטעזשקעס צווישן די געהילץ־באַראַקן? קיינער האָט נישט געוווּסט ווו זיי ליגן — די דאָזיקע סודותדיקע וואַסער־עמערס. איצט ווייס איך שוין: זיי ליגן גרייטע הינטער דער צפונדיקער באַראַקן־וואַנט. אינעם וויגנדיקן שאָטן, ווו ס׳שטייען די הויכע פּוילישע לאָנקעגראָזן, ליגן זיי אָנגעגרייט. ווי אַזוי איז עס געשען אַז מע האָט זיי לחלוטין נישט אַרויסגעזען פונעם

שפּראָצנדיקן אלול־גראָז ? זיי זענען געלעגן אַזוי נאָענט אויסגעשטרעקט צו דער ערד, די שוואַרצע עמערס, גראָד ווי די קליינע געפאַלענע קינדער־גופים, וואָס זענען געבליבן ליגן לעבן דער באַנראַמפּע אין זייערע פאַר־וויקלטע שוואַרצע ייִדישע מלבושים. פאַר וואָס קאָן איך זיי נישט איצט פאַרטרייבן פון מיין פּנים — די אַ געפאַלענע, בלעכענע, שוואַרצע עמערס פונעם הויכן לאַנקעגראָז ? פאַר וואָס שפּראָצן זיי אַזוי דין־שאַרף פאַר מיין פּנים — די אַלע גראָזן פון די פאַרבליבענע לאַנקעס, די אַלע קינדערסעדער, פון וואַנען ס׳גייט אַזאַ געווירציקער אלול־נעפּל צו מיין פּנים אויפן ביר־קענאַוער דיל ?

*

ווי נאָר דער בעטאַנדיל איז געוואָרן פאַרוואָרפן מיט אונדזערע שלאָפּנ־דיקע גופים האָט זיך פּאַוואָליע געעפנט די ברייטע אייזערנע באַראַקן־טיר מיט אַ גלאָזיק־צעבראָכענעם שלוכץ. דאָס איז געווען אַ שוואַרץ טירנשלוכץ פון אַלט אויסגעגאַנגען אייזן. דאָס איז אַוודאי געווען דער אָפּגעהאַקטער כליפּ פון יענער גריל, וואָס איז מיט מיר מיטגעלאָפן פון דער ראַמפּע מיטנ־נאַכט און וויל זיך מיט מיר נישט שיידן. דאָס איז נאָך אַוודאי יענע געטאָ־גריל, וואָס האָט זיך באַזעצט אינעם וואַגאָן־פענצטערל, פון וואַנען ס׳איז צו אונדז אַ גאַנצע נאַכט געגאַנגען דער שוואַרצער אלול־ווינט. איצט, ווי נאָר דער גרילכליפּ איז פאַרשוווּנדן, זענען זיי בײדע אַריין אויף די שפּיץ פינגער. פּאַווליטשעק און דער קאַנאַדער. אין זייערע הענט האָבן זיך גע־וויגט צוויי הויכע שוואַרצע עמערס מיט וואַסער. זיי זענען געבליבן שטיין אין סאַמע מיט פונעם דיל און לאַנג געקוקט אויף די פאַרקנוילטע שלאָפּנ־דיקע גופים. פּלוצעם — האָבן זיי בײדע אַ שליידער געטאָן איבער אונדז די עמערס. דאָס קאַלטע בירקענאַוער נאַכטוואַסער האָט אונדז אַרויסגע־ריסן פון דיל. איצט האָט איטלעכער געמוזט כאַפּן אַן עמער, כּדי אים אָנ־צופילן מיט וואַסער. בלויז צוויי עמערס פאַרן גאַנצן באַראַק. פּאַווליטשעק און דער קאַנאַדער זענען שוין געשטאַנען ביי דער אָפענער טיר און זיך צוגעקוקט ווי די באַראַקמענטשן וואַרפן זיך אויף די צוויי ליידיקע עמערס. די, וואָס וועלן בלייבן אָן אַן עמער, וועלן זיך שטעלן צו דער לינקער

וואַנט, דאָרט, וווּ ס׳איז נישט פֿאַראַן אַזאַ נידעריק פֿענצטערל ווי אין דער קעגנאיבערדיקער רעכטער וואַנט. די לינקע וואַנט איז די, וואָס פֿירט שפּע־טער צום באַהאַלטענעם בנין, הינטער די דאַרע בירקענאַוערביימער.

איצט איז שוין נאָך אַלעמען. נאָכן נאַכט־געראַנגל איבער די ליידיקע עמערס אויפֿן בירקענאַוער דיל. קעגנאיבער, ביי דער רעכטער וואַנט, שטייען בלויז די צוויי, מיט די עמערס אין האַנט. זיי האָבן ביידע קליינע, אויפֿגעריסענע פּנימער. די העמד־אַרבל — צעפּליקטע, פֿון וואַנען ס׳קוקן אַרויס זייערע רויטהאָריקע הענט. דאָס זענען זיי, די האָר, אַזוי רויט גע־וואָרן פֿון די צעריסענע ייִדישע פּנימער. און כאָטש ס׳איז איצט בירקענ־אַוער נאַכט — זעען זייערע פּנימער אויס ווי פֿאַרגאָסן מיט אַ שקיעה־גלוטיקייט. בלויז זיי — די צוויי — זענען די זיגערס ביי דער רעכטער וואַנט. די וואַנט פֿון די זיגערס. די לינקע — זי געהערט צו אונדז, די באַ־זיגטע. צווישן די צוויי דאָרט און אונדז — לויפֿט דער נידעריקער דיל־שיפּוע, וווּ ס׳שטייט דאָס שוואַרצע, אויסגעגאָסענע וואַסער פֿון די צוויי ליידיקע עמערס. אַלע קוקן איצט אַריבער צו זיי — צו די זיגערס. דורכן איינציקן פֿענצטערל הינטער זיי פֿלאַטערט די בירקענאַוער נאַכט — אַ האַרבסטיקע אַ קראַנק־פֿאַרכטיקע, אַן אַנווינטיקע. וואָס האַלטן זיי אַזוי געזונקען זייערע פּנימער — די צוויי זיגערס ביי דער וואַנט ? צי זענען זייערע אויגנדעקלעך געוואָרן צו שווער פֿונעם בייגעקומענעם פּחד ? צי זענען זייערע הענט אַזוי מאַכטלאָז פֿון פֿאַרשעמונג אַנטקעגן אונדז, די באַ־זיגטע ? זייערע ביידנס אויגן קוקן אַריין אין די הוילע ליידיקע עמערס. וואָס אַזוינס זוכן זייערע בליקן אויף די דנאָען פֿון די עמערס, בעת ס׳איז אין זיי שוין נישט פֿאַראַן קיין איינציקער וואַסער־טראָפּן ?

ביסלעכווייז, ביסלעכוויז דרינגט אַריין, ווי דורך אַ זיפּ, די בירקענ־אַוער פֿרימאָרגן־גראָקייט. דאָס איינציקע עלעקטרישע לעמפּל אונטערן באַראַקן־פּולאַפּ ווערט בלייך און וויגט זיך איבער אונדז ווי אַ קליינע פּויסט. דער קאַנאַדער האָט איצט אויסגעלאָשן דאָס ליכט. די פּויסט איז געוואָרן ווייס־דורכזיכטיק. דער בעטאָנדיל האָט אָנגעהויבן צו בלאַנקען פֿונעם פֿריִער צעגאָסענעם וואַסער. אַ גרינלעך־גראָע פֿאַרביקייט גייט אויף

פונעם גליטשיקן דילשטיין. איצט שטייען אויך זיי, דער קאַנאַדער און פּאַווליטשעק, ביי דער קעגנאיבערדיקער וואַנט. זיי שטייען לעבן די צוויי זיגערס מיט די הויכע שוואַרצע עמערס. די צוויי מענטשן שטעלן אַוועק די עמערס לעבן דער וואַנט. זיי ליגן שוין איצט, די צוויי זיגערס, אויסגעשטרעקטע אויפן דיל. פּאַווליטשעק און דער קאַנאַדער — ביידע שטעלן זיך אויף די פּלייצעס פון די צוויי. די געפּאַלענע פּנימער פון די זיגערס זענען גאָר, גאָר נאָענט צום דיל. זיי וועלן מוזן מיט זייער צונג אויסטריקענען דעם דיל פונעם צעגאָסענעם וואַסער. שפּעטער וועלן זיי אויך מוזן אויסטרינקען דאָס וואַסער, וואָס שטייט אין דער גאַנצער לענג פון דיל־שיפּוע. פּאַווליטשעק שפּרינגט דערוייל איבער דער אויסגעצויגענער פּלייצע ווי אויף אַ זאַק. ער וויל, אַז מיר זאָלן אַלע זען ווי אַזוי ער באַשטראָפט. און פאַר וואָס? פּאַווליטשעק הייבט זיך אויף מיט זיינע שפּיץ פינגער. ער שרייט צו אונדז אַריבער:

— דאָ, אין בירקענאַו, מוז זיין ברודערשאַפט!... קאַמעראַדשאַפט!... צי דאַרף איין ייִד דעם צווייטן אַרויסרייסן דעם עמער? יאָ אָדער ניין?...

די לינקע וואַנט שווייגט. ביי דער רעכטער — שרייט בלויז דער קאַנאַדער צו אונדז. ווי לאַנג דויערט דאָס אַלץ? ביז אינעם פענצטערל זיצט אַ צעשפּאַלטענע די קראַנקע בירקענאַוער אלול־זון. ס'ווערט גראָער און ליכטיקער. שפּעטער — פאַרן אַפּעל — וועלן שוין די עמערס שטיין ביי דער וואַנט, בעת די צוויי וועלן אַלץ נאָך ליגן מיט די פּנימער איבער דעם דיל־שיפּוע. זיי וועלן אַריינציִען אין זיך די שוואַרצע פליסיקייט פונעם באַראַקן־דיל. דערנאָך וועט פּאַווליטשעק אַריבערוואַרפן ביידע ליידיקע עמערס צו אונדזער וואַנט. צו דער וואַנט פון די באַזיגטע. און איך וועל שטיל וויינען מיטן פּנים אויף דער וואַנט. אויף דער וואַנט פון די באַזיגטע.

*

הויך און בלייך זענען די באַראַקן־ווענט. בעת איך קוק לאַנג אין זיי אַריין — ווערן זיי געוועלבטע, שיינע פעלדוואָלקנס, וואָס שווימען אַוועק צו אַ פאַרזיגלטן האָריזאָנט. די פּריטשעס זענען נאָך נישטאָ. מאָרגן דאַרפן זיי אָנקומען — די אַ אָפענע טויטן־אָרונס פון אַ צווייטן אויסגעליידיקטן

באַראַק. איך ליג נישט ווייט לעבן דער וואַנט פון די באַזיגטע. פון דאַנען זע איך ווי ס׳שטייט, אין סאַמע צפון־ווינקל, דער אויסטערלישער ליימאויוון. ער איז אַזאַ ווי אין די הוצולן־כאַטעס אין די בערג. אַז ס׳וועלן אָנקומען די פּריטשעס — וועט מען דעמאָלט דעם ליימאויוון שוין מער נישט זען. אַלע באַראַקן ווערן ביסלעכווייז דאָ אויסגעליידיקט. וואָהין פאַרשווינדן די מענטשן, די עמערס, די שוואַרצע גריל פון הינטער דער ברייטער, אייזערנער טיר? דער חלל לעבן ליימאויוון איז אָנגעוואַרעמט פון ברענענדיקן געהילץ. פון דאָרט ציט די לופט אַהער אַ געווירציקע פון געבראָטן ברויט, קאַרטאָפל און פלייש. הינטערן ליימאויוון האָבן זייערע אויפגעשטעלטע פּריטשעס בלויז די צוויי — פּאַווליטשעק און דער קאַנאַדער. זיי זענען פאַרהאַנגען, די פּריטשעס און אויך דער ליימאויוון, מיט שווערע וואַטענע קאָלדרעס. ביידע שטייען זיי אוודאי דאָרט האַלבנאַקעטע ביים ליימאויוון. זיי קוקן צו אונדז אַהער דורך אַ שפּאַרע אין די וואַטענע קאָלדרעס. פון דאָרט קאָנען זיי אויך זען דעם פינצטערן אַפּעלפּלאַץ. אַ בלאַלעכער חלל פון ערשטער הימל־בלאָקייט פרישעט איבערן אַפּעלפּלאַץ, וואָס איז נאָך ליידיק. באַלד, באַלד וועט ער ווערן איבערפול. מיט אַלע געקומענע פון דער נידעריקער באַנראַמפּע הינטערן באַרג. ס׳איז ערשט דער דריטער טאָגאויפשפּראָץ אויפן בירקענאַוער דיל.

ווער האָט עס פלוצעם אָנגעצונדן אין דער וואָלקנדיקער בלאָער וואַנטטיפעניש אַ מעשן שבת־לייכטערל מיט אַזאַ קרום־פאַרבויגן פיסל? אַ קליין פלעמל גייט אַרויס פונעם לייכטערל. פונעם ליכט, וואָס צאַנקט בלייך־ראָזיק, ווערט די וואָלקנוואַנט איבער מיר קאַשטאַנרויט. אָט בייגט זי זיך, די וואַנט מיטן מעשן־לייכטערל, אַראָפּ ביז צו מיין קאָפּ. אויך דער בעטאָנדיל לעבן מיר ווערט טונקל־ראָזיק, פאַרגאָסן ווי מיט ווייַן. אפשר איז היינט שבת? וואָסער טאָג איז עס געווען, בעת כ׳בין געלאָפן פון דער ראַמפּע? צי איז עס געווען טאָג אָדער נאַכט? שוין ווידער דער נישט־ערדישער געשפּין פאַר מיינע אויגן, וואָס ווילן אַפילו נישט אויפהייבן די אויגנדעקלעך. פאַר וואָס זענען זיי אַזוי גלייַך־שווער? אפשר מחמת דעם וואָס אויף זיי ליגט דער ריזיקער וואָלקן — די בלייכע וואַנט — מיטן אָנגעצונדענעם מעשענעם כּישוף־לייכטערל פון אונדזער שבת־קאַמאַד? ווי אַזוי קומט עס

פלוצעם אַהער דאָ, אינעם בירקענאַוער באַראַק ? דאָס האָט אַוודאי בלויז דער וואַנטשאָטן איבער מיר אַרויסגעפּישופט עס מיטן ערשטן טאָגאויפ־שפּראַץ. אָט זענען אויך די ערשטע בירקענאַוער זונשטראַלן : בלייכע, קליינע, צעבראָכענע און שאָטנדיקע ווי אומרייפער שטרוי. דאָס האָבן זיי, די ערשטע ליכטפלעקן, אַזוי אַוועקגעשטעלט אין דער וואַנטטיפעניש דאָס אָ שבת־לייכטערל פון אונדזער שטוב. איצט ווייס איך : נישט די פויסט פון פּאַוויליטשעקן האָט אָנגעצונדן דאָס לייכטערל איבער מיינע אויגן, בעת כ׳בין געפאַלן איבערן לײדיקן שוואַרצן עמער. אויך נישט די פויסט פון קאַנאַדער, בעת זיי ביידע האָבן מיך געשלעפּט אַ באָרוועסן איבערן בעטאָנדיל. דאָס האָט בלויז אַ בירקענאַוער ערשטער שטראַל מיך איצט אױ־בערגעוועקט, כּדי כ׳זאָל זען ס׳לעצטע מאָל דאָס מעשענע לייכטערל ברענען איבער מיינע אויפגעלאָפענע אויגן. אָ, ווי איינגעשרומפּן־דערשראָקן ווערט די וואַנט נאָך דעם ווי די אויגן ווערן פאַרדעקט מיט די פויסטן פון פּאַוו־ליטשעקן. צי וועט ער די פויסטן שוין קיין מאָל נישט אַראָפּנעמען פון מיין שטערן ? — — —

וואָס איז געוואָרן מיט מיינע צוויי דיל־שכנים, מיטן טאַטן און זון, וואָס ליגן מיט מיר לעבן דער וואַנט פון די באַזיגטע ? נאָכן אַהערלויפן זענען מיר נאָך אַלע דריי געלעגן אין סאַמע מיט פון דיל, דאָרט, פון וואַנען פּאַוויליטשעק האָט אין דער פינצטער צוגענומען פאַר זיך מיינע שיך. אַלע זענען שוין איצט אין באַראַק באָרוועס. קיינער טראָגט נישט די געטאָשיך. ווו זענען זיי פאַרשוווּנדן — די אַלע געטאָשיך פון די באַראַק־מענטשן ? ווי נאָר זיי האָבן פון אונדז צוגענומען די שיך — האָבן אונדזערע נאַקעטע פּיאַטעס אַרויסגעהילכט פונעם דיל ווי דאָס פּליעסקען פון פיש אויפן זאַמד. אפשר זענען מיר שוין נישט געווען מער די לויפנדיקע פון דער ראַמפּע ? אפשר זענען מיר שוין נישט געווען מער די מענטשן פון דער באַזיגטער וואַנט, און נישט פון דער גריל, און אויך נישט פונעם בעטאָנדיל, נייערט בלויז אַרויסגעוואָרפענע צאַפּלענדיקע פיש אויף אַ שטייניקן טויטן ים־ברעג ?

*

אין דער פערטער בירקענאַוער דילנאַכט איז עס מיט מיר געשען — נאָך דעם ווי כ'בין געפאַלן פוןביידע פויסטן פאַווליששעקס. ווי נאָר כ'בין געפאַלן — איז זי אַרויסגעגאַנגען צו מיר פון איר בעט. כ'האָב זי באַלד דערקענט. דאָס איז געווען די באָבע איטע־בינע. אַ לאַנג ווייס העמד האָט פאַרדעקט אירע נאַקעטע פיאַטעס. זי איז געבליבן שטיין איבער מיר אויפן דיל אַ פאַרבויגענע און מיט די הענט צוגעהאַלטן די אָפענע העמדקאַנטן ביים האַלדז. כ'האָב געזען ווי דאָרט, ביים האַלדז, האָט געקלאַפּט אַ דיקער אָדער מיט די קלעפּ פון אַ לויפנדיק באַנראַד. איר קאָפּ האָט זי געהאַלטן געווענדט צום קעגנאיבערדיקן פענצטערל, בעת איר אָטעם איז געווען הייזעריק־שווער. פאַר וואָס האָט זי מיך אַזוי אַנגעקוקט פאַרגאַפט, די באָבע איטע־בינע ? כ'האָב געוווּסט אַז זי איז שוין יאָרן קראַנק און זי וועט אוודאי באַלד שטאַרבן. כ'האָב אָנגעהויבן ערשט אַרויסצוגיין פון מיין טרויעריקער יינגלשאַפט. ווען איז דאָס אַלץ געווען ? דאָס אַלץ איז געווען אויף יענער זייט פון באַרג, אויף יענער זייט פון דער בירקענאַוער באַנראַמפּע. אַ הימל־דיקער שאָטן האָט ווי אַ פויגל אַרומגעקרייזט איבער מיין צעפלאַטערטער יינגלשאַפט. איצט צינדט זי אָן, די באָבע איטע־בינע, דאָס מעשענע לייכטערל אויף דער וואַנט. איצט ברענט עס שוין און וואַרפט זיין מעשן ליכט איבער מיר און אויך איבערן ווייסן העמד פון דער באָבען. ס'איז אוודאי די אלול־צייט פאַר דער פאַציאַטקע. אויף די פירעקיקע שויבן ציטערן רעגן־טראָפּנס — גרויסע, רונדיקע, צעשפּאַלטענע. איצט רעדט צו מיר איר קול. פון וואַנען קומט דאָס ווילגאַטנע קול אויף אירע אַלטע ליפּן ? ס'קומט פון דער בלאַלעכער באַראַקן־וואַנט און פונעם אָנגעצונדענעם מעשן לייכטערל.

— כ'גיי אוודאי שטאַרבן... זעסט ? כ'גיי אוודאי שטאַרבן. האָב איך מיר אָנגעצונדן אַ לייכטערל. דערקענסט דאָס לייכטערל פון דער קאָמאָד ?

כ'ציי אויס צו איר מיין יינגלשע האַנט, כדי אָנצורירן די פינגער, וואָס זענען פאַרשטעלט מיט די לאַנגע ווייסע העמדאַרבל. אַנשטאָט די פינגער האָב איך אָנגערירט איר העמד, וואָס איז געפאַלדעוועט און כראָפּעוואַטע. דאָס העמד בריט ווי אַ פלעמל. כ'האָב גיך צוריקגעכאַפּט מיין האַנט, בעת די באָבע איטע־בינע האָט די גאַנצע צייט צו מיר געשמייכלט מיט אַ ווייסן אָפּגעשטאָרבענעם שמייכל.

— כ׳גיי אוודאי שטאַרבן... כ׳גיי אוודאי שטאַרבן...

פלוצעם האָט זי אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף מיין האַלדז. אירע האַנטפלאַכן האָבן אויך געבריט. איבער מיין יינגליש גופל איז אַדורך אַ פייערדיק צוקן.

— האָסט שוין געמאָזלט ?

ווער האָט עס גערעדט צו מיר ? די געשטאַלט אינעם ווייסן לאַנגן העמד, צי עמעצער הינטער איר ? אפשר האָט זיך איר געשטאַלט געשפּאָלטן אין צווייען ?

— שטעלט אים אויף די פיס... דעם מוזולמאַן...

— האָסט שוין געמאָזלט ?

— העי, גיט אים מיט נאָך אַן עמער וואַסער איבערן קאָפּ !

— האָפּ !...

— האָפּ !... ה אָ פּ !...

— איצט לייגט אים אַוועק אויפן דיל מיטן בויך !...

— ה—אָ—פּ !...

עמעצער נעמט־אַראָפּ גאָר פּאַוואָליע מיין באָבעס האַנט פון מיין האַלדז.

אָ, ווי לייכט און דורכזיכטיק איז אַ באַפרייטער האַלדז. דורכזיכטיק ווי אַ פלאַש און לייכט ווי אַ זאַנג. פלאַש. זאַנג. פלאַש. אויסטערליש ברי̇ען די ווערטער איבער מיין אָפּגעדעקטן נאַקן אויפן דיל. ווידער פאַכען פאַר מיר די ווייסע העמדאַרבל פון דער קראַנקער באָבען איטע־בינען. אירע ליפן, דינע, פאַרטריקנטע האַלצשפּענדלעך, עפענען זיך פלוצעם און פליס־טערן :

— גייסט אוודאי אויך שטאַרבן ?... אָ,ביידע וועלן מיר אוודאי היינט שטאַרבן צוזאַמען. לעבן לייכטערל אויף דער וואַנט. זעץ זיך אַ ביסל אויפן בעטקאַנט. ביסט אַזוי בלייך.

כ׳פּרוּוו זיך אַוועקזעצן אויפן בעטקאַנט. דאָס איז דאָס אַלטע הילצערנע בעט פון מיין קראַנקער באָבען איטע־בינען. איך גליטש זיך אָבער אַראָפּ אויפן דיל — אויפן הילצערנעם קאַלטן פּאַציאַטקע־דיל.

עמעצער הינטער מיינע אויערן שרייט מיט אַ תחנונימדיק קול :

— שטיי אויף! שטיי אויף!

— אַנישט... גייסטו אין קוימען!

איך קוק זיך אום צו דער טיר. דאָרט שטייט דער באָבעס ליימענע הרובע. דער קוימען גייט אַרויס צום שינדלדאַך. אין דרויסן רייסט דער אלול-ווינט. אויך אַ רעגן פאַלט. די באָבע פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים.

— גיט אים נאָך אַן עמער וואַסער. איבערן קאָפּ. שנעלער!...

די פלאַש אין מיין האַלדז ווערט אָנגעפילט מיט קאַלט וואַסער. מיינע ציין ציטערן: דין-דין, דין-דין. אַ שליטל פליט אַדורך פאַר דער פאַציאַטקע.

— לאָזט אים שוין אָפּ!

— ער וועט אַוודאי שטאַרבן!

— ניין, ער עטעמט נאָך!

— זעט! אַ גליק אַז די ביידע זענען אַוועק.

— אפשר וועלן זיי צוריקקומען?

— פאַווליטשעק איז שיכּור.

— אפשר וועט קומען בלויז דער קאַנאַדער?

כ׳בין איצט געשוווּמען צוזאַמען מיט דער באָבעס ווייס אויפגעפּראַלט העמד, ווי אין אַ נידעריק קינדער-שליטעלע. אויסטערלישע פּנימער האָבן מיך אַרומגערינגלט. פּלוצעם האָט זיך געעפנט דער וואַלקן אויף דער וואַנט. דער ליימאויוון איז פאַרשוווּנדן. בלויז די באָבע איטע-בינע, אַ קליינטשיקע, אַן איינגעקאָרטשעטע, איז צו מיר אַראָפּגעגאַנגען פון דער וואַנט מיטן ברענענדיקן לייכטערל.

— וועסט נאָך מיר זאָגן קדיש, הע?

— אויך דער קאַנאַדער וועט נאָך אים זאָגן קדיש.

— ווער? דער קאַנאַדער?

— ער איז דאָך אַ ייִד, דער קאַנאַדער.

— און פאַווליטשעק?

די באָבע האָט זיך צו מיר ווידער איינגעבויגן.

— פאַווליטשעק איז אונדזער מלאך-המוות!

— אָט גייען זיי ווידער!

— זאָג, ווילסט טאַקע גיין אין קוימען?

אַרום מיר איז געוואָרן שטייניק־שטיל. הינטער מיינע אויערן זוזשעט א הייסער ווינט. דאָס איז דער אָטעם פון אַ מענטש. אַ מענטש אויפן דיל האָט זיך איבער מיר אַריבערגעבויגן און מיר אונטערגעהאַלטן דעם לינקן אַקסל. אַ צווייטער מענטש האָט מיר געעפנט די אויגן. איצט איז אַלץ נאָך בלויז אַ רגע געווען שוואַרץ־נעפלדיק. בלויז אַ רגע. דערנאָך — האָב איך שוין דערקענט אַלץ. מיינע בײדע נאָכט־שכנים האָבן מיך אונטערגעהאַלטן ביי די אַקסלען. זיי האָבן מיך נישט געלאָזט צוריק פאַלן צום דיל. ביי דער וואַנט, ווו ס׳האָט געלויכטן דאָס מעשענע לייכטערל, שטייען זיי ביידע: פאָוליטשעק און דער קאַנאַדער. אין זייערע הענט הענגען די צוויי שוואַר־צע הויכע עמערס.

ווידער שרייט עמעצער הינטער מיינע אויערן.

— זעץ זיך. שטאַרק זיך. אַנישט — וועלן זיי ווידער אָנהייבן.

— זיי גייען שוין ווידער אָנהייבן די באָד מיטן קיבל.

— עפן די אויגן!

— עפן.

— אַנישט — וועלן זיי דיך ווידער שלאָגן — און דערנאָך באַגיסן מיט די עמערס.

— ווער? — פּליסטערט מיין אייבערשטע ליפּ.

— זעסט נישט ווער?

— זיי ביידע.

— פאַר וואָס?

— ווייל דו גייסט באָרוועס.

— אַלע גייען דאָך דאָ באָרוועס.

— נישט אַלע. בלויז די וואָס וועלן מאָרגן ווערן מלאכים...

— כי... כי... כי...

ווידער פאַרזינק איך אין בעטאָנענעם דיל אונטער זיך.

דער באָבעס קול שעפּטשעט צו מיר וואַרעם און סודותדיק. זי רינגלט אַרום מיין האַלדז מיט אירע לאַנגע העמדאַרבל.

— גוטע מלאכים וועלן אוודאי אונדז באַווייזן, ניין? דאָ, אויף מיין בעט, שוועבט תּמיד אַרום מיין גוטער מלאך. אַז אַ מענטש שטאַרבט —

וויינט זיין מלאך. וואָרעם יעדער מענטש האָט זיין מלאך אין הימל. זיין גוטן מלאך אין הימל.

— און אויף דער ערד, באָבע?

— אויף דער ערד האָט יעדער זיין מלאך־המות. אַזוי ווי זיי... זעסט?

— עפן די אויגן. אָט גייען זיי שוין ווידער.

— די עמערס זענען ווידער פול.

— ער האָט ווידער געשלאָסן די אויגן.

— זיי וועלן אים דערהרגענען.

*

אין קאַלטן שווידער פאַלט אַ דינער שניי איבער די פּאַציאַטקע־שייבלעך, נישט ווייט פון איר הילצערן בעט. די באָבע איטע־בינע שטרעקט אויס אירע הענט שוין נישט צו מיר, נאָר צו די פּאַציאַטקע־שייבלעך. זי ווייזט מיר דאָרט דעם דינעם פּאַלנדיקן שניי, ווי ער נידערט אַראָפּ פּאַוואָליע איבער די פענצטער־פּראָמוגעס. אַ בלאָלעכע שיין ציטערט פון דאָרט און פּאַליעט ווי אַ דאַוונענדיק אָונט־וואַסער. מיין יינגליש פּנים ברענט פון די קאַלטע שניישטערן. דאָס איז מחמת דעם וואָס די באָבע האָט געעפנט אַ לופטשיקל. דורך אים פּאַלן אַריין אויפן דיל די קליינע צעריסענע שניישטערן. זי שאַרט צונויף אַ פולע פויסט מיט שניי און רייבט מיר איין דעם שטערן. פון מיין יינגליש־גליענדיקן שטערן ווערט — אייז. עמעצער רייסט מיר אויף ס׳העמד, בעת איך זינק אַראָפּ אין קאַלטן שניישווידער.

— זעסט, זיי האָבן דיך ווידער באַגאָסן.

— כ׳האָב דיר געזאָגט זאָלסט זיך שטאַרקן.

— שטיי אויף!

— שטיי אויף אויב דו ווילסט לעבן...

— צי ווילסטו שטאַרבן?

לעבן. לעבן. לעבן. שטאַרבן. שטאַרבן. שטאַרבן. עמעצער ציט מיך אַרויס ביי די הענט פונעם פאַרפרוירענעם טייך. די קאַלטע ווירבל־וואַסערן לויפן מיר נאָך. דאָס זענען די הענט פון מיין באָבעס אויסגעשטרעקטע העמדאַרבל. איין האַנט אירע זעט אויס ווי אַ שופר. ער וועט באַלד בלאָזן

אין דער שניישטילקייט. ער וועט אַזוי רופן אַלע טויטע, וואָס ווילן נאָך לעבן. פאַר וואָס ווילן אַזוי לעבן די שטאַרבנדיקע? פאַר וואָס האַלטן זיי מיך אַזוי געפאַנגען, די קאַלטע שטראָמען? פון זיי פליעסקען צו מיר אין אַ זילבערנעם כּיכּיקען אַלע פאַרכּישופטע, קליינע וואַסער־דיבוקימלעך. אַלע האָבן זיי שיינע לאָקנפּלאַנצן, געקרייזלטע און טונקל־גרינע אַרום זייערע פלאַטשיקע שטערנס. דער קאַנאַדער האָט אויך אַזאַ פלאַטשיקן שטערן. מסתּם האָט ער קיין מאָל נישט געלייגט תּפילין, דער קאַנאַדער. דער אַ אויסטערלישער ייִד, וואָס אַלע רופן אים: דער קאַנאַדער.

— זאָג אים, אַז דו האָסט געהאַט אַ תּפילין־זעקעלע.

— און אויך אַ טלית, זאָג אים, האָסטו געהאַט. געברענגט פון דאָרטן.

— דאַרפסט האָבן אַניצעס, כּדי נישט צו גיין באָרוועס.

— אַניצעס דאַרפסטו מאַכן פונעם טלית.

— ווו איז דיין טלית?

— האָסט נישט מיטגענומען קיין טלית? — פרעגט דאָס רויטע פּנים פון קאַנאַדער, וואָס הענגט איבער מיר און וואַרט אויף אַ תּשובה. כ׳גע־דענק גאָרנישט. ווי אַזוי קום איך אַהער אויפן בירקענאַוער דיל? ווער זענען די מענטשן וואָס שטייען פון דער ווייטנס, אַריינגערוקט אין דער בלאָ־געקאַלכטער וואַנט? די וואַנט. די וואַנט. און די אויסטערלישע מענטשן מיט די אָפּגעגאָלטע קעפּ. די צוויי עמערס שטייען שוין ווידער פולע מיט שוואַרץ בירקענאַוער וואַסער. פּאַוולישעק פאַרשאַרצט זיינע אַרבל.

— פאַר וואָס האָסטו איבערגעלאָזט דעם טלית אויף דער ראַמפּע, דו? אפשר אין וואַגאָן, וואָס? ווייסט נישט, אַז אַ ייִד טאָר נישט זיין אין ביר־קענאַו אָן אַ טלית?

די צוויי שוואַרצע עמערס שטייען לעבן מיר צוקאָפּנס. פּאַווליטשעק און דער קאַנאַדער בייגן זיך איבער זיי. זיי גרייטן זיך אויף ס׳ניי. אָבער דעמאָלט בין איך שוין נישט געווען אויפן דיל. די באָבע איטע־בינע פירט מיך מיטן אָנגעצונדענעם לייכטערל דורך אַ גאָר נידעריקן שוואַרצן קאָרי־דאָר. און כאָטש דער בעליק און דער קאָרידאָר זענען נאַכטיק־שוואַרץ — טריפן פונעם פלעמל קליינע פאַרפרוירענע ליכטטראָפּנס. זיי פאַלן ווי אַ

פייערדיקער האָגל און ווילן נישט אויפטייען אין דער פינצטערניש בעת מיר טרעטןביידע אינעם לאַנגן, אונטערערדישן קאָרידאָר.

*

איצט איז שוין ווידער בירקענאַוער נאַכט אויפן דיל. לעבן מיר ליגן אויך פאַרקנוילטע די צווילי. דער טאַטע מיטן זון. צי איז איצט טאַקע נאַכט? צי גייען די שאָטנס אַרויס פונעם בעטאַנדיל, צי פון דאָרט, ווו ס'שטייט דער ליימיקער הוצול־אויוון? כ'זע שוין אַלץ קלאָר. אפילו די גראָע חלל־געשפענסטיקייט פון באַראַק הענגט איבערן דיל ווי אַ נעץ. אין דרויסן פאַלט אַוודאי נאָך דער אלול־רעגן. אַ דריבנער, פּחדימדיקער רעגן צום שטאַרבן. אַ רעגן פאַר די וועגט. פאַר די באַזיגטע און נישט־באַזיגטע. אַ רעגן פאַר מיין באָבעס פאַציאַטקע. אַ רעגן פאַר דער ליימיקער הרובע. און אויך פאַר די ייִנגלשע שאָטנס, וואָס קניִען אויפן דיל. אַז כ'וועל איי־בערלעבן וועל איך תּמיד קושן דעם רעגן. אלול־צייט. און אויך דעם שאָטן. כ'וועל מסתּם איבערלעבן — מחמת דעם געשטאָרבענעם רעגן. מחמת די שוואַרצע עמערס. מחמת דעם קברדיקן דיל. כ'וועל וויינען מיטן מעשענעם לייכטערל. מיט מיר וועלן לעבן אַלע, וואָס וועלן מער נישט זען דעם רעגן. נישט דעם עמער. נישט דעם שאָטן. זיי וועלן לעבן — און מער נישט האָבן קיין זכּרון. זיי וועלן ווערן ווי אַ זונבלום, וואָס שיט פון זיך אַראָפּ אַלע אירע זונקערעלעך. אַליין, אַליין וויינט זי אונטערן הימל. זי וועט נישט האָבן קיין זכּרון — נישט פון בליִעכץ און נישט פון וועלקן. נישט פון לעבן און נישט פון שטאַרבן. איך וועל שוין קיין מאָל נישט קאָנען שטאַרבן, וואָרעם כ'בין דעם דילס אייביקער זכּרון. כ'שוועב ווי אַ רויטער זיגל איבערן באַראַק־חלל. אפשר בין איך שוין אַ באַרוועסער מלאך? און צו מיין נאַקעט פּנים קוקן זיי אַלע אַרויף, די פאַרשלאָפענע פּנימער. פּנימער פון באַרוועסע מלאכים. פּנימער פון פאַרשטיינטן זכּרון אויפן בירקענ־אַוער נאַכטדיל.

*

די פינפטע בירקענאַוער אלול־נאַכט גרייט צו פאַר אונדז, די געטריי־

בענע פון דער קלײנער באַנראַמפּע, מער װי דרײ אַשמורות. אפשר פיר. אַלע זענען זײ, די אַשמורות, פלאַטערנדיק־גלאַזיק און אױך מילכיק־דורכזיכטיק װי בײגעװדיקע אָראַנזשעריע־װענט. זײ שטײען בלױז פאַרגלײװערטע אַ רגע אין זײער אַשמורה־װאַנדערונג, ביז זײ װאַקסן אױס ביסלעכװײַז און װערן דאַרע, אײנגעקורטשעטע זונבלומען אין מײַן שאָטנהאַפּטיקן חלום.

תּמיד קומט ער צו מיר, דער חלום־געשפּין, דאָ, אױפן צעמענטענעם שטײנדיל, צװישן דער צװײטער און דער דריטער אַשמורה. דעמאָלט, װען די געפאַלענע זונבלומען זענען שױן טריב־טרױעריק און שטערן־שטױביק מיט נאַכט. פאַר װאָס זענען די בירקענאָװער אַשמורות אַזױ שטערנדיק־דורכזיכטיק אױפן כראָפּעװאַטן דיל? מן הסתּם קומט עס פון מײַנע צװײ צעװונדיקטע, װײכע שלײפן. נאָך פון דעמאָלט, בעת בײדע, דער קאַנאַדער און פאַװליטשעק, האָבן מיך באַגאָסן מיטן פראָסט־װאַסער פון די שװאַרצע, הױכע בירקענאָװער עמערס. איצט איז די פינפטע אלול־נאַכט — און געשען איז עס ערשט נעכטן. צװישן נעכטן און איצט גײען זײ אַלע אַדורך די פאַרכטיקע אַשמורות.

נאָך זײ גײט נאָך דאָס אַנגעצונדענע שבת־לײכטערל. זינט דאָס מעשענע שבת־לײכטערל איז אַרױס פון דער קעגנאַיבערדיקער באַראַקן־װאַנט — העננגט מײַן פּנים תּמיד אין דער דאָרט אין דער װאַנטנישע. איך װער אַלײן אַ טײל פון דער טונקעלער װאַנט־פאַרטיפונג. װי פאַרכטיק־שײן און רחמימדיק־מילד ברענט עס שפּעטער מיר צוקאָפּנס אױפן צעמענטענעם דיל. װאָס װעט זײַן װען ס'װעלן אָנקומען די הילצערנע פּריטשעס און מען װעט דעמאָלט מער נישט ליגן בײַ נאַכט אױפן דילשטײן? װוּ װעט פאַרשװינדן דאָס שײנע, מעשענע שבת־לײכטערל? איבער די הילצערנע פּריטשעס װעלן מסתּמא מער נישט אַרומפלאַטערן די גלאַזיק־נאַכטיקע אָראַנזשעריע־װענט. צי װעלן זײ מער נישט ברענגען צו מיר דעם אַשמורה־חלום, װאָס בלױז דער געשטאָרבענער בעטאַנדיל האַלט אים תּמיד געפאַנגען?

יעדער חלום־געשפּין איז דאָ געפאַנגען פונעם אומדורכזיכטיקן טױט. צי איז דער טױט דער אײנציקער אַשמורהדיקער ליכט־חלום אינעם נאַכט־חשכות? ער בליט, דער חלום, בלױז אױפן אױסגעלאָשענעם שטײן אין

דער בירקענאַוער פאַרטריבנקייט. ווער וועט אַוועקנעמען די גלאַזיקע, ציטערנדיקע ווענט פון די אַשמורות? אפשר בלויז זיי — די נייע האַלץ־פריטשעס, די ווייס־געטעסעטע טויטן־אָרונס, וואָס דאַרפן מאָרגן אָנקומען.

זיי אַלע, די האָלץ־אָרונס, קומען פון די געפאַלענעביימער. פון די פאַרשטאָרבענע בירקענאַוער וועלדלעך. דאָרט ווו ס׳קיניגט אין גרינער דעמערונג דער פלושענער וואַלדמאַך. דאָס פאַרשטאָרבענע ביימער־גע־הילץ וועט ווידער דאָ ליגן אונטערן ביינערדיקן גוף. ס׳וועט אויך אַרומ־נעמען אונדז ביי די זייטן מיט זיין זיסן, פאַרבאָרגענעם, טוכלען שאָטן. מן־הסתם וועט אויך מיט די פריטשעס אָנקומען דער פלושענער מאַכשאָרך. אויך דער פאַרשווונדענער דינער פליגל־געפלאַטער פון זיי — פון די ראַ־כיטישע שפּיציקע, אויסטערלישע בירקענאַוער פייגל. אויך דער וואַלדווינט וועט אַוודאי קיל און שטום אַרויסזוזשען פון די געהילץ־ווענטלעך. לכת־חילה וועט ער הייס פליסטערן, דערנאָך צעבראָכן שלוכצן און אומטרייסט־לעך־שטום העשען איבער די באָרוועסע פיס, דורך אַלע דריי אַשמורות אינעם חלום.

*

דער הוצולער ליימאַויוון אין באַראַק איז שוין לאַנג קיל. אַוודאי נאָך פון דער ערשטער אַשמורה אָן. ער קוקט אַהער צו אונדז, דער ליימאַויוון, פון דער דראָענדיקער, נידעריקער פינצטערניש. ער איז זייער פלאַך. אַ שוואַרצער, שווימענדיקער שיפדעק. אפשר גאָר אַ פאַרשלאָסענער קיניג־לעכער סאַרקאָפאַג. ווו איז איצט די שווערע אייזערנע באַראַקן־טיר און ווו דאָס פאַרקראַטעוועטע הויכע פענצטערל? ווי גיך זיי פאַרשווינדן בעת דער בירקענאַוער שלאָפלאָזיקייט — אַלע פאַרצוימונגען און די פאַרמויער־טע פענצטער־פראַמוגעס. אויך די פענצטער־קראַטעס ווערן שוועבנדיקע ווייכע שאָטנס אויף אַ וואַסער. דאָס פאַרקראַטעוועטע פענצטערל ווערט אַן אָפן, הויך שוואַרץ טויער, בעת דאָס אמתע אייזערנע גרויסע טויער היב־טערן ליימאַויוון ווערט איינגעשרומפּן און קליין.

דאָס אויפגעהויבענע, הימלדיקע תפיסה־פענצטערל אין דער וואַנט עפנט זיך. די קראַטע־שאָטנס — צעפליסן זיך. איצט קומען זיי אַלע אַהער

צו מיר: די פנימער. קליינע און זילבערדיק־לייכטנדיקע. פנימער גרויסע ווי אַרבוזן און אַשיק־שאָטנדיקע מיטן שימער פון פאָספאָר. אַלע פנימער, וואָס זענען געווען מיט אונדז אין וואַגאָן. און אין סאַמע מיטן פון די שאָטנדיקע געזיכטער ברענען בלויז זיי — די צוויי קרייזנדיקע שוואַרצ־אַפּלען. זיי זענען געצונדן און גלײַך־צעפלאַקערט. דאָס פייער איז אַוודאי געקומען צו זיי פונעם הוצולער ליימאויוון. בעת ער האָט געהאַלטן ביים אויסגיין און שטאַרבן. יעדע נאַכט שטאַרבט ער מיט זיינע לעצטע, לעשנ־דיקע פונקען פאַר דער צווייטער אַשמורה. צי אַ הוצולער ליימאויוון אין בירקענאַו קאָן אויך שטאַרבן פאַר דער צייט? אויף דער ערד שטאַרבט אַלץ פאַר דער צייט. און די צייט אַליין שטאַרבט קיין מאָל נישט. אין הויכע קאַלטע קרוגן גיסט זיך אַריין דער טערפּקער ווייַן פון גאָטס צייט. פאַר יעדן שטייט צוקאַפּנס איצט אַזאַ הויכער, דורכזיכטיקער קרוג אָנגע־פּילט מיט צייט. ביז דער קרוג צעפּאַלט זיך און גיסט אַריין זיין פלייצנ־דיק וויין־אינגעווייד אין גאָטס אייביקן אוקיונוס־בעקן.

אַלע בירקענאַוער ליימאויוונס צעפליסן בעתן טאָגאויפשפּראָץ נאָך דער לעצטער אַשמורה. דאָרט, אינעם אויוון, האָבן פריִער געברענט די דינע בזשאָזע־צווייגלעך, וואָס מיר האָבן געקליבן אַ גאַנצן טאָג אין די שוין פאַרשטאָרבענע וועלדלעך. פון די וועלדלער וועלן אַוודאי צו אונדז קומען די נייע האַלצפּריטשעס. דערווייל ליגן מיר נאָך אַלע אויפן צעמענטענעם דיל. באָרוועסע, אַרומגעהילטע בלויז מיט די שטייניק־שווערע אַסירים־רעקלעך. זיי זענען אַזוי שווער, די רעקלעך, פון די באַמאַלטע, רויטע קרייצפאַסן אין סאַמע מיט פון דעד פלייצע. אַ גרויסער רויטער צלם ליגט שווער אויפן חוט־השדרה. בעת כ׳האָב דעם ערשטן טאָג אים אַרויפגע־צויגן אויף זיך, נאָך דעם ווי זיי האָבן ביי דער ראַמפּע פון מיר אַראָפּגע־ריסן דאָס געטאָ־רעקל מיטן אויסגענייטן מגן־דוד־שטערן — דעמאָלט האָט דער צלם אויף מיין פלייצע ווערפּיש און רויט צו מיר געלאַכט. אַלע צלמים פון די גרויסע און פון די קליינע קלויסטערלעך האָבן דעמאָלט געלאַכט. צווישן זייערע הויכע מאַרמאָרוועגט זענען נאָך געלעגן די ייִדן־מנינים. פאַרהעמערטע. זיי האָבן זייער בליק נישט געטראָגן צו דער הויכ־קייט. נישט צו די קופּאָלן. נישט צום הימל. זינט די רויטע אַסירים־קרייצן

הענגען איבער אונדזער חוט־השדרה — הייבן זיך אויך נישט קיין מאָל מער די אויגן צום הימל. יעדע נאַכט לאַכט צו מיר דער רויטער צלם פונעם בירקענאַוער דיל־חלום. ער יאָגט מיך אַרויס פונעם שטייניקן חלום — ביז ער פאַרטרייבט מיך צוריק אין מיין ייִנגלשאַפט. צום ייִדישן געסל מיטן גרויסן הילצערנעם צלם.

ער איז דאָרט, אינעם געסל, פאַרדעקט מיט אַ סך טויט גרינס און מיט רויכנדיקע ווייִרעך־קאַניצלעך. קאָליריקע לאַמפּיאָן־לעמפּלעך. די מאַמע לאָזט מיך קיין מאָל נישט פאַרבייגיין לעבן צלם. זי פירט מיך תמיד דורך אַ זייטיק געסל. צו יאַנטשען אין חדר. זי וויל נישט כ׳זאָל אַרויפקוקן צום הילצערנעם, הויכן צלם. אויך נישט צו די שיינע ווייִרעך־קאַניצלעך, וואָס טשאַדען אַזוי זיס, שוואַרץ־שדיש, צווישן די ייִדישע איינגעהויקערטע הייזלעך. יאַנטשע טראָגט אייביק זיין שווערע וואָלענע פּאַטשיילע אַרום האַלדז, סיי זומער, סיי ווינטער. זיין באָרד איז פאַרבאַהאַלטן אונטער דער פּאַטשיילע ווי אַ שופר. טייל מאָל נעמט ער די באָרד אַרויס, צעשפּרייט זי איבער די האַנט־פּלאַכן. דערנאָך בלאָזט ער פון דאָרט אַרויס די ברויט־קריש־קעלעך. דעמאָלט דאַכט זיך מיר אַז ער בלאָזט אַזוי אַריין אינעם גרויסן שופר. באַלד וועט זיך לאָזן הערן אַ דין און זילבערדיק שופר־קול. ער וויל אַוודאי מבשר זיין דאָס קומען פון משיח. יאַנטשע האָט אַ קיילעכדיק, גיפּסיק־ווייס פּנים. ס׳איז אין גאַנצן איינגערעמט אין זיין רויטער באָרד פון ביידע זייטן. יעדע נאַכט ברענט איצט יאַנטשעס באָרד קעגנאיבער מיר אין בירקענאַוער הוצול־אויוון. זי ברענט דאָרט צוזאַמען מיטן שופר, וואָס האָט צעבלאָזן די בשורה פון משיח. אויך איצט ברענט דאָרט די באָרד. פּאַווליטשעק שפּילט אויף אַ האַרמאָשקע. דער קאַנאַדער קאָכט זיך אין אַ בלעכערנער פּושקע זיין נאַכטגעקעכטס. שאַרפע, געווירציקע ריחות וויקלען אַרום די קלאַנגען פון פּאַווליטשעקס האַרמאָשקע. די קלאַנגען מאַכן דורכזיכטיק מיין דיל־חלום. דורכזיכטיקער, דינער טייכאייז, וואָס ווייזט אַ טיפן גרינעם אָפּגרונט.

— ר׳ יאַנטשע...

— ווער קלאַפּט עס אין לאָדן אין אַזאַ פראָסט ?

— כ׳האָב אייך געבראַכט מיין יורש... געווען קאַניינעהאָרע גרויסע שנייען...

יאַנטשע ריגלט אויף די שווערע דורכזיכטיקע טיר.

— גרויסע שנייען? ווּעמענס שנייען זענען עס? נישט מיינע, נישט דיינע. גאָט ברוך־הוּאס. אַלע שנייען זענען גאָט ברוך־הוּאס. כ׳לעבן, דיין יורש איז נישט פון זרע אַברהם? אַברהמס קינדער שרעקן זיך נישט פאַר הויכע שנייען. נישט פאַר פרעסט. און אויך נישט פאַרן צלם...

— פאַר וואָסערן צלם, ר׳ יאַנטשע?

אויפן שטיינדיל ווערט פּלוצעם מיין אַסירים־רעקל פוכיק־לייכט און וואַרעם. פון הינטער מיין חוט־השדרה שווימט אַרויס פון חלום דער רויט־באַמאַלטער צלם פון אַסירים־רעקל. ער שוועבט אין חלל ביז ער בלייבט שטיין גראָד לעבן פלאַכן ליימיקן הוצול־אויוון.

אַ פייערזייל לייכט צו מיר אַהער. פון יאַנטשעס באָרד און אויסגע־קרימטן, טליִענדיקן שופר.

ווידער ציטערט איבער מיר דער מאַמעס תחינהדיק שעפּטשען:

— כ׳וויל אייך עפּעס בעטן, יאַנטשע־קרוין...

ר׳ יאַנטשע בייגט איין זיין פּנים צו דער מאַמען און אויך איבערן סידור. זיינע אויגן קוקן אַראָפּ אין דער סידור־טיפעניש. זיי זענען אויך גאָר נאָענט צו מיין פּנים. כ׳זע אַפילו אין זיי די שיינע, טונקעלע אָפּ־שפּיגלונג פון די קרומע, שוואַרצע סידור־אותיות. זיי זענען אַלע אַזוי אויסטערליש־גרויסע, געקרוינטע, באַפליגלטע און נידעריק־געפאַלענע, מיטן שאָטן פון צעברעקלטע זשווירשטיינדלעך. איצט לייכט שוין אַרויס פון דאָרט דער מאַמעס רחמימדיק פּנים. אירע צעאַקערטע שטערן־ברוזדעס ווערן אויסגעגלעט. ווּעמענס הענט פאַרגלעטן מיין מאַמעס צעאַקערטן שטערן? אוי, מאַמע, מאַמע. דער בעטאָנדיל איז אַזוי טיף־פּראָסטיק און אלולדיק קאַלט. בלויז ער — דער רויטער צלם אונטער מיין חוט־השדרה גליט, גליט.

ר׳ יאַנטשע וויקלט אָפּ זיין דיקע פאַטשיילע פון האַלדז.

— ס׳איז דאָך שוין אלול... הלמאַי טראָגט ער נישט אַ וואַטן שפּענ־צערל? דוכט זיך, אַז ער האָט אַ ביסל וואַרעמקייט...

— ר׳ יאַנטשע... כ׳בין אייך געקומען טאַקע בעטן... דעם חודש — נישט... מערטשישעם דעם צווייטן... צוזאַמען... כ׳דאַרף אים טאַקע קויפן א וואַטן שפּענצערל...

בעת די מאַמע זאָגט: זי דאַרף מיר קויפן אַ וואַטן שפּענצערל — שפּאַלט זיך דער נאַכט־חלום אויף אַ רגע. בלויז אויף אַ רגע, כדי ס׳זאָלן מיך באַלד ווידער נאָכיאָגן זיינע ווייסע צעפּלאָשעטע הירשן. אַלע ברעק־לעך פון די איבערגעריסענע חזיונות לויפן מיר תמיד נאָך אין שלאָף. אַלע ווערן זיי אין געלאָף בהלהדיקע הירשן. טייל מאָל זענען עס נישט קיין הירשן, נאָר גאַלאָפּירנדיקע פערד מיט אויפגעהויבענע, שיינע אומרויִקע העלדזער. איצט זענען בלויז געקומען די שטומע ווייסע הירשן. די פינצ־טערניש איז געוואָרן איינגעשרומפּן־קליין. דורכזיכטיק ווי אַ פלאַש. איך מוז אַוודאי האָבן הויכע היץ. די שלייפן גליִען. זיי קלאַפּן אין מיר ווי אונדזער קראַנקער וואַנטזייגער אין דער היים: קליפּ־קלאַפּ... קליפּ־קלאַפּ... אפשר וועלן זיי זיך באַלד אָפּשטעלן — די שלייפן? דאָרט הויזט גאַטס פאַרבאָרגענער, הייליקער בלאָזזאַק. און אַז דאָס בלאָזזעקל וועט שטיין בלייבן, וועל איך מער נישט הערן זיין קליפּ־קלאַפּ... קליפּ־קלאַפּ... דער ליימיקער הוצול־אויוון איז איצט געוואָרן פלוצעם זייער הויך. ווי אַ טורעם. די פינצטערניש האָט אים אויפגעהויבן ביז צו דער משופּעדיקער סטעליע. דאָרט נעסטיקן די קליינע, הונגעריקע נאַכט־פייגל. דאָס זענען אַוודאי די בירקענאַוער פלעדערמייז. ווייסע הירשן לויפן שוין ווידער גאָר נאָענט לעבן מיינע באָרוועסע פּיאַטעס. ר׳ יאַנטשע בייגט אַוועק דעם קאָפּ. צו־זאַמען מיט דער מאַמען גייען זיי ביידע פּאַוואָליע צום שפּאַנישן ווענטל לעבן באַלעמער. דאָרט שטייט דער קליינער, הילצערנער אָרון־קודש מיטן ספר. נאָך דער גרויסער שׂרפה האָבן די באַלעגאָלעס געהייסן שרייבן דאָס ספר. ר׳ יאַנטשעס קול פלאַטערט צו מיר אַהער פון באַלעמער:

— דער אָרון האָט שיין האָלץ... ס׳טייערסטע... אַ ריח גן־עדן גייט פון אים... אַ הייליקער זכות פאַרן האָלץ צו ווערן אַן אָרון־קודש... נישט יע־דער בוים איז זוכה...

— און אַ... אַ צלם, ר׳ יאַנטשע, איז אויך פון זעלבן האָלץ ?... — לאַכט אַרויס פון הינטערן ליימאויוון דער קאַנאַדער.

די מאַמע טרעט נישט אָפּ פון ר׳ יאַנטשען לעבן באַלעמער.

— ער איז נישט געהובלט, דער אָרון ?

— נישט געהובלט ?... און אַ שיינער בוים אין וואַלד איז יאָ געהובלט ? און אַ מענטש איז יאָ געהובלט ?... בלויז אַ צלם איז געהובלט... פּאָוולי־טשעקס צלם... און להבדיל — אויך אַ טהרה־ברעט.

— כ׳מיין, ר׳ יאַנטשע, אַז ווען מ׳הובלט אַ ביסל צו...

— חלילה... וואָס איז עס אַ פּריטשע ?... מאָרגן דאַרפן שוין אָנקומען די פּריטשעס — וועט ער נישט דאַרפן מער קיין שפּענצערל...

*

ביסלעכווייז לעשט זיך מיין דיל־חלום איןווילדן געלאָף פון די ווייסע, צעפלאָשעטע הירשן. אַלע ווערן זיי פּלוצעם נעלם. איך מוז שוין אַוודאי האָבן די אויגן אָפענע. און אפשר נישט. דער ליימענער הוצול־אויוון וואַרפט פון זיך אַרויס אַ כוואַליע רויטע פונקען. ברענענדיקע פּאַטשערקעס. אַנומלט... ווען איז דאָס געווען ? אין די בלאָ־פּאַרשנייטע ייִנגלשע יאָרן. די צייט איז געווען דעמאָלט אַ שיינער, פּאַלנדיקער שניי. ער איז קיין מאָל נישט צעגאַנגען, דער שניי, אין דער ייִנגלשאַפט. די געסלדעכלעך, נידעריקע, תפילהדיקע האָבן אַזוי גילדיק געברענט. אַרויפגעזעצטע קרוינען. ער איז געלעגן, דער שניי, אַרום די פּאַציאַטקע־פענצטערלעך גאָר נידעריק ביי די שויבן — אַזאַ ווייסלעכער, קרישטאָליקער, וואַרעמער אָרעם אָן בלוט. אָן אָדערן. די צייט האָט אויך נישט געהאַט דעמאָלט קיין אָדערן, ווי דער שנייִיקער אָרעם. דאָס האָבן זיי, די הימלישע מרחקים, צוגעגרייט פאַר מ׳ר אין מיין ייִנגלשאַפט די ראָזעווע הירשנטריט. און בעת ס׳נידערט אַראָפּ דער ראָזיקער ווינט פונעם הימל־געוועלב, ווערט דער קרישטאָלענער שנייאָרעם ביי דער פּאַציאַטקע אַזוי דורכזיכטיק ווי אָנגעשטעלטער שבת־וויַין. צייט. שניי. וויַין. וויין נישט, טריב ייִנגעלע, פּליס נישט, זילבערדיק טרערעלע. זוזשע נישט אַזוי מיט טויט, הייליק בלאָזזעקל. אַזוי פּרעפלען דיינע דינע, ווייכע ליפּן, בעת ס׳פּאַלט דעמאָלט דער ייִנגלשער שניי. אַלץ גיסט זיך אַריין דעמאָלט אין אַ ימיק־גרינער פלאַש. און די פלאַש קילט מיינע ייִנגלשע שלייפן. איצט שווימט זי שוין לעבן מיר, די פלאַש, ווי אַ לאַנגער

טונקעלער פיש. ער בלייבט ליגן גראָד ביים סאַמע מיטן האַרץ. אַ געפּאַלע־נער גרינער מאַסט, וואָס איז געשלאָגן געוואָרן פון אַ נאַכטבליץ.

דאָס איז פון אים. דאָס איז ער — מיין דיל־שכן. ער שעפּטשעט מיר הייזעריק הינטערן אויער. מיט אים און מיטן זון האָבן מיר נעכטן געגראָבן די פלאַכע ריוון אויפן בירקענאַוער באַרג. דאָרט, ווו ס'הייבן זיך צום הימל די בזשאָזעס אָן שאַטן. דריי זענען מיר אַראָפּ באָרוועסע פון באַרג — ביז צום באַראַק. דער וועג איז פאַרוואָרפן מיט אויסגעגאַנגענע, צעבראָכענע צווייגלעך. צווישן זייערע קליינע בלעטער טליִעט נאָך די שאָטנדיקע גרינע קאָלירקייט. זי, די קאָלירקייט, וועט אָוודאי אויך באַלד אויסגיין צווישן די גוססדיקע קוסטע־וואָרצלען. אַלע, אַלע בלעטער פון גאָטס פאַרשעמטע, גע־בוקטע קוסטעס זענען שאָטנלאָז, אַזוי ווי די ביימער אין בירקענאַוער חלום.

— נאָ... מאַך פון דעם אָניצעס...

— אָניצעס ?

— אָניצעס. געדענקסט וואָס פּאַוולישעק האָט געזאָגט ? דאָ טאָר מען נישט גיין באָרוועס... מאַך דיר אַ פּאָר אָניצעס... פון דער רעשט — אַ הענטשקע אָן פינגער... אַזוי ווי אַ זאָק... וועט דיר זיין וואַרעם אין די פינגער...

— — —

איצט זעט מען שוין נישט קיין שום זאַמדשפּורן פון די אַנטלאָפענע הירשן. נאָך דעם ווי די מאַמע האָט מיר צוגעזאָגט אַ וואַרעם וואַטע־שפּענ־צערל — וועל איך מיר מאַכן אויך אַ הענטשקע, אָן פינגער. אַזאַ ווי ס'טראָגט די באָבע איטע־בינע ווינטער ביים פאַרקויפן פּירות אויפן מאַרק. אויף מיין ברוסט ליגט שוין איצט אַ ראַציק שטיק טוך. פון וואַנען קומט עס צו מיין דיל־שכן ? וואָס איז עס אַזוינס ? אַז ס'וועט ווערן דריבנע־ליכטי־קער, וועל איך עס קאָנען זען. איצט — ברענט בלויז דער ליימענער הוצול־אויוון פאַר זיי ביידע. אין באַראַק וואַרפן זיי אַרויף אויף זיך די מלבושים די ערשטע, פּאַוולישעק און דער קאַנאַדער. אין פענצטערל הענגט נאָך אָן איבערגעשראָקענע די פינצטערניש. אַ פּיצל לבנה, פאַר־

רייטלט־געשוואָלן ביים ברעג, וואַרפּט איר קיל אלול־ליכט ערב דער דריטער אַשמורה.

די הענט מיינע זענען שוין פון איצט אָן וואָך און אומרויִק. אומרויִקער שוואַלבן־געפלאַטער אין האַרץ. אומגעדולדיקער ווי די קליינע הייליקע העמערלעך אין די שלייפן. ווען נישט די וואַכקייט פון די העמערלעך און דאָס פלאַטערן פון די שוואַלבן — וואָלט איך זיי ווידער געהערט פליסטערן ווי פריִער: די שטילע חלום־רייד פון דער מאַמען צו ר׳ יאַנטשען. איצט זענען אויך וואָך מיין שכנס הענט. ר׳ יאַנטשע איז אַהערגעקומען צו מיר נאָך איידער כ׳וועל זיך מאַכן אָניצעס. ר׳ יאַנטשע האָט תמיד געטראָגן אָניצעס. אַזוי ווי דער טאַטע. הויכע, פויערישע שטיוול. געקאַרבטע, מיט פּאַדקאָוועס און פאַרשמירטע מיט דזשעגעכץ.

— מאַך זיך שוין אָניצעס... איידער ס׳ווערט טאָג.

— מען דאַרף נישט צערייסן ?

— ניין. מען דאַרף נישט. שוין צעריסן.

— פאַר ביידע פיס ?

— פאַר ביידע.

— דו האָסט אויך ?

— אויך... פון זעלבן...

מיין דיל־שכן שווייגט. אַ פאַרקנוילטע דיקע פינצטערניש הילט אַרום זיינע הענט. אַ שוואַרצע סודותדיקייט לאָזט אַרויס פון איר אינגעווייד ווייכע סמיקע וואַרצלען.

— וואָס איז עס ? פון וואַנען האָסטו עס ?

— פרעג נישט קיין שאלות. וויקל אַרום די פיס — און שוין.

— פון וואַנען האָסטו עס ?

— וואָס איז אַ נפקא־מינה ? פון דער באַנראַמפּע.

— פון דער באַנראַמפּע ?

— ע ר האָט מיר געוויזן נעכטן ווו ס׳ליגט.

— ווער ?

— דער קאַנאַדער... נעכטן... נאָכן אַפּעל.

— דער קאַנאַדער ?

— בגנבה. ווייסט נישט אַז ער איז אַ ייִד?

— ר׳איז טאַקע אַ ייִד?

— פון מעזריטש. זיין טאַטע האָט געהאַט אַ שענק. און ער — אַ גאַרבעריי.

— און ער... ער האָט דיר געגעבן די אַניצעס?

— אַ גאַנצער קעלער לעבן דער ראַמפּע איז פול מיט דעם. אַז ס׳קומען אָן ייִדן — גיט ער יעדן פאַר די פיס... צו מאַכן אַניצעס.

אין דער דיל־פינצטערניש ריר איך אָן דאָס שטיק טוך, וואָס ליגט לעבן מיר. ס׳איז ווייך, פייכטלעך, מיט קאַלטע דיקלעכע שנירלעך אַרומגעזוימט ווי אָדערן. די אָדערן לויפן ביז צום ברעג, ווו ס׳הענגען שוין אַראָפּ די דין־צעדריוולטע פעדעם. גוט וואָס ס׳זענען פאַראַן שנירעלעך און פעדעם. כ׳וועל קאָנען מיט זיי אַרומבינדן די אַניצעס. כ׳וועל זיך טאַקע באַלד אָביסל אויפזעצן, כדי נאָך אין דער פינצטער אַרומצוויקלען די געפרוירענע, באָרוועסע פיאַטעס.

*

דער באַראַקן־חלל איז שוין געוואָרן אין צווישן שיטערלעך־גראָלעך בעת כ׳הייב אָן איינגעבוקטערהייט אַרומצובינדן די נאַקעטע פיאַטעס. די ברעגן פון הויכן באַראַק־פענצטערל האָבן זיך אַרומגעצירט מיט צעריסענע קאָלירפלעקן ווי מיט ווייסלעכע מילך־פּאַטשערקעס. דער גרויסער פירקאַנטיקער בעטאַנדיל האָט אַלע שלאָפנדיקע גופים מיט אַ מאָל אויפגעהויבן גאָר הויך. ביז הינטערן באַראַק־סופיט. פון הוצול־אויוון שטראָמט נאָך אַהער דורכן חלל דער געווירציקער, וואַרעמער ריח פון געבראָטן ברויט און פלייש. ברויט. ברויט. ברויט. פלייש. פלייש. גאָטס זיסע חלומדיקע גאָב פאַר אַלע שטאַרבנדיקע. איידער זיי וועלן אונדז פירן צום רויטן בנין מיט די פירקאַנטיקע קוימענס, פליצט נאָך דער זיסער חלומדיקער גוטער ריח. דאָס גרייט ער אַזוי צו, דער קאַנאַדער, אַלץ פאַר פּאַווליטשעקן, נאָך איידער ס׳וועט זיך שטעלן דער פרימאַרגן־אַפּעל. אפשר וועט היינט נישט זיין קיין ציילונג? נעכטן, פאַרן שלאָפנגיין, זענען מיר

דאָך אומצאָליקע מאָל געציילט געוואָרן. דאָס ציילן זיי אונדז פאַרן רויטן בנין. פאַר די פּירקאַנטיקע קוימענס.

זיי האָבן אונדז געציילט אַפילו נאָך דעם ווי מיר זענען שוין אַלע געלעגן אויפן דיל. באַזונדער דער קאַנאַדער. באַזונדער פּאַווליטשעק. וואָהין קאָן מען אַנטלויפן פונעם צעמענטענעם בירקענאַוער דיל? פאַר וואָס ציילן זיי אונדז אַזוי פיל אומצאָליקע מאָל? צי קאָן מען אַנטלויפן פון גאָטס רחמימדיקן טויט, וואָס האַלט אונדז געפאַנגען אין אונדזער פאַרטריבנקייט? צו וואָס אַנטלויפן — אַז סיי ווי פאַרשווינדט יעדער ווי נאָר ס׳נידערט אַראָפּ דער תּהומיקער דילשלאָף. אַלע דיל־שלאָפנדיקע אַנטלויפן ביי נאַכט אַזוי ווי איך. מען שווימט אַרויס דורך די שמאָלע טיר־שפּאַרונעס. דורך די ענגע פענצטער־קראַטעס. אַלע ווערן נעלם ווי נאָר די אייזערנע גרויסע באַראַקן־טיר ווערט פאַרהעמערט. וואָס מער פאַרהעמערט — אַלץ גיכער לויפן אַלע ביי נאַכט אַרויס פון באַראַק. קיינער בלייבט נישט דאָ ביזן בירקענאַוער טאָגאויפשפּראָץ. גראָד אַזוי ווי איך. אַלע פויזען זיי אַנטקעגן די לויפנדיקע הירשן. אויף די טשערעדעס פערד, וואָס גאַלאָפּירן אַריין אויפן דיל מיט זייערע זילבערדיקע טלאָען. זילבערדיקע טלאָען פון ווייסע הירשן און פון ווייסע פערד פירן אונדז אַרויס. דאָס איז שוין דאָס שיינע טלאָען־געזאַנג פון די אומפאַרצוימטע. פון די באַפרייטע. שיינע הירשן לויפן פאַרויס צו דער גרינער, זינגעוודיקער וואַלדיקער אומפאַרצוימטקייט.

*

ער האָט זיך אָפּגערוקט אויף הינטערוויילעכץ צוויי טריט. אין זיינע אויגן שווימען אַרום רויט־געצונדענע פונקען. קליינע ברענענדיקע זעגלשיפעלעך. הינטער אים שטייט דער קאַנאַדער. פּאַווליטשעק רוקט זיך ווידער אָפּ. דאָס מאָל נאָך אויף איין טריט הינטערוויילעכץ. די רויט־געצונדענע זעגלשיפעלעך ווילן גאָרנישט אַראָפּ פון מיינע אָניצעס אַרום די פאַרוויקלטע פיס. די באַראַקן־טיר הינטער אונדז שטייט אָפן. דער הוצול־אויוון איז שוין אוודאי אָפּגעקילט. די אָניצעס הייבן אָן איצט צו ברענען. די פיס טרעטן אַריין אין די אָפענע רויטע זעגלשיפלעך. אַ רייסנדי־

קער ים־ווינט גייט איבערן אָפּגעגאָלטן קאָפּ. ער איז געזאַלצן, דער ווינט, און פול מיט טל־טרערן.

— דו !...

דאָס מיינט ער מיך. נישט דעם דיל־שכן. פּאַווליטשעקס אויגן קוקן גלייך אין מיין פּנים. שפּעטער אויף מיינע פיס. כ'זע: ער טראָגט נאָך אַלץ מיינע שיך. די שבתדיקע שיך, וואָס זענען פאַרשוווּנדן באַלד אין דער ערשטער נאַכט פון פינצטערן דיל. זיין האַנט איז איצט אויסגעשטרעקט צו מיינע אָניצעס. זיין אויסגעשטרעקטער אָרעם ווערט אַ האַלב־קיילעכדי־קער בויגן. מיט אַן אָנגעצילטער פייל. שפּיזיק־שפּיציק און פאַרסמט.

— דו ! טייער יינגעלע ! ווייז נאָר דיינע פיסעלעך !

פיסעלעך... פיסעלעך... די אַנטלאָפענע נאַכטהירשן פון דיל־חלום האָבן זיך ווידער אומגעקערט צו מיר ביים אַפּעל. דאָס מאָל זענען זיי אַלע אַזעלכע שאָטנדיקע. קליינע, יונגע הירשנקינדער. זייערע העלדזער זענען לאַנגע, וואַרעמע. איין הירשיכע לייגט אַפילו איר ווייכן האַלדז אויף מיין אַקסל. דער נאַקעטער אָרעם פון דער מאַמען פאַרקנעפּלט מיר דאָס וואַטענע שפּענצערל. איר האַנט איז ווייך און וואַרעם. זי פירט מיך אַרויס פון אַפּעל־ריי. כ'שטיי פאַר פּאַווליטשעקן — אַנטקעגן די רויטע זעגלשיפעלעך. צווישן אים און מיר שטעלן זיך זיי — די צוריקגעקומענע נאַכטהירשן. אַלע ווילן זיי אַריבערלויפן מיינע פאַרבונדענע פיס. ר' יאַנטשע מלמד פאַרטרויט איצט אַ סוד דער מאַמען. די מאַמע כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ. איר פאַטשיילע פאַלט צו מיינע פיס. זי בוקט זיך גיך אַראָפּ און פאַרוואַרפט אויף ס'ניי די שוואַרצע פאַטשיילע איבער אירע האָר. הינטער אונדז איז דאָס פאַרצוימטע הייפל. דאָרט פליסט דאָס שמאָלע הייזעריקע ריטשקעלע. ס'איז הייזעריק פון די דינע האַלצשפּליטערס, וואָס שווימען צוזאַמען מיט אים. דערפאַר הערט מען קוים זיין שטיל, שטיל הייזעריקלעך וואַסער־פּליסטערן. תּמיד איז עס פאַרשטעלט, דאָס ריטשקעלע, מיטן פלושענעם וואַנטשאָטן. פון וואַנען קומט אַזאַ שטיל וואַסערל צו אונדזער הייפל ? מן־הסתּם פונעם גרויסן טייך. דער גרויסער טייך, וואָס איז שוין לאַנג געשטאָרבן. דער גרויסער טייך איז דאָ געקומען צוריק צו די לאַנעס, לאַנקעס און רומיאַנעק־פעלדער. די ביאַלאָוויעזשער וועלדער האָבן פאַרלוירן דעם זכרון. זיי קאָנען זיך

נישט דערמאָנען דעם גרויסן טייך, וואָס איז אין זיי געבוירן. וועלדער. וועלדער. וועלדער. זייערע קרוינען זענען געוואָרן אָנגעפּילט מיטן טרערנ־דיקן, זיסן זשיוויצע־האָניק. איצט איז פונעם גרויסן טייך פאַרבליבן בלויז דאָס פאַרצוימטע וואַסערל אויף אונדזער הייפל. זומערצייט לאָז איך אַריין אין אים מיינע יינגלשע פיס. כ׳שווים אַוועק מיט די קליינע, פּאַפּירענע זעגלשיפלעך. וואַהין פליסט דאָס וואַסערל? יאַנטשע זאָגט: ס׳איז אַ צענט חלק פון סמבטיון. וואָס איז אַזוינס דער סמבטיון? די מאַמע ווייס נישט. בלויז יאַנטשע. פון וואַנען ווייס יאַנטשע? ער איז געקומען פון די ביאַלאָוויעזשער וועלדער, ווו ס׳פליסט נאָך איצט דער סמבטיון. יאַנטשע איז הויך ווי אַ בוים, וואָס האַלט ביים איינפאַלן. דערפאַר טראָגט ער די פאַר־בונדענע פּאַטשיילע, כדי נישט צו פאַלן. דער סמבטיון רוט שבת — זאָגט ער. אַרום אונדזער וואַסערל אויפן הויף הייבן זיך שוואַרצע, נידעריקע קוסטעס. אָפּגעצערטע און פאַרטריקנטע. גראָד אַזעלכע קוסטעס האָבן נעכטן געברענט אויפן בירקענאַוער באַרג. פאַר וואָס זיך איך איצט לעבן וואַסערל און קיל אין אים די נאַקעטע פיאַטעס?

— ווייז נאָר דיינע פּיסעלעך, זונעניו...

כ׳פּרוּוו אויפהייבן מיין לינקע פּיאַטע. מיין דיל־שכן האַלט מיך אונטער. ער זעט: איך גלי. נאָך פאַרן מאָרגן־אַפּעל האָב איך אים געבעטן: רוף אַ דאָקטער... אַ דאָקטער?... ער האָט פאַרבראָכן די הענט. זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. נאָר נישט אַ דאָקטער. ווייסט נישט וואָס הייסט אין בירקענאַו זיך מעלדן קראַנק?

— ווער האָט דיר, זונעניו, אויסגעהעקלט אַזעלכע שיינע זעקעלעך?

דאָס רעדט צו מיר נישט פּאַוולישעק, נאָר דער קאַנאַדער. זיין קול איז גלאַזיק פאַרגליווערט. פון זיין מויל גליטשט זיך אַרויס אַ שוואַרצע, לאַנגע, דראָענדיקע סטענגע. אַזעלכע סטענגעס ציִען תמיד פון די מיילער די באַלוטער קונצנמאַכערס. נאָר קאָליריקע, נישט שוואַרצע. צו ערשט קומען די רויך־און־פייער־קנוילן. שפּעטער די קאָליריקע סטענגעס. איצט גייט אויף מיר דעם קאַנאַדערס רויכיקער, הייסער אָטעם. באַלד וועט אַוודאי קומען דאָס פייער.

ער האָט זיך טיפער צו מיר איינגעבויגן. פּאַוואָליע, פּאַוואָליע נעמט

ער אויפֿוויקלען פֿון מײַן פּיאַטע די אַניצע.. ער האָט עס געטאָן שטיל, שטיל, מיט װעלפּיש־נאַכטישער, לויערנדיקער געצוימטקייט. גראָד ווי ער וואָלט אָפּגעוויקלט אַ באַנדאַזש פֿון אַ פֿאַרוווּנדיקטן פֿוס. בעת איין פּיאַטע מײַנע איז שוין געשטאַנען באָרוועס האָט ער גענומען אויך אָפּוויקלען די צווייטע אַניצע. ביידע פֿיס שטייען שוין באָרוועסע אויפֿן פּייכטן כראָפּע־וואַטן אָפּעלפּלאַץ. די ערד אונטער די פֿיס איז אלולדיק־קאַלט. פֿאַרוואָרפֿן מיט קליינע, צעהאַקטע שטיינדלעך. דאָס איז דער דראָבנער, שפּיציקער זשוויר. פֿון דער בירקענאַוער שטיינהאַקערײַ. מען צעוואָרפֿט אים יעדן טאָג איבערן אָפּעלפּלאַץ. בעת דער קאַנאַדער האָט שוין אָפּגעוויקלט מײַנע ביידע אַניצעס — שטייט נאָך אַלץ פֿאַוליטשעק אַ שווייגנדיקער הינטער אים. ער קומט ערשט אַרויס פֿון הינטער זײַן פּלייצע דעמאָלט, בעת אויפֿן קאַנאַדערס הענט ליגן אויסגעשפּרייט מײַנע ביידע אַניצעס.

ערשט איצט פֿליסט אַוועק פֿון מײַנע שלייפֿן דער פֿאַרזיגלטער, אָנגעצונדענער גלי. מײַנע אויגן גייען אַרויס פֿון זייערע קײַלעכדיקע פֿאַרטיפֿונגען. שוועבן איבער שוואַרצע הויך־גאַרנדיקע שטיגן. די שטיגן פֿאַלן איין ביסלעכווייז ווי שפּינוועב. פֿון קאַנאַדערס האַנט פֿינקלט צו מיר עפּעס צעקנוילטס און צעקנאַדערטס. מיט אַ סך בליציקע, קאָליריקע בליאַסקן. ביי זיין יעדער תנועה ווערט אַלץ שטאַרקער די סודותדיקע קאָליריקייט פֿון די אַניצעס. זי מיניעט, די קאָליריקייט, אָן אויפֿהער און בייט יעדע רגע די פֿאַרביקייט ווי ניי געבוירענע קונצנמאַכערישע סטענגעס. די שוואַרצע שפּינוועב־שטיגן ליגן שוין אין גאַנצן איינגעפֿאַלן. בלויז מײַנע באָרוועסע פּיאַטעס ליגן געפֿאַנגען. פֿונעם צעשאָטענעם שפּיציקן זשוויר. אָב הרחמים, הימל דערבאַרעמדיקער. תּמיד בין איך געפֿאַנגען. געפֿאַנגען, געפֿאַנגען. געפֿאַנגען פֿון ווינט. געפֿאַנגען פֿון די ווייסע בהלהדיקע הירשן. געפֿאַנגען פֿון גראָען זשוויר. געפֿאַנגען פֿון קליינעם, מעשענעם שבת־לייכטערל. געפֿאַנגען פֿון אַלע שאָטנלאָזע בזשאָזעס אויפֿן באַרג. פֿון די פּאַפּירענע זעגל־שיפֿעלעך, וואָס שווימען אַוועק צו די ייִנגלשע וואַסערן פֿון סמבטיון. בעת כ׳קוק אַראָפּ צו מײַנע פּיאַטעס, זענען די זשווירשטיינדלעך נאָך איבערגעצויגן מיטן בירקענאַוער נעפּל. דאָס קומט פֿון דער דריטער אַשמורה. ס׳איז דאָך באַלד סוף אלול. די פּוילישע פֿלוימען זענען שוין אוודאי איבער־

צייטיק און שאַרף־בלאָ. גראָד ווי דער גראָער, טל־פינקלענדיקער זשוויר. דער קאַנאַדער שפּרייט אויס זיינע הענט צו מיר ווי צו דוכענען. אויף זיינע צעשפּרייטע דלאָניעס ליגן — די צעשניטענע אָניצעס. דאָס האָב איך זיי אַרומגעוויקלט ביי נאַכט אויפן דיל. בעת די הירשן זענען געלאָפן איבער מיר. מיין דיל־שכן זיפצט איצט גאָר הויך לעבן מיר אין אַפּעלריי. כ׳פּאַר־שטיי נישט זיין שלוכץ. אַ קרעכץ פון אַן איינגעבראָכענעם דישל, בעת די פערד פאַלן צו דער ערד. ער בייגט זיך פּאַוואָליע איין צו מיין אויער. ער שעפּטשעט מיט פאַרמאַכטע ליפּן. דער דישל איז שוין צעבראָכן.

—די אָניצעס... זאָג נישט פון וואַנען...

זאָג נישט פון וואַנען. דאָס יאָגט זיך שוין אַראָפּ אין אַ טיפן פאַר־שנייטן שיפּוע דער וואָגן מיטן צעבראָכענעם דישל. די אָניצעס. די אָניצעס. נישט זאָגן פון וואַנען. פון וועמען. די הירשן ווייסן שוין דעם נאַכט־סוד. דאָס סמבטיון־וואַסערל ווייס שוין. אויך דער קאַנאַדער. אויך פּאַווליטשעק. אַפילו ר׳ יאַנטשע. די מאַמע. כ׳וועל נישט זאָגן. מיין צונג ווערט טרוקן־געליימט. כ׳וועל נישט זאָגן. זיי קומען דאָך, די אָניצעס, פון אים — פון קאַנאַדער. אַלץ וואָס געשעט דאָ, אין בירקענאַוער פאַרטריבנקייט, גע־שעט אַוודאי נישט אין דער אמתן. אַלץ געשעט מן הסתם ווייט פון דער ערד. אין טויטלעכע מרחקים, ווו דער הימל איז נישטאָ. ער איז אַ ליידיקע, שוואַרצע סקאָרופּע. די זון איז נישטאָ. אויך די וואָלקנס שווימען מער נישט אין גאָטס געוועלבן. בלויז אַן אָנדנאָיִקער טויטפּלאָטער באַוועגט די גלגלים, וואָס זינגען נישט מער. די שטערן לייכטן נישט אין זייער פאַר־שטאָרבנקייט. די מזלות געבערן אויך נישט קיין אַשמורות. בלויז זיי — די ביינאַכטיקע ווייסע הירשן זענען די איינציקע לעבעדיקע שיינע ערדישע גופים. זיי לעבן בלויז אינעם חלום, וואָס דער באַשעפער שיקט זיי צו דער אויסגעלאָשענער ערד. וואָהין לויפן זיי איצט — די שיינע, חלומדיקע הירשן? זיי לויפן אַראָפּ אין גאַלאָפּ צו די דורכזיכטיקע סאַזשלקעס. צו די וועלדלעך. מיט מיין אימהדיקן סוד אין זייערע זילבערנע טלאָען. קיינער ווייס נישט דעם סוד. קיינער נישט. בלויז איך. איך און מיין דיל־שכן, וואָס כ׳קען נישט זיין נאָמען. און אויך ער — דער קאַנאַדער. איך אַליין ווער שוין איצט אויך אַ דערשראָקן, לויפנדיק הירשל. מיטן סוד אין די טלאָען.

מיינע פיאַטע־טלאָען, וואָס זענען ביי נאַכט געוואָרן אַרומגעשנירלט מיט די געשענקטע אַניצעס.

*

ווי לאַנג געדויערט דער פרימאָרגנדיקער ייִדן־אַפּעל אויפן בירקנע־אוער זשוויר־פּלאַץ? אומצאָליקע, פאַרביישוועבנדיקע שוואַרצע אשמורות. צווישן געבויגענע ייִדנרייען גרייטן אָן די אַשמורות מנינים טויטע. זייערע פּנימער זענען שוין פריִער רייף געוואָרן צום טויט. נאָך דער דריטער אַשמורה. צווישן דער צווייטער און דריטער אַשמורה זענען זיי בלויז געווען צייטיקער, אויפגעקנאָספּעטער פּחד. בלויז איך און מיין אומבאַקאַנטער דיל־שכן זענען באַפרייט פונעם צייטיקן טויט. אויף ס'ניי וויל ער מיר עפּעס אַריינשאָרכן אין אויער. ווידער וועגן די אַניצעס, וואָס ליגן אויף דעם קאַ־נאַדערס הענט? ניין. מיין שכנס מויל איז דין־פאַרקרימט. אָפּן און אַראָפּ־געלאָזן אין די ווינקלען. ווי ביי אַ פיש. ער וויל עטעמען און קאָן נישט. אָבער איצט שטייען שוין זיי ביידע צוזאַמען. פּאַוולישעק און דער קאַ־נאַדער. ביידע קוקן זיי אַריין אין די אַניצעס. מיינע פאַרשוווּנדענע שבת־שיך גלאַנצן אויף פּאַוולישעקס פיס. אַ טריבער, שוואַרצלעכער שימער פון קרעפּ.

— דו, פון וואַנען האָסטו די אַניצעס?

פּאַוולישעק נעמט אַ שטיק אַניצע אויף דער דלאָניע. ער בייגט זיך איין צום איינגעקנייטשטן טוך. צי וויל ער עס אַ קוש טאָן? זיינע אויגן שליסן זיך פרום ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ צלם.

— מאַטקאָ שוויענטאָ! אָזאָ הייליקייט! אָזאָ שיינע הייליקייט! פאַר דיינע פאַרשיווע פיס.

— פון וואַנען האָסטו דאָס הייליקייט? — צישעט דער קאַנאַדער צווישן זיינע אָפענע ליפּן. זיינע ציין, שפּיציק־וועלפישע, האָבן אַ געלב־לעכן אָפּשיין פון העלפאַנדביין.

ערשט איצט זע איך די אַניצעס אויף זייערע אויסגעשפּרייטע הענט. די גלייִקע זילבער־העמערלעך אין מיינע שלייפן האָבן אויפגעהערט צו קלאַפּן: קליפּ־קלאַפּ... איך זע, אַז די אַניצעס זענען פון צעריסענע פּרוכתן

און צעשניטענע תורה־מענטעלעך. פאַר די אויגן פלאַטערט: שויתי ה׳ לנגדי תמיד... איינגערעמט אין אויסגעהאַפטענע מגן־דודס... דער זעלבי־קער מגן־דוד, וואָס איז געווען איינגענייט אויף די אָוועקגעוואָרפענע געטאָ־רעקלעך... צוזאַמען מיט אונדז זענען זיי דאָ אַהער געקומען — די שויתי ה׳ לנגדי תמיד... זיי ווילן זיך נישט שיידן מיט די אַשמורות אין ביר־קענאַו. אויך נישט מיט די שיינע, ווייסע הירשן אין חלום. אויך נישט מיט יאַנטשען. נישט מיט דער מאַמען. שויתי ה׳ לנגדי תמיד. כ׳וועל מוזן איצט זאָגן פון וואַנען כ׳האָב די אַניצעס. ביידע האַלטן זיי מײַנע הענט, בעת די צעריסענע מענטעלעך פלאַטערן אין ווינט.

ווידער סיטשעט פראַסטיק דער קאַנאַדער:

— אַזאַ הינטישער זון. פון דער הייליקער תורה נעמען אַ מענטעלע. צערײַסן עס אויף אַניצעס. אַ ייִד זאָל טאָן אַזאַ חילול השם...

חילול השם. ר׳ יאַנטשע האָט אויפגעהויבן פון דער ערד אַ פאַרברענט מענטעלע און טראָגט עס צו זיין באָרד. די היציקייט רינט אַראָפּ פון מײַנע שלייפן. יאַנטשע און איך שטייען דאָ באָרוועס קעגנאיבער דעם קאַנאַדער. דעם קאַנאַדערס פנים איז געצונדן ביי די ברעגן. אַ סטויג היי וואָס פלאַ־קערט ביי די ראַנדן. וואָס וועט זיין מיט מיין דיל־שכן? ער, וואָס האָט מיר ביי נאַכט געגעבן אויפן דיל די אַ אַניצעס. ער טראָגט אויך אַזעלכע אַניצעס אַרום זיינע פיס. לעבן אים שטייט איצט פּאַווליטשעק. דער שפּי־ציקער דרייעק אויף זיין בלאָ־געשטרייפטער קורטקע ווערט פלוצעם טו־רעמדיק־הויך. ס׳איז אַ רויטע, פלאַקערדיקע פּיראַמידע. זי שטייט אויפן זשוויר. איר שאַרפער, שפּיציקער עק גרייכט ביז אונטער די וואָלקנס. פונעם דרייעק ווערט אַ מגן־דוד. צוויי איבערגעקערטע פּיראַמידן־פלאַכן הייבן זיך צום הימל. מיין דיל־שכן רעדט איצט שטיל צו פּאַווליטשעקן:

— איך... איך... איך האָב אים געגעבן די אַניצעס... איך...

— דו?

— איך... איך...

פּאַווליטשעקס אויגן הענגען אויף מיין שכנס פיס. דער פּיראַמידע־שפּיץ לאָזט זיך אַראָפּ פון דער הייך. דער קאַנאַדער שווייגט. ער קוקט מער נישט אויף מײַנע אַניצעס. כ׳הער בלויז מיין דיל־שכן מורמלען: בגיא

צלמות... בגיא צלמות... שויתי ה׳ לנגדי תמיד... פון דער זייט זע איך זיין האַלדז. דאָרט איז פאַרבאָרגן אונטער דער פאַטשיילע ר׳ יאַנטשעס באָרד. ווער מורמלט די ווערטער — מיין שכן צי יאַנטשע? כ׳דערקען עס. ס׳איז דאָס קול פון ר׳ יאַנטשען. ער רעדט אַריין אין דער באָרד. דאָס קול זיינס קומט אַרויס זילבערדיק־דין און געדרייט ווי פון אַ שופר: בגיא צלמות... שויתי ה׳ לנגדי תמיד...

*

פונעם קילן אלולדיקן הימל איז דער חלל איבער אונדז געוואָרן גאָר נידעריק. הייליקער טל פינקלט אַרויס ביי מיינע באָרוועסע פיס אין בירקענאַוער זשוויר. די זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען. ערגעץ ווו יאָגן זיך אומגעדולדיק די פלאַכע פוילישע רעגן־וואָלקנס. אַ בלאָלעכער אלול־ווינט האָט אָנגעהויבן צו זאָגן תהילים פון פעלד. פון דאָרט, ווו ס׳שטייען די שאָטנלאָזע דורכזיכטיקע בזשאָזעס. דורכן חלל האָט מען איצט געהערט אָנקומען מיטן ווינט אַ ווייט־צעצויגן, מעשן ווידערקול פון אַ טראָמפּייט. ווער האָט עס איצט געשפּילט פון די ווייטע מרחקים? אפשר איז עס דער גרויסער טראָמפּייט פון דער בירקענאַוער קאַפּעליע? ניין, עס קומט נישט פון פעלד. נישט פון די פאַרשטאַרבענע בזשאָזעס אויפן באַרג. ס׳הייבט אָן צו פאַלן אַ דראָבנער, פּחדימדיקער בירקענאַוער רעגן. איינלצנע טראָפּנס זיינע פאַלן אויף מיין נאַקעט־אָפּגעגאָלטן קאָפּ. יעדער ווייכער רעגן־טראָפּן פאַלט אויף אים שטייניק־שווער. ווי דער שפּיץ פון פאַוולישעקס פּיראַמיד. דער שפּיציקער פּיראַמיד איז זיך אויך שוין צעגאַנגען אינעם טל. די טראָפּנס וועלן אַוודאי שפּאַלטן מיינע שלייפן, ווו ס׳זיצן די פאַרבאַהאַלטענע זילבערנע העמערלעך. מיין קאָפּ־חלל ווערט איבערפול מיטן אַהערשוויי־מענדיקן ווידערקול פון טראָמפּייט. דער פּחד פונעם דראָבנעם רעגן פלאַ־טערט שוין אַרום אונדז. צוזאַמען מיטן טראָמפּייטס מעשענעם בת־קול. אַ סטאַדע סאַמעטענע פלעדערמייז. די וואָלקנס אויפן הימל זענען געוואָרן נאָך נידעריקער. זיי זענען אַהערגעשווומען צוזאַמען מיט דער דריטער אַשמורה. דער טראָמפּייטענער ווידערקול קייקלט זיך אַלץ נענטער אַהער צום זשווירפלאַץ. לכתחילה שוועבט זיין ווידערקול אַרום די באָרוועסע פיס,

צוזאַמען מיט די פּלעדערמייז. שפּעטער קלעטערט עס אַרויף צו די הענט. פון די הענטגעלענקען צו די שלייפן, ווו די העמערלעך נעמען איבער דאָס מעשענע בת־קול פונעם אויסבאַהאַלטענעם, סודותדיקן טראָמפּייט. ס'איז אַ טראָמפּייטן־קאַפּעליע און פון אומצאָליקע גלעקעלעך, אָנגעהאָנגען אויף די העלדזער פון אַ שעפסן־סטאַדע. באַלד וועט די סטאַדע אַוודאי אַראָפּ פון בירקענאַוער באַרג. און אפשר, אפשר גייט גאָר דער אַ טראָמפּייט־רוף נאָר פאַר די, וואָס וועלן באַלד פאַלן אויפן זשוויר־פּלאַץ? זיי וועלן ליגן בלייבן אינעם אלולדיקן טל, וואָס פינקלט אַרויף מיט אַזוי פיל דימענטלעך צווישן צעשאָטענעם זשוויר. דאָס וועט געשען נישט דאָ, אויפן זשוויר־פּלאַץ, נאָר דאָרט, הינטער דער שוואַרצער באַראַקן־וואַנט. דאָרט, ווו די נידעריקע באַראַק־פּאַסאַדעס זענען אַרומגעהילט מיט גרין־פינקלענדיקן וואַלדמאָך. אויך די פּלעדערמייז וועלן דאָרט אַהינפלאַטערן. אויך די דורכזיכטיקע טל־טראָפּנס, וואָס הענגען נאָך פאַרגליווערטע אויף מיין נאַקעט־אָפּגעגאָלטן קאָפּשיידל. דער חלל וועט ווערן אַ פאַרפרוירענע פּיראַמידע פון שטילקייט. שטילקייט. שטיל... שטיל... שטיל... שויתי ה׳ לנגדי תמיד. דאָס וועט אַוודאי זיין דער לעצטער קילער הויך אינעם גילדענעם מגן־דוד, וואָס בלענדט אַרויס פון די צעריסענע אָניצעס. דערנאָך וועט אַוודאי אויך אויפגיין אויף אַ ווײַלע די זון. דאָס קיילעכדיקע טרויעראויג, וואָס לייכט מיט גאָט ברוך־הואס עצבות. דאָס אויג וועט דערזען דעם אַשמורה־סוד הינטערן באַראַק. דערנאָך וועט זיין זוניק עצבות־אויג אַוועקשווימען צו די דינע בזשאָזעס אויפן באַרג. און זיי וועלן אַלע מיטווײַנען, די בזשאָזעס, מיטן הייליקן טל. מיטן צעשאָטענעם זשוויר. מיטן אויסבאַהאַלטענעם טראָמפּייט. מיט דער דריטער אַשמורה. מיטן פלאַטערדיקן מלאך, וואָס בלאָזט איצט אינעם מעשענעם טראָמפּייט פון טויט. מיט אַלע נאַקעטע און באָרוועסע אויפן בירקענאַוער זשווירפעלד.

*

דער ערשטער איז אָנגעקומען דער מיטן טראָמפּייט. ער האָט אים געטראָגן אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען און פאַרשנירט הינטער די אָרעמס מיט ברייטע לעדערנע שנאַלן. דאָס איז געווען אַ ריזיק־גרויסער

און פיל מאָל געפלאָכטענער טראָמפּייט, וואָס האָט זיך מיט זיין חלל־פּאַר־טיפעניש הויך געהויבן איבער זיין קאָפּ ווי אַ פינצטערער, אָפענער באַרגקראַ־טער. איידער ער האָט זיך דערנענטערט, האָט דער טראָמפּייט אויך אויסגעזען ווי אַ קיילעכדיקע, גילדענע רויז. מיט יעדן טריט פון טראָמפּייט־טרעגער האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן דער גילדענער רויזן־כּישוף. דער טראָמפּייט האָט געמוזט זיין זייער אַ שווערער, וואָרעם דעם טראָמפּייט־טרעגערס שטיוול האָבן שווער געקריצט אינעם זשוויר: כליפּ. כליפּ. כליפּ. דער טראָמפּייט־טרעגער איז געווען אַ קאַרליק. מ׳האָט לחלוטין נישט אַרויס־געזען זיין קליינעם, קינדערשן גוף. דער באַרגקראַטער האָט אים אין גאַנצן פאַרדעקט. בלויז זיינע הויך־באַשטיוולטע קינדער־פיסלעך האָבן אויפן זשוויר אַרויסגעגעבן פון זיך דעם דאָזיקן כליפּ. כליפּ. כליפּ; לעבן אים איז געגאַנגען דער „דאָקטער". הינטער זיי: דער „פּאַפּאַ" מיטן נאַכטבלינדן. אַלע האָבן זיי געטראָגן אַסירים־רעקלעך, מיט שאַרף־בלאָלעכע שטרייפן. דער „פּאַפּאַ" מיטן נאַכטבלינדן האָבן געטראָגן אויף זייערע אַקסלען, איי־נער הינטער דעם צווייטן, אַ פלאַך, ברייט ברעט. דאָס ברעט איז געווען בייניק־ווייס פון אָפּגעשיילטער בוימקאָרע און אויך אַרומגעטעסעט. דאָס קומען אוודאי שוין אָן פאַר אונדז די נייע הילצפּריטשעס. דער קאַרליק מיטן טראָמפּייט גייט פאָרויס. באַלד וועלן קומען די אַנדערע, מיט די ווייסע פּריטשעס אויף די אַקסלען. ווי גוט וועט דעמאָלט זיין מיט די היל־צערנע פּריטשעס אין באַראַק. מען וועט מער נישט ליגן אויפן בעטאַנדיל. פון איצט אָן וועלן די פּריטשעס פונעם פרישן וואַלדגעהילץ זיין וואַרעמע, געטעסעטע אַרונס. זיי וועלן מיטברענגען טערפּקען ביימער־ריח. זיסן, פאַרגליווערטן זשיוויצע־האָניק. גינגאָלדענעם בלעטער־טל. אַלץ וועט ווידער אויפשטיין פון פאַרשטאַרבנקייט. אַלץ וועט זיין געמישט מיטן וויין און מילך פון די לאַנג־פאַרשטאַרבענע גראָזן און פיאָלון־וואָרצלען. כליפּ. כליפּ. כליפּ. די פּריטשע־ווענטלעך וועלן שאָטנדיק עטעמען אין דער פינצטער. מיין האַנט וועט זיי אַלע קאָנען אָנרירן: דעם קליאָן. דעם דעמב. די בזשאָ־זע. די ליפּע. צום מיינסטן וועלן אוודאי קומען צו אונדז זיי — די קרומע ווערבעס. פון די פאַרייִאושטע טייכן. זיי וועלן אַלע אַריינקומען אין באַראַק מיט זייער דינעם ווינטזשושען. מיטן שלוכץ פון געבראָכענע צווייגן. מיטן

שטומען זיפץ פון געפאַלענע שלאָפקעפּלעך. אויך מיטן זילבערנעם וואַ־סער־פּליוסק וואָס וועט נישט אויפהערן צו פּרעפּלען ביי די באָרוועסע פּיס. כליפּ. כליפּ. כליפּ.

דערווייל צעשווימט דער קאַרליק מיטן מעשענעם באַרגקראַטער אין דער בלאַסער גרינלעכקייט, וואָס דער אלול־רעגן האָט דאָ איבערגעלאָזט. יעדער רעגן האָט דאָ אַ גרינלעכע, כּישופדיקע גרינלעכקייט. בעת אַלע פיר קומען צו נענטער — שפּילט נאָך אַלץ דער טראָמפּייט. דער קאַרליק ציט זיין קול דנאָיק־נידעריק און באַלד באַרגיק־הילכיק. די טראָמפּייט־קולות הילכן אָפּ, ווי ער וואָלט געוואָרפן קליינע זשווירשטיינדלעך אינעם טיפן קראַטער־דנאָ: כליפּ. כליפּ. כליפּ. פּאַווליטשעק פאַרבייגט איצט זיין גראָבן פינגער צום קאַרליק. באַלד גלייכט ער אים ווידער אויס. דאָס איז מן־הסתּם אַ סודותדיקער סימן פאַרן קראַטערבאַרג. דער קאַרליק מיטן טראָמפּייט דרייען זיך טאַקע אויס. נאָך אים — אויך די דריי אַנדערע: דער „דאָקטער", דער „פּאַפּאַ" און דער נאַכטבלינדער. דער „דאָקטער" גייט באַזונדער, בעת דער „פּאַפּאַ" און דער נאַכטבלינדער — הינטער זיי. ביידע טראָגן הויך דאָס ווייסע ברעט אויף זייערע אַקסלען. אַלע גייען זיי מיט געמאָסטענע פּאַראַדטריט צום באַראַק. דער קאַרליק פאַרשווינדט דער ערשטער מיטן טראָמפּייט הינטער דער באַראַקן־וואַנט. נאָך אים פאַרשווינדן די דריי באַ־גלייטער. פּאַווליטשעק און דער קאַנאַדער נעמען איצט אַרויס מיין דיל־שכן פון אַפּעלריי. זיי פירן אים אונטערן אָרעם. די פיס זיינע, באָרוועסע, בלאָ־לעכע, טרעטן איבער די שפּיציקע זשווירשטיינדעלעך ביז אַלע פאַר־שווינדן זיי הינטער דער באַראַקן־וואַנט.

די גאַנצע צייט הערט נישט אויף דער טראָמפּייט אַרויסצוזאָגן די דנאָ־קלאַנגען פון זיין קראַטער־אינגעווייד. אַזוי קלינגען אָוונטיקע, דאָרפישע קלויסטערלעך פון פאַרשנייטע ווייטקייטן. אָדער איבער אויפגעשיטע טרויער־קורהאַנעס. פון דאַנען זעט מען שוין קיינעם נישט הינטער דער וואַנט. דער טראָמפּייט ווערט גאָרנישט פאַרשוויגן. וואוהין פירן זיי אים איצט אַוועק — מיין באָרוועסן דיל־שכן? איך ווייס אַפילו נישט זיין נאָ־מען. דער טראָמפּייט שאַלט איצט נאָך העכער זיינע מעשענע דנאָ־קולות. פאַרשנייטע קירכן הייבן אויף ביז צו די וואָלקנס זייערע נאַקעטע, וויגנדיקע

גלאָקן. שליטנס שווער־באַלאָדענע גליטשן זיך שדיש־פֿלינק איבער פֿאַר־פראָסטיקטע טראַקטן. דאָרפֿישע חתונה־קאַפּעליעס. גלחים מיט גילדענע צלמים. מיינע שלייפֿן גליִען שטאַרקער אין פֿראָסט. קליינע וואַלדשטערן, געפֿרוירענע און פֿאַרבלאָנדזשעטע, פֿאַלן אַראָפּ אויף די חתונה־קאַפּעליעס. עמעצער קלייבט זיי אויף מיט קרישטאָליקע פֿינגער. שאָטנס פֿון געקרייזלטן בלאָלעכן רויך גלעטן די געפֿרוירענע שטערן אין זייער ערדישער געפֿאַלנ־קייט. הינטער דער באַראַקן־וואַנט בלאָזט הויך דער טראָמפּייט: טראַ! ראַ! ראַ!; דער אלול־רעגן הייבט שוין ווידער אָן פֿאַרכטיק־דין צו פֿאַלן ביי די באָרוועסע פֿיס אינעם זשוויר: כליפּ, כליפּ, כליפּ.

פּלוצעם — אַ געשריי. פֿון הינטער דער באַראַקן־וואַנט. די טראָמפּייט־קולות שטייגן העכער. פֿון באַרג־קראַטער שווימט איצט אַרויס זיין פֿייערדיקע לאַווע. זי צעגיסט זיך פֿלאַמיק איבערן געשריי. דאָס איז ז י י ן געשריי. מיין שכנס. כ׳דערקען עס: שמע!... שמע!... דער טראָמפּייט בלאָזט העכער. דאָס געשריי ווערט שטילער. שטילקייט פֿונעם טראָמפּייטערדיקן קראַטער־דנאָ. אַלע דנאָען זענען פֿאַרפֿראָסטיקטע שטילקייטן. דאָרט, אין די פֿינצ־טערע קראַטעס, ליגן זיי פֿאַר אונדז אויסבאַהאַלטן: די שאַרפֿע חלפֿים. די דינע שפּיזן. די גלאַטיקע מעסערס. די קרומע שווערדן. די כראָפּעוואַטע שטריק. די ברייטע העק. די גענאָגלטע שטעקנס. די פֿאַרזשאַווערטע שטאַנ־גען. די שפּיזיקע קינזשאַלן. אַלע ליגן זיי אָנגעגרייט פֿאַר די באָרוועסע. ווער שיצט זיי? דער תּהום פֿון די שוואַרצע קראַטערס שיצט זיי אין דער פֿינצטערניש. אויך דער אַרויסגעוואָרפֿענער לאַווע־אַש, וואָס וויל זיך נישט פֿאַרלעשן אין זיין גליִ. דער סמיקער בלאָער אָוויר. ער באַהויכט די נידערי־קע פֿיאָלון־גראָזן. אויך די גלגלים. די שאָטנלאָזע בזשאָזעס אויפֿן באַרג. און אויך זיי — די קליינע זילבערנע העמערלעך, אויסבאַהאַלטענע אין מיינע צעגליטע שלייפֿן. — — —

דער ערשטער קומט צוריק פֿון הינטער דער באַראַקן־וואַנט פּאַוולי־טשעק. נאָך אים — דער קאַנאַדער. ווו איז מיין דיל־שכן? אָט איז ער. אַ פֿלאַטשיקער, אַ פֿלאַכער ליגט ער אויפֿן ווייסן, לאַנגן ברעט. מיטן פּנים אַראָפּ צום ברעט, וואָס דער „פּאַפּאַ“ און דער נאַכטבלינדער טראָגן ווידער אויף זייערע אַקסלען. זיי טראָגן אים הויך, הויך איבער זיך. פֿאַר זיי

טרעטן: דער „דאָקטער" און דער קאַרליק מיטן טראָמפּייט. ווידער עפנט דער מעשענער טראָמפּייט זיין קראַטער. ער וואַרפט פון זיך אַרויס געדיכ־טע, שוואַרצע, פאַרשרפעטע קולות. דעם קאַרליקס שטיוול טרעטן שווער אויפן זשוויר: כליפּ. כליפּ. כליפּ. זיי טראָגן אים צום שמאָלן סטעזשקעלע. אין צפון־זייט פון באַראַק. דאָרט שטייען שוין נישט די בנינים פאַר די אַסירים. בלויז די לאַגערקיך. אויך די גיהנומדיקע שוואַרצע קיבלס פאַרן קיכאָפּפאַל. זיי זענען פאַרצוימט. אָ, ווען מען וואָלט געקאָנט צופויזען צו די אַ פולע שוואַרצע קיבלס מיטן שפּייזאָפּפאַל. בלויז די בירקענאַוער ווראָב־ליעס פלאַטערן דאָרט אַראָפּ אין פריילעכע שערענגעס איבער די באַראַקן. איצט קוקט אַוודאי מיין דיל־שכן אַריין אין די שוואַרצע קיכקיבלס. ער האָט נישט מורא פאַר די דרעסירטע וועלפּהינט, וואָס דרייען זיך ביי דער קיך. אויף אַ קליינעם מרחק פון דאַנען שטייט ער — דער פאַרצוימטער, סודותדיקער ציגל־בנין. אַרומגערינגלט מיט די שלאַנקע בזשאָזעס.

אויפן קאַרליק גלאַנצט איצט דער טראָמפּייט פון דער ווייטנס מעשיק־רויט. אָן אויפגייענדיקע אלול־זון. דאָס איז נישט די זון. זי וועט אַוודאי היינט מער שוין נישט אויפגיין. זי וועט קיין מאָל שוין נישט אויפגיין. נישט אויפגיין. נישט אויפגיין. זי איז פאַרזונקען אינעם טויטן־קראַטער. דאָרט באַלייכט זי: אַלע חלפים. שפּיזן. מעסערס. שווערדן. שטריק. העק. שטעקנס. שטאַנגען. קינזשאַלן. אַלע וואַרטן זיי אויף מיר. אויף מיין האַלדז. פאַר מיינע קני. פאַר מיין געניק. די גלעקעלעך וועלן קריצן: קריץ. קריץ. קריץ. מיין האַלדז וועט וועלן כליפּען: כליפּ. כליפּ. כליפּ. אָבער צו ערשט וועלן נאָך אָנקומען די ווייס־געהובלטע און געטעסעטע פריטשע־ברעטער. פאַר די באַרוועסע. איצט גייען מיר שוין אַלע צוריק אין באַראַק. נאָכן פרי־מאָרגן־אַפּעל. דער זשוויר איז אַלץ נאָך פייכטלעך. טל־טרערנדיק. די פיאַ־טעס טרעטן איבערן שפּיציקן זשוויר: כליפּ. כליפּ. כליפּ. פאַר וואָס כליפּעט דער זשוויר — און איך קאָן נישט וויינען? די העמערלעך אין די שלייפן האָבן פאַרהאַקט די טרערן־זעקעלעך. אָן טרערן אויפן שפּיציקן זשוויר. כ׳וועל אַוודאי ערשט וויינען דאָרט — אין באַראַק. אויפן צעמענטענעם דיל. נישט ווייט פון ליימענעם הוצול־אויוון. נישט ווייט פון אויפגעהוי־בענעם פענצטערל. פון זיינע פאַרשטויבטע שייבלעך קאָן מען אַוודאי זען

דאָס קרומע פעלד־וועגל. הינטער דער באַראַקן־וואַנט. דאָרטן, וווּ זיי האָבן אים אָוועקגעפירט. דער קאַרליק מיטן טראָמפּייט. דער „פּאַפּאַ". דער נאַכטבלינ־דער. דער „דאָקטער". מאָרגן וועלן שוין אָנקומען די באַראַקן־פריטשעס. די ווייסע, געהובלטע אָרונס פאַר די באַרוועסע. דעמאָלט וועט זיין דער לעצטער טאָג פון אלול. דער טאָג פון פלאַטערנדיקן מלאך, וואָס רופט יעדן באַגינען די באַרוועסע, זיי זאָלן אויפשטיין נאָך דער דריטער אַשמורה. ער לעשט אויס דעם לעצטן שטערן אויפן באַרג פון די שאָטנלאָזע בזשאָזעס, כּדי צו זיין גרייט פאַרן טאָג פון פאַרכטיקייט און פאַר דער דנאָזיקער, לאַנ־גער נאַכט אָן חלום.

*

ס'איז די ערשטע נאַכט פון חודש תּשרי. די לאַנגע באַראַקן־נאַכט פון די מזלות, וואָס באַוועגן זיך אין סימן פון דער הימלישער וואָג. איצט וועט שוין מן־הסתּם מער נישט פאַלן דער גרינלעכער טל. בלויז דער בירקענ־אָוער טויטער רעגן. דערנאָך וועט אַראָפּפאַלן דער שניי. אַ בירקענאָווער שניי, געשיקט פון די הימלישע מזלות. כ'ווייס: כ'האָב הויכע היץ. איידער ס'וועט אַראָפּפאַלן דער שניי וועלן די הילצערנע פריטשעס שוין שטיין אויפן צעמענטענעם דיל. די ווייסע פריטשעס אונטער דער הימלישער תּשרי־וואָג מיטן גזר־דין פאַר מיר. וואָס וועלן זיי איצטער טאָן מיט מיר מחמת די אָניצעס? מחמת — שויתי ה' לנגדי תּמיד? לעבן מיר ליגט מיין דיל־שכנס זון. מיטן פּנים פאַרגראָבן אין דער פינצטערניש. זיינע יינגלשע הענט פלאַטערן איבער מיין צעגליט פּנים. זיין מויל פליסטערט אָן אויפהער צו מיר פון גאָר נאָענט. אומצאָליק זענען די גופים, וואָס ליגן פאַרקנוילט און צוזאַמענגעפלאָכטן אויפן דיל. וועמענס האַנט? וועמענס קאָפּ? וועמענס פוס? מיינע באָרוועסע פיאַטעס ליגן אויף עמעצנס אַקסל. איך פיל אויף די פיאַטעס דעם פרעמדנס הייסן אָטעם. וואָס אָזוינס פליסטערט איצט צו מיין פּנים מיין דיל־שכנס זון? וואָס ווילן מיר זאָגן זיינע פינצטערע ליפּן? עמעצער גייט אויפן שפּיציקן זשוויר הינטער דער וואַנט. כליפּ. כליפּ, כליפּ. דאָס איז איינער פון זיי. מסתּמא פּאַוווליטשעק. די הויכע אייזערנע באַ־ראַקן־טיר איז נאָך פאַרשלאָסן. איצט עפנט זי זיך. אַ שוואַרצער לאַנגער

גסיסהדיקער נאַכטגרילץ. דאָס איז אַן אָפּגעהאַקטער כליפּ פון אַ פלעדער־מויז, אוודאי אַריין דורכן טיר־חלל. אַ ריזיקע, סאַמעטענע, שרייענדיקע פלעדערמויז פלאַטערט איבערן דיל.

— דער טאַטע...

— וויינסט?

— ניין, כ׳וויין נישט...

דערנאָך פליסטערן זיינע ליפּן גאָר, גאָר נאָענט צו מיין פּנים:

— וועסט זאָגן אָ מ ן? —

כ׳שאָקל צו אים מיטן קאָפּ אין דער פינצטער. צי זעט ער מיין שאָטנדיקע קאָפּ־תּנועה? ער זעט זי אוודאי נישט, וואָרעם באַלד וויגן זיך ווידער צו מיר זיינע יינגלשע ליפּן:

— וועסט זאָגן אָ מ ן?

— כ׳וועל זאָגן... כ׳וועל...

— ית...גדל... וית...קדש...

— אָמן.

ס׳איז גאָר, גאָר שטיל אַרום אונדז. ערשטע תּשרי־נאַכט, געבוירן פון די וואָג־מזלות. אַרום אונדז שלאָפן אַלע. באַלד וועלן זיי אַלע אַרויסגיין פון שלאָף. זיי וועלן אָוועקוואַנדערן אין דער שטערנלאָזער, בירקענאַוער תּשרי־נאַכט. וואוהין וואָגלען זיי אַוועק? צו אַלטע קלויזן, וואָס ברענען נאָך. די פונקען טליִען אין די שלייפן. פון פרוכנע־אַש זילבערן אַרויס: שויתי ה׳ לנגדי תּמיד... אָמן... אָמן... אָמן...

— מאָרגן וועלן זיי אויך נעמען מיך. ווי דעם טאַטן דיינעם. אַוועקפירן הינטער דער וואַנט. דער קאַרליק מיטן טראָמפּייט.

— זיי שטיל. שלאָף.

זיין יינגלש קול איז מילד און טרייסטנדיק.

— וועסט זען. מאָרגן וועלן זיי קומען נאָך מיר. זיי וועלן קומען. זיי וועלן מיך אַוועקפירן. כ׳טראָג די זעלבע אַניצעס וואָס דער טאַטע דיינער. פּאַוויליטשעק... דער קאַנאַדער...

— שלאָף... גאָט ברוך־הוא וועט...

— גאָט ברוך־הוא...

— שלאָף. מען הערט יעדעס וואָרט ביים אויוון. מאָרגן קומען שוין די פריטשעס...

— דער טראָמפּייט. דער טראָמפּייט. דער טראָמפּייט.

איצט פאַלט שוין דער פּליסנדיקער מעשענער טראָמפּייט־שאָטן אויף אונדז ביידן. דער קאַרליק עפנט פאַר מיר טיפער זיין קראַטער־חלל. ער נעמט אַראָפּ פון זיין קאָפּ דעם ברייטן פויערישן שטרויהוט. דער קאַרליק ווייזט מיר זיין פּנים. דאָס איז דאָס פּנים פון פאַרשטאָרבענעם ווינט. אָן פּנים. אָן אויגנליכט. אָן גופיקער פאַרעם. טויטער חלל פון הינטער דער וואַנט. פון די גרינע, סאַמעטענע מאַכפּאַסאַדן. פון די צעטרעטענע פּיאַלונ־גראַזן. פון די ביטערע מילכשטענגלעך. אַלץ, וואָס קאָן מער נישט וויינען. איצט איז געקומען די טויט־אַשמורה אויף פאַר מיר. די דריטע אַשמורה אין דער ערשטער תשרי־נאַכט פון די מזלות. די הימלישע וואָג איז אַראָפּגע־זונקען. אָט גייען זיי שוין אַלע. מיטן ווייסן ברעט. דער „פּאַפּאַ". דער נאַכטבלינדער. פאַר זיי — דער „דאָקטער". אַלע שטייען שוין גרייטע לעבן ליימאויוון. אויך ער — דער קאַרליק. מיטן הויך־געקרייזלטן טראָמפּייט. ער איז נאָך דערוויַיל פאַרשטומט — דער טראָמפּייט. אַ שטומער פייער־באַרג. דאָרט וואַרט שוין מיט שטייניקער שטומקייט דער פאַרגליווערטער קראַטער־חלל. וואָהין פירט זי מיך — די דריטע אַשמורה? ס'איז דער לעצטער אַשמורה־חלום אויפן דיל. עמעצער נעמט מיך אונטערן אָרעם. דאָס איז ער — מיין פאַרשוווּנדענער דיל־שכן. ער איז צוריקגעקומען. צוריק־געקומען פון דאָרטן. פון דנאָיִקן שוואַרצן קראַטער. נישט געדאַרפט זאָגן אַזוי גיך קדיש. נישט אָמן. גאָרנישט נישט. בלויז: שויתי ה' לנגדי תמיד... ער איז גאָרנישט געשטאָרבן. קיינער איז נישט געשטאָרבן. ער ליגט צווישן אונדז. אויפן בעטאַנדיל. גראָד אַזוי ווי נעכטן איידער מען האָט אים אָוועקגעפירט הינטער דער וואַנט. איצט איז ער צוריקגעקומען. געקומען גראָד צו דער לעצטער אַשמורה־שעה אין פענצטערל. זיין האַלדז איז גאָרנישט צעטרעטן פונעם ווייסן ברעט. זייערע פיס האָבן זיך גאָרנישט געהוידעט אויפן פריטשעברעט, וואָס זיי האָבן אָוועקגעלייגט אויף זיין האַלדז. זיין פּנים לייכט צו מיר. די פרייד פון אַ שטיין. אויפן טייכדנאָ. אַ ווייסער שטיין ליגט אינעם סמבטיון־דנאָ. פול מיט פרייד פונעם אויסגע־

מיטענעם טויט. איצט איז זיין פּנים גאָרנישט קיין שטיין. אַן איבערגעשראָקענע, קליינע, פֿאַרשעמטע לבנה. זינט נעכטן זענען אַלע הימלישע מזלות אַזוי פֿאַרשעמט און איבערגעשראָקן. גאָט ברוך־הוא אויך. אויך ער שעמט זיך. פֿאַר די צעטרעטענע מילכגראָזן הינטער דער וואַנט. פֿאַר די צעשניטענע אָניצעס. פֿאַרן הוצול־אויוון אין שאָטן. פֿאַרן זשווירס כליפּ. כליפּ. כליפּ. פֿאַרן הויכן פענצטערל. פֿאַרן מעשענעם שבת־לייכטערל, וואָס גייט אַרויס פֿון דער וואַנט. די נאַכט פלאַטערט נאָך יעשענדיק אין דער דריטער אַשמורה. די שוואַרצע תּשרי־וואָג באַוועגט זיך צווישן די מזלות. זיי הייבן מיך שוין פֿון דיל. איצט ליג איך אויף דער וואָג. כ׳בין אַזוי לייכט. ווי לייכט און פּרוכטיק־זיס איז דער טויט. כ׳ליג שוין אויפֿן געהובלטן ווייסן ברעט. מיטן פּנים אַראָפּ. די הענט פלאַטערן בלויז צו דער ערד, בעת זיי טראָגן מיך אַרויס הינטער דער וואַנט. די הענט ווילן נישט אָפּלאָזן די ערד. גאָטס אייביקע ערד האַלט זיי געפֿאַנגען. פֿאַר וואָס ווילן די הענט גאָרנישט באַפֿרייען די ערד? די הענט ווערן דינע גלאָזיקע וועסלעס. זיי טרייבן דאָס הילצערנע שיפל אונטער מיר אַוועק אין די בלאָלעכע הימל־מרחקים. ווי גיך גייט אַוועק די דריטע אַשמורה־נסיעה. הינטער מיר איבער די הימל־מרחקים שווימט שוין דער ניי־געבוירענער מולד. ער לייכט אַראָפּ פֿונעם הימלדיקן תּהום. באַלד וועלן לעבן אים אָנהייבן לייכטן די קליינע איבערגעשראָקענע שטערן. פּאַוואָליע, פּאַוואָליע וועט ווי אַ זעגלשיפל שווימען צו איר סוף די דריטע אַשמורה.

1965—1970

אין טירינגער וואַלד

א

תּחילת פונעם לעצטן מלחמה־פרילינג איז מיטן פאַרלוירענעם שמאָלן זאַמד־וועג, צווישן אויפגעבליטן טירינגער וואַלד, געגאַנגען פאַרויס, אין דער ערשטער ציטערנדיקער מאָרגן־ליכטיקייט, אַן אויסטערלישער מענטש.

דער וועג איז אַ וואַלדיק־זאַמדיקער. טונקעלע, קליינע קיזלשטיינדלעך, איינגעפּרעסטע אינעם קלאָרן, ווייסלעכן וואַלד־זאַמד, בליקן־אַרויס צום גייענדיקן מענטשן ווי פּייכטע אַריינגעטרעטענע פלוימען. ביי בײדע זייטן פון וועג שוועבט אַרום אַ קילער, געפלאָכטענער ביימער־שאָטן פון די נידעריקע, זייער געדיכטע וואַלד־צווייגן. אפשר איז עס אַ וואַלד־וואַנט, וואָס האָט דאָ פלוצעם דורכגעשניטן דעם שמאָלן וואַלד־וועג? ערגעץ־ווו, נישט ווייט פון דאַנען, מוז פליסן אַ וואַסער. ער האָט דאָס געפילט דערפון, דער מענטש, וואָס דער זאַמד־וועג אונטער זיינע באָרוועסע פּיאַטעס איז מיט אַ מאָל געוואָרן פייכטלעך־קיל און לאָזט זיך אַראָפּ נידעריקער. אַנטקעגן זיך האָט דער מענטש גאָרנישט נישט געזען, כאָטש ס׳איז שוין געווען לאַנג נאָך זון־אויפגאַנג. פון ווייטנס האָט זיך פאַר אים דער וועג נאָך מערער פאַרשמעלערט און געוואָרן לגמרי פאַרווישט מיטן נידעריקן, בלאָלעכןביימער־האָריזאָנט. ער האָט לחלוטין נישט געפילט די שווערקייט פון זיין גייענדיקן גוף. קילע, דורכזיכטיק־קליינע מײַ־וואָלקנס זענען געלעגן ווי אויסגעשפּרייטע פעכערס איבער די ביימער־קרוינען. פון דער וואַלד־טיפעניש האָט געריעדט דאָס אייביקע, גרינע פליסטעריי פון ווינט, בלאָט, צווייג און באַהאַלטענע, איינזאַמע וואָרצלען. ער שטעלט זיך טייל מאָל אָפּ, דער מענטש, קוקט זיך אַרום. ס׳רוב הינטער זיך. ער האָרכט זיך איין. ס׳איז אימהדיק שטיל. בלויז דאָס גרינע געפליסטער פון דער וואַלד־

טיפעניש העשעט גאָר נאָענט, ווי ס'וואָלט דאָרט, אין דער אויפגעגרינטער וואָלד־אינגעווייד, געבוירן געוואָרן אַ נייע, איינזאַמע, אומבאַלעבטע ערד. ער אָטעמט איצט מיט קורצע, פלינקע לופט־שליק. ער וועט אויפהייבן די האַנט, כּדי צו זען וואָס ער טראָגט אויפן קאָפּ. ס'איז אים אויסגעקומען, אַז זיין נאַקעטער, אָפּגעגאָלטער קאָפּ־שיידל איז איבערגעדעקט מיט עפּעס אַ שווער־דריקנדיקן געוואַנט. דער מענטש האָט אָבער די האַנט נישט געקאָנט אויפהייבן העכער ווי ביז צום בויך־גאַרטל. זיי זענען אים אויף ס'ניי אַראָפּ־געפאַלן, די דאַרלעך־דורכזיכטיקע הענט, און געבליבן הענגען לעבן די היוכע, שפּרייזנדיקע פיס. פלוצעם זעט ער זיי ווידער — די קיזלשטיינער אינעם זאַמד: ווידער די צעטראָטענע פלוימען. זיי לויכטן שוין אַרויס מיט אַ שאַרף־גרינלעכן און שיינעם בליאַסק. דאָס איז געקומען פונעם גרינלעכן, ציטערדיקן ביימער־שאָטן, וואָס האָט זיך איבערגעשניטן מיט דער אַראָפּ־פליסנדיקער בלאָלעכקייט פון הימל.

ווען איז דאָס אייגנטלעך געווען — די דאָזיקע פּאַסירונג מיט דער פלוים? אַוודאי מיט חדשים אָדער יאָרן צוריק. און געשען איז עס גאָר היינט, בעתן אָפּרוימען די דייטשע פעלד־קיך. אַ קליינע, גאָרנישט־זאָגנדיקע געשיכטע מיט אַ פלוים. ער איז געשטאַנען מיט נאָך ייִדן ביים אויפהייבן די אייזערנע שוועלן פון זייער פעלד־קיך. דאָס איז געווען נאָך איידער ס'האָט זיך הינטערן באַרג פלוצעם געהאַט באַוויזן דער שוואַרצער, פרעמדער טאַנק מיט די באַוועגלעכע טורעמלעך. זיי האָבן קוים געהויבן די אייזערנע, שווערע שוועלן. הינטער זיי איז שוין געשטאַנען מאַרש־גרייט יאָהאַן ראַאַבע, דער ערשטער „קאַך", און מיט אומגעדולד געקוקט צום טאָל, ווו ס'זענען היינט באַלד באַגינען, נאָך אין דער פינצטערניש, אַראָפּ־געפאָרן די קאָמאַנדאַ־קאָמעראַדן און אים געלאָזט אַליין מיטן פאַרשאָלטע־נעם ייִדן־געזינדל... דווקא אים, דעם ס"ס־אונטערשאַרפירער, פון די ערשטע מינכענער פּאַרטיי־גענאָסן... ער זאָל נאָר באַווייזן באַצייטנס זיי אונטער־צוויאָגן... ס'איז גאָרנישט אַזוי היימלעך ביים סאַמע סוף צו גיין אין געפאַנ־גענשאַפט... אַפילו צו די אַמעריקאַנער... נו, יאָ — אַלץ בעסער ווי צו יענע, צו די ווילדע איוואַנס...

ער איז געשטאַנען אַן אומגעדולדיק־צערייצטער, יאָהאַן ראַאַבע, און

גיך פּאַרציקט ריזיקע, בלאָלעכע פלוימען פון אַ פּאַפּירענעם בייטל אַרויס. ער האָט יעטוועדע רגע אַרויסגעשליידערט פון זיין דין־שפּיציק מויל די פלוימען־קערן הינטער זיך, ווייט פונעם ייִדן־קופּקעלע. אָבער פּלוצעם האָט ער זיך וועגן עפּעס פאַרטראַכט — וואָרעם ער האָט אַרויסגעוואָרפן די פלוים־קער גאָר נאָענט פון די ייִדן. זי איז געפאַלן אַ פּאָר שריט פון דעם מענטשנס פיס. זי איז געלעגן, די פלוים־קער, אינעם זאַמד, אַ רויטלעכע, אַ זאַפטיקע, אַ בלוטיקע, ווי אַן אַראָפּגעפאַלענער שטערן. דער מענטש האָט בלויז גע־דאַרפט אַ קליינעם שריט טאָן, כּדי זי צו דערלאַנגען מיט דער האַנט. ער טוט עס גיך, איינגעבוקטערהייט. שוין ליגט די פלוימען־קער אינעם מענטשנס מויל. וואָסערע ווונדערלעכע, פייכטלעכע, היילנדיקע זיסקייט, באַשעפער דערבאַרעמדיקער! אַזוי פיל יאָרן שוין נישט געהאַט דעם זאַפ־טיקן טעם פון גאָטס רויטער מילך אויפן גומען! יאָהאַן ראַאַבע איז שוין אָבער געשטאַנען לעבן אים. איבערן מענטשנס קנאָכיק־איינגעפאַלן פּנים האָט זיך אויפגעהויבן אַ דיקלעכע בלוט־שנור. דאָס איז געוועזן פון אַן אַראָפּגעפאַלענעם שווערן רימען אין ראַאַבעס האַנט. דער מענטש הערט נאָך אַפילו איצט, בעתן גיין אויפן וואַלד־וועג, ווי עמעצער שרייט הינ־טער זיינע אויערן־לעפלעך: מוזולמאַן־שווייַן! מוזולמאַן־שווייַן! שפּוק אויס!... שפּוק אויס!... שפּוק אויס!... שווייַן!... שווייַן!... שווייַן!...

די קיזלשטיינער ווערן שוין איצט פאַרן גייענדיקן מענטשן זייער פלאַטשיק. זיי ווערן ווייניקער שיטערער ביז זיי פאַרשווינדן. צוזאַמען מיט זיי פאַרשווינדן אויך די צעטראָטענע פלוימען. די באָרוועסע פיאַטעס גייען אַראָפּ, אַראָפּ. זיי טראָגן־פאַרויס דעם איינגעפאַלענעם גוף איבער דעם פייכטלעכן וואַלד־זאַמד. די פאַסירונג מיט דער פלוים פירט דעם מענטשן צוריק צו זיין פּנים, וואָס בריט נאָך. די שליייף ברענט. אויף דער הויט ליגט מסתּם אַ גלייַקער, פרימאַרגנדיקער זון־שטרייף, וואָס ברענט און וויל נישט פאַרשווינדן. דער שאָטן הינטער אים אויפן וועג ווערט קילער און געדיכטער. קליינע, קאַליריקע וואַלד־פייגל שניידן אַדורך דעם בלאָלעכן וועג־חלל הויך איבער זיין קאָפּ. זיי לאָזן אַרויס אַ פויגלשן ברוך־הבא־צוויטשער פאַרן אויסטערלישן מענטשן און פאַרשווינדן דערנאָך אינעם גרינעם, געפלאָכטענעם צווייגן־געפלעכט. ער וואָלט זיך אפשר געדאַרפט

אַוועקזעצן אַ ביסל אינעם וואַלד־שאָטן אָפּרוען. ס׳קאָן דאָך שוין נישט זיין קיין שום סכּנה, בעת אַלע זענען זיי זיך צעלאָפן. ער וועט צונויפ־קלייבן די צעריסענע מחשבות. אַזוי ווי דאָס טוט אַ פויגל, וואָס קלייבט־אויף קליינע צעבראָכענע קערנער. ווער ווייס: אפשר איז ער גאָרנישט ער — אַ מענטש — נאָר אַ פויגל־ אָדער חיה־גילגול, וואָס איז איצט דאָ אַריין אויף אַ נײַ־באַשאַפענער, גרינער וואַלד־ערד? ס׳זענען די אָנהייב־שעהען פון אַ נײַער וועלט. ווי אימהדיק־שטיל און מיט וויפל גרוילן ווערט זי איצט געבוירן פאַרן איינזאַמען מענטשן, וואָס טרעט איצט מיטן שאָטנדיקן וואַלד־וועג אין טירינגער וואַלד.

מיט אַ מאָל ווערט דער וואַלד־וועג זייער שמאָל ווי אַ קאַרטאָפל־פעלד־סטעזשקע און פאַלט אַראָפּ משופּעדיק. ער האָט אַוודאי געמוזט אַראָפּגיין פונעם וואַלד־וועג. איצט ווער ווייס ווו עס קאָן אים אַוועקפירן. ווי אַזוי איז עס וואָס ער פילט לחלוטין נישט קיין הונגער? ווי אַזוי איז דאָס אַלץ געשען? זיין גיין דאָ איינער אַליין? ווו זענען די לאַגער־ייִדן? ווו איז יאָהאַן ראַאַבע? ווי אַזוי קומען צו אים די אַלע מחשבות? די ביימער? דער וואַלד? די דורכפלאָטערנדיקע וואַלד־פייגל? און דאָס זאַמד אונטער די פּיאַטעס... פאַר וואָס גייט ער עפּעס באָרוועס? ווו זענען זיינע האָלץ־שיך? צי זענען זיי אים אַליין אַראָפּגעפאַלן פון די פיס די ערשטע רגע פון לויפן? פאַר וואָס קאָן ער נישט אויפהייבן די הענט? און פּלוצעם: פון וואַנען שפּראָצט אין אים מיט אַ מאָל אַ פרייד? וואָסערע פרייד!... די אַראָפּפאַלנדיקע, וויגנדיקע הענט רירן אָן ביים גיין די שאַרפע זייטן־קנאָכן פון זיינע פיס. ער אָטעמט! ער פילט די צונג אויפן גומען! דאָס אויג זעט, זעט. דאָס אויער הערט, הערט... וואָס אַזוינס הערט אַלץ נישט דאָס אויער איצט? צווישן גאָטס אייביקן גרינלעכן ביימער־געמורמל איז אַריינגעוועבט דאָס שטילע, פריידיקע קלאַנג פונעם גייענדיקן מענטשנס האַרץ: טוק... טוק... טוק...

די זון האָט דערווייל זיך פאַוואָליע אויפגעהויבן העכער איבער די גרינלעכע וואַלד־ווענט. דעם מענטשנס קליינער, וואַקלדיקער שאָטן פאַלט איצט אין דער פאַרקערטער זייט. אינעם שאָטן זעט ער: די פיס, דעם וואַקלדיקן, אויפגעשפּיצטן קאָפּ, דעם וויגנדיקן לאַנגן גוף. צו מייסטן

נעמט אַרום דעם מענטשן אַ בענקעניש אָנצוקוקן ווידער זיין פּנים. די אויגן. זיך דערמאָנען דעם אייגענעם נאָמען. אַזוי פיל יאָרן שוין נישט אַריינגעקוקט אין אַ שפּיגל־ראַם, נישט געזען דאָס אייגענע פּנים. אָ, אַל־מעכטיקער, פאַרטרייב פונעם מענטשן זיין פּחד ווען ער וועט אַ בליק טאָן אין זיין פּנים, וואָס איז אַן אָפּבילד פון דיר. ער ווייס נישט, דער מענטש, ווי אַזוי קומט ער פּלוצעם אויף דער מחשבה: גאָט. ער איז איצט אין גאַנצן שוין אַריינגעטראָטן אויף דער וואַלד־ערד. דיביימער האָבן זיך צונויפגע־רוקט. גרינע יענעוועלטיקע געשטאַלטן. אַ גרינלעכע, פלאַטערנדיקע וואַלד־וואַרעמקייט גייט פון דער ערד, ווו ס׳ליגט אַ ווייכער, פלושענער שאָטן. דינע, זילבערנע פעדעם ציטערן אָנגעהאָנגענע צווישן די ביימער ווי גאָטס ווייסע מחשבות. איצט איז שוין די ערד אַזוי שמאָל, אַז ער מוז טרעטן נאָר מיט איין פוס פאַרויס. אָבער באַלד שווערט עפּעס אין די אויערן. ער צעשאַרט די בלעטער־געדיכטקייט. הינטער זיי — דער ברוינלעך־שוואַרצער בוים־שטאַם. ער האָט אַזאַ גלוסטעניש אַרומצונעמען עמעצן. פאַרוואָרפן די אָרעמס אויף עמעצן. אַרויפלייגן די הענט — פון צו פיל פרעסנדיקער פרייד און אומרו. ער שפּרייט־אויס די הענט און נעמט אַרום דעם בוים. ער פאַרבייגט זיין קאָפּ אויף דער קילער בוים־קאָרע. ער לייגט אַוועק זיין איינגעפאַלן מויל איבערן שוואַרצן פּנים פון בוים. ערגעץ־ווו ענטפערט שטיל אַ פיקהאָלץ: טי־רוק... טי־רוק... אַ וואַלד־טויב טירקלט פון גאָר נאָענט: טי— ר—ר —ול... טי—ר—רול... ער רייסט זיך קוים אָפּ מיט די אויס־געשפּרייטע אָרעמס פונעם בוים. איצט האָט דער מענטש גאָר גיך אַ קוש געטאָן די קאָרע און רייסט זיך אָפּ פון איר. ווי זיס איז איר הויט אין דער ערשטער פרילינגדיקער באַרירונג נאָך יאָרן פינצטערניש. נאָך אַ פּאָר שריט — און זיינע פיס שטייען שוין אויף עפּעס אַ נאַסן שטיין. אַ קליי־נער, פליסנדיקער שטראָם שווענקט דעם מענטשן זיינע פאַרשטויבטע, גראָע פיס־פינגער.

ס׳איז אַ קליינער, זינגענדיקער וואַלד־קוואַל, וואָס שלאָגט אַן אויס־באַהאַלטענער אין דער גרינער וואַלד־פינצטערניש ווי גאָטס פאַרבאָרגן האָרץ. פון דאַנען פירן זיינע קילע, פליסנדיקע שטראָמלעך, דורך קנײַענ־דיקע קוסטעס, אַראָפּ, אַראָפּ אינעם טאָל. אַרום קוואַל איז קיל און האַלב־

פינצטערלעך. דורך די נידעריק־געבוקטע ביימער, צווישן זייערע שיטע־רע צווייגן, פאַלן אַראָפּ אינעם קוואַל־שטראָם צעפינקלטע, בלאָע שטיק־לעך הימל. זיי זעען אויס אינעם קוואַל־וואַסער ווי שווימענדיקע וואָלד־טויבן. איידער דער קוואַל־שטראָם פאַלט אַראָפּ נידעריקער אינעם טאָל, האָט ער דאָ, צווישן גרין־זילבערדיקן מאָך און ווילדע וואַלד־יאַגדעס, אויפגעזאַמלט אַ שטייענדיק וואַסערל מיט קליינע, ציטערנדיקע, פּאַרמאָ־כיקטע בלעטער איבער זיין אויבערפלאַך. די בלעטער ציטערן אינעם קלאָרן דורכזיכטיקן וואַסער. ער וועט זיך אַראָפּזעצן אויפן שטיין, דער מענטש, אָפּוואַשן די פיס, איידער ער וועט זיך לאָזן גיין אינעם וואַלד. ער וועט דאָך מוזן לסוף אָנקומען ערגעץ ווו. צו מענטשן... צו מענטשן... איי־דער ס׳וועט צופאַלן די וואַלד־דעמערונג... און איצט איז דאָך ערשט האַל־בער טאָג אין טירינגער וואַלד.

דער פאַרמאַכיקטער שטיין אונטער אים איז קיל. אויך הינטערן שטיין שלאָגט אַ וואַסער־האַרץ, — אַ ציטערדיקס, אַ קאַלטס, וואָס קושט מיט זיינע אַרויסגעשלאָגענע וואַסער־קלעפּ די זייטן פונעם שטיין ווי אין אַ שלייף. ער האָט זיך פּלוצעם אַריבערגעבויגן איבערן וואַסער, דער מענטש, און געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער. דער שאָטן פון זיין גראָען, איבער־געבויגענעם אויבערשטן גוף־טייל ליגט אינעם וואַסער אַ לענגלעכער און ציטערט. ער קאָן זיך נישט, דער מענטש, אַ באַוועג טאָן. אַ פּחד באַפאַלט אים, אַראָפּבליקנדיק צו דער פרעמדער וואַסער־געשטאַלט. דער מענטש האָט זיך געפּרוווט אויפשטעלן און נישט געקאָנט. אים האָט זיך געדוכט, אַז הינטער זיין רוקן שטייט די אַ ציטערנדיקע געשטאַלט. זי קוקט צו אים פונעם פאַליענדיקן וואַסער מיט גליַיִקע וואַלד־פּחדים אין זיינע אויפגעריי־סענע אויגן־לעכער. ניין, ער איז גאַרנישט דאָ. גאַרנישט דאָ. ער האָט קיין מאָל נישט די לעצטע יאָרן געזען ווי אַזוי ער זעט אויס. ער האָט נאָר תּמיד געהערט זיך רופן אין אַ מטושטשדיקן קנויל פון ציפערן. צי שטייט נישט הינטער אים איצט פאַרטייעט יענע סודותדיקע געשטאַלט, וואָס איז אַרויס פון וואַלד־געדיכטעניש מיט די אויסגעברענטע ציפערן אויף די הענט? ער דרייט איצט איבער די לינקע דלאָניע. אויך אין וואַ־סער האָט זיך די האַנט אויסגעבויגן און ער זעט דאָרט די זעלביקע, נאָענטע,

ציטערנדיקע ציפּערן. ווער ביסטו עס, ציטערנדיקער, דורכזיכטיקער גוף? ווי אַזוי רופט מען דיך? דער זכּרון ביים מענטשן איז דאָך אַזוי שוואַך געוואָרן דורך די לעצטע יאָרן, — בפרט, אַז זיי האָבן זיך געפּיטערט דעם גאַנצן ווינטער מיט געקאָכטן, שטעכיקן לאַנקע־גראָז. ער האָט דאָך מסתּם געהאַט, דער מענטש, אַ נאָמען — אַ יִידישן נאָמען. ווי אַזוי האָט מען דיך גערופן גראָער, דורכזיכטיקער שאָטן? צי וועט זיך איצט אויף ס׳נײַ צו אים אָנטפּלעקן פונעם פאַרבאָרגענעם וואַלד־קוואַל זיין יִידישער נאָמען?

דער מענטש קוקט שאַרף איצט אָן די שוואַרצלעכע געשטאַלט אינעם וואַסער. ס׳איז אפשר אַלץ אַן אויסדוכטעניש. אַ חלום. ער איז גאָרנישט דאָ. ער איז נישט אינעם וואַלד. ס׳איז נאָר אַ גרינלעכער, פלאַטערנדי־קער וואַלד־גילגול, געבוירן פונעם פרעפּלענדיקן וואַסער און גרינלעכער פינצטערניש. דאָס וואַסער־האַרץ שלאָגט אינעם מענטשן איצט אַזעלכע קליינע פלינקע קלעפּ. ער און דער באַהאַלטענער וואַלד־קוואַל זענען פאַר־בונדן צווישן זיך מיטן אונטערערדישן, אײַליקן האַרץ־שלאָג. דאָ זיצט מוזולמאַן מיט די שדישע אויסגעבערענטע ציפּערן אויף דער האַנט און שפּיגלט זיך אינעם וואַסער. זיין קאָפּ ביי די אויפגעהויבענע שלייף־וועגט־לעך איז לענגלעך־שפּיציק. אינעם וואַסער אונטן זעט זיין קאָפּ אויס ווי אַן אַרייַנגעפאַלענע, טויטע באַרנע. דער קין איז אויסגעצויגן לאַנג, בעת דער האַלדז טיילט זיך אָפּ פון דער באַרנע שאַרף־צאַקיק. דאָס איז נישט מער אַ מענטשלעכער האַלדז, נאָר אַ שמאָלע שרויף מיט אַן אַרויסשטאַר־טשנדיקן קנאָפּ. די אויגן זעט ער נישט, דער מענטש, אָבער פון די אַקסל־ביינער און פון צווישן די פאַרטיפטע בערגלעך פאַלן אַראָפּ זיינע הענט שוועבנדיקע און דורכזיכטיקע. ער האָט פּלוצעם אַראָפּגעלאָזט די הענט טיף אינעם וואַסער, ביז איבער די ציפּערן. אפשר וועט געשען אַ נס און זיי וועלן פאַרשווינדן, די ציפּערן. דער שוואַרצער קוואַל־שפּיגל האָט אומרויִק אַ צאַפּל געטאָן מיט זיין פאַליענדיק גלאָז, בעת די הענט זענען אין אים אַריין. ער האָט זיי גיך אויף ס׳נײַ אַרויסגעהויבן. ס׳האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַ טונקעלער, אומבאַקאַנטער כּוח האָט פּלוצעם אויפגעזידט דאָס פרידלעכע קוואַלוואַסער. ער האָט איצט אָן אויפהער געקוקט אַראָפּ ווי ער וואָלט אַריינגעקוקט אין א שוואַרצלעכן, איינגערעמטן שפּיגל־גלאָז. אָט

האָט דער פֿאַרבאָרגענער וואַלד־קוואַל צוריק אָפּגעגעבן דעם מענטשן דאָס פּנים, די אויגן, דעם קאָפּ. פֿון די פֿאַרבאָרגנסטע זכּרון־קעמערלעך האָט זיך איצט אַרויסגעגליטשט אַ טראָפּן ליכט. דאָס ליכט האָט אָנגעהויבן צו באַלייכטן די פֿאַרגליווערטע פּינצטערניש, וואָס האָט אַרומגעפּלאָטערט אונטערן דאַרלעכן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ־שיידל. דער מענטש האָט פּלוצעם אַ געשריי געטאָן מיט אַ ווילדן, פֿאַרגילגולטן וואַלד־געשריי, בעת ער דערפֿילט אין קאָפּ דעם אויפֿגאַנג פֿון ליכט. זיין ווילד וואַלד־געשריי איז אַריין אינעם פֿאַליענדיקן קוואַל. פֿון דאַנען האָט דאָס געשריי זיך געריסן דורך אונטערערדישע וואַסער־פּלאַנצן, ביז ס'איז ווידער אַרויס דורך געבוקטע פֿאַרמאָכיקטע וואַלד־געוויקסן אויף דער וואַלד־ערד. וואַלד־פֿייגל, באַהאַלטענע אין זייערע נעסטן, האָבן דעם מענטשן איצט פֿון דער נאָענט גערופֿן מיט אײבערגעשראָקענעם פֿויגלשן צוויטשערן. אפֿשר איז עס בלויז געווען אַ ווידערקול פֿונעם מענטשנס פּלוצעמדיקן אויסגעשריי. ער האָט אין דער גיך אָנגעהויבן אַרויסצושעפּן פֿולע האַנטפֿלאַכן וואַסער און זיי אַרויפֿגעוואָרפֿן איבערן פּנים. דאָס וואַסער איז געווען קיל, מיט אַן אונטערערדישער, הײלנדיקער וואַלד־קילקייט. ס'איז געפֿאַלן פֿון זיין קין אין קליינע צעריסענע שטראָמען. ער האָט זיך נאָך אַ מאָל אַריבערגעבויגן איבערן וואַסער און ער האָט דערקענט זיין אַמאָליק פּנים. דער זכּרון האָט זיך אינעם מענטשן טיפֿער געעפֿנט, ווי ס'עפֿנט זיך אַן אויפֿגעפּלאַצטער בלום־בעכער. אַ פֿייערזייל האָט געשפּאַרט הינטערן שטערן. עמעצער האָט דאָרט אין דער טונקלקייט פּלוצעם אָנגעצונדן אַ ליכט. און אין שיַין פֿון דאָזיקן אָנגעצונדענעם ליכט האָט דער מענטש נאָך אַ מאָל אַ געשריי געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט זיין ייִדישן נאָמען. ער האָט אַזוי נאָענט צוגעפּירט דאָס פּנים צום וואַסער, אַז די אויגן־לעדלעך האָבן אַזש אָנגערירט די וואַסערפֿלאַך. אויף ס'ניי האָבן וואַסערשטראָמלעך זיך געגליטשט איבער זיין פֿון טויט אויפֿגעוואַכט פּנים. און ער האָט שוין נישט געוווּסט, דער מענטש, צי רינט אַראָפּ פֿון זיין פּנים בלויז דאָס קוואַל־וואַסער, אָדער צי פֿאַלן נישט אַזוי די ערשטע טרערן צוזאַמען מיטן אויפֿגעטויכטן ייִדישן נאָמען:

— דניאל!... דניאל!... דניאל!... דניאל!... דניאל לעבט!... ער לעבט!... ער לעבט!... ער לעבט!...

ב

אויסטערלישע פּאַסירונגען זענען איִנעם לעצטן מלחמה־פרילינג געשען אויף די קרייצוועגן פון טירינגער וואַלד, צווישן דייטשלאַנדס מערב־פּראָ־ווינצן און די אַראָפּפאַלנדיקע, פלאַכע שטחים פונעם דרום־לאַנד.

ווי נאָר דער אומגעדולדיקער, פריִער פרילינג פון יענעם לעצטן מלחמה־יאָר איז געגאַנגען דורך דער וואַלדיקער טירינגער געגנט, האָבן אומצאָליקע קליינע אויפגעלייזטע יידן־לאַגערן אויף דער דייטשישער ערד געוואַנדערט אַראָפּ נידעריקער צו דרום. די יידן־אַסירים, אַרומגעהילטע מיט אַלטע צעפאַלנדיקע ליילעכער, אָדער מיט שוואַרצע צעריסענע פלעדן, זענען געגאַנגען אין קליינע, צעוואָרפענע מחנות. זיי זענען געפירט גע־וואָרן בהלהדיק אויף זייטיקע וואַלד־וועגן, אָדער דורכגעקרייצט פאַרזייטע פעלד־פליינען. אַלטע, נישט פראָנט־פעיִקע דייטשע מענער, אָדער אונטער־וואַקסנדיק באַוואָפנט היטלער־יונגוואַרג זענען געווען די אַנטרייבער, צו־זאַמען מיט קליינע ס״ס־קאָמאַנדאָס. זיי זענען געשלעפט געוואָרן, די יידן־מחנות, ס׳רוב אין די נעכט, ביזן אויפגאַנג פון דער זון. זיי האָבן געצילט וואָס גיכער אָנצוקומען אין דער דרום־פּראָווינץ, וואָס האָט נאָך געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. פאַרשיידן זענען געווען די צילן פון די וואַנדערנדיקע מחנה טרייבער. איבער אַלץ האָט געזיגט דער לעצטער תּלין־באַפעל : נישט איבערלאָזן ביים לעבן אין קיין שום מצב די יידן־אַסירים.

אין פאַרלאָזענע דייטשע דערפלעך מיט שיין־געבויטע, קאָלירקע קירכעלעך און בנינים מיט רויטלעך־שפּיציקע שינדל־דעכער זענען די מחנות אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די פאַרבליבענע ווייבער, זקנים, קינ־דער און מלחמה־אינוואַלידן. זיי האָבן זיך מיט דראָונגען און שפּאָט־רופן, טייל מאָל מיט שרעק, צוגעקוקט צו די וואַנדערנדיקע מענטשן־געשפּענס־טער. טייל מאָל האָט עמעצער בסוד אַרויסגעוואָרפן פון אַ פענצטער און באַלד פאַרשווּנדן — אַ רויע קאַרטאָפליע, אָדער אָפּפאַל פון די גרויסע, ווייסלעכע פערד־ריבן. טייל מחנות זענען געלעגן אין אַלטע תּבואה־שפּייכ־לער צוזאַמען מיט די ס״ס־טרייבער, וואָס האָבן געוואַרט אויף דער רגע, כּדי צו אַנטרינען און איבערצולאָזן די מחנה אויף אייגענעם באַראָט. זיי האָבן אַלע געהאַט גוטע סימנים, אַז אָט, אָט און זיי וועלן צעשטויבט

ווערן צווישן די צוויי דערנעענטערנדיקע פראָנטן, ווי צווישן ריזיקע מיל־שטיינער.

ס׳איז זיך אָפּט פּאַרלאָפן, אַז עמעצער פון די ייִדן־אַסירים האָט זיך אָפּגעריסן פון דער וואַנדערנדיקער מחנה און אַנטרונען אין טירינגער וואַלד. אָבער נאָך דעם ווי ס׳איז געשען, אַז אַזאַ אַנטלאָפענער איז שפּעטער אין נאָענטסטן דאָרף געפונען געוואָרן אַ דערשאָסענער, אָדער געהאָנגענער — האָט פון דער מחנה זעלטן ווער שוין געפּרוווט צו אַנטלויפן. מען האָט געהערט, אַז די וועלדער אַרום זענען איבערפול מיט אויסבאַהאַלטענע ס״ס־מענער, וואָס ליגן איבערגעטוענע אין באַהעלטענישן. זיי לויערן דאָרט אויף די אַנטלאָפענע אַסירים. מיט יעטוועדן טאָג זענען די וואַלד־וועגן געוואָרן איבערפולטער מיט געפאַלענע פון די געטריבענע ייִדן־אַסירים. איבער זייערע געפאַלענע גראָע גופים האָבן אָנגעהויבן צו רוישן די ערשטע גרינע נאָדל־בלעטער פונעם לעצטן מלחמה־פרילינג. אָפּט האָבן די אַנטרונענע געמוזט וואַנדערן מעת־לעתן דורכן טירינגער וואַלד ביז זיי זענען אָנגעקומען ערגעץ אין אַ ייִשוב. זיי פלעגן זיך טייל מאָל אינעם וואַלד באַגעגענען אויג אויף אויג מיט די משונהדיקסטע וואַלד־היטער און יעגער. דאָס זענען געווען ריזיק־הויכע דייטשע מענער, באַוואָפנטע מיט כּלי־זין און געדרייטע בלאָז־הערנער. צווישן דעם אַנטרונענעם מענטש־געשפּענסט און דעם גערמאַנישן באַוואָפנטן וואַלד־מענטש פלעגט דעמאָלט פאָרקומען אַ טויטלעך־שווער וואַלד־געראַנגל. ס׳רוב איז אַזאַ אַנטלאָפענער, אָן אומבאַוואָפנטער און שוואַכער, אונטערגעשאָסן געוואָרן דורך די יעגער און ס״ס־שומרים. אינעם שאָטן פון די טירינגער ביימער איז דער אַנטלאָפענער, שוין אַ באַפרייטער פון די גערמאַנישע שומרים, אויף ס׳ביי אַריינגעפאַלן אין די טויט־נעצן, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט ווי פאַר יעטוועדן געווילד. טייל מאָל פלעגט אויך געשען, אַז אַזאַ וואַנדערנדיקער מענטש־געשפּענסט האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט אַנדערע אַנטרונענע וואַנדערער. מען איז געגאַנגען צוזאַמען פאַרויס מיט אַלע פּחדים און דערשטוינונגען פון פלוצעמדיקן נס. צווישן די אַנטרונענע זענען געווען כּלערליי פעלקער: פראַנצויזן און איטאַליענער, פּאָליאַקן און רוסן, האָלענדער און ייִדן, אַנטלאָפענע אין דער לעצטער רגע פון זייערע סטאַלאַגס, אָפלאַגס און אַר־

בעט־לאַגערן. אין קליינע, צעשאָטענע גרופּן האָבן זיי זיך ביסלעכווייז געווען טרוקט פאָרויס, צו דער דרום־גרענעץ פון טירינגער וואַלד.

וואָס מערער די מחנות האָבן זיך דערנעענטערט צו די דרום־ראַנדן פון קרייז טירינגען, אַלץ אָפּטער האָבן זיי געמוזט אַדורכגיין קליינע, פאַר־לאָזענע יישובים. דאָ פלעגן זיך די אָפּגעריסענע געשפּענסטער־מחנות אויסבאַהאַלטן אין פאַרלאָזענע תבואה־שפּייכלער, אין ליידיקע פי־שטאַלן אָדער אין טויטע, פאַרשימלטע מילן. דאָ פלעגן זיי אָנטרעפן אויף אויס־באַהאַלטענע, באַבערדיקטע לאַנדשטורם־סאָלדאַטן און אַפילו אויף אי־בערגעטוענע ס״ס־לייט. די אַלטע דערשראָקענע לאַנדשטורם־סאָלדאַטן האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אויפן טאָג ווען זיי וועלן אַרויס פון די באַהעלטענישן מיט אויפגעהויבענע הענט. זיי האָבן שוין געהאַט גרייט ווייסע, צעריסענע העמדער־שטיקער, כדי זיי צו פאַרבינדן אויף די לאַנגע, שוואַרצע ביקסן־לופעס. צווישן די אַנטלאָפענע אסירים און אויסבאַהאַל־טענעם דייטשישן לאַנדשטורם איז טייל מאָל אַנטשטאַנען אַ נאָענטקייט און אַ מענטשישע וואָגל־פריינדשאַפט. די דייטשע מענטשן האָבן געבערט די געשפּענסטער־אסירים פון זייערע זיסע מילך־פּושקעס, מיט שאַרף־געזאַלצענע פלייש־קאָנסערוון און כלערליי גוטע דרום־פּרוכטן. זיי האָבן אויך די אסירים לאַנג נישט אַוועקגעלאָזט פון זיך, וואָרעם לויט די סימנים פון די נאַכט־שלאַכטן איבערן טירינגער וואַלד, האָבן זיי געוווּסט, אַז דער טאָג איז גאָר נאָענט און זיי וועלן אַלע זיך צוריקקערן צו זייערע שטעט און דערפער. און דאָס אַלץ, אויף וואָס די אויסבאַהאַלטענע וואַלד־מענטשן האָבן געוואַרט, וועט מסתּם צו זיי קומען גאָר פּלוצעם. ביי נאַכט וועט דער טיר־נגער וואַלד־הימל הענגען אַ גאָר שטילער און אַ פאַרגליווערט־פליסנדיקער מיט אומצאָליקע שטערן. זיי וועלן אַראָפּלייכטן אין דער וואַלד־פינצטערניש מיט אַ גרויסער דערבאַרעמדיקער שטילקייט. ווייט איבער די קרייץ־וועגן וועלן זיך דעמאָלט לעשן די לעצטע פראָנט־שׂרפות. אויף גרויסע מרחקים וועט ווערן אימהדיק שטיל. ס׳וועט זיין דער גרינסטער פרילינג זינט אַ סך יאָרן. דער ווינט וועט אויף ס׳ניי אָנהייבן צו באַוועגן די פייכטלעכע, יונגע פרילינג־בלעטער. ער וועט זיי באַוועגן ביז אין די דינסטע וואָרצלען אַזוי שטיל, אַז די אויסבאַהאַלטענע וואַלד־מענטשן וועלן

ווידער קאָנען אויפנעמען אין זיי דאָס אומקערנדיקע געזאַנג פונעם לעצטן פאַרוווּנדיקטן מלחמה־פרילינג.

ג

נאָכן פינף־טאָגיקן ווייִנאַכט־אורלויב דעם לעצטן מלחמה־ווינטער פון איר בן־יחידל פראַנצל, איז גרעטל האַגענדאָרף, די אַלמנה פונעם האַלצ־העקער העלמוט האַגענדאָרף, וואָס איז געפאַלן ביי סטאַלינגראַד, אַרייג־געפאַלן אין אַ שווערער מרה־שחורה. אָנגעהויבן האָט עס זיך ביי איר אייגנטלעך אַ סך פריִער, נאָך דעמאָלט בעת איר זיבעצן־יעריקער פראַנצל איז געקומען פון די געטאָ־דיסטריקטן ערגעץ אין אָסטן און מיטגעבראַכט פון דאָרטן דעם רוק־זאַק מיט די אויסטערלישסטע מתּנות.

דאָס זענען געווען פאַר דער אַלמנה גרעטל האַגענדאָרף משונהדיקע זאַכן, וואָס זי האָט זיי געזען דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן: קליינע רויט־בלוטיקע בעכערס, דורכגעצויגן ביי די ראַנדן און איבער די קיילעכדיקע ווענטלעך מיט שיינעם, געשנירלטן זילבער; קונציק־אויסגעפורעמט כּל־ערליי זילבערוואַרג, אויף קיילעכדיקע פיסלעך, מיט שפּיציקע, אויפגעהוי־בענע טורעמלעך, וואָס האָבן אַלע שיִער נישט אויסגעזען ווי די קליינשטעטל־דיקע קירכעלעך און אַלטע דייטשישע דאָמען. אומצאָליקע גאָלדענע חתונה־רייפלעך, ס׳רוב צוויי־שיכטיקע, באַשלאָגענע מיט מאָנאָגראַמען און מיט פרעמדע משונהדיקע געשריפטסן. שוואַר־וואָגיקע, טונקעלע האַלדז־בראָס־לעטן, לייכטנדיקע אויער־רינגען און שאַרף־בלאָלעכע בראָשן, וואָס זענען געלעגן אויפן סאַמע דנאָ פונעם רוקזעקל און דאָרט אויסגעזען ווי קליינע געפּאַנצערטע טשערעפּאַכעס. פון צווישן די אַלע געבראַכטע מתּנות האָט פראַנצל האַגענדאָרף צומייסטן ליב געהאַט אַ שיינעם ווייס־זילבערדיקן עס־לעפל. דאָס איז געווען אַן עס־לעפל נישט פון געוויינלעכער גרייס. זיין שלאַנק, דין גריפל, וואָס איז געווען איידל אויסגעצויגן און אַ ביסל פאַרבויגן ווי אַ העלדזל, האָט געהאַט אויף זיין גריפּל־האַרץ אויסגעקריצט געפלאָכטענע, פרעמדע אותיות. די דאָזיקע אויסגעקריצטע סימנים האָבן אים אַזוי שטאַרק דערמאָנט דעם הייליקן האָקנקרייץ. ער פלעגט זיך קיין מאָל נישט שיידן, פראַנצל, מיטן לעפל, אַפילו דאָרטן, אין אָסטן, און זיך

באַדינט מיט אים ביי יעטוועדן פייערלעכן מאָלצייט. און ווען איז דאָרטן, אין אָסטן, דאָס מאָלצייט נישט געווען פייערלעך? ער האָט אים געהאַלטן ווי אַ קמיע, וואָס היט אים אָפּ פון נישט־פאַרויסגעזעענע קלעפּ פון גורל. דער לעפל האָט בעתן עסן אַרויסגעגעבן פון זיך, פון זיין פאַרבויגן גריפל־האָרץ, אַ טרויעריק־שיינעם, אויסטערלישן, מעטאַלענעם קלאַנג. תּחילת האָט ער געמיינט, פראַנצל, אַז דאָס איז פּשוט אַ געוויינלעך אויפּציטערן פון ווידערקולות ביים צונויפטרעפן זיך פונעם לעפל־זילבער מיטן פאַר־צעלייענעם טעלער. ער האָט זיך גענומען זייער אָפּט צוהערן צום דאָזיקן פאַרבאָרגענעם שטילן קלאַנג, צוטראַגנדיק דאָס הענטל גאָר נאָענט צום אויער. און באמת: דער לאַנגער זילבערנער לעפל־גריף האָט פון זיך אַרויסגעגעבן ווי אַ קאַמערטאָן דעם דאָזיקן אויסטערלישן, ציטערדיקן קלאַנג, ווי עפּעס פאַרבאָרגנס וואָלט גערופן מיט אַ דינעם כליפּ פון אַ קליינעם קינדערישן האַלדז אַרויס.

נאָך דעם ווי פראַנצל האַגענדאָרף איז געקומען אַהיים מיטן רוקזעקל מתּנות, איז ער גאַנצע טעג אָפּגעלעגן אַן אויסגעשטרעקטער אין דער קיך אויף דער ברייטער דעמבענער באַנק. ער איז נישט מיד געוואָרן אומ־צאָליקע מאָל צו דערציילן דער אַלמנה די אויסטערלישסטע געשיכטעס פון ד א ר ט ן. גרעטל האַגענדאָרף האָט אַזוי גיך נישט געקאָנט נאָכגיין דעם זונס פריילעכע פּאַסירונגען. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז בעת פראַנצל איז פאַר צוויי יאָר אַלט געוואָרן פופצן, האָט ער זיך שוין דעמאָלט נישט גע־קאָנט דערוואַרטן, אַז מען זאָל אים רופן צו שיצן די קעמפנדיקע פראָנטן אין מיזרח צוזאַמען מיטן פאָטער, וואָס איז דעמאָלט נאָך געשטאַנען ביי סטאַלינגראַד. און פּלוצעם — די בשׂורה, אַז העלמוט האַגענדאָרף איז גע־פאַלן מיטן העלדן־טויט פאַרן פירער און פאָטערלאַנד. דער דאַרער, ווייס־אויגיקער פראַנצל, מיט דער רויטלעכער וויגנדיקער טשופּרינע איבער דעם מילך־באַשפּרינקלטן שטערן, האָט דעמאָלט אַרומגעכאַפּט די איין־פּיסיקע מוטער, אַרויסגעריסן פון אונטער איר אָרעם דעם פּילץ־געבעטן, הילצערנעם שטעקן און געפאָכעט מיט אים אינעם שטוב־חלל איבער איר קאָפּ ווי דאָס וואָלט נישט געווען אַ הילצערנער שטעקן נאָר אַ בלאַנקענדיק־שאַרף שווערדל:

— מוטי!...מוטי!... יעצט קאָמט מיינע רייהע!... פיר פירער אונד פאַטערלאַנד!...

די אַלמנה גרעטל האַגענדאָרף האָט קוים דעמאָלט אַרויסגעריסן פון זיינע הענט דעם שטעקן, זיך אַוועקגעזעצט אין פינצטערן קרויט־קעמערל הינטער דער קיך און אַ גאַנצן אָוונט געוויינט.

תּחילת האָט עס געהייסן: דער יונגער פראַנץ האַגענדאָרף גייט קיין סטאַלינגראַד. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז פראַנצל איז געזעסן ערגעץ אין ייִדישן געטאָ־דיסטריקט אין פּוילן. וואָס אַזוינס ער האָט דאָרט געטאָן — האָט ער קיין מאָל נישט געשריבן אַהיים. ער האָט געשיקט צו דער מאַ־מען אומפאַרשטענדלעכע, קליינע בריוועלעך. דערנאָך זענען די בריוו געוואָרן וואָס אַ מאָל גרעסער און פריילעכער, אַזוי אַז די אַלמנה גרעטל האַגענדאָרף האָט יעטוועדעס מאָל געעפנט די בריוו מיט אַ באַהאַלטענעם, מוטערלעכן גרויל. דאָס איז געשען אַזוי ביז ער איז געקומען דעם לעצטן ווינטער אויף ווייַנאַכט־אורלויב מיטן דאָזיקן איבערפולטן, פאַר־שאָלטענעם רוקזעקל מתּנות.

בעת פראַנצל האַגענדאָרף איז אָנגעקומען זענען אין טירינגער וואַלד געלעגן הויך־פּוכיקע ווייַנאַכט־שנייען. אויפן צווייטן טאָג האָט אָנגעהויבן גיין פון דרום אַ וואַרעמער, פייכטלעכער, וואַלד־ווינט. די שנייען האָבן אָנגעהויבן זייער גיך צו שמעלצן. פון די טירינגער וואַלד־געדיכטענישן האָבן אָנגעהויבן פליסן שוואַרצע, אומרויִקע שטראָמען. זיי האָבן ביסלעכ־ווייז פאַרפלייצט די נידעריקע, גרינלעכע ערד־שטחים ביי די וואַלד־ראַנדן. ווי נאָר דער וואַלד־ראַנד איז געוואָרן ליידיק פון שניי און פון וואַסער האָט זיך אויף ס'ניי באַוויזן דער איינאויגיקער שד — ריכאַרד פאָן ווילדנאַגעל. ער איז ווידער אַרומגעלאָפן מיטן קליינעם שוואַרצן ביקסל, אָנגעהאָנגען איבער זיין ריזיקער ברוסט. ער, דער איינאויגיקער באַראָן־זונדל, האָט טאַקע באַלד געפונען אינעם יונגן פראַנצל אַ טייערן און איבערגעגעבענעם קאַמעראַד. אַפילו שוין פריִער, ווי נאָר פראַנצל איז אַוועק קיין אָסטן און די אַלמנה איז פאַרבליבן אַליין אינעם וואַלד־שטיבל, פלעגט ער אויך אָפט אַריינקומען מיט כּלערליי אויסריידענישן. ער פלעגט נישט איין מאָל זי פּלוצעם באַפאַלן, שלעפּן אין פּי־שטאַל אין זיין וואַלדיק־

חיהשער מאַנצבילשער באַצווינגונג. זינט ער איז צוריקגעקומען מיטן אויסגערונענעם אויג און מער נישט געגאַנגען אויפן פּראַנט — האָט ריי־כאַרד פאָן ווילדנאַגעל געהאַט די איינאיינציקע עובדא: אַרומשלענדערן זיך טאָג און נאַכט מיטן ביקסל אין טירינגער וואַלד און לויערן — טאָמער וועט זיך דאָ ערגעץ ווו באַווייזן אַן אַנטלאָפענער פון די אומצאָליקע ייִדן־און געפאַנגען־לאַגערן אין קרייז טירינגען.

דער איינאויגיקער ריכאַרד פאָן ווילדנאַגעל איז געווען אַ גאָר הויכער און רויט־הויטיקער מאַנצביל, מיט אַ פאַרגליווערטן ברוינלעכן בלוט־שראַם, וואָס איז אים געלאָפן פון אויג איבערן לינקן געזיכט־טייל ביז צום קין. דאָס איז אים געקומען פון אַ באַגנעט־שניט איבערן פּנים, פון וואָס דאָס לינקע אויג איז אים תּיכף אויסגערונען און איבערגעלאָזט אויף תּמיד דעם אַ רויטלעכן פּאַס ביז צום פאַרקלעפּטן, פינצטערן אויג־חלל. זיינע הענט, ריזיק־לאַנגע און שטאַרק האָריקע ביז צו די פינגער־נעגל, האָבן אויסגע־זען ווי די וויגנדיקע הענט ביי אַן אַלטן אומרויִקן שימפּאַנז. ער איז געווען דער צומייסטן געוויקסיקער מאַנצביל אין קרייז טירינגען און געחוזקט פון די קליינגעוויקסיקע מענטשעלעך — די קאַרליקלעך. מען האָט געוווסט אין דער סביבה, אַז דער דאָזיקער ריכאַרד פאָן ווילדנאַגעל האָט קיין מאָל נישט געהאַט נישט קיין ווייב און נישט קיין כּלה. דערפאַר האָט מען אים אָבער גאָר אָפט גערופן צום קרייז־פּאַרטיי־ראַט, מחמת די פיל אָנקלאָ־געס פון ב.ד.מ. — בונד דויטשער מעדל... פון די אַלע אומקלאָרע עסקים איז ריכאַרד פאָן ווילדנאַגעל תּמיד אַרויס דער זיגער. ער איז געווען דער איינציקער יורש פון די פאָן ווילדנאַגעלס איבער גרויסע ערד־שטחים, ווו ס׳האָבן זיך געפונען אומצאָליקע ביר־ברויערייען, פערד־ און פי־צוכט־שטאַלן און אויך כּלערליי גיטער. ער האָט זינט זיין צוריקקומען פונעם פּראָנט מיט אַ זעלטענער סאַטיר־עקשנות און אייפעריקייט געלויערט אויף די אַנטלויפנדיקע, וואַנדערנדיקע מענטשן פון די סטאַלאַגס און אָפלאַגס. ער האָט געגנבֿט געציילט די צאָל מענטשן, וואָס איז דורך אים „אָפּגערוימט״ געוואָרן, בפרט איצט, בעת דער לעצטער מלחמה־פרילינג האָט איבערפולט די וועגן פון טירינגען מיט די גרויסע אַסירים־מחנות. בעת ער האָט געזען ציִען די געשפּענסטיקע אַסירים־פעלקער קיין דרום, האָט ער נישט

געגלייבט, אַז די מלחמה ענדיקט זיך. ער האָט עס אָנגענומען פאַר אַ נייעם סודותדיקן מאַנעוווער פונעם פירער. ער האָט דעריבער מיט אומ־אויפהערלעכן, נישט־אויסגעלאָשענעם גערמאַנישן אייפער געציילט די צאָל פון זיינע וואַלד־טויטע. אין די ביר־האַלעס פון עבערסטאַל פלעגט מען זיך דערציילן, אַז ריכאַרד פאַן ווילדנאַגעל האָט זיך אָפּגעזוכט אינעם וואַלד אַ ריזיקן, מיטלאַלטערלעכן אייכנבוים, ווו ער האָט אויף זיין קאָרע נאָך יעטווידן אומגעבראַכטן — דאָרט אויסגעקריצט אַ קליינעם ווייסלעכן האַקנ־קרייץ. עמעצער, וואָס האָט אַנומלט געזען דעם אייכנבוים, האָט דערציילט, אַז דער גאַנצער בוים פונעם ברייטן, טונקעלן שטאַם ביז אַרויף צו די צווייגן, איז באַלייגט מיט די אָ קליינע, אומצאָליקע, אויסגעשניטענע האַקנקרייצן. קיינער האָט אָבער נישט געוווּסט צו זאָגן, וואָס אַזוינס דער איינאויגיקער שד ריכאַרד פאַן ווילדנאַגעל טוט מיט די קרבנות. אין די נעכט פלעגט זיך צום וואַלד־ראַנד אַהערטראָגן פון דער סאַמע וואַלד־טיפעניש דער אָפּשיין פון טליענדיקע אימהדיקע פייערן. דער ווינט האָט איבערפולט דעם גרינלעכן וואַלד־חלל מיט אַ שווערן, זיסלעך־איבלדיקן ריח, וואָס איז געגאַנגען פון די נידעריקע פייערן. דאָס איז געווען אַ משו־נהדיקער, אויסטערלישער אַוויר, וואָס האָט זיך אין טונקעלע וויגנדיקע קרעפּ־נעפּלען געלייגט שווער אויף די צווייגן און בלעטער. שוואָמען און קרייטעכצער־קלייבערינס, ס׳רוב אַלטע דאָרף־ווייבער פון עבערסטאַל, האָבן זיך וועגן די אָ ריחות דערציילט די אוממענטשלעכסטע אויסטערליש־קייטן. ס׳איז געווען אומגלייבלעך וואָס דער דאָזיקער איינאויגיקער שד רי־כאַרד פאַן ווילדנאַגעל פלעגט טאָן מיט זיינע קרבנות. טייל מאָל האָבן די שוואָמען־קלייבערינס אָנגעטראָפן אויף אַ האַלב־פאַרקוילטן מענטשלעכן פוס, אויף אַ האַנט, אָדער גאָר אויף שוואַרץ־פאַרקוילטע מענטשישע פינ־גער, וואָס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פון דער וואַלדערד. זינט דעמאָלט פלעגן זיי אין וואַלד מער נישט קלייבן די שוואָמען, וואַלד־יאַגדעס און די כּלערליי קרייטעכצער. זיי האָבן לחלוטין גענומען אויסמיידן דעם טי־רינגער וואַלד, ווו ס׳האָט זיך באַזעצט נישט אַנדערש ווי דער מושל פון גיהנום — דער טייוול אַליין.

בעת דער אַלמנהס בן יחידל פראַנצל איז אָנגעקומען איז שוין ריכאַרד

פאַן ווילדנאַגעל פון אים נישט אָפּגעטראָטן אויף אַ שפּאַן. ער איז נישט מיד געוואָרן, דער איינאויגיקער, אויסצוהערן די געשיכטעס פון ד אָ ר ט ן, פון די ייִדן־דיסטריקטן, און ווי אַזוי די ייִנגלעך פון עבערסטאַל דראַבערן די גרויסע רוסישע ערד פאַרן זיג פון טויזנטיעריקן דייטשן רייך. גרעטל האַגענדאָרף האָט זיך צו אַלץ צוגעהערט אַן אומרויִקע און פאַרבליפטע. פון די אַלע רייד האָט צו דער אַלמנה אַרויסגעשוועבט אַ שוואַרצער, פלאָטערנ־דיקער פּחד. זי איז געזעסן אַ האַלב־געליימטע און פון אַלץ, וואָס זי האָט געהערט, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ערגעץ ווו, הינטער די הילכיקע, פריילע־כע בורש־געשיכטעס, ליגט פאַרבאָרגן אַן אָפּגרונטיק, שווער אומגליק. דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס איז געקומען אויף אַלע עבערסטאַלער מענטשן און איבער איר הויז — דער טויט פון אָרעמען העלמוטן, דאָס ווילדע לעבן און מעשׂים פון פראַנצן — דאָס אַלץ האָט פאַר גרעטל האַגענדאָרף געהאַט איין איינציקן אָפּשטאַם: דאָס איז געווען ער — ריכאַרד פאַן ווילדנאַגעל — דער איינאויגיקער שד פון טירינגער וואַלד.

צווישן דעם יונגן האַגענדאָרף און ריכאַרד ווילדנאַגעל האָט זיך די גאַנצע צייט פאַרבונדן אַ גאָר נאָענטע חברשאַפט. דער איינאויגיקער שד האָט נישט אויפגעהערט צו דערציילן ווי אַזוי טאַקע ער אַליין, ריכאַרד, האָט אויסגעפונען דעם באַהאַלטענעם רעליגיע־לערער פון דער עבערסטאַ־לער ייִדן־געמיינדע — דעם הויקער־קריפּל יאַקאָב פרידל... דאָס איז גע־ווען אַ זעלטן־פריילעכע געשיכטע נישט בלויז פאַר עבערסטאַל. ביז היינט דערמאָנט מען זי ביי יעטוועדן קופל ביר אין גאַנצן קרייז טירינגען! כאַ!... כאַ!... כאַ!... און ווער, מיינסטו, מיין ליבער, האָט אים פאַרשטעקט, דעם ייִדן־קריפּל?... נו? וואָלסט עס קיין מאָל נישט געגלייבט, מיין יונגע, ווי אַזוי די דאָזיקע טייוולאָנישע ייִדן־ראַסע קאָן באַצווינגען אונדזערע בעסטע... דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער הייליקער בירבויך — פאַסטאָר היינריך שולצע, דער מיט דער קאַרל מאַרקס־באָרד!... ער האָט אים אויסבאַהאַלטן אין זיין ווײַן־קעלער! אים געפּיטערט דאָרט מיט אונדזער דייטש ברויט! אַך, מיין ליבער, האָבען די ביידע געטאַנצט אַם גאַלגען* אומגעאַרמט אונד אים פראווינדשאַפטס־קוס!... איינמאַל רעכטס!

* תּליה.

איינמאַל לינקס! איינער רעכטס — איינער לינקס! קרייצדאָנערוועטער! דאָס וואָר איין ספּעקטאַקעל!...

דער יונגער האָגענדאָרף האָט שפּעטער די געשיכטע דערציילט דער מוטער און כאָטש די אַלמנה גרעטל האָגענדאָרף האָט שוין געהערט וועגן דער פּאַסירונג פאַר אַ יאָרן זומער — איז איר אויסגעקומען ווי זי הערט זי איצט צום ערשטן מאָל. פראַנצל האָט געלאַכט אַזוי שטאַרק, אַז די ווייס־לעכע אויגן האָבן זיך איבערגעצויגן מיט אַ פייכטקייט. ער האָט זיך איינ־געבויגן און נאָכגעמאַכט ווי אַזוי דער רעליגיע־לערער יאַקאָב פרידל פלעגט גיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיטן שפּאַציר־שטעקעלע קלאַפּן איבער די עבערסטאַלער גאַסן. — — —

גרעטל האָגענדאָרף האָט נאָר אָפּגעוואַרט, אַז פראַנצל זאָל צוריק אָפּ־פאָרן קיין אָסטן. איר איז אויסגעקומען, אַז אַחוץ העלמוטן האָט זי אויך שוין פאַרלוירן דאָס יינגל. און אַפילו אַז ס׳וועט געשען אַ נס און ער וועט צוריקקומען פון דאָרטן נאָך דער מלחמה — וואָס וועט זיין מיט דעם ברויגעם גיפט, וואָס דאָס יינגל טראָגט שוין אין זיך? דאָס איז געווען פאַר דער אַלמנה די הייליקסטע מחשבה זינט יאָרן. זי האָט געוווּסט, אַז אַזוי קאָן נישט זיין. זי איז אַפילו ביי זיך אין האַרצן געווען גרייט אויף אַ גרויסן מוטערלעכן קרבן. אָבער דאָס איז שוין געווען נישט אָפּהענגיק פון איר, נאָר פונעם גורל, ערגעץ אין די יידן־דיסטריקטן אין מיזרח.

דעם זעלביקן טאָג, נאָכן אָפּפאָרן פון פראַנצן פון עבערסטאַלער וואָק־זאַל, האָט די אַלמנה גרעטל האָגענדאָרף אַראָפּגעוואָרפן דאָס רוקזעקל מיט די מתּנות אין קעלער. זי האָט זיך געוווּנדערט וואָס דער גרויסער זילבער־לעפל שטייגט אַרויס מיט זיין גריפל. אין דער לעצטער רגע האָט אים אַוודאי פראַנצל פאַרגעסן מיטצונעמען. זי האָט נאָך נישט געוווּסט וואָס זי וועט טאָן מיטן פאַרשאָלטענעם רוקזעקל. אַרויפקומענדיק פון קעלער האָט זי אַראָפּגענומען פון דער וואַנט דאָס גרויסע היטלער־בילד. זי האָט זייער פאַרזיכטיק צענומען די ראַם, דערנאָך דאָס בילד, אַן איינגעוויקלטס און צעריסנס, אַריינגעלייגט אין דער קיך. אַ בלאָלעך פייער האָט אומגעדול־דיק געריסן דאָס דיקלעכע פּאַפּיר. זי האָט דערנאָך צענומען די ראַם, וואָס איז נאָך געווען אַרומגעקלעפּט פון אַלע זייטן מיט ריזיקע בלעטער. די בלע־

טער זענען געווען רויטלעכע און געשטאַמט פון אַלטע אייכנביימער. זי האָט זיי ביסלעכווייז צעשיט דורכן פענצטער אינעם ווינט אויפן הייפל אַרויס און זיי אויסגעמישט מיט אַנדערע ביימער־בלעטער. זיי האָבן אַרויסגעקוקט, די בלעטער, פון צווישן די בערגלעך אָנגעשיטע אַנדערע בלעטער ווי גע־פאַרבטע פאַרשטאַרבענע פלאַנצן, וואָס מע לייגט אַוועק אויף אַ טויטן־אָרון.

ד

ס'איז דעמערנדיקער אָוונט בעת דניאל גייט שפּעטער אַרויס אויף דער צווייטער זייט פון וואַלד־געדיכטעניש. הינטער אים רוישט אומרויִק דער פאַרבאָרגענער וואַלד־קוואַל. ער מוז זיך אויפהייבן העכער, וואָרעם דער וועג האָט זיך פּלוצעם אָפּגעריסן פון וואַלד און פירט אַוודאי צו אַ באַווינט אָרטשאַפט. ער האָט פּלוצעם דערשפּירט הונגער. צוזאַמען מיטן הונגער זענען אויפגעשווומען לאַנג־פאַרלאָשענע רעיונות. ער קוקט אָן אויפהער אין די ריוון, וואָס ציִען זיך ביי בײדע זייטן פונעם וועג. זיי זענען שוין פאַרוואַקסן, די ריוון, מיט פאַליענדיק שיין גראָז, כאָטש ס'איז ערשט אָנהייב פרילינג. פלוימען־ביימער, צעגליטע פון דער זינקענדיקער אָוונט־זון, ציִען זיך אַ ביסל העכער פונעם זייטן־וועג אין אַן אָן־סופיקער שורה. צווישן זייערע דינע צווייגן לייכטן אַרויס די בלאָלעך־צייטיקע פּירות־קנאָספּן, ווי אָפּגעדעקטע ברוסט־וואָרצלען, פאַרהילטע מיטן ערשטן פאַלנ־דיקן אָוונט־טוי. הינטערן היגל איז די ערד גאָלדיק־ברוין און צעאַקערט. אַ שוואַרצע בראָנע, איבערגעקערט מיט איר אייזערנעם ציין־געביס ווייט פון דער ערד, זעט אויס בלאָלעך אין דניאלס אויגן און אין גאַנצן פאַרגאָסן מיט הימל. שערענגעס קליינע צעפלאָשעטע אָוונט־פייגל ציִען נידעריק איבערן פעלד. ווי מיט דינע סמיטשיקס שניידן אומגעדולדיקע שוואַלבן די ראָזלעכע אָוונט־לופט. די ערד איז איצט, אין דער ערשטער פרידלעכער פרילינג־דעמערונג, וואָרעם און שטיל. דניאל גייט באַרוועסערהייט און בליקט ווידער אַראָפּ אין די נידעריקע ריוון. אָן אַ צאָל שטאָלענע מלחמה־העלמען, צעקנייטשטע און צעהאַלבטע, אויסגעמישט מיט אָפּגעריסענע עפּאָלעטן און פאַרדינסט־קרייצן אויף פאַרביקע בענדלעך, ליגן יעטוועדע פּאָר שריט אינעם טיפן זאַמד. איבערגעבראָכענע דייטשע ביקסן ליגן צווישן

פאַליענדיקן גראָז. זיי קוקן אַרויס, די ביקסן, מיט זייערע צעשפּאָלטענע שוואַרצע אייזן־גלידער. די ערשטע הײַיאַריקע שמעטערלינגען, גאָלדיק־ברוינלעכע מיט פּיאָלעטע פליגל־פּאַסן, טראָגן זיך גאָר נאָענט איבערן גראָז. דניאל זעט באַשיימפּערלעך ווי זיי פלאַטערן־אַראָפּ נידעריקער צו דער ערד, און זעצן זיך דערנאָך אַוועק אויף די שוואַרצע איבערגעבראָכענע ביקסן אינעם ריוו.

דער וועג פאַרקירעוועט זיך פּלוצעם קיין מערב. גרינלעכע האָלץ־פלויטלעך רינגלען אַרום די אויסטערלישע פרעמדע בנינים. די הייזלעך זענען גראָלעכע און זייערע דעכער געדעקט מיט רויטלעכן שינדל אָדער מיט שווער־געפלאָכטענע שטרוי־סנאָפּעס. די פענצטער שטייען אָלע אויפ־געפראָלטע. ס׳איז נישט צו זען דעם מינדסטן שאָטן פון לעבן. קונציק־געבויטע פייגל־הייזלעך, באַמאָלענע אויף אָלערליי קאָלירן, שטייען אויף הויכע סלופּעס, אָדער זענען אָנגעהאָנגען איבער די פענצטער־געזימסן. פון די טויבן־הייזלעך פליִען אַרויס איבערגעשראָקענע טויבן־פּאָרלעך. די היגע מענטשן האָבן געמוזט אַוועק פון דאַנען נישט לאַנג צוריק צוזאַמען מיטן אַנטלויפנדיקן פראָנט. אין די הויף־ווינקלען ליגן איבערגעקערטע אָלטע, צעבראָכענע חתונה־קאָטשן און שמאָל־פענצטערדיקע דיליזשאַנסן. אין די פענצטער וויגן זיך אין ווינט ווייסע פאָרהאַנגלעך. אַ ריח פון זיסלעכן קי־מיסט און נאָר וואָס אָפּגעמעלקטער מילך גייט פון הינטער די פלויטלעך. דניאל הייבט זיך אויף העכער מיטן וועג, דאָרט ווו ס׳הייבט זיך אָן אויף ס׳ניי דער גרינלעכער ראַנד פונעם שווייגנדיקן טירינגער וואַלד.

בעת דניאל איז אַרויף העכער איז שוין דעמאָלט דער פעלד־חלל אַרום אים געווען אין גאַנצן בלאָלעך. ער וואָלט אפשר געדאַרפט אַריינגיין אין אַזאַ לידיק הייפל, אויסזוכן דאָרט עפּעס, כּדי צו שטילן דעם הונגער. ער האָט שוין געוואָלט אויפעפענען אַ טירל — ווי ער האָט פּלוצעם פאַרנומען אַ דין סקריפּעריי. ערגעץ ווו, אין אַ זייט, האָט זיך אַוודאי געעפנט אָדער פאַרשלאָסן אַ פענצטער. ער איז שטיין געבליבן, זיך אַרומגעקוקט און שאַרף צוגעהערט. ס׳איז געווען אַ בלאָלעכע שטילקייט. אפשר איז עס בלויז גע־ווען דער ווינט, וואָס האָט אַ באַוועג געטאָן אַ פענצטער־ראַם? אין דער

שטילקייט האָט דניאל באַשיימפּערלעך געהערט: הינטערן היגל האָט אַ קירכעלע געלאָזט פּאַלן געדעמפּטע קלאַנגען פון גלאָקן. אפשר האָט עס גערופן די אויסבאַהאַלטענע מענטשן צו דער ערשטער פרידן־תּפֿילה? אפשר גאָר האָט עס גערופן די פאַרבליבענע לעצטע דייטשע מענטשן צו לויפן טיפער אין לאַנד אַריין פאַרן אָנקומענדיקן שׂונא? דניאל האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. די גלאָקן הינטערן היגל האָבן זיך איינגעשטילט. און דעמאָלט האָט דניאל דערזען אין אַ פענצטער דעם ווייסן פאַכנדיקן אָרעם פון אַ פרוי.

דאָס איז געווען אַ נאַקעטער, זייער בלייכער, ווייבלעכער אָרעם, וואָס האָט אָן אויפהער אים אָנטקעגנגערופן דורך דער דעמערונג ווי אַ פלוצעם אויפגעטויכטער קליינער מלכוועג. ער איז געשטאַנען נישט ווייט פונעם הייזל, ווו דער דאָזיקער אָרעם האָט פלוצעם אויפגעטויכט. דניאל איז געבליבן שטיין. ער האָט מיט אַ מאָל דערפילט, אַז אין האַלדז האָט אים פאַרפעלט לופט צו אָטעמען. עפּעס אומדערוואַרטס און שרעקעוודיקס האָט נאָך אַזוי פיל יאָרן אַ שווינדל געטאָן אים פאַר די אויגן. ער איז געווען לחלוטין פאַרהונגערט, אָבער אין זיין דאָרן, אויפגעגעסענעם גוף איז ערגעץ ווו נאָך געלעגן פאַרבאַהאַלטן אַ גליִענדיק אויג. דאָס אויג האָט איצט, ביים באַווייזן זיך פונעם ווייסן, ווייבלעכן אָרעם אין דער פינצטערניש, אויף ס׳ניי זיך געעפנט און אויסגעשטראַלט באַהאַלטענע סודותדיקע פייערן. דאָס הייזל, ווו דער נאַקעטער אָרעם האָט זיך באַוויזן, איז געווען אַרומגעלייגט אין דער נידער מיט דיקלעכע צעזעגטע ביימער־שטאַמען. קופּעס צוזאַמענגע־וואָרפענע צווייגן און פאַרגאָלדיקטע טויטע בלעטער, וואָס לעבן נאָך לאַנגע צייטן אויף וואַלד־ערד, האָבן פאַרדעקט די דורכגענג. דניאל איז געשטאַ־נען הינטערן הילצערנעם צוימל מיט די הענט אַרויפגעלייגט אויף די פּאַר־שפּיצטע גרינלעכע פלויט־שטאַכעטלעך. צווי הענער, מיט שאַרף־גאָלדיקע פליגל, זעט ער דרימלען אויפן אַראָפּגעלאָזטן דישל פון אַ שוואַרצן די־ליזשאַנס. זיי ציטערן יעטוועדע רגע, די הענער, מיט זייערע דיקלעכע, אַראָפּגעלאָזטע הענערישע גוידערס. ער הערט אויך אַ געדעמפּט קייטן־געקלאַנג פון אַ קו־שטאַל. צוגעבונדענע קי מוזן אַוודאי דאָרט אויפהייבן און אַראָפּלאָזן זייערע קעפּ. איצט קוקט שוין דניאל ווידער צום פענצטער מיטן נאַקעטן אָרעם. ער זעט שוין אויך אַ פרויען־קאָפּ און דער אויסגע־

שטרעקטער נאַקעטער אָרעם פונעם פענצטער־ראַם באַוועגט זיך צו אים, רופנדיק אַריינצוגיין.

— גריס גאָט, יונגער וואַנדערער !... גריס גאָט !... גריס גאָט !...

ער הערט איר קול, וואָס איז אַזוי ווייט און דאָך גאָר נאָענט. איר קול איז ריין, אַ ביסל ציטערדיק. דער קאָפּ פון דער ווייטנס זעט אויס אַ יונגער, מיט ווייסלעך־העלע האָר־קרויזן. אירע אויגן אין דער דעמערונג לייכטן־אַראָפּ פונעם פענצטער מיט אַ גרינלעכן, פלאַטערנדיקן אָפּשיין. ווי לאַנג האָט ער שוין נישט, דניאל, געזען אַזוי נאָענט אַ פרויען־פּנים ? איצט האָבן זיך זיינע אויגן צוזאַמענגעטראָפן מיט אירע. זיי זענען גרויסע און לייכטנ־דיקע, אָבער נישט מער יונגע. זי האָט אַראָפּגעשמייכלט צו אים מיט שיינע, קליינע ציין. איבער איר פאַרנייגט פּנים און אויסגעשטרעקטן נאַקעטן אָרעם ליגט אַן אומגעדולדיקע בלייכקייט פון געצוימטער גלײַקער, פרעמדער ווייבלעכקייט. ער האָט נישט געוווּסט פאַר וואָס גייט זי אים נישט אַנט־קעגן צו דער שוועל, ווו די טיר איז געשטאַנען אָן אָפענע. זי האָט נישט אויפגעהערט זיך אַרויסצובייגן איבערן פענצטער־ראַם און די גאַנצע צייט צו אים געפּליסטערט :

— זי זינד ווילקאָממען, יונגער וואַנדערער !... גריס גאָט, יונגער וואַנ־דערער !... זי זינד ווילקאָממען !...

דניאל האָט פאַוואָליע אויפגעמאַכט דאָס הילצערנע פלויט־טירל. ווי אַ ריזיקער גראַלעכער שאָטן איז ער געגאַנגען פאָרויס. ער האָט אַפילו נישט געפילט, אַז די אויגן זיינע האָבן אין דער האַלבער טונקלקייט זיך איבער־פולט מיט אַ וואַרעמער, פייכטלעכער געריר טקייט ווי פאַר אַן אַנטפּלעקונג.

ה

אין דער זעלביקער בהלהדיקער צייט, מיט צוויי טעג פריִער, בעת אַן אַוויאָן־אָנגריף אויפן גרויסן שטח פונעם סטאַלאַג פינף הונדערט זעכצן, האָט דער סמאָלענסקער געפאַנגענער פיאָדאָר אַלעקסי ניקיטין, איצט דער קאָכמייסטער פונעם סטאַלאַג — זיך אַרויסבאַקומען אין דער פינצטערניש. ער האָט געמוזט דורכפּויזען אומצאָליקע, אויפגעשטעלטע דראָט־נעצן. ער האָט שוין פריִער גאַנצע טעג זיך געהאַט געגרייט בסוד צו דער דאָזיקער

גרויסער רגע, זיך באַצייטנס געהאַט באַזאָרגט מיט אַ ריזיקער שער צום איבערשניידן דראָטן און זיך אויפגענייט אַ שווערע לייוונטענע טאָרבע. ער האָט זיך אויך איינגעשאַפט אַ גרויס קיך־מעסער, וואָס איז אים קוים אַריינגעגאַנגען אין די הויכע כאַליעוועס פון זיינע צעפּאַלנדיקע רו־סישע שטיוול.

ס'איז גראָד געווען אַ הילכיק פּלאַצן פון אַראָפּפאַלנדיקע ציגד־באָמבעס בעת פּיאָדאָר אַלעקסי ניקיטין האָט געפּויזעט אויפן בויך אפשר אַ האַלבן וויאָרסט צום שיטערן נאָדל־וועלדל. ער איז דאָ, אינעם וועלדל, אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט און אויך צו מאָרגנס אַ גאַנצן טאָג. פונעם וואַלד־בערגל האָט ער אַלץ געקאָנט זען. אין הויכע לאַסט־אויטאָס האָט מען אַרויסגע־פירט די געפאַנגענע. די שומר־טורעמלעך האָבן זיך שוין געוואַלגערט אַראָפּגעשאָסענע און שוואַרץ־פאַרקוילטע אויף דער ערד. זיי האָבן אויסגע־זען פון דער ווייטנס ווי פאַרברענטע טויבן־הייזלעך. אַ גאַנצן טאָג האָט זיך געצויגן דאָס אַרויספירן די מענטשן קיין דרום. ער האָט אָפּגעוואַרט ביז די נאַכט איז צוגעפאַלן איבערן נאָדל־וועלדל. און דעמאָלט האָט פּיאָ־דאָר אַלעקסי ניקיטין פאַרשטאַנען, אַז די שעה איז שוין געקומען און אַז ער מוז זיך לאָזן וואָס גיכער מיטן טירינגער וואַלד אַהיים קיין מיזרח.

ער האָט זיך תּחילת געהאַלטן גאָר נאָענט ביים וואַלד־ראַנד, כּדי נישט צו פאַרבלאָנדזשען אין דער ביימער־טיפעניש. שוואַרצע ביימער־וואָרצ־לען האָבן ווי ריזיקע אָדערן פאַרפלאָנטערטע באַדעקט די וואַלד־אויבער־פלאַך. זיי זענען געווען אַזוי געדיכט צווישן זיך פאַרהעקלט און פאַר־פלאָכטן, אַז פּיאָדאָר אַלעקסי ניקיטין האָט טייל מאָל געמוזט דורכקריכן אויף אַלע פיר. די וואָרצלען האָבן אַלץ מער געריסן זיך פון דער נידערי־קער פינצטערניש, אַרומנעמענדיק די אַנדערע ביימער־שטאַמען ווי מיט שוואַרצע, שטאָלענע הענט. פון דאַנען האָבן זיך די וואָרצל־הענט אויף ס'ניי אויפגעהויבן פון דער ערד, זיך באַפרייט פון די פרעמדע שטאַמען און געבליבן שטיין אין געפורעמטע, שלאַנקע, בייגעוודיקע ביימער. ס'איז געווען די ערשטע נאַכט פון זיין גאַנג אין טירינגער וואַלד. ער האָט זיך געקירעוועט פאַרויס די גאַנצע צייט לויטן ליכט פון אַ שטערן־הייפעלע, וואָס האָט פונעם מיי־הימל אַראָפּגעגאָסן זיין גרין נאַכט־ליכט. גוט וואָס

זיי האָבן אים דאָרט, אין דער היים, אין די ערשטע מלחמה־חדשים, אויס־געלערנט זיך קירעווען פאַרבלאָנדזשעטערהייט לויט די שטערן. מע קאָן קיין מאָל נישט וויסן אין וואָסערן מצב אַ מענטש קאָן זיך געפינען.

פיאָדאָר אַלעקסי ניקיטין איז געגאַנגען מיט דער אָנגעהאָנגענער טאָרבע, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט אַלט ברויט און מיט געקאָכטע קאַרטאָפליעס. ער איז געווען באַוואָקסן מיט אַ שווערער, טונקעלער באָרד, וואָס האָט אים געמאַכט ענלעך צו אַ ייִד. ער איז אָפּט שטיין געבליבן, צוגעטוליעט זיין גוף צו די וואָרצלען און אויפגעשפּיצט די אויערן. ער איז אַפילו איצט נישט געווען באַפרייט פון דער שרעק פאַרן דייטש. ביי יעטוועדן אַראָפּפאַלנדיקן צווייגל אָדער פאַרטריקנט שלאָף־קעפּל אויף דער ערד האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן שטאָלענעם מעסער־הענטל אין די כאָליעוועס. ער איז פּלוצעם צוגעקומען צו אַזאַ ביימער־געדיכטעניש ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ וואַנט. ער האָט אַפילו נישט געקאָנט אַ טריט טאָן. ס'איז געווען אַ ציטערדיקע, גרינלעכע וואַלד־נאַכט. אַ קליינע רויט־לעכע לבנה איז געהאָנגען אויפן מיזרח־הימל אַרומגערינגלט מיט דורכזיכ־טיקע נאַכט־וואָלקנס. זי איז יעטוועדע רגע אַריינגעשווומען אין זיי און אויסגעזען ווי אַ דערטרונקען רויט מעסער. אַ ביסל שפּעטער וועט די לבנה ווערן ליכטיק־גרינלעכער און אונטן, אין טיפערער וואַלד, וועט ווערן ווייס־ליכטיקער. ער וועט דעמאָלט, פיאָדאָר אַלעקסי ניקיטין, קאָנען גיין פאָרויס ביז דער מאָרגנשטערן וועט אויפגיין. דערווייל איז אים יעטוועדע רגע געקומען אויפן זכרון דער הייליקער אַלעקסי. טאָקע ער, וואָס פיאָ־דאָר ניקיטין טראָגט זיין נאָמען. דער הייליקער אַלעקסי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער ווייסלעכער טאָגע, וואָס איז אים אַריבערגעשווומען די פיס־פינגער. ער איז פון איצט אָן די גאַנצע צייט שוין געטרעטן פאָרויס פון ניקיטין. אין זיינע שטאַרק־באַאַרבלטע הענט האָט דער הייליקער אַלעקסי געהאַלטן עפּעס ליכטיקס און פלאַמיקס. פיאָדאָר אַלעקסי ניקיטין האָט בשום אופן נישט געקאָנט דערזען וואָס דאָס איז אַזוינס. טייל מאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ גרויסער לייכטנדיקער צלם, טייל מאָל ווידער — אַ הייליק בוך, מיט גרויסע פלאַטערנדיקע בלעטער, פון וואַנען ס'איז אָן אויפהער געגאַנגען דאָס אויסטערלישע ליכט.

ער ווייסט נישט ווי לאַנג ער איז אַזוי אָפּגעגאַנגען, ניקיטין, אין דער וואַלד־פינצטערניש. ער האָט געמוזט אויסמיידן די ביימער־ווענט, כדי נישט אַריינצופאַלן אין זייער תהומיקער געדיכטעניש. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט זיך די גאַנצע צייט געדרייט אין אַ קרייז און ווידער אָנגעקומען אויפן זעלביקן אָרט. ער האָט אָבער דערקענט, אַז דאָס אָרט איז נישט דאָס זעלביקע, וואָרעם אויסטערלישע ריחות זענען פּלוצעם געגאַנגען אונטער זיינע פיס. אים האָט זיך געדוכט ווי גאָר נאָענט וואָלט מען געברענט ציגל. דער וואַלד איז איצט געווען פאַרוואַקסן מיט קליינע קשאַקעס. ניקיטין האָט זיך פאַוואָליע אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און מיט זיינע באַזלעכער אָנגעהויבן האַסטיק אַריינצוציִען די פייכטלעכע וואַלד־לופט. פון דער ערד איז נישט געגאַנגען דער מינדסטער ריח פון קרייטעכצער, שוואָמען אָדער וואַלד־יאַגדעס. ער האָט זיך אויסגעצויגן הינטער אַ קוסט און פון מידקייט באַלד איינגעשלאָפן.

ער איז געשלאָפן שווער און אומרויִק און מן־הסתם האָט אַן אויסטערלישער וואַלד־חלום זיך געשפּינט אַ גאַנצע נאַכט איבער זיין פּנים און איבער זיין שווערער, שוואַרצער, ייִדישער באָרד. פיאָדאָר אַלעקסי ניקיטין איז געווען ביי זיך אין דער היים. די אַלטע מאַמע איז געגאַנגען פון דער פּלומפּ. זי האָט געטראָגן צוויי גרויסע עמערס מיט גרינלעך־שוימענדיק וואַסער אין שטאַל אַריין. די נידעריקע קלאַטשע („אַלעשקאַ") האָט געגעסן פון דער קאַרעטע אַ גאָלדענעם שיינעם האָבער. ניקיטין האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער סאַמע שוועל פון שטאַל און געוואָלט זיך באַווייזן פאַר דער מאַמען גאָר פּלוצעם. ער האָט זי נישט געוואָלט איבערשרעקן, וואָרעם שוין דריי יאָר ווי די אַלטיטשקע ווייס אפילו נישט צי ער לעבט. באַהאַלט ער זיך איצט אויס הינטערן סטויג היי אין שטאַל. אָבער ווי אַזוי קומט ער אין שטאַל אַריין, אַז די מאַמע זאָל אים נישט האָבן געזען? — דאָס ווייס ער נישט. מסתם דורך עפּעס אַ זייטן־טירל. אַ־האַ! יאָ! גאָר פּשוט! דאָס איז ער, דער הייליקער אַלעקסי, וואָס האָט אים דורך אַ הויכער געפלאַכטענער לייטער אַריינגעלאָזט אינעווייניק, אין שטאַל. און דער גאַנג אַריין האָט זיך געצויגן און געצויגן... איצט פילט ער אויפן פּנים ווי דער היי איז זייער פייכטלעך ווי ס'וואָלט געפאַלן אַ רעגן. די רעגן־טראָפּנס האָבן

טאַקע אַזוי פּייכט געמאַכט דעם היי. אָבער איצט מוז ער שוין איינהאַלטן דעם אָטעם, וואָרעם די מוטער דערגענטערט זיך מיט די צווייַ עמערס. זי שטעלט זיך אָפּ ביים אַריינגאַנג און ווישט אָפּ דעם שטערן פון שווייס. און איידער זי נעמט נאָך אַראָפּ די הענט פון איר שטערן — שטייט שוין פיאָדאָר לעבן איר. זיינע אָרעמס נעמען אַרום איר קליינעם, אַלטן גוף. זי דערשרעקט זיך — און שפּרינגט פון אים אָפּ. זי צלמט זיך און דערקענט אים נישט. ער האָט דאָך קיין מאָל נישט געטראָגן קיין באָרד. אַזאַ אויס־טערלישע באָרד. ער פאַלט נאָך אַ מאָל צו איר צו און לאָזט זי שוין נישט מער אַרויס פון די הענט.

— מאַמעלע, דאָס בין איך, איך — פיאָדאָר אַלעקסי!... פיאָדאָר אַלעק־סי!... דו דערקענסט מיך נישט? — — —

ער האָט פּלוצעם געעפנט די אויגן. ס'איז געווען גרין־גראָלעך אינעם וואַלד. דער וואַלד־באַגינען איז נאָר־וואָס געבוירן געוואָרן פון זיין ערשטער גרינער נאַכט־שטילקייט. ער שמייכלט אַרויף צו עמעצן, וואָס שטייט איבער אים. ווו איז דער שטאָל? דער סטויג היי? די מאַמע? דאָס דויערט בלויז אַ בליץ־רגע. פאַר אים איז געשטאַנען אַן אויסטערליש־ריזיקער מענטש. דער וואַלד־מענטש האָט אויף אים געקוקט מיט איינאיינציק אויג, וואָס איז געווען רויטלעך און געגליווערט מיט דער שרעק פון אַ שטן.

ו

דאָס אָנקומען פון פרעמדן, משונהדיקן מענטשן דורכן טירינגער וואַלד איז געווען פאַר דער אַלמנה גרעטל האַגענדאָרף אין דער ערשטער רגע אַ שרעקעוודיק און ווילד געשעעניש. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ סך יאָרן ווי אויף דעם דאָזיקן אָפּגעלעגענעם, וויסטן וואַלד־אָרט האָט זיך באַוויזן אַ פרעמדער. דערצו האָט אויך זיין אויסזען און די מלבושים אָנגעוואָרפן אויף איר אַ פחד. וואָס נעענטער דער פרעמדער איז צוגעקו־מען מיט זיין פּנים און גוף, אַלץ דערשראָקענער איז זי געוואָרן. דער פרעמדער האָט שוין לחלוטין נישט געהאַט מער קיין מענטשלעך געזיכט. פון זיינע אויגן, וואָס זענען געווען ברייט־אויפגעפּראַלטע און ליידיקע, האָט זיך געגאָסן אַן אויפהער אַ פאַספאַרדיק־גרינלעכע ליכטיקייט, וואָס

האָט געוואָרפֿן פֿון זיך אַ גלאַנץ ווי שימל אין דער לבנה. דער פֿרעמ־דער האָט אויסגעזוען אין דער אַלמנהס אויגן ווי אַן אומגליקלעכער וואַנ־דערנדיקער וואַלד־גייסט, וואָס איז פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון גיהנום. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז אוודאי זיין איינער פֿון די אַנטלאָפֿענע פֿרעמדע מענטשן און מסתּם האָט זיך שוין פֿאַרענדיקט דאָס גרויסע אומגליק. וואָ־רעם זינט צוויי טעג ווי דער יונגער מײַ־הימל איז געווען פֿאַרצויגן מיט שטיל־פֿליסנדיקע, פֿרידלעכע וואָלקנס. דער טירינגער וואַלד האָט זיך מיט אַ מאָל באַוואָרפֿן מיט אַ גרויסער שפֿע פֿון לויכטנדיק גרינס. יונגע נאָדלביי־מער האָבן זיך געריסן אַנטקעגן דער זון. נאָענט פֿונעם וואַלד־ראַנד, שוין ביים פֿעלד צו, האָט זיך פּלוצעם אויך באַוויזן אַ יונגער קליינער הירש. דאָס האָט געמוזט זיין אַ נייגעבוירענער, וואָס איז איצט אַרויס פֿון דער וואַלד־טיפֿעניש, פֿאַרשנדיק די דרויסנדיקע וועלט און דעם ליידיקן חלל מיט גרויסע, לייכטנדיקע, נאָך־איבערגעשראָקענע אויגן.

די אַלמנה איז אָפּגעטראָטן פֿון פֿענצטער, בעת דניאל האָט זיך אַלץ מערער דערנענטערט דורכן הייפֿל צו דער שוועל. ער האָט געזען, אַז זי איז געווען תּחילת אַנגעטאָן אין אַ לאַנגער בלוילעכער שירץ. איידער דניאל איז אַריבער די שוועל פֿון שטוב, איז זי פֿאַרשוווּנדן אין אַ קעמערל און באַלד פֿון דאָרט אַרויס שוין אַן איבערגעטוענע אין אַ טונקל־גרין קלייד. זי איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ שטאַרק בלייך און שמייכלענדיק פּנים.

ערשט איצט האָט דניאל געקאָנט זען, אַז די פֿרוי טראָגט הינטער איר אָרעם אַ הויכן, געבעטן, הילצערנעם שטעקן. זי איז געווען מיט איין פֿוס און בעת זי איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען האָט דער שטעקן געקלאַפּט איבערן דיל מיט אַ שטומער הילצערנער באַגריסונג. די שטוב איז געווען אַ קילע, אַ דעמערנדיקע און איבערפֿולט מיטן ריח פֿון וואַרעמער מילך און אַלט וואַלד־האָלץ. גרינלעכע וואַלד־פֿליגן האָבן געקרייזט אין אַ טאַנץ אונטער דער סטעליע. די ווענט זענען געווען באַהאָנגען מיט וואַלד־לאַנדשאַפֿטן, איינגערעמטע אין ברוינלעכע און שווערע שוואַרצע ראַמען. צוויי אויסגע־בויגענע ריזיקע שופֿרות־הערנער, בלייכע ווי העלפֿנביין, האָבן שפּיציק אַראָפּגעקוקט פֿון דער וואַנט. דאָס איינציקע בעט איז געווען אַ נידעריקס, אויף רונדיקע, געשניצטע פֿיס מיט הויכע, גלאַנציקע, דעמבענע ווענטלעך.

ביז צו די הענגענדיקע שופרות איז דאָס בעט געווען איבערפולט מיט אַ הויכן קישן־שטויס. אינעם פענצטער־ווינקל, אין אַ גרין שטייגל, האָבן געהיפּעט דערשראָקענע צוויי קליינע זינג־פייגל. זיי האָבן געהאַט אויפגעשפּיצטע, רויטלעכע פעדערלעך אויף זייערע אומרויִקע, פויגלשע קעפּלעך.

— זי זינד ווילקאָממען, יונגער וואַנדערער, ווילקאָממען!... — האָט זי נישט אויפגעהערט צו שמייכלען מיט אירע קליינע ציין, בעת דניאל איז שוין געשטאַנען אַ לאַנגע ווײַלע אויף דער שוועל.

די אַלמנה גרעטל האָגענדאָרף האָט אים געהאָלפן פאַוואָליע אַראָפּנעמען פון זיך דאָס אַסירים־רעקל. ס׳איז געווען שטייניק־שווער, דאָס רעקל, און געצויגן צום דיל פונעם שטאַרק־באַמאָלענעם, רויטלעכן אַסירים־קרייץ איבערן רוקן. זי האָט עס געטאָן מיט פאַרמאַכטע אויגן און עס אַוועקגעלייגט אין אַ זייט. דערנאָך האָט זי פאַר אים אַוועקגעשטעלט אַ גרויסע בלאָלעכע וואַש־שיסל מיט וואַסער און דערנעבן — אַ קלאָר העמד פון העלמוטס ווייסע זונטיק־העמדער. זי האָט דאָס אַלץ געטאָן נישט אויסרעדנדיק דאָס מינדסטע וואָרט און מיט איין האַנט, מחמת די צווייטע האָט געמוזט אונטערהאַלטן דעם שטעקן. דניאל האָט גאָרנישט נישט געענטפערט און אַלץ געטאָן ווי עמעצער וואָלט אים דאָס אַלץ באַפוילן אין אַ חלום. ער האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען דעם מינדסטן הויך פון זיין איינגעקראַמפּטן האַלדז. בעת ער האָט אָנגעהויבן אַראָפּציִען פון זיך דאָס שוואַרצע, צעפּאַלענע אַסירים־העמדל איז די אַלמנה אַרויס אין פרוזדורל. ער האָט געהערט ווי זי גייט איבערן הייפל אַהין און צוריק און קלאַפּט מיטן שטעקן איבער די באַגראָזטע שטיינער. אַז זי איז שפּעטער אַריין האָט זי מיט זיך מיטגעבראַכט אַ גרויס, באַבלימלט טישטעך, פאַרוואָרפן עס איבערן טיש און געגרייט עסן.

שווייגנדיקערהייט זענען ביידע מענטשן געזעסן ביים טיש. זיי האָבן ביידע געגעסן מיט קליינע פאַרשעמטע שלינג. זי איז געזעסן, די אַלמנה, גראַד אַנטקעגן דניאלן, דער שטעקן אָנגעלענט אויפן שטול־ווענטל און פון צייט צו צייט אָנגעהאָנגען אירע אויגן אויף זיין פאַרזונקען, שווייגנדיק פּנים. דניאל האָט געזופּט די וואַרעמע מילך און געוואָלט עפּעס־וואָס זאָגן דער פרעמדער פרוי. דאָס וואָרט האָט זיך אָבער אים נישט געפורעמט אויפן

גומען מחמת עפּעס אַן אינעווייניק צערייצטע, פינצטערע מאַנונג. דערווייל איז געוואָרן אין שטוב בלאָלעך־טונקל. די אַלמנה האָט אָנגעצונדן ליכט. אַ תּהומיק, גערעכט שווייגן איז די גאַנצע צייט געלעגן צווישן די צוויי זיצנדיקע מענטשן. איצט, ביים אָנגעצונדענעם ליכט־פייער, האָט דאָס שווייגן נאָך מערער אַראָפּגעזונקען זייערעביידנס קעפּ. די אַלמנה איז געזעסן גראָד הינטערן ליכט, פון וואַנען ס'האָט אויף איר קאָפּ אַראָפּגעגידערט אַ רונדיקער, רויטלעכער פייער־קרייז. ער איז געהאָנגען, דער קרייז, ווי אַ צעגליטער בלוט־זיגל. ס'איז געווען ווי פון דניאלס טויטלעכע און אויף ס'ביי געבוירענע אויגן־היילן איז זיין שווייגן געשוומען צו דער פרעמדער פרוי ווי אַ שווערער, מאַנענדיקער משפט. באַלד וועט פון זיין שווייגעניש דאָ פאַלן, ביים דאָזיקן צוזאַמענטרעף מיטן ערשטן דייטשן מענטשן — אַ האַרבער, אייביקער און אומדערבאַרעמדיקער גזר־דין.

אין דרויסן איז שוין געווען אין גאַנצן פינצטערלעך. דער טירינגער וואַלד האָט זיך דערנענטערט צום פענצטער מיט אַ בלאָלעכער, שוואַרצער וואַנט. די אַלמנה האָט אַלץ נאָך שווייגנדיקערהייט אַראָפּגענומען פון ביידעריקן בעט דעם הויכן קישן־שטויס און געגרייט אַ נאַכטלעגער. זי איז דערנאָך אַרויס פון שטוב. דניאל האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די מלבושים און אַן אַרומגעהילטער מיטן פרעמדן ווייסן העמד, זיך אַראָפּגעלאָזט אינעם טיפן, דעמבעבנעם בעט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. אויף ס'ביי האָט ער זיך איינגעהערט אין זיין אייגענעם שווייגן ווי אין דער טיפעניש פון אַ הוילן, פינצטערן ברונעם. ער איז באַלד איינגעשלאָפן. ער ווייס נישט ווי לאַנג ער איז אַזוי געשלאָפן, וואָרעם ער האָט פלוצעם אַן אומרויִקער צוריק געעפנט די אויגן. אין שטוב איז געווען האַלב־פינצטערלעך. דער אַראָפּהענגענדיקער ליכט־לאָמפּ איז געווען פאַרהאָנגען צו דער בעט־זייט, ווו ער איז געשלאָפן, מיט אַ טונקעלן, שווערן געוואַנט, בעת די צווייטע העלפט פון דער שטוב איז געווען פאַרגאָסן מיט ליכט. ביים טיש, אויף דער ליכט־זייט, איז געזעסן די אַלמנה. דניאל האָט געוואָלט זיך אונטערהייבן אויף די עלנבויגנס און איר עפּעס זאָגן. ער האָט אָבער נישט געפונען דעם מינדסטן כּוח אין די הענט. ער האָט דערפילט, אַז ער פאַלט אויף ס'ביי אַריין אין אַן אָפּגרונטיקן שלאָף. אָנגעלענט אויף אירעביידע עלנבויגנס

איז די אַלמנה האַגענדאָרף געזעסן אַ צונויפגעקאָרטשעטעביים טיש און געוויינט.

ז

ס'איז אַ ראָזלעכער באַגינען.

דניאל ליגט נאָך אין טיפן דעמבענעם בעט. ער הערט זיך צו צום פרעמדן גערויש הינטער דער וואַנט. תּחילת קלאַפּט דער הילצערנער שטעקן פון דער אַלמנה ווי דער גאַנג פון אַ ריזיקן זייגער. די קי וועקן זיך אין שטאַל מיט אַ קלינגעריי פון זינגענדיקע קייטן. דערנאָך ווערט ווידער זייער שטיל. קליינע שטוב־פליגן הייבן אָן זייער פרימאָרגן־טאַנץ אונטער דער סטעליע. די זון גייט־אויף איבערן טירינגער וואַלד. אין שטוב־חלל איז בלאָלעך־ליכטיק. מע הערט ווי די אַלמנה רופט הינטערן װענטל די קי ביי זייערע אויסטערלישע נעמען. באַלד הערט ער דאָס האַסטיקע רינען פון מילך־שטראָמען. זיי שלאָגן הילכיק איבער די עמער־ווענטלעך, די מילך־שטראָמען, ווי מען וואָלט געסטראַיעט אַ פידל. דורך דער אָפענער טיר פליסט אַריין דער פרידלעכער ריח פון דער ערשטער וואַרעמער פרי־מאָרגן־מילך.

בעת די אַלמנה קומט אַריין שטייט שוין דניאל אָן אָנגעטוענער אינעם רעקל. דער גרויסער געפּאַרבטער אַסירים־קרייץ לייכט שאַרפער ווי תּמיד אין דער זון. זי האָט פּאַר אים צוגעגרייט אויפן וועג פלעשלעך מיט וואַ־רעמער, איבערגעקאָכטער מילך. זי פאַרשווינדט אויף אַ וויילע און קומט צוריק מיט אַ שווער רוק־זעקל. גיך האָט זי הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר. מיט ציטערנדיקע הענט דערלאַנגט די אַלמנה דאָס רוק־זעקל דניאלן. דאָס ערשטע מאָל נאָך דניאלס קומען אין דער דאָזיקער שטוב ווי זי רעדט צו אים מיט אַראָפּגעלאָזטע, פאַרשעמטע אויגן:

— נעמט עס... דאָס איז אייערס... פון דאָרטן... אייערס...

דניאל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן אינעם רוק־זעקל. דער גילדענער גלאַנץ פון פינגער־רייפלעך און פון זילבער האָט אַרויסגעשלאָגן מיט אַ טויטלעכן אָפּשיין. דאָס האַרץ האָט זיך אים אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט. ער

האָט זיך געמוזט אָנכאַפּן פֿאַר דער אַלמנהס האַנט. אירע פֿינגער זענען געווען קאַלטע ווי פּראַסטיק גלאָז. ער האָט אָפּגעווענדט די אויגן פֿונעם זעקל און געוואָלט עפּעס זאָגן. אויך דאָס מאָל איז דער הויך אין מויל אים פֿאַרגליווערט געוואָרן אונטערן גומען. די אַלמנה האָט דערווײַל אַרײַנגע־לייגט איר האַנט אינעם זעקל און פֿון דאָרט אַרויסגעצויגן דעם גרויסן זילבערנעם לעפֿל.

ער האָט נישט געוווּסט, דניאל, ווי אַזוי דער לעפֿל איז געבליבן ליגן אויף זײַן האַנטפֿלאַך. ער איז געווען שווער, דער לעפֿל, און געצויגן זײַן האַנט צום דיל אַראָפּ. אויפֿן לעפֿל־הענטל זענען געווען אויסגעקריצט יידישע אותיות — אַן אַלף פֿאַרפֿלאָכטן מיט אַ צווייטן מטושטשדיקן אות. די אותיות האָבן אין פּרימאָרגנדיקן בלאַלעכן ליכט זיך אַרומגענומען איינס מיטן צווייטן ווי וואָרצלען. דניאל האָט אַרײַנגעקוקט אינעם אַלף ווי אין אַ נס. די אָפּשטייענדיקע אותיות־אָרעמס זענען פּלוצעם געוואָרן ברייטער, זיך פֿונאַנדערגעעפֿנט מיט אַ בלאַלעך־זילבערנעם שײַנעם גלאַנץ. דערנאָך האָבן זיך די אותיות־אָרעמס ווידער צונויפֿגענומען, אײַנגעפֿאַלן ווי שוואַכע פֿליגל, פֿורעמענדיק אויף ס'נײַ באַזונדערע קלאָרע אות־גלידער אויפֿן זיל־בערנעם פֿלאַך פֿונעם לעפֿל.

ער איז געשטאַנען שוין גרייט אַוועקצוגיין, בעת הינטער דער טיר האָט זיך פּלוצעם דערהערט עמעצנס אײַליקע טריט. די אַלמנה האָט זיך דערשראָקן און גיך פֿאַרריגלט די טיר. זי האָט דערנאָך דניאלן צוגעצויגן צו דער וואַנט און אויך אַליין אויף די שפּיץ־פֿינגער פֿון איר אײַנציקן פֿוס אײַנגעבוקטערהייט זיך צוגעשאַרט צום פֿענצטער. אין דרויסן האָט ווידער עמעצער געקלאַפּט מיט שווערע געקאָוועטע טריט. די אַלמנה איז בלאַס געוואָרן. זי האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעצלמט. זיי האָבן ביידע אײַנ־געהאַלטן דאָס אָטעמען. איצט האָט מען שוין פֿון דרויסן געקלאַפּט מיט דער פֿויסט אין דער טיר. די קלעפּ זענען געווען הויל, פֿון וואָס די הילצערנע טיר האָט אונטערגעציטערט ווי דאָס קריצנדיקע ציטערן פֿון ציין. דער פּחד, וואָס די אַלמנה האָט געהאַט לאַנגע, לאַנגע יאָרן איז זי אויף ס'נײַ באַפֿאַלן. נישט אַנדערש ווי ער, ריכאַרד פֿאָן ווילדנאַגעל, דער אײנאויגיקער שד פֿון טירינגער וואַלד, שטייט הינטער דער טיר. דניאל האָט זיך דער ערשטער

אויפגעכאַפּט פון שרעק. ער איז צו צו דער טיר און זי פּאַמעלעך אויפגע־מאַכט.

אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ מענטש אין צעריסענע מלבושים מיט אַ פאַרווונדיקטער האַנט, פון וואַנען ס'האָט אַן אויפהער געפלייצט בלוט. דער מענטש איז געווען באַוואַקסן מיט אַ טונקעלער באָרד און אויף די פּיס געטראָגן הויכע געפּאַלדעוועטע שטיוול. איבער די כאַליעוועס זע־נען געלעגן צעגאָסענע ברייטע בלוט־פלעקן, וואָס זענען דערווייל געוואָרן פאַרגליווערט און שוואַרץ. איבער זיין ברוסט האָט דער פרעמדער געהאַט פאַרוואָרפן אַ קורץ, שוואַרץ ביקסל. ער האָט זיך מיט חשד אַרומגעקוקט — דאָ אויף דניאלן, דאָ אויף דער אַלמנה. ער האָט אַליין געכאַפּט די גרויסע וואַש־שיסל, אָנגעגאָסן וואַסער און אַריינגעלייגט דאָרט די פאַרווונדיקטע האַנט. דאָס וואַסער איז באַלד געוואָרן שטאַרק רויטלעך פון פלייצנדיקן בלוט. ער האָט עטלעכע מאָל געביטן דאָס וואַסער, ביז אין דער שיסל איז געבליבן אַ דינע, ראָזלעכע פליסיקייט. די אַלמנה האָט פון שענקל אַרויסגעכאַפּט אַ שטיק לייוונט, עס צעריסן אויף שמאָלע פּאַסן און אַרומגעבונדן דעם פרעמדן די פאַרווונדיקטע פינגער. בעת זי האָט דאָס געטאָן — האָט דער פרעמדער זיך איינגעבויגן צו דניאלן.

— אַ טי קטאָ, האַ ?...

דניאל האָט עפּעס אַ פאַרשעמטער קוים אַרויסגעשטאַמלט :

— אַ ייִד... פון געטאָ... פון קאַצעט... דניאל... דניאל... אַ ייִד...

דער פרעמדער האָט אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט :

— און איך — פיאָדאָר אַלעקסי ניקיטין... נו, שוין דער סוף... דער דייטשער וואַלד־חזיר איז געבענדיקט... מיר קאָנען שוין אַהיימגיין... אויך דו... אַהיים... אַהיים...

ניקיטין האָט גאָרנישט געוואָלט אָפּוואַרטן, אָדער עפּעס איבערכאַפּן. די אַלמנה האָט קוים אים געצווונגען אויסצוטרינקען אַ גלאָז מילך און אָנגעפילט זיין טאָרבע מיט ברויט און צוקער. דאָס שוואַרצע ביקסל איבער זיין ברוסט האָט אויף איר אַרויפגעוואָרפן אַ באַפרייענדיקע דערלייכטערונג. זי האָט עס אָפּט געזען הענגען אויפן בויך פונעם איינאויגיקן שד. איצט האָט זי געאַנט, אַז דער טירינגער וואַלד איז ווידער פריי. אַ שווערער

אומרו איז זי פּלוצעם באַפאַלן. וואָס וועט איצט זיין מיט איר? וואָס וועט זיין מיט פראַנצן, אויב ער לעבט? וואָס וועט זיין מיט אַלע עבערסטאַלער מענטשן?

בעת ביידע פרעמדע מענער זענען אַרויס, איז די זון נאָך נישט אַריבער דעם וואַלד־ראַנד. דניאל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו דער אַלמנה. זי האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ וואַרעמען, ווייבלעכן שמייכל. זי איז געשטאַנען פאַרן פלויטל און אַנגעלענטע אויף איר הויכן געבעטן שטעקן. דניאל האָט זיך געלאָזט פירן פון ניקיטין די גאַנצע צייט. די אַלמנה איז נישט אָפּגעטראָטן פונעם פלויטל, בעת אירע גרויסע בלאָלעכע אויגן זענען געוואָרן פייכטלעכע און קליינע. ביידע מאַנצבילן זענען געגאַנגען מיט גיכע טריט באַרג אַרויף. ביים סוף פונעם דאָרף־וועג האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די נייע הייזער. אין זייערע פענצטער האָבן די אויסבאַהאַלטענע עבערסטאַלער מענטשן איצט אַרויסגעהאַנגען ווייסע, פלאַטערנדיקע טיכער. אויף די שוועלן האָבן זיך געשטעלט זקנים און זקנות. זיי האָבן נאָכגעקוקט די פרעמדע צוויי מענטשן מיט פאַרגליווערונג און שטוינונג. עטלעכע האָבן פאַר זיי אַראָפּגענומען די היטלען און געבליבן שטיין מיט אַנטבלויזטע קעפּ ביז די צוויי מענטשן זענען אַדורך. זקנות האָבן זיך געצלמט. דעם שווערן רוק־זאַק פון דניאלן האָט שוין איצט געטראָגן אויף זיך ניקיטין. דניאל האָט פונאַנדערגעקנעפּלט דאָס רעקל און קוים אים געקאָנט נאָכשפּאַנען. ער איז געווען, דניאל, טרויעריק פון אַן אומפאַר־שטענדלעכן, נאָר־וואָס געבוירענעם יידישן טרויער, וואָס די ערשטע טריט אַהיים האָבן געשפּרייט פאַר זיין וואַקלענדיקן, שוואַכן גוף. דער גרויסער רויטלעכער קרייץ אויפן אַסירים־רעקל האָט ביז געפלאַטערט איבער זיין רוקן ווי אַ משונהדיקער, גיהנומדיקער אָדלער מיט ברענענדיקע פליגל. בעת זיי זענען ביידע אַרויס פונעם טירינגער וואַלד־ראַנד, האָט די אַלמנה נאָך לאַנג געזען שוועבן דעם רויטלעכן אַסירים־קרייץ איבער דניאלס פּלייצע. דערנאָך איז דער קרייץ געוואָרן פאַוואָליע בלאָלעכער און צעשוואומען, ביז ער האָט זיך אין גאַנצן איינגעלאָשן אַנטקעגן דער זון אויף דעם מענטשנס איינגעבויקטער פּלייצע.

1952

וואָרצלען

ווען נישט דער שוואַרצער, טרויעריק־טריבלעכער בליאַסק פון זיינע טיף־אַריינגעזעצטע אויגן, וואָלט זי אים קיין מאָל נישט חושד געווען. וואָרעם אַחוץ דעם דאָזיקן ווייכן, פרעמדן בליאַסק איז גאָרנישט נישט געווען אויף זיין פּנים, וואָס האָט געקאָנט עפּעס דערמאָנען אין זיין באַזונדערקייט צווישן די אַרומיקע מענטשן. להיפּך: אַלץ איז אין זיין אויסזען געווען שאַרף־סלאַוויש און ווייטלעך נישט־ייִדיש. זיין נאָז איז געווען שטאַרק פליישיק, שווער און מגושמדיק־גרויס, מיט אַן אויפגעהויבענעם, פאַרשפּיצטן און דינעם נאָז־ביין, וואָס האָט צעטיילט די נאָזפליגל אין גלייכע, אַראָפּפאַלנדיקע ווענטלעך. ווי לאַנג זי האָט אים געקענט — און דאָס איז געווען זינט איר אָנקומען אינעם סטאַלינגראַדער ראַיאָן־לאַזאַרעט — האָט ער געטראָגן די באָרד זיינע, ווי ס'רוב פעלד־דאָקטוירים. די באָרד זיינע איז געווען אַ פאַרשפּיצטע און גוט־געפּלעגטע און אַפילו גע־האַט אין זיך אַ ברוין־רויטלעכן אָפּשיין פון פרומע, אַלט־סלאַווישע בערד. ער האָט זי אַוודאי געמוזט אָפּהיטן מיט אַ באַזונדערער, אייגנטימלעכער ליבשאַפט. בעת אַלע איבעריקע אָפיצירן־בערד זענען געווען ווילד־צעפּלאָ־שעטע, געקרייזלטע און געדיכט־אָפּשטייענדיקע — האָט זיין באָרד געהאַט אַ פאַרבאָרגענע, פרעמדע און שטילע צניעות. אויך זיינע ברעמען זענען געווען רויִקע, געדיכטע, ווי אויסגעגלעטע. זיין שטערן האָט געהאַט אין זיך אַ נישט־סלאַווישע, שטאָלצע אויפגעהויבנקייט און געפורעמטקייט פון אַ בלייכער, שיינער וואַסער־מושלע. איבער זיין שטערן־הויט איז נישט געווען צו זען דער מינדסטער פאַלד. און דאָס האָט אין אירע אויגן אויס־געזען שטאַרק אויסטערליש, וואָרעם לויט אַלע סימנים האָט סערגיי סע־

מיאַן פּאַזוכאַוו געדאַרפט זיין אַרום די פּערציקער, כאָטש די באָרד האָט געקאָנט נישט איין מאָל אַריינפירן אויך אין אַ טעות.

די ערשטע וואָכן האָט ער זי לחלוטין נישט דערזען און — אפשר נישט געמאַכט זיך זען. ווייניק קראַנקן־שוועסטערן און געהילפן האָבן זיך אויפגעקליבן אין די פראָנט־לאַזאַרעטן? ס׳איז אויך נישט געווען דעמאָלט די צייט פון אַריינבליקן אין די לעבעדיקע אויגן פון אַ מענטשן — אַפילו ווען דאָס זענען געווען די יונגע, ברוינלעך־שמייכלענדיקע אויגן פון אַ יידיש מיידל, אַן אַנטלאָפענע פון פוילן. ס׳איז געווען דעמאָלט די צייט פון אַריינבליקן בלויז אין די אָפּשטאַרבנדיקע טויטע אויגן פון געפאַלענע. און אויך דאָס איז נישט געשען אַזוי אָפט. דער שטורעם האָט אָן אויפהער געטראָגן די מענטשן צו אַזוי פיל תהומיקע אומבאַקאַנטקייטן און פינצטערע רציחות פונעם דייטש אויף דער פאַריאַכטער פוילישער ערד. פייערן, פאַר־באַרגענע און אומרויִקע, האָבן ווילד געטריבן דאָס האַרץ ביי די מענטשן נאָכן איבערטרעטן די ערד הינטער די בלאָלעכע וואַסערן פון בוג. מיט יעטוועדן אָפּגענומענעם ערד־שפּאַן, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פונעם דייטש, האָבן אין די מענטשן זיך געעפנט נייע, גלייִקע כוחות און זיי געצויגן פאָרויס. ס׳זענען גראָד געגאַנגען דעמאָלט שפּיזיקע סטעפּ־ווינטן, אַנגע־שאַרפטע פון פראָסט און שניי, וואָס האָבן געיאָגט די מענטשן אַלץ גיכער צו מערב. און אינעם גאַנג צוריק אַהיים האָט זיך חנה סירקין אויסגעוויזן, אַז קיינעם פון די מענטשן טראָגט נישט אַזוי ווי זי דאָס אימפּעטיקע, משונהדיקע פייער בעתן דערנענטערן זיך צו דער פוילישער ערד. קיינעם בריט נישט אַזוי די ערד אונטער די פיס ווי איר. ס׳איז דאָך געווען די אַלטע, גרינע, פוילישע גרענעץ־ערד, וואָס איז איצט געלעגן אָן איבער־געוואָרפענע מיט טליענדיקע אַש־בערג, מיט שוואַרצע ברענענדיקע גלאָוו־ניעס פון פאַרשווונדענע הילצערנע שטאָלן, פּלויטן און מענטשישע וווין־בנינים.

דער חשד, וואָס די קראַנקן־שוועסטער אַננאַ מאַיסיעוונאַ סירקין האָט געהאַט אַנטקעגן הויפּט־דאָקטאָר סערגיי סעמיאַן פּאַזוכאַוו, האָט זיך טאַקע אין איר מערער פאַרפעסטיקט יענעם טאָג, בעת זיי זענען אַריבער די בלאָלעכע וואַסערן פונעם בוג. דאָס איז געווען דאָס ערשטע שטעטעלע,

ווּ ס׳האָבן אַמאָל געלעבט ייִדן. ס׳איז עפּעס אַזוי געשען, אַז אין דאָזיקן שטעטלשע האָבן זינט דורות געלעבט סטאָליערס, סטעלמאַכס, באַלע־גאָלעס, פּישערס און זייער קנאַפּ פרומע ייִדן. פון דעסטוועגן איז דער קלויז־בנין געווען אַ זעלטן שיין־געשניצטע געביידע, מיט קליינע פענצטערלעך און מיט שיינע קאָליריקע שייבעלעך, פון וואַנען ס׳האָבן אַראָפּגעלויכטן בלאָלעך־קאָליריקע מגן־דודס. אַ גאַנץ יאָר, ביז דער בוג האָט זיך נישט פאַרקלאָמערט אין זיין בלאָלעך אייז, זענען געגאַנגען איבער אים די אומצאָליקע טראַטוועס מיט געהילץ און קליינע פּישער־שיפלעך האָבן זיך געטראָגן מיט גראָלעך־זילבערדיקע נעצן איבערן וואַסער. חנה סירקין איז דאָ געווען צוגאַסט ביי דער שוועגערין אירער ליובען, נישט לאַנג פאַר דער מלחמה. זי געדענקט אַפילו דאָס געסל, דאָס גרינלעך־געפאַרבטע הייזל הינטערן שיינעם הילצערנעם קלויז. בעתן אַנטלויפן האָט זי איבערגענעכ־טיקט ביי ליובען און זיך געבעטן ביי איר און ביים ברודער זיי זאָלן אַלץ איבערלאָזן און אַוועק... ליובעס מאַמע איז גראָד דעמאָלט געווען קראַנק אויף די פיס, — און ווי לאָזט מען דאָס איבער די אלמנה אליין אין אַזאַ בהלה? און צו־וואָס האָט מען עס געדאַרפט לויפן, אַז בלויז אַ שפּאַן איבערן וואַסער ליגט די נייע, באַפרייטע וועלט? טאָמער, חלילה, ס׳זאָל זיך מאַכן שלעכט — וועט מען דאָך תּמיד קאָנען אין איר אַריין.

זי איז איצט, חנה סירקין, געשטאַנען אויפן פּוילישן ברעג אַרומגעהילט מיטן זעלנערישן מונדיר און אַ באַלאָדענע מיט דער שווערער פעלד־טאַש. זי האָט שוין געוווּסט, אַז אין ערגעץ איז דאָ נישט פאַרבליבן קיין איין לעבעדיקער ייִד. ס׳איז נישט געווען וועמען צו גיין זוכן. פון דעסטוועגן האָט זי געטריבן אַראָפּצולויפן צווישן די קרומע, איינגעפאַלענע געסלעך. פאַזוכאָוו האָט נאָך נעכטן באַפוילן זיך נישט צו דערווייטערן פון די פּונקטן, וואָרעם מע קאָן נישט וויסן ווי לאַנג מע וועט דאָ שטיין בלייבן. זי האָט אַ לאַנגע צייט נאָר געקוקט אינעם געסל אַראָפּ. איר בליק איז געווען אַ פאַרגלאָזטער, אַ פאַרנעפּלטער און מיט אַ פרעמדער נעציקייט צווישן אירע שיטערע ווימפּערן. נישט ווייט פון ברעג איז געלעגן אַן איבער־געקערט פישער־שיפל מיטן שפּיציקן בויך אַרויף, וואָס האָט אויסגעזען אין אירע אויגן ווי אַ גרויסער, טויטער, אַרויסגעוואָרפענער פיש. די הילצערנע

בנינים אינעם געסל האָבן נאָך פּאַוואָליע געברענט מיט מידע, איינגייענ־ דיקע פייערן. ס'איז נישט געווען צו זען קיין שום מענטשלעך פּנים. דורכן גראָלעכן פּוילישן שניי־באַגינען האָבן פונעם נאָענטן שאָסיי געהילכט די ציִענדיקע שווערע סאָוועטישע טאַנקען. איינצלנע בלאָנדזשענדיקע פּוילישע פייגל, גראָלעכע און איבערגעשראָקענע, האָט זי געזען קרייזן גאָר נידעריק אונטערן באַגינענדיקן הימל. זיי האָבן געצויגן שפּעטער צום צוויטן קעגנאיבערדיקן פלאַכן ברעג פון בוג. זי האָט די פייגל באַגלייט די גאַנצע צייט מיט אירע פייכטלעכע ווימפּערן און געזען ווי זיי לאָזן זיך גאָר פּלוצעם אַראָפּ נידעריק צום וואַסער, ווי זיי וואָלטן פון דער הייך זיך געשליידערט אין דער טיפעניש, כּדי אין די בוג־וואַסערן צו פאַרענדיקן זייער פלאַטערנדיק, פויגליש לעבן.

כאָטש ס'איז נאָך געווען אַ שיינע פּאָר צענדליק וויאָרסט צו איר היימשטאָט אַראָפּצוגיין קיין דרום, האָט זיך שוין איצט אין איר אויפגעהויבן אַן אומבאַזיגבאַרער ווילן אַלץ איבערצולאָזן און אַהיימצולויפן, כּדי אויפ־ צוזוכן די מאַמע. אויפזוכן די מאַמע...

צי איז נישט דאָרט געשען גראָד אַזוי ווי דאָ ? זי זעט דאָך שוין וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעטאָן מיט אַלע... מיט אַלע ייִדן... און אין מיטן — גאָר ער: סערגיי סעמיאָן פּאַזוכאָוו... אַ קרומלעכער, ווייטיקלעכער גרימאַס האָט שאָטנדיק צעשניטן איר שיין מויל ביי די ווינקלען. פּאַר וואָס ? פאַר וואָס טוט ער דאָס ? פּאַר וואָס ? פּאַר וואָס ? פּאַר וואָס טוט עס נישט טיכאָנצעוו, נישט קאַליצין, נישט קאַראַשווילי — נאָר דווקא ער, סערגיי סעמיאָן פּאַזוכאָוו ? ער האָט קיין מאָל מיט איר נישט אויסגערעדט דאָס מינדסטע וואָרט אַחוץ דאָס איין איינציקע מאָל, בעת זי איז אַנומלט ביי נאַכט פּלוצעם געראָפן געוואָרן צום גרוזינישן שטאַב־אָפיציר קאַראַ־ שווילי. ער איז געלעגן, קאַראַשווילי, מיט אַ שטאַרק צעריסענער האַנט פון אַ בלינדן גראַנאַט. דאָס איז געווען נישט ווייט פון סטאַלינגראַד. פּאַר וואָס האָט ער, פּאַזוכאָוו, דווקא זי גערופן, אַננאַ מאַיסעיעוונאַ סירקין, צום דיזשור ביים פאַרווונדעטן קאַראַשווילי ? זי געדענקט נאָך איצט די גאַנצע פּאַסירונג, כאָטש ס'זענען זינט דעמאָלט שוין אָפּגעפלאָסן איבער צוויי צענדליק חדשים. אַזעלכע פּאַסירונגען ווערן אָבער קיין מאָל נישט אויס־

געלאָשן פון זכּרון. בעת זי איז אַריין דעמאָלט אין צימערל פון קאַראַ־שווילי האָט זיך פּאַזוכאָוו אויפגעשטעלט פון טישל. ער איז איר אַנטקעגנ־געגאַנגען צו דער טיר עטלעכע טריט. דער טריבלעכער בליאַסק פון זײַנע אויגן האָט זי אין גאַנצן איבערגעגאָסן. ער האָט דעמאָלט עפּעס גיך געזאָגט, פון וואָס זי האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען. ס'איז אָבער געווען קלאָר, אַז ער האָט געמוזט שטאַרק ליבן איר אַרבעט פאַרן פאַרוווּנדעטן קאַראַשווילי. בעת זײַן אַרויסגיין פון צימערל האָט ער געזאָגט, אַז טאָמער געשעט עפּעס מיט אים, פּאַזוכאָוו, וואָלט ער זיך נישט געווונטשן קיין אַנדערע שוועסטער ביים טויטן־בעט ווי דווקא זי — אַננאַ מאָיסעיעוונאַ סירקין... דאַ... דאַ... אַננאַ מאָיסעיעוונאַ... כע־כע־כע... ער האָט געלאַכט דעמאָלט צו איר מיט אַ ווייס, ציטערנדיק געלעכטערל. זי הערט עס נאָך אַפילו איצט, בעת זי קוקט נאָך די פאַרשווונדענע פייגל איבערן בוג־וואַסער. זי ווייס נישט פאַר וואָס ס'האָט זיך איר דעמאָלט אויסגעוויזן, אַז דאָס מאַטע, ציטערנדיקע געלעכטערל איז אַרויסגעפאַלן פון צווישן זײַן פאַרקעמטער באָרד, ווי פאַרוועלקטע בלעטלעך פון אַ צעטראָטענער בלום. זי האָט אים געוואָלט עפּעס זאָגן, דוכט זיך, אָט דאָס „טאָוואַרישטש פּאַזוכאָוו!... די, וואָס טראַכטן אָפן וועגן טויט — צו די איילט ער זיך נישט...". זי האָט אָבער נישט באַוויזן עפּעס צו זאָגן, וואָרעם פּאַזוכאָוו האָט זי ביי דער טיר גענומען פּלוצעם אונטערן אָרעם און איר אַרײַנ־געפּליסטערט אין פּנים:

— א זנאַיטיע, אַננאַ מאָיסעיעוונאַ... טשטאָ טאַקאָיע — קאַדיש?

חנה סירקין האָט זיך אַ רגע אַ וואַקל געטאָן. זי האָט זיך געשעמט אויפצוהייבן אַנטקעגן אים די אויגן פון עפּעס אַן אינעווייניקסטער, גלײַיקער בושה. זי וואָלט אים געדאַרפט טאַקע איצט פּשוט אַ פרעג טאָן: „וואָסער שייכות האָט אי ר, פּאַזוכאָוו, מיט קדיש, האַ?". זי האָט עס אָבער נישט געטאָן ווי תּמיד, בעת זי פלעגט אַרײַנפאַלן אין אַ טרויער. זי האָט בלויז אויפגעהויבן אירע ביידע הענט און אָנגעהויבן צו פאַרריכטן דעם פאַרפלאָכטענעם האָר־קאָקס אויפן קאָפּ. פּאַזוכאָוו איז געשטאַנען אַנטקעגן איר אַ פאַרשוויגענער און מיט ביידע פינגער פאַרוויקלטע אין דער באָרד. זײַנע אויגן האָבן ווידער אָן אויפהער געגאָסן פון זיך זייער

אויסבאַהאַלטענעם שוואַרצן אויגן־בליאַסק. דאָס מאָל איז דער גלאַנץ זייערער געווען אַ מילדער און מער נישט קיין טרויעריקער, ווי פֿון זיי וואָלט אַראָפּגעפֿאַלן דאָס תּמיד טונקעלע הייטל ווי אַן אָוועקגעפּאַלענע דאַמבע. ער האָט אַן אויפֿהער צו איר געשמייכלט. זיינע צוויי זילבערנע ציין האָבן אַראָפּגעלויכטן אין דער באָרד מיט אַ וואַרעמען ווייסלעכן גלאַנץ. דעמאָלט האָט חנה סירקין געהאַט דאָס געפֿיל, אַז אַ וואַרעמער, נישט זעעוודיקער, דינער פֿאָדעם האָט זיי ביידן פּלוצעם אין אַ וואַרעמער סודות־דיקייט געהאַלטן צוזאַמען. דער פֿאָדעם איז געווען אַ דינלעכער, אַן אונ־טערערדישער, אַזוי ווי אַן אומזעעוודיקער ווייכער וואָרצל, וואָס ליגט פֿאַרבאַהאַלטן אין דער גוטער, פֿינצטערער וואַרעמקייט פֿון דער ערד.

הייסט עס, אַז איר חשד איז לחלוטין נישט געווען אומזיסט. כאָטש אין גאַנצן זיכער איז חנה סירקין אין דעם נישט געווען. אַלס דאָקטאָר, וואָס האָט אומצאָליקע מאָל געזען מענטשן שטאַרבן, האָט ער געקענט וויסן, פֿאַזוכאָוו, פֿון דער יידישער טויטן־תּפֿילה. זייט דער דעמאָלטיקער פֿאַסירונג איז שוין אָפּגעפֿלאָסן אַזוי פֿיל צייט — און וויפֿל טויטע האָבן זיי אין צווישן איבערגעלאָזט אויף דער ערד?

נעכטן אָבער איז געשען אַזוינס, פֿון וואָס חנה סירקין איז שוין געווען זיכער, אַז פֿאַזוכאָוו איז אַ ייִד.

דאָס איז געווען אין די ערשטע שעהען פֿון זייער אָנקומען אַהער אויפֿן באַפֿרייטן פּוילישן אָרט. באַלד באַגינען האָט נישט קיין אַנדערער ווי ער אַליין, סערגיי סעמיאָן פֿאַזוכאָוו, געהייסן צונויפֿקלייבן די ביינער־רעשטן פֿון די פֿאַרברענטע ייִדן. זיי זענען געלעגן, די ייִדן־ביינער, צווישן נאָך טליִענדיקע ביימער־קלעצער, פֿאַרוואָרפֿן מיט גרינלעכע וואַלד־צווייגן, וואָס האָבן נאָך געהאַט אויף זיך קליינע, זאַפֿטיקע יאַדלע־וואָרצלען. דאָס איז געווען דעם דייטשס לעצטע שטנדיקע גיהנומדיקע טאַט מיט די אויסבאַ־האַלטענע ייִדן פֿאַרן פֿאַרלאָזן דאָס אָרט. חנה סירקין האָט געהאָלפֿן פֿאַזו־כאָוון פֿון אינדערפֿרי אָן. זיי זענען ביידע געגאַנגען פֿון געסל צו געסל און געקליבן די ייִדישע ביינער־גלידער פֿון צווישן די נאָך טליִענדיקע האָלץ־מזבחות. הינטער זיי זענען מיטן טראָגבעטל געגאַנגען ביידע ייִנגלעך — די צוויי מאָסקווער קאָמסאָמאָלצעס שיריקאָוו און צאַראַבין. אַלטע איבער־

געשראָקענע פּאָליאַקן־זקנים האָבן באַגלייט די „סאָוועטן" און זיי אָנגעוויזן אויף איטלעכן פאַרברענטן ייִדן.

ס'איז געווען דער ערשטער, אויסטערלישער און שטומער לוויה־צוג, וואָס איז געגאַנגען אויף דער באַפרייטער פּוילישער ערד. בײדע ייִנגלעך זענען געגאַנגען פּאָרויס. זיי האָבן געטראָגן דאָס פּולע, שוואַרץ־איבער־געדעקטע טויטן־בעטל מיט די פאַרוויקלטע ביינער. די מענטשלעכע שוואַרצע גלידער זענען געווען אויסגעמישט מיט ערד, מיט האַלץ־שפּענער און מיט געקרייזלטע צעריסענע וואָרצלען. הינטערן טראָגבעטל זענען שווייגנדיקע, מיט אַראָפּגעזונקענע קעפּ, געגאַנגען פּאַזוכאָוו און סירקין. פּאַזוכאָוו האָט די גאַנצע צייט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. זיין פּנים איז געווען שטאַרק ווייס. דאָס ערשטע מאָל האָט חנה סירקין דערזען, אַז זיין באָרד, אַ צעפלאָשעטע און ייִדיש־צעריסענע, איז געווען אויסטערליש לאַנג. זי האָט נישט געקאָנט, חנה סירקין, נאָכיאָגן זיינע לאַנגע שפּרייזן. ס'איז געווען אַ ווינטיקער און בלאָלעכער טאָג. גאָר ווייניק פּוילישער שניי איז געלעגן אויף דער ערד. ער איז געווען, דער שניי, אַ דינער, אַ דורכזיכטיקער, ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו פאַרדעקן אונטער זיך די ערד. דער הימל איז געהאַנגען נידעריק. קרויזנדיקע וואַסער־נעפּלען, ווי טונקעלע, שווימענדיקע וואָלקנס, האָבן זיך געהויבן פון די בוג־וואַסערן. בלאָלעכע רויך־הימלען פון די ערדישע, לעצטע, בייזע פייערן זענען זיך ביסלעכווייז צעפלאָסן איבער די וואַרעמע, פאַרשנייטע פעלדער. די טרעטנ־דיקע פרעמדע מענטשן הינטערן טראָג־בעטל האָבן נישט אויפגעהויבן זייערע אויגן פון דער ערד. דער שניי איז אונטער זייערע גיכע טריט, אַ בלאָלעכער און שיטערער, פּאַוואָליע צעפלאָסן אין דער אָפּגעדעקטער ערדישער נאַקעטקייט.

די אַנטפּלעקונג וועגן פּאַזוכאָוון האָט פאַר דער קראַנקנשוועסטער חנה סירקין געבראַכט אַ טיפע, באַפרייענדיקע דערלייכטערונג. זי האָט געוווּסט, אַז איצט וועט איר נישט זיין אַזוי שווער צו רעדן מיט אים, ער זאָל זי באַפרייען פון דינסט. אָט איז זי דאָך בשלום געקומען אַהער. אָט איז דער ערשטער, באַפרייטער שפּאַן ערד פון פּוילן. פריִער וואָלט אפשר איר בקשה אויסגעקומען אין זיינע אויגן אויסטערליש, אַפילו דעזערטיריש.

זי האָט אַראָפּגעלייענט פון זיין פּנים: און וואָס, אַז מ'האָט איבערגעלאָזט ערגעץ אין פּוילן אַן אַלטע מאַמע? און ער, פּאַזוכאַוו, צי האָט ער נישט אויך איבערגעלאָזט אין דער היים זיין מוטער? זי זעט דאָך שוין, — אַננאַ מאַיסעיעוונאַ סירקין, וואָס דער דייטש האָט אָפּגעטאָן מיט די ייִדן... מיט אַלע... מיט אַלע... וועט ער האָבן דווקא געשוינט די אַלטיטשקע סירקין? אָבער איצט, נאָך דער קבורה פון די אומבאַקאַנטע ייִדישע ביינער (אָ, גאָט! אפשר זענען עס געווען ליובעס... אפשר ירוחמס!...) האָט זי שוין געוווּסט, אַז פּאַזוכאַוו וועט זי באַפרייען. בפרט איצט, אַז ס'זענען צוגע־קומען אַ סך קראַנקנשוועסטערן פון די באַפרייטע פּוילישע ראַיאָנען. איצט איז טאַקע געקומען די צייט פאַר איר אַוועקצוגיין. צו בלייבן אויף דער ערד, פון וואַנען זי איז אַנטלאָפן, בלייבן און נאָכגיין דער מאַמעס לעצטן, פאַרלוירענעם שאָטן.

צו מאַרגנס איז געווען זונטיק. ווי נאָר חנה סירקין האָט זיך פאַר אים געשטעלט האָט פּאַזוכאַוו איר געהייסן זיך גרייטן אין וועג אַריין. און פּלוצ־צעם: „אויב זי וואָלט נישט געהאַט קעגן דעם, וואָלט ער איר געהאָלפן... גאַנץ פּשוט: די וועגן זענען נאָך נישט אַזוי זיכער... אפילו פון פּאַליאַקן... גוט, אַננאַ מאַיסעיעוונאַ?..."

דער וועג אַראָפּ צו דרום האָט געפירט לכתחילה דורך זייער שמאָלע דאָרפוועגן. דער קליינער דזשיפּ־וואָגן האָט זיך פּאַוואָליע געטראָגן לעבן איינגעוואָרפענע פּויערישע בנינים, ביז זיי זענען אַרויס אויפן שאָסיי. פּלוצעם האָט ווידער אָנגעהויבן צו פאַלן אַ גיכער און דינער שניי. דאָס איז געווען דער לעצטער שניי פאַרן אָנקומען פון פּוילישן פרילינג. חנה סירקין האָט דעם פרילינג דערקענט אין די אָפענע שטיקער הימל, וואָס האָבן אַלץ אָפטער אַראָפּגעלויכטן פון צווישן די שווימענדיקע שניי־וואָלקנס. זי איז געזעסן לעבן פּאַזוכאַוון און געקוקט אויף זיין ווייסער, שטילער, אָפּגעדעקטער האַנט. די האַנט איז געווען אַ שטאַרק בלייכע, מיט שוואַרצע, געדיכטע האָר־בערגלעך אין דער מיט, איבער די פינגער־געלענקען. די ווייסקייט, אויסגעמישט מיט דער גלעטנדיקער שוואַרצקייט האָט אויף איר אַ יאָג געטאָן מיט אַ מאָל אַ לאַנג שוין פאַרגעסענע נאָענט־קייט. טאַקע איצט, קוקנדיק אויף פּאַזוכאַווס האַנט — האָט זי געזען די

אַלטע, פֿאַרשטאַרבענע האַנט פֿון טאַטן. די דאָזיקע ווייטע טויטע האַנט פֿונעם טאַטן, בעת זי איז נאָך געווען אַ מיידעלע — האָט איצט גערוט לעבן איר. אָט איז זי — די פֿרעמדע האַנט, וואָס איז אַמאָל פֿאַרשוווּנדן אין די קינדער־יאָרן, איצט אויף ס'ניי אויפֿגעשטאַנען פֿאַר איר. די ווייס־קייט בלענדט אין אירע אויגן ווי אַ פֿריידפֿולע, ליכטיקע אַנטפּלעקונג. דאָס איז געווען דעם טאַטנס טויטע האַנט, וואָס האָט זי איצט געפֿירט אויפֿצו־זוכן דער מאַמעס שאָטן. זי האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגעלאָזט פֿון פֿאַזוכאָווס האַנט די אויגן. אַ פּלוצעמדיקע פֿייכטקייט האָט דין געבריט צווישן אירע מיידלשע ווימפּערן. זיי זענען די גאַנצע צייט געפֿאָרן נאָענט לעבן דורכזיכטיקע סאָסנע־וועלדלעך. פֿון אינעווייניק האָבן איטלעך מאָל זיך אויפֿגעהויבן טשאַטעס שוואַרץ־סאַמעטענע ווינטערפֿייגל און אַוועק צו די העכערע, נאָך פֿאַרשנייטע ביימער־שפּיצן. אַ שטאַרק בלאַלעכער, שווימענדיקער שאָטן איז געפֿאַלן פֿון די סאָסנעס. גראַלעכע, הונגעריקע פּוילישע וורובליעס זענען איצט לענגער געבליבן הענגען צעפּלאַטערטע אינעם חלל. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט חנה סירקין זיך איינגעהערט אין אַלץ. זי האָט קוים, קוים געקענט דערהערן די פֿייגלס שוואַך און אײַ־בערגעשראָקן געזאַנג. זייער צוויטשערן איז געפֿלאָסן פֿונעם אָפּגעדעקטן הימל, פֿאַרבאַהאַלטן און פֿאַרשעמט, איבער איר אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ מיט קילע, ציטערדיקע טרערן.

*

כּמעט אין דער זעלביקער פֿאַרמיטאָג־שעה, מיט צוויי וואָכן פֿריִער, בעת פֿאַזוכאָוו און סירקין זענען געשטאַנען ווייט פֿונעם פּוילישן בוג, איז דער פֿאָוויאַטאָווער פּוילישער דאָקטער, דער זקן אַדאַם סאָקאָלאָווסקי, נאָך געלעגן אין בעטל. ער האָט גערוט לענגער ביי זיך אין חדרל ווי יעטוועדן טאָג. ס'איז געווען אַ זונטיק־באַגינען, אַ ווייס־בלאַלעכער פֿונעם שניי און מיט אַ שאַרפֿן בוג־ווינט, וואָס איז געגאַנגען פֿון מיזרח. ער איז איינגע־שלאָפֿן, דאָקטער סאָקאָלאָווסקי, זייער שפּעט און געהאַט דאָס ערשטע מאָל אין די מלחמה־יאָרן אַ שווער און אייליק האַרצקלאַפּן. ער האָט אַוודאי געמוזט איינשלאָפֿן ערשט פֿאַר טאָג, וואָרעם, בעת ער האָט אין ליכט־באַ־

גינען געעפנט זיינע אַלטע, אַראָפּהענגענדיקע אויגן־לעדלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פֿאַרוויקלטע אַלכע־בלעטלעך — זענען זיי אים נאָך געווען זייער שווער. זיי האָבן אים ווי געטאָן מיט אַ דריקנדיקן, בלייערנעם ווייטיק. ער האָט הויך, איבער דער קאָלדרע, פֿונאַנדערגעשפּרייט זיינעביידע אַלטע הענט, נאַקעטע און אונטערציטערנדיקע און זיך אַרומגעקוקט אין חדרל. דער געל־גאָלדיקער און געפֿאַלדעוועטער גאַרדין, וואָס האָט שוין געהאַט ברייטע, שוואַרצע שטויבפּלעקן, איז נאָך פֿון נעכטן ביי נאַכט געהאָנגען פֿאַרשאַרט אין אַ זייט און האָט אָפּגעדעקט דאָס גאַנצע פֿענצ־טער. דעם זקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער גאַרדין, וואָס ליגט אויף דער פֿענצטער־פּראָמוגע, איז גאָר אַ דאַרער, אַוועקגעפּאַלענער קאָרן־סנאָפּ. די שויבן האָבן געבלאַנקט מיט לייכטנדיקן זילבער פֿונעם פּוילישן פֿראָסט. פֿון די צוויי נידעריקע, ערדענע בלומענטעפּ האָבן די שטייפֿע רויטלעכע פֿלאַנצן מאַכטלאָזע געקלעטערט איבער דער וואַנט. דאָקטער סאָקאָלאָווסקי האָט זיך שטאַרק איינגעהערט צום דרויסן. ס׳איז געווען אַ שאַרפֿע, באַגי־נענדיקע זונטיק־שטילקייט. עמעצנס פּויליש צעריסן קול האָט אַריבערגע־שריגן אויף אַ צווייטן הויף און געפֿרעגט, צי ס׳וואַסער איז נאָך פֿאַרפֿרוירן... אַ ביסל שפּעטער האָט זיך געהערט אַ ווייטער, קריצנדיקער און פּאַוואָליע־דיקער ברונעם־סקריפּ ווי עמעצער וואָלט געשאַרפֿט אַ מעסער אויף אַ שלייפֿשטיין. ס׳איז דערנאָך געוואָרן ווידער שטיל. איצט האָט זיך דער זקן אויפֿגעזעצט אויפֿן בעטל און פֿון זיינע ביידע האַנט־פֿלאַכן געמאַכט אַ געדרייטע טובע ביי די אויערן. כּדי אויפֿצונעמען דעם ווייטסטן שאָרך פֿון דרויסן. ער האָט דערקענט אין דער שטילקייט, אַז ס׳האָט זיך לחלוטין נאָך גאָרנישט געביטן. ז י י זענען נאָך דאָ, כאָטש זינט עטלעכע טעג זענען אומאויפֿהערלעך געגאַנגען קליינע דייטשע סאָלדאַטן־מחנות אַראָפּ צום וואַרשעווער שאָסיי. זייערע שוואַרצע, גענאָגלטע שטיוול־שריט האָבן ריטמיש געוואָרגן די פֿאַליענדיקע ווינטער־לופֿט. מ׳האָט סודותדיק גע־רעדט, אַז גאָר אין גיכן וועט דער דייטש פֿאַרלאָזן די פּוילישע ערד. אָבער ווער ווייסט — וואָס דער שׂטן קאָן נאָך אין דער לעצטער רגע אָפּטאָן מיט די איבערגעבליבענע מענטשן. בפֿרט מיט זיי — מיט די אויסבאַהאַל־טענע ייִדן... אַז ס׳וועט עפּעס געשען האָט דאָקטער סאָקאָלאָווסקי דער־

קענט אינעם נעכטיקן שמועס. צי מיינט ער עס טאַקע אין דער אמתן, דער היטלער־הונט, בראַנדמייער? און צו וואָס, אָ, גאָט, האָט ער אים, סאָ־קאָלאָווסקין, געהייסן צוגרייטן דעם ראַטוש־קעלער? אפשר בלויז כּדי אָפּצושרעקן די איבעריקע שטעטלשע מענטשן פאַר זייער פּלוצעמדיקן אָוועקגיין? צו וואָס האָט ער געהייסן איינזאַמלען אין ראַטוש־קעלער די אויסבאַהאַלטענע, קראַנקע יידישע זקנות?...

ער איז אַרויס פון בעטל און אויף זיך אַרויפגעוואָרפן דעם צעדריוולטן, געבלימלטן שלאָפראָק. אין צימערל איז געווען קאַלט. דאָס אַלטע קאָש־טשושקאָ־בילד — די שבועה אויפן קראָקעווער רינעק, האָט מאַט געגלי־ווערט אונטער גראַלעכן, שווערן שטויב. דורך די אָפענע טירעלעך פונעם גרויסן בלייכן קאַכלאויוון האָבן אַרויסגעקוקט די פאַרברענטע האַלץ־גלאָוו־ניעס מיט זייערע געקאַרבטע שוואַרצע שניטן. אָט ביסטו עס, פּוילן, — אַ שוואַרצע, פאַרברענטע גלאָווניע! — האָט דער דאָקטער סאָקאָלאָווסקי אויס־געמורמלט, אַריינבליקנדיק שטאַר אין די אָפענע טירעלעך. אויפן טיש איז נאָך געלעגן אַן אויפגעבלעטערטע די הייליקע שריפט, ווו דער זקן האָט זינט עטלעכע טעג אַריינגעקוקט. די ביבל איז געלעגן אַן אויפגעמישטע אויפן אָרט, וואָס דערציילט וועגן די יידן, וואָס זענען געווען ביי די ניל־וואַסערן און ס'איז פאַר זיי אויפגעשטאַנען דער מצרישער יידן־פּרינץ, כּדי צו באַפרייען זיינע פאַרקנעכטיקטע ברידער. ער געדענקט, דאָקטער סאָקאָלאָווסקי, אַז ער איז צוגעפאַלן צום הייליקן בוך באַלד נאָך דעם ווי ער איז אייערנעכטן צוריקגעקומען פון קאָמענדאַנט בראַנדמייער. ער האָט געמוזט לאַנג שטיין, דער זקן, אין פאָדער־צימער פונעם ראַטהויז ביז מען האָט אים אַריינגעלאָזט. בעת ער איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם ריזיק־צע־וואַקסענעם מאַנצביל מיט די רויטלעכע, אָפּגעהאַקטע היטלער־וואָנסן איבער זיין דין מויל, האָט דאָקטער סאָקאָלאָווסקי מיט אַ מאָל דערפילט, אַז עס פאַלט אויף אים אַראָפּ פון ערגעץ ווו אַן אַלט־אויסגעלאָשענע פּוי־לישע עקשנות. ער איז געווען דער איינציקער פּוילישער דאָקטער, וואָס איז געבליבן אויפן אָרט נאָכן אַריינקומען פון דייטש. די יונגע פּוילישע מענער און ווייבער זענען שוין לאַנג אַרויסגעפירט געוואָרן אויף ערד־אַרבעט אין פּויזנער קאַנט. פאַרבליבן זענען נאָר אַ פּאָר צענדליק זקנים

פּאַליאַקן, מיט זייערע אַלטע ווייבער און יינגעטשקע אייניקלעך. דאָס שטעטעלע איז געווען אַ קליינס, אַ פאַרלוירנס און דערשראָקן געלעגן אויפן וועג צווישן צוויי גרעסערע פּאָוויאַט־שטעט. פון ייִדן איז זינט מלחמה־אָנהייב שוין נישט געווען קיין סימן. אַ טייל איז אַריבערגעלאָפן דעם בוג אויף מיזרח, און אַ טייל איז לכתחילה אַריבערגעפירט געוואָרן אין די געטאָס, טיפער אין באַזעצטן לאַנד אַריין. ערגעץ ווו זענען נאָך פאַר־בליבן עטלעכע ייִדישע זקנות, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטענע און קראַנקע געוואָרט אויף אַ נס. דאָקטער סאָקאָלאָווסקי אַליין, ווייט איבער די זי־בעציקער, האָט גוט געקענט די ייִדישע זקנות. די פּאָר מלחמה־יאָרן האָט דער דייטש עפּעס נישט געמאַכט זיך וויסן פון זיי. די זקנות זענען ביס־לעכווייז אַליין אויסגעגאַנגען פון הונגער און פּחד. שטילערהייט זענען זיי געקומען בסוד צו קבורה. איצט, מיט אַ מאָל, האָט ער אים גערופן צו זיך, דער קאָמענדאַנט בראַנדמייער. דאָקטער סאָקאָלאָווסקי מוז אים זאָגן וויפל ייִדישע ווייבער זענען פאַרבליבן נאָך אויסבאַהאַלטן...

— ווייבער? — האָט דאָקטער סאָקאָלאָווסקי אויפגעהויבן זיינע שווע־רע ברעמען אַנטקעגן דעם דייטשס רויט־גאָלדיק פּנים — דאָס זענען דאָך, הער בראַנדמייער, בלויז אַלטע ייִדישע שאַרבנס... קראַנקע, גוססדיקע... מאָרגן וועלן שוין אפשר זיין פיר... דריי... און צו וואָס, הער בראַנדמייער, די שטאַרבנדיקע זקנות נאָך אַריינפירן אין ראַטוש, האַ?...

דער ס״ס־קאָמענדאַנט האָט זיך אויסגעגליכן, אַ צופּ געטאָן מיטן גראָבן פינגער די היטלער־וואָנסעס און לאַנג אָנגעקוקט דעם אַלטן פּאָליאַק דורך זיינע פאַרברענטע, גליזקע אויגן־אָפּלען. דאָקטער סאָקאָלאָווסקין האָט זיך דעמאָלט אויסגעוויזן, אַז פונעם דייטשס שוואַרצאַפּלען קוקן אַרויס דראָבנע, געשפּאָלטענע, אָן־וויִדיקע אויגן־אַרביטעס פון אַ קאַץ.

— דאָקטער סאָ־קאָ־לאָוו־סקי!... — האָט בראַנדמייער גאָר שטיל און קאַלט אַרויסגעצישעט צווישן די ציין — זינד זי דען מאַ־זעס, דער פיר־שפּרעכער זיינער ראַסן־גע־נאָססען?

דער אַלטער פּאָליאַק הערט אין דער רגע ווידער זיינע אייגענע רייד ווי זיי ציטערן אינעם קאַלטן חדרל. ער האָט אָנגעטאָן די ברילן און זיך אַריבערגעבויגן איבער די שוואַרצע, פּוילישע ביבל־אותיות. די שורות

זענען אים געפלאָסן פאַרגליווערטע אונטער די בריל־גלעזלעך ווי קליינע שטראָמלעך. ער האָט געלייענט גאָר, גאָר שטיל און פרום ווי ער וואָלט געזאָגט אַ תּפילה. בעת ער איז צוגעקומען צום אָרט, אַז גאָט האָט באַפוילן משהן זיך צו שטעלן פאַר פּרעהן — האָט ער די ווערטער אי־בערגעחזרט עטלעכע מאָל הויך אויפן קול. דערנאָך האָט ער אַן אומרו־קער געקירעווועט דעם קאָפּ צו דער טיר. אים האָט שטאַרק געחידושט פאַר וואָס אַגניעשקאַ איז נאָך נישט געקומען פון איר נאַכט־דיזשור אין ראַטוש. אפשר איז דאָרט עפּעס ביי נאַכט געשען? צי זענען די זקנות נאָך ביים לעבן? נעכטן האָט אַזוי געבעטן די שלאָף־נאָדל די אַלטע פיינגאָלד... די מיטן צעבראָכענעם פוס... און וואָס איז מיט איר — מיט דער אַלמנה סירקין?

ביים דערמאָנען זיך אין דער אַלמנה נעכע סירקין האָט דאָקטער סאָקאָלאָווסקי פאַרמאַכט די ביבל און צוגעגאַנגען צום פענצטער. ער האָט אַרויפגעלייגט זיינע ביידע הענט אויף דער פאַרפּראָסטיקטער שויב. ער האָט געזען איצט גאָר קלאָר דאָס געסל. אין מיטן וועג איז געלעגן אַן איינ־געפרוירענער, שוואַרצער שניי־פּאַס, וואָס איז צעשניטן געוואָרן דורך דייטשע אייזערנע רעדער. ער וועט מוזן, דאָקטער סאָקאָלאָווסקי, עפּעס טאָן, כּדי אויך די אַלטיטשקע סירקין איבערצורעדן... צי ווייסן זיי נישט וואָס זיי דערוואַרט? צי קאָן ער דאָ עפּעס העלפן? ווער ווייסט, צי ס׳וועט אים געלונגען... דעם שניידערס אַלמנה, די אַלטע ליבערמאַן, האָט באַלד דעם ערשטן טאָג געבעטן אין ראַטוש־קעלער די נאָדל... אויף וואָס וואַרט אייגנטלעך דער הונט בראַנדמייער? צוליב וואָס האָט ער באַפוילן אויפצו־זאַמלען די זקנות אין ראַטהויז? אפשר כּדי צו זיין זיכער אַז ער לאָזט נישט איבער קיין איין איינציקן לעבעדיקן ייִדן אויף דער פּוילישער ערד? צי האָט ער שוין פריִער געוווּסט, דער ס״ס־הונט, אַז די ייִדישע זקנות וועלן אַליין בעטן די טויט־שפּריץ פון אים — פון פּאַליאַק סאָקאָלאָוו־סקיס האַנט?

ער האָט פּלוצעם דערזען אַגניעשקאַס דאַרלעכע, הויכע געשטאַלט אַרויסשווימען פון הינטערן פאַרשנייטן סקוועד. זי האָט טאַקע אויסגעזען פון דער ווייטנס ווי זי וואָלט אַהערגעשוווּמען, וואָרעם אירע שפּרייזן זע־

נען געווען פֿאַרבאַהאַלטן אינעם לאַנגן קלויסטער־קליד. ער האָט שוין דערזען, אַז זי טראָגט אין אירע הענט דאָס קענדעלע מילך און אַ פֿאַר־וויקלט ברייטל. ווער ווייס וואָס זי ברענגט אים היינט פֿונעם ראַטוש־קעלער. מיט אַ פֿאַרשפּאַרטן אָטעם האָט ער זיך צוריקגעצויגן צו דער טיר און געוואַרט מיט אַ געשפּאַנט האַרצקלאַפּן אויף אַגניעשקאַס לויפֿנדיקע, פֿאַרבאַהאַלטענע שריט.

*

אונטן, אינעם טיפֿן, שטיינערנעם ראַטוש־קעלער, פֿון וואַנען מ׳האָט פֿריִער אַרויסגעוואָרפֿן די שימלדיקע אַלטע פּוילישע פּאַליאַנטן און צע־פֿאַלנדיקע אַנאַלן, זענען זינט עטלעכע טעג געלעגן אויף פֿלאַכע פּלאַ־טשיקע שטרוי־זעק זיבן ייִדישע זקנות. דאָס זענען געווען זקנות, וואָס עלטערע שטעטלשע גויִים האָבן פֿריִער געהאַט אויסבאַהאַלטן אין לעכער, ביידעמער און קעלערן. טייל האָבן עס געטאָן פֿאַר אַ גוטן לוין און טייל פֿון רחמנות, געמישט מיט האָפֿענונג אויף ייִדישער ירושה. זינט אָבער ס׳איז געקומען די פּלוצעמדיקע דראָונג פֿון בראַנדמייערן — זענען אַלע שוין געווען דאָ אונטן אין קעלער. מ׳האָט זיי אַהערגעפֿירט, די זיבן ייִדישע זקנהשע גופֿים, ווער אויף קליינע קינדערוועגעלעך, געשפּאַנטע אין נידע־ריקע פּוילישע הויף־הינט, ווער אויף איינרעדערדיקע אייזערנע טאַטשקעס, אָדער אויף גראָע, פּויערישע מיסטוואָגנס. אונטן, אין ראַטוש־קעלער, איז תּמיד געשטאַנען אַ גליטשיקע פֿאַרצערנדיקע, אונטערערדישע ליכטיקייט, וואָס האָט זיך געוויגט אונטערן פֿולאָפּ אינעם טאַנצנדיקן גאָלד־שטויב נאָך די אָוועקגענומענע שווערע פּאַליאַנטן. די סטעליע איז געווען אַ שאַרף־געוועלבטע, אַ שפּיציקע ווי אין אַ סודותדיקער, פֿינצטערער קאַטאַקאָמבע. יעטוועדן טאָג איז דאָ אַריינגעקומען דער אַלטער פּאָוויאַטאָווער דאָקטער סאָקאָלאָווסקי און זיך געבויגן איבער די פֿאַרוויקלטע, פּלאַטשיקע, קליינע ייִדישע גופֿים. די זקנות זענען געלעגן אַריבערגעוואָרפֿן מיט לייכטע בגדים, מיט שוואַרצע פּאַטשיילעס און מיט שאַרכנדיקע אַלטמאָדישע ייִדישע קליידער. דער דייטש בראַנדמייער האָט זיי באַלד דעם ערשטן טאָג באַפֿוילן אָוועקלייגן אויפֿן נאַקעטן, שטיינערנעם דיל. ער פֿלעגט אויך

יעטוועדן טאָג זיך באַוויזן אין דער קעלער־טיר און, שטייענדיק אַזוי פון דער ווייטנס, פלעגט ער לאַנג און פאַרשוויגן, די הענט פאַרלייגט אויפן בויך, אַריינקוקן אין די קליינע פאַרוויקלטע גופים. דאָקטער סאָקאָלאָווסקי האָט געגומען צוהילף די קלויסטער־שוועסטער, אַגניעשקאַ, וואָס איז דאָ אָנגעקומען פון ערגעץ אַ פויזנער קלויסטער. תחילת האָט זי בגנבה אַריינגעוואָרפן אינעם קעלער אַ פּאָר אַלטע, ליידיקע שטרוי־זעק און זיי געלייגט אונטער די אַלטע, אויסגייענדיקע גופים. זיי זענען אַלע, די זקנות, געלעגן גאָר נאָענט איינע צו דער צווייטער. טייל האָבן געהאַט אויף זייערע קעפּ אַלטע יידישע טשיפּיקעס, אויך שטערנטיכלעך אָדער גאָר ווייס־בלענדנדיקע קאָפּטיכלעך, ווי עס טראָגן דאָ די פּוילישע פּויער־טעס. די זקנות האָבן שוין לחלוטין נישט דערקענט אַרום זיך די פּנימער פון מענטשן. די, וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ טראָפּן ליכט אינעם אויסגייענ־דיקן זכרון, האָבן צוקאָפּנס, היינטערן שטרוי־זאַק, געהאַלטן אַלטע צע־שיטע סידורים, אָדער שוואַרצע מחזורים און אויך קליינע פאַרבונדענע משפּחה־פּעקעלעך. ערגעץ ווו אין זייער קילן, פאַרלאָשענעם קאָפּ האָבן נאָך אַרומגעפלאַטערט קליינע וואַרעמע פונקען פון זייער פאַרמלחמהדיק יידיש לעבן. דאָ, אינעם ראַטוש־קעלער, האָבן זיי געזען דאָס לעצטע מאָל אויף די ווענט אַ גראַלעך געשפּין פון אומצאָליקע גילגולים און שאָטנ־האַפטיקע געשטאַלטן. זיי האָבן טייל מאָל געדעדט צווישן זיך קראַנקע, שטילע רייד. זייערע רייד זענען געווען פאַרשלאָסענע און פאַרלוירענע צווישן זייערע ליפּן בעת די תפילות צום באַשעפער. זייערע גלידער זענען אין דער קעלער־קילקייט פונעם ראַטהויז געוואָרן שאָטנדיקער, איינגעצוי־גענער; זייערע הערצער — שטילע און קילע ווי מירמלשטיין און ס'האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז זיי רוען שוין אַלע לאַנג, לאַנג אין דער ערד, אויף קאַלטן, רחמנותדיקן טויטן־שטיין.

וואָס מער די זקנות זענען געלעגן אין יסורים פון זייער אויסגיין, אַלץ מערער האָט דער טראָפּן פייער זיי אויף ס'ביי דערמאָנט, אַז פון דאָ־נען איז שוין קיין אַנטרינען מער נישטאָ. זיי האָבן דערריבער געקוקט אויפן אַלטיטשקן ד״ר סאָקאָלאָווסקי ווי אויף זייער לעצטן ערדישן גואל, וואָס וועט זיי אַריינפירן אָן יסורים אין דער וועלט פון אייביקן פרידן. זיי האָבן

געוווסט, אַז ביי אים אינעם לעדערנעם, שוואַרצן רענצל ליגן פאַרבאַהאַלטן די שאַרפע, לייכטנדיקע און רחמנותדיקע טויט־נאָדלען, וואָס ברענגען שלאָף, שלאָף, שלאָף. זיי האָבן מיט איבערגעקערטע, אַנגסטיקע, שוואַרץ־אַפּלען געקוקט אויף דעם פּאַליאַקס צעקנייטשט פּנים, אויף זיינע שווע־רע אַראָפּהענגענדיקע אויגן־זעקעלעך און שטומערהייט געבעטן ביי אים רחמים. טייל פון זיי האָבן נאָך געפּלאַטערט מיט דערשראָקענע ייִדיש־פּוילישע קראַנקע ווערטער. זיי האָבן אים געצויגן פאַר זיינע הענט צו זיך, איבער די טויטלעך־צעפּלאַטערנדיקע אָפענע העמדער. דאָקטער סאָ־קאָלאָווסקי איז געשטאַנען אין קעלער אַ מבולבלדיקער און נישט געוווסט וואָס צו טאָן. דאָס ערשטע מאָל איז דאָ אין קעלער אַנגעגאַנגען אין אים אַ שווער, וויסט געראַנגל אין זיין פרום, קאַטויליש האַרץ. ער האָט גע־האַט סימנים, אַז אָט־אָט און די דייטשן פאַרלאָזן דאָס אָרט. און דעמאָלט — אפשר וועט עמעצער פון די זקנות בלייבןביים לעבן? אָבער דער דייטש בראַנדמייער האָט יעטוועדן טאָג געמאָנט זייער טויט וואָס גיכער און וואָס אימפּעטיקער. פאַר וואָס וואַרט ער דאָס אַזוי, דער פּוילישער חזיר סאָקאָלאָווסקי מיט די שלאָף־שפּריצן? צי דאַרף ער אים דערמאָנען, אַז דאָס דייטשע רייך זיצט אויף דער פּוילישער ערד? צי דאַרף ער אים אויך דערמאָנען דעם פירערס וואָרט — וואָס אַזוינס ס'וועט זיין מיט די ייִדן ביים סוף פון דער מלחמה?

ס'זענען געווען די געציילטע בהלהדיקע טעג פאַרן דייטשס אַנטלויפן פונעם בוג־שטח. אינעם טיפן ראַטוש־קעלער האָבן אָפּגעהילכט ווייטע דונערס פון די מיזרח־פעלדער הינטערן בוג. צווישן דעם אַלטיטשקן דאָק־טער סאָקאָלאָווסקי און דער קלויסטער־שוועסטער אַגניעשקאָ איז דער־וויל אָנגעגאַנגען אַ שטילער, ווערטערלאָזער בונד ווי אַזוי אויפצוהאַלטן וואָס לענגער די זקנות. זיי האָבן עס געטאָן מחמת זייער פאַרבאַהאַלטענעם, שטומען גלויבן אין גאָט, וואָס מאָנט רחמנות פונעם מענטשן צו אַלע לע־בעדיקע. אמת, די ייִדן־זקנות האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן זייער לעבעדיקע, מענטשלעכע צורה. אויף די שטרוי־זעק זענען מער נישט געלעגן קיין מענטשלעכע גופים, נאָר שוואַרצע משונהדיקע גילגולים פון ייִדישע קעפּ, פאַרטוליעטע אין די אויסטערלישסטע פאַטשיילעס. וואָס מער די אויסגייענ־

דיקע ייִדישע זקנות האָבן פאַרלוירן פון זייער מענטשלעכער צורה, אַלץ מערער רחמנות האָבןביידע אַרויסגעוויזן צו זייערע נאָך צאַפּלענדיקע ייִדישע רעשטן. אפשר איז דאָס געווען אַן איבערבלייב אין זייערע פּוילישע הערצער פונעם אַמאָליקן ייִדיש־פּוילישן יסורים־בונד, וואָס האָט זיך געצויגן פון פאַרגאַנגענע דורות. אפשר איז עס געווען דער גורלדיקער צוזאַמענקום אויף דער זעלביקער ערד, וואָס האָט זיי אַלעמען גענערט, געגעבן אָרעמע מענטשלעכע פרייד און דערנאָך זיי געפירט אין פרידלעכן טויט? און אפשר איז עס געווען ביי זיי אַן עקשנותדיקע טאַט פאַר דעם בייזן, ביזאַנציקן פּוילישן שווייגן, בעת די שווערסטע ייִדישע נסיונות אויף דער דאָזיקער ערד? ביידע פּוילישע מענטשן זענען אין די לעצטע שעהען פונעם דייטשס גערעגנגל לעבן בוג געוואָרן איבערפול מיט רחמנות און מסירת־נפש פאַר די שטאַרבנדיקע ייִדישע זקנות. די דינע שלאָף־נאָדלען אינעם שוואַרצן רענצל פון דאָקטער סאָקאָלאָווסקי האָבן די זקנות געזאָלט באַפרייען פון אַ בייזער, אומציכטיקער ערד און פונעם שטנס אייבערמאַכט איבער דעם שוואַכן ייִדישן פאָלק. דער זקן אַדאַם סאָקאָלאָווסקי האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף זיינע שלאָף־שפּריצן ווי אויף גאָטס גאָב און אויף זיך — ווי אויף גאָטס שליח כּדי זיי, די ייִדישע זקנות, זאָלן אויסמיידן די גיהנומדיקע יסורים פונעם דייטשס הענט. צי איז עס אָבער גאָטס ווילן אַריינצוגיסן אין זייערע ייִדישע אָדערן דאָס טראָפּן שלאָף־פליסיקייט, וואָס דאַרף זיי אויך ברענגען פרידן אויף אַלע אייביקייטן? צי דאַרף ער איבערלאָזן זייער גורל פאַרן דייטשס שטנדיקע און רציחהדיקע הענט? צי דאַרף ער זיך נישט צוהערן צו די תּחנונים און תּפילות פון די אַלטיטשקע, וואָס ציִען צו אים זייערע הענט און סקאָמליען נאָך די שלאָף־נאָדלען פאַר זייער בלוט?

ער איז אַזוי געשטאַנען, דער זקן דאָקטער סאָקאָלאָווסקי, פאַרזונקען אין מחשבות, אַן איינגעבויקטער און פאַרבויגענער, איבער דער זקנה לעבן דער וואַנט. דאָס איז געווען פייגעלע פון שול־געסל. הינטער דאָקטער סאָקאָלאָווסקי איז געשטאַנען אַגניעשקאַ מיט איר דערשראָקן, לענגלעך פּנים, וואָס האָט געהאַט נזירישע, אומרויִקע אויגן ווי ביי אַ געפאַנגענעם פיש. זי האָט געהאַלטן הינטער זיך דאָס שוואַרצע רענצל מיט די שלאָף־

נאָדלען און נישט אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן פון פּיגעלעס אויפגעהויבענער האַנט. די האַנט איז געווען אַ דאַרע, אַ דורכזיכטיק־ייִדישע. אינעם קעלער־ליכט האָבן זיך באַשיימפּערלעך אָנגעזען די צוויי אָפּגעטיילטע, אינעווייניקסטע הענט־ביינער, צעצווייגטע און שאָטנהאַפטיקע. דעם זקנס אויגן זענען געווען פאַרשלאָסענע, בעת פּיגעלעס האַנט האָט זיך אָן אונטערציטערנדיקע אויפגעהויבן פונעם שטרויזאַק ווי אַן אויפגעשפּראָצטער ליכט־זייל. דער ליכט־זייל האָט זיך געוואַקלט מיט זיינע צעשפּרייטע אַלט־גאָלדיקע פינגער, וואָס האָבן אין דער טונקלקייט אויסגעזען ווי ברענענדיקע וואַקס־פלעמלעך. אַגניעשקאַ האָט זיך געצלמט. זי האָט דערלאַנגט פון הינטערוויילעכץ דעם דאָקטער סאָקאָלאָווסקי די נאָדל און באַלד פאַרשלאָסן די אויגן. דער זקן האָט געפּליסטערט מיט די ליפּן. ער האָט גאָר מילד צוגעלייגט די נאָדל צו פּיגעלעס אויפגעהויבן איינגעפאַלן פלייש. ער האָט דערנאָך די האַנט אַ זאַנפטיקן גלעט געטאָן און זיך גאָר גיך אָפּגעווענדט. די שוועסטער אַגניעשקאַ האָט אַנידערגעקניט לעבן שטרויזאַק. זי האָט אַ קוש געטאָן די פאַלנדיקע האַנט מיט איר פאַרשלאָסן מויל.

בעת אַלע זקנות האָבן אַזוי תּחנונימדיק געצויגן די הענט און געוויינט פאַר אַגניעשקאַן, אַז זיי זאָלן מיט זיי טאָן דעם גרויסן חסד און געבן די שלאָף־שפּריץ, איז בלויז די סירקינאָווא געווען פאַר דאָקטער סאָקאָלאָווסקי אַ רעטעניש. זי איז געלעגן, די אַלמנה נעכע סירקין, איינע אַליין אויפן שטרויזאַק אָנגעטאָן אין איר ווייס־לאַנג שלאָפהעמד. איר קאָפּ איז געווען אין גאַנצן פאַרוויקלט אין אַ ווייסער געטורעמטער הויב. זי איז נישט געווען אַזוי אַלט ווי די אַנדערע, כאָטש איר קאָפּ, אַ פלאַכער און איינגעלאָשענער, איז שוין געלעגן אַ פאַרוויקלטער אין אירע טויטלעך־זקנהשע האָרקנוילן. אויף אירע אַלמנהשע, גיפּסענע באַקן האָבן געבליט קליינע צעפלאַטערטע בלוט־רויזלעך. זייער אָפּט האָט אַ וואַרעמער פלעק געקלעפּט אויף איר מויל ווי אַ רויט אַלכע־בלעטל. צוקאָפּנס האָט די אַלמנה נעכע סירקין געהאַלטן אַ צעריסענעם סידור אָן טאָוולען, ווו צווישן זיינע בלעטער זענען געלעגן אַ פּאָר צעקנייטשטע בריוו־בייגעלעך פון דער טאָכטער, וואָס איז אַנטלאָפן אויף דער צווייטער זייט פון בוג. זי איז געלעגן אַ שטילע, אַ פאַרשמאַכטע, אַ קלאָרע און לויכטנדיקע אין איר איבערגעטוישט העמד

ווי אַן אויסגעשטרעקט ליכט. זי האָט אַפילו נישט אומגעקערט איר פּנים צו די אַנדערע זקנות, וואָס האָבן, אין זייער איבערערדישן ייִדישן פּחד, געפּלאָטערט נאָך דעם דאָקטערס שלאָף־שפּריץ. אירע אויגן האָבן געקלעפּט אין די שטומע שטיין־געוועלבן פונעם קעלער־פּולאָפּ. איר האָט זיך אויסגעוויזן אַז מ׳האָט זי אַריינגעפירט אין איר לעצטער לעבנסשעה אין אַ קלויסטער־קעלער, כּדי זי זאָל דאָ אָפּגעבן איר אַלטע, וויינענדיקע ייִדישע נשמה. אין איר דמיון האָבן געשפּרייזט אינעם קעלער שוואַרצע, נעפּלהאַפּטע מאָנאַכן מיט לאַנגע אָנגעהאַנגענע צלמים אויף זייערע ברוסטן. זיי האָבן געקניט, די מאָנאַכן, אין די ווינקלען, געשאַרכט מיט זייערע שוואַרצע קליידער און געווענדט זייערע בלייכע, רונדיקע, מאָנאַכישע פּנימער צו די דרימלענדיקע אויפן דיל. טייל מאָל האָט זיך די אַלמנה פּלוצעם אויפגעזעצט אויפן שטרויזאַק און לאַנג געקוקט צו די שלאָפנדיקע. זי איז געזעסן אַ ווייסע, אַ ציטערנדיקע איבער זיי ווי אַ היטערין. זי האָט עפּעס געשאָקלט מיטן קאָפּ צו זייערע קליינע שלאָפנדיקע גופים. טייל מאָל ווידער האָט זי זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס און צוגעגאַנגען אַ באָרוועסע צו דער פאַרהעמערטער טיר. זי האָט דאָרט אַרויפגעלייגט איר קאָפּ איבערן קאַלטן, באַשלאָגענעם אייזן. דערנאָך האָט זי זיך אויף ס׳ניי אַראָפּגעלאָזט אויפן געלעגער, אַריבערגעצויגן דאָס ליילעך איבערן קאָפּ און פאַרשלאָסן די אויגן.

איצט זענען זיי צו איר געקומען: די אומצאָליקע ייִדן־געשטאַלטן, ריזיקע און קליינע, שוואַרצע און טונקל־שאָטנהאַפּטיקע — שווער געפּרוווטע נשמות און גופים פון פאַרגאַנגענע ייִדן־דורות; פון מדינת שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, פון רהיינלאַנד, רוסיי און אוקראַינע, פאַרפּייניקטע דורך קרייץ־צוגלער, צלמים־טרעגער און האַקן־קרייצלער. דער פּולאָפּ פונעם ראַטוש־קעלער האָט זיך נידעריק געבויגן אין שוואַרצע, ציטערנדיקע שאַרפן ווי חלפים. אין דרויסן, הינטערן פאַרקראַטעוועטן קעלער־פענצטערל, זענען דערווייל אָן אויפהער אייליק געלאָפן אומצאָליקע באַשטיוולטע פיס. טייל מאָל האָט אַ קרום פּנים זיך איינגעבויגן, זיך געשטעלט לעבן די פאַרשטויבטע שייבעלעך און אַראָפּגעקוקט אין קעלער. דאָס איז געווען אַ לענגלעך פּנים פון אַ הונט, אָדער אפשר גאָר פון אַן איינגעבויגענעם,

שאָטנהאַפטיקן מענטש. ס'איז געווען די לעצטע קעלער־נאַכט אין ראַטוש. פאַר דער אַלמנהס איבערגעדעקטן קאָפּ און פאַרשלאָסענע אויגן זענען איצט איילעק דורכגעלאָפן אַלע ייִדן־דורות, וואָס האָבן געהייליקט מיט זייער טויט דעם איין־איינציקן לעבעדיקן גאָט. פונעם סידור צוקאָפּנס זענען זיי אַרויסגעגאַנגען צו איר — די פּלאַטערנדיקע ייִדן־שאָטנס, וואָס האָבן ביים לעבן געקוילעט זייערע אייגענע, זייערע ווייבער, קינדער און משפּחות, כּדי נישט צו פאַלן אין די הענט פון די רשעים. זי האָט זיי געזען — די פאַרשעמטע, געבויגענע פּנימער, וואָרעם טייל האָבן עס געטאָן מחמת פּחד פאַר שמד און אַנדערע כּדי נישט איבערצוגעבן דעם שׂטן לעבעדיקערהייט זייער פאַרשעמטן ייִדישן גוף. און אפשר ווייל אויך גאָט דאָס, וואָס די זקנות טוען? זיי האָבן אויסגעקליבן, די זקנות, דעם שלאָף־חלף איידער די בושה און פאַרשעמונג פון גאָטס געשטאַלט אינעם מענטש. אָבער די אַלמנה נעכע סירקין האָט אין די שטאַמלענדיקע תּפילות צום שלאָף־שפּריץ געזען אַ לעסטערונג קעגן איין־איינציקן באַשעפער און אַלע זיינע ערדישע און הימלישע וועלטן. ניין, זי וועט נישט אויפהייבן איר האַנט און נישט בעטן פאַר זיך דעם דערלייזנדיקן טויט אינעם שלאָף. אויב גאָט, ברוך הוא, וויל אַז זי זאָל שטאַרבן דערפאַר, וואָס זי איז אַ ייִד — ווייל זי אַנקומען צו זיין הימלדיקן שטול אָן פּחד — און אָן אימה וועט זי שטיין פאַר זיינע הויכקייטן! איך בין גרייט, אַ אַלמאַכטיקער, צו זיין דיין קרבן און גיין צו דיר מיטן לעצטן ביסל ליכט, וואָס דו האָסט אַריינגעטריפט אין מיין האַרץ! גיב מיר כּוחות, אָ, אייביקער פאָטער, צו שטאַרבן מיט ערפורכט פאַר דיין גרויסקייט — און נישט פאַר פּחד פונעם דייטשן שׂטן, אָ, באַשעפער אַלמאַכטיקער! שמע ישׂראל ד׳ אלוהינו, ד׳ א—ח—ד!...״

*

שוועסטער אַגניעשקאַ איז נאָכן אַדורכלויפן דאָס דרויסנדיקע גערטנדל און שפּעטער דאָס טונקעלע פּרוזדורל, גיך אַריינגעפאַלן צו דאָקטער סאַקאַלאָווסקי אין שטוב. פאַרסאַפּעט און פאַרשוויצט איז זי אַוועקגעפאַלן אויף דער איינגעפאַלענער גרינלעכער סאָפע. דאָקטער סאַקאַלאָווסקי האָט

זי אָנגעכאַפּט ביי אירע ביידע זייער קנאָכיקע, נזירישע הענט. ער האָט דערפילט, אַז אירע פינגער זענען געפרוירן פון קעלט נאָכן טראָגן דאָס קענדל מילך מיטן ברייטל. פון איר פלאַכער אַלט־בתולהשער ברוסט איז נידעריק אַראָפּגעפאַלן דער גרויסער זילבערנער קרוציפיקס. ער איז גע־האַנגען, דער צלם מיטן געקרייציקטן, פאַרוויקלט אין אַ לאַנגער, געפלאָכ־טענער קייט פון גרינלעכן בראָנדז, וואָס האָט געהאַט קליינע, ראָזלעכע פלעקן. בעת זי איז אַזוי געזעסן אויף דער סאָפע איז דער קרוציפיקס גע־לעגן אין גאַנצן אַ פאַרדעקטער פונעם געפאַלדעוועטן נזירישן קלייד. פון די פאַלדן האָט מען נאָר אַרויסגעזען די שווערע, געפלאָכטענע קייט, וואָס איז געלעגן איבער אירע ציטערנדיקע קני̇ען. זי האָט קוים, קוים געקאָנט אָטעמען, בעת אירע קליינע, אויסגעלאָשענע פיש־אויגן האָבן געהאַט אַ גרינלעכע קאָליר פון אויפגעברויזט ים־וואַסער. דאָקטער סאָקאָלאָווסקי האָט געוואָלט וויסן צי אַלע אין קעלער האָבן ביי נאַכט פון איר גענומען די שלאָף־נאָדל. צי איז שוין היינט געווען אין קעלער דער שׂטן בראַנדמייער? שוועסטער אַגניעשקאַ האָט לכתּחילה גאָרנישט נישט געענטפערט. זי האָט נאָר אַרויסגענומען פונעם פאַלדן־באַהעלטעניש דעם שווערן זילבערנעם קרוציפיקס, מיט בלאָלעך־געפרוירענע פינגער אים הויך אויפגעהויבן אי־בער זיך און דערנאָך אים פאַוואָליע אַוועקגעלייגט אויף איר ברוסט.

— וו אימיען איצאַ... אי סינאַ... אַלע... אַלע, דאָקטער... זיי שלאָפן... נאָר זייערע הערצער קלאַפּן נאָך... אַזוי שטיל... אַזוי שטיל... ווי ביי פייגעלעך... אפשר האָבן זיי שוין איצט אויפגעהערט צו קלאַפּן... אַלע האָבן זיי אַזוי געסקאָמליעט... געבעטן די נאָדל... גאָט וועט אונדז מוחל זיין... אמת, דאָק־טער, אַז גאָט וועט אונדז מוחל זיין? בלויז איינע — האָט נישט געוואָלט די נאָדל... בלויז איינע...

— די סירקינאָוואַ?

— טאַק... דאָקטער... אַחוץ די אַלטע סירקינאָוואַ... זי האָט נישט גע־וואָלט אַפילו קוקן אויף מיר... זי זאָגט: אַפילו בראַנדמייער אַליין וועט זי נישט קאָנען צווינגען... זי האָט זיך ביי נאַכט איבערגעטאָן... אין אַ ביי, ווייס העמד... אין אַ ווייסער קאַפּ־פאַטשיילע... זי האָט אויסגעזען, דאָקטער, ווי אַ הייליקע... ווי די הייליקע טערעסאַ... אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געבעטן

פון איר מאָדליטעוּוניק... זי זאָגט, אַז זי וואַרט אויף דער טאָכטער... זי וועט באַשטימט קומען... די טאָכטער... שוין נישט לאַנג, זאָגט זי, און זי וועט קומען...

— און בראַנדמייער? — איז דאָקטער סאָקאָלאָווסקיס קול, אַ גע־שפּאָלטנס און קאַלטס געפאַלן אויפן דיל ווי אַ מעטאַלענער, שווערער קרעכץ.

— ער איז געווען... געווען אין מיטן נאַכט... שיכּור... היינט, זאָגט ער, מוז עס נעמען אַ סוף מיט די מכשפות... אָ, גאָט, פאַר וואָס האָסטו די ייִדן אַזוי ביטער געשטראָפט? פאַר וואָס? פאַר וואָס, פאַר וואָס?

דאָקטער סאָקאָלאָווסקי האָט לאַנג געשוויגן. ער האָט איצט געקוקט גלייך אויף איר גרויסן זילבערנעם קרוציפיקס און אויפן לענגלעכן, פאַר־קרימטן פנים פונעם געקרייציקטן. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער אין דער רגע איז פאַרן פענצטער, לעבן גערטנדל, אויפגעשטאַנען אַן אימ־פּעטיק און הילכיק גערויש.

דורכן געסל האָבן געצויגן שווערגעלאָדענע וועגענער, באַזעצט מיט קופּקעלעך דייטשן. זייערע מעטאַלענע העלמען האָבן געגלאַנצט אין דער ווינטער־זון מיט אַ שטעכיק ווייס פייער. הינטער די וועגענער האָבן גע־צויגן קליינע אויטאָס מיט צוגעטשעפּעטע זעלנערישע פעלד־קעסלען. קליי־נע, גלאַנציקע לאַזאַרעט־אויטאָס מיטן שוואַרצן האַקנקרייץ אויף די פלאַכע דעכלעך זענען גיך אַריבערגעלאָפן, אויסגעמיטן די וועגענער און אַוועק צו מערב־זייט, צום וואַרשעווער שאָסיי. אין הויכע לאַסט־אויטאָס, הינטער אַראָפּגעלאָזטע פלאַנדעקעס זענען געזעסן גרין־מונדירטע, שווייגנדיקע סאָלדאַטן מיט גלאַנציק־שוואַרץ געווער צווישן זייערע קניִען. דאָס געסל האָט געהילכט פון די אומצאָליקע מאָטאָרן. אונטערן ווינטערדיקן, שיטערן הימל האָבן זיך געטראָגן אַוויאָנען. אויף די טראָטואַרן, נאָענט ביי די הייזלעך־ווענט, זענען געלאָפן אין הויכע, שוואַרץ־גלאַנציקע זעלנער־שטיוול ציווילע פאָלקס־דייטשלעך מיט גרינע קאַפּעלושלעך אויף זייערע קעפּ.

— אַגניעשקאַ, מאַטקאַ פאָלסקאַ!... — האָט דאָקטער סאָקאָלאָווסקי אויסגעשריגן און אָנגעכאַפּט די שוועסטער ביי דער האַנט — אָ, גאָט!

דער דייטש אַנטלויפֿט! פּוילן וועט באַלד זיין פריי! אָ, באָזשע!... אפשר וועלן די אַלטיטשקע נאָך איבערלעבן!... אויך זי — די סירקינאָווא! אָ— גאָט, פֿאַר וואָס האָסטו אונדז נישט געוויזן דיינס אָ צייכן?!... סאָראַ נס! סאָראַ נס!... סאָראַ נס!...

די שוועסטער אַגניעשקאַ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער קני און געוואָלט תפילה טאָן, אָבער דאָקטער סאָקאָלאָווסקי האָט זיך דעמאָלט אָנ־געכאַפּט פֿאַרן קאָפּ און אַרויסגעלאָזט אַ משונהדיקן, הייזעריקן קוויטש. זיי האָבן זיך ביידע געשטעלט הינטער דער גאַרדין און געקוקט אין געסל אַריין. אין מיטן וועג, גראָד אַנטקעגן זייערע פֿענצטער, איז פּאַוואָליע דורכ־געפֿאָרן אַן אָפֿענער וואָגן. אין סאַמע מיט פֿונעם וואָגן איז געשטאַנען אַ ווייסע, אויסגעשטרעקטע געשטאַלט פֿון אַ פֿרוי. אין דער ערשטער רגע האָט דאָקטער סאָקאָלאָווסקי נישט געוווּסט וואָס דאָס איז אַזוינס. פּלוצעם האָט אַגניעשקאַ זיך צעכליפּעט. זי האָט הויך אויפֿגעהויבן דעם צלם צו איר פּנים.

— די סירקינאָווא! זעט!... די סירקינאָווא!... אין ווייסן העמד! דאָס רופֿט זי עמעצן! אפשר אונדז? זי שרייט צו עמעצן! טערעסאַ שוויענטאַ! בעט פֿאַר אונדז און פֿאַר דער אומגליקלעכער!

זיי זענען ביידע אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער שטוב און זיך געשטעלט הינ־טערן גאָרטן־צוימל. אַ קליינער ווינטערדיקער אַגרעס־קשאַק האָט דעם אַלטן סאָקאָלאָווסקין צעדראַפּעט אין צווישן די האַנט־הויט. קליינע בלוט־טראָפּנס האָבן אָנגעהויבן צו טריפֿן אַראָפּ אויף דער ערד. דער וואָגן איז געפֿאָרן זייער פּאַוואָליע און די לייצעס האָט געהאַלטן דער ראַטוש־שומר מיכאַלאַק. אין דער פֿאָדערזייט פֿונעם וואָגן, הינטער מיכאַלאַקן, איז גע־זעסן בראָנדמייער. ער האָט אָן אויפֿהער געלאַכט צו דער שרייענדיקער סירקין. טיפֿער אינעם וואָגן זענען נישט־איבערגעדעקטע געלעגן די זקנות — קילע און פֿאַרשנייטע. די אַלמנה נעכע סירקין האָט די גאַנצע צייט נישט אויפֿגעהערט אַראָפּצושרייען פֿונעם וואָגן, כאָטש אין געסל איז קיי־נער נישט געווען. זי האָט געשריגן אַ מאָל אין יידיש, אַ מאָל אין פּויליש, בעת אירע העמד־אַרבל האָבן געפֿלאַטערט אין ווינט. אַ דינער שניי האָט אָנגעהויבן זייער פֿאַרכטיק צו פֿאַלן. שוועסטער אַגניעשקאַ האָט שטייענ־

דיק הינטערן פלויט לעבן דאָקטער סאָקאָלאָווסקי אויפגעהויבן גאָר הויך דעם צלם און באַגלייט מיט אים דעם צי̇ענדיקן וואָגן. דאָקטער סאָקאָ־לאָווסקי האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס. דוכט זיך, אַז ער האָט זקניש גע־העשעט. בעת דער וואָגן איז אַדורכגעפאָרן פאַרן גערטנדל, האָט מען באַ־שיימפערלעך געהערט דער אַלטיטשקערס געשריי. איר געוואָלד האָט זיך אַהערגעטראָגן גאָר נאָענט צום אַגרעס־קשאָק.

— מענטשן!!! מענטשן!!! — האָבן בײדע הינטערן פלויטל געהערט דער אַלמנה נעכע סירקינס געשריי — מענטשן!!! זאָגטס מיין חנהלען, אַז כ׳האָב נישט מורא געהאַט!!!... כ׳האָב נישט מורא געהאַט!!!... מענטשן! מענטשן!!!...

*

שוין צוויי שעה ווי סערגיי סעמיאָן פּאַזוכאָוו און אַננאַ מאַיסעיעוונאַ סירקין הערן זיך צו צום איבערגעשראָקענעם פליסטערן פון זקן. זיי זיצן ביידע אויף דער נידעריקער איינגעפאַלענער גרינער סאָפע. אַנטקעגן זיי — דאָקטער סאָקאָלאָווסקי און אַגניעשקאַ. די קלויסטער־שוועסטער איז היינט אַנגעטאָן אין אַ ניי, שוואַרץ קלויסטער־קלייד. אַ ווייס קעלנערל זוימט אַרום איר דאַרן נזירישן האַלדז, ווי אַ מילך־קרייז. דער גרויסער קרוצי־פיקס ציטערט תּמיד מיט זיינע שמאָלע זילבערנע הענט בעת זי באַוועגט זיך איבערן דיל. דער סאַמאָוואַר אויפן טישל זידט אַ פּאַראָומערט־וויינענ־דיקן פּאַלאַנעז. שוועסטער אַגניעשקאַ דערלאַנגט אָן אויפהער די צוויי פרעמדע מענטשן פרישן, אויפגעקאָכטן טיי אין קליינע קאָלירטע טעפּע־לעך. אין פענצטער שטייט אַ וואַרעמער, פּוילישער ווינטער־חלל. שוין צוויי וואָכן ווי דאָס אָרט איז פריי פונעם דייטש. גראָד אַנטקעגן פענצטער, אויף אַ קעגנאיבערדיקן גאַניק, פלאַטערן נאָך די אַרויסגעהאָנגענע רויט־ווייסע פענער. אומצאָליקע מאָל דערציילט דאָקטער סאָקאָלאָווסקי וועגן אַלץ: וועגן ראַטוש־קעלער, וועגן דעם דייטש בראַנדמייער. די גאַנצע צייט האָט ער נישט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם מיידל אין זעלנערישן מונ־דיר. דעם מיידלס פּנים איז געווען גאָלדיק־געל און דורכזיכטיק. אירע יי̇דישע שוואַרצאַפּלען — שטומע, פּאַרטייעטע, מיט פּאַרדעקטע ציטערנ־

דיקע וויִעס. עטלעכע מאָל האָט דאָקטער סאָקאָלאָווסקי געמוזט עפּעס אָפּ־יאָגן פון זיינע אויגן, וואָרעם דעם מיידלס פּנים האָט אויסגעזען גראָד ווי ביי דער אַלטער סירקינאָוואַ אויפן וואָגן.

פּאַזוכאָוו איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ פאַרשוויגענער און זיך צו־געהערט צום אַלטיטשקעס רייד. עפּעס אַ גרויסע פאַרצערנדיקע בושה איז אים באַפאַלן. ער האָט זיך געשעמט אויפצוהייבן די אויגן. די באָרד זיינע איז געלעגן ברייטלעך און אומרויִק איבערן גרינלעכן מונדיר, בעת זיינע פינגער זענען געווען פאַרקלאַמערט פון איין האַנט אין דער צווייטער. ערשט דעמאָלט, בעת דאָקטער סאָקאָלאָווסקי האָט זיך פּלוצעם אויפגע־שטעלט און זיך דערנעענטערט צו דער סאָפע, האָט פּאַזוכאָוו אויפגעהויבן די אויגן. דאָקטער סאָקאָלאָווסקין האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער זעט אַרומ־שווימען אינעם פרעמדן מאַנצבילס פאַרזשמורעטע ווייסלען אָנגעצונדענע קליינע טרערן־פונקען.

— פּאַננאַ האַנעטשקאַ... פּאַננאַ האַנעטשקאַ... — האָט דאָקטער סאָקאָ־לאָווסקי מיט אַ שטיל, געבראָכן קול אָנגענומען דאָס מיידל פאַר די הענט — מיר האָבן זי געזען... די הייליקע... דאָס לעצטע מאָל...ביידע האָבן מיר זי געזען — איך און אַגניעשקאַ... דעם לעצטן טאָג... טאַ בילאַ שוויענ־טאַ, טאַק, טאַק... אַ הייליקע... אירע לעצטע רייד האָט מען גוט געהערט... זי האָט געשריגן פונעם וואָגן אַראָפּ... מיר זענען געשטאַנען הינטערן קשאַק, אָט — דרויסן, אין גערטנדל... זי האָט גערופן: מענטשן, זאָגט מיין חנהלען, אַז כ'האָב נישט מורא געהאַט... כ'האָב נישט מורא געהאַט... טאַק... טאַ בילאַ שוויענטאַ... שוויענטאַ...

דער דרויסנדיקער שפּעטער ווינטער־חלל האָט אָנגעהויבן צו ווערן גאָר פרי טריב־טונקל. ס'האָבן אוודאי געמוזט אָנשווימען נייע שניי־וואָלקנס. אַלע פיר מענטשן האָבן שווייגנדיקע פאַרלאָזט דאָס חדרל. זיי זענען איצט געגאַנגען מיט שמאָלע הינטערגעסלעך, נישט ווייט פון די גליטשיקע, שיפּועדיקע ערד־וואָלן. נישט ווייט איז געפלאָסן אַ טייך. זיין שטראָם פון דער ווייטנס איז געווען זילבערדיק און געלאָפן אַ דערשראָ־קענער צווישן שטילע פאַרשנייטע פעלדער. באַלד האָט זיך געעפנט דער אָפענער פעלד־חלל. פאַראיינצלטע סאָסנע־ביימער, קרומע און איינגע־

פּאַלענע, זענען געלעגן אין מיטן וועג. הינטער זיי האָט זיך אויפגעהויבן אַ לאַנג און פלאַך בערגל. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ נאַר־וואָס אָנגעשיטער קורהאַן. איבערן בערגל איז געהאָנגען אַן איינגעפּאַלענע סאָסנע, ווי אַ שוואַרצע, איינגעבראָכענע רייף. אירע צווייגן האָבן קוים אָנגערירט דאָס אויפגעהויבענע בערגל. בלויז דער שטאָם מיט די צעריסענע וואָרצלען, נאַקעטע און שוואַרצע, האָבן זיך נאָך געקלאַמערט אין דער ערד.

שוועסטער אַגניעשקאַ האָט פּאַוואַליע פּאַרלייגט אירע הענט אויף דער ברוסט. אירע פינגער האָבן אָנגערירט די קאַלטע, מעטאַלענע פּיס פונעם קרוציפיקס. דאָקטער סאָקאָלאָווסקי מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ האָט שטאַר פאַרגלאָצט אַריינגעקוקט אין דער איבערגעקערטער סאָסנע. דער שניי איז געווען בלאָלעך און דין. אונטער די צעריסענע סאָסנע־צווייגן איז די ערד געלעגן אַ שוואַרצע און אַ שיטערע ווי אַ נאַר־וואָס איבערגעאַקערטע. גרינלעכע יאָדלע־נאָדלען, אַהערגעטריבענע דורכן ווינט, זענען געלעגן צווישן די נאַקעטע ערד־גרודעס. זיי האָבן געהאַט, די נאָדלען, אַן אָפּשיין פון גליִיקן זשאַווער. קוקנדיק אַזוי אויף די יאָדלע־נאָדלען האָט דאָקטער סאָקאָלאָווסקי יעטוועדע ווײַלע פאַרטריבן פון זיך אַ שוואַרצע, בייזע מחשבה. ער האָט גיך צוריק אָנגעטאָן דעם הוט אויפן קאָפּ. גראָד דעמאָלט האָט פּאַזוכאָוו זיך איינגעבויגן גאָר נידעריק און אָנגעהויבן דער ערשטער מיט ביידע הענט צונויפצושאַרן די ערד פון אונטער דער סאָסנע. ער האָט דערנאָך פּאַוואַליע די ערד אַריינגעשיט צו זיך אין דער טיפער פעלד־טאַש. נאָך אים האָט זיך איינגעבויגן חנה סירקין. אירע קליינע ווייבלעכע פויסטן האָבן צונויפגעשאַרט פולע האַנט־פלאַכן. איידער זי האָט זיי אַראָפּגע־לאָזט אין איר זעלנערישער פעלד־טאַש האָט זי דאָס זאַמד לאַנג געהאַלטן אַנטקעגן איר ברוסט. די ערד איז געווען ווייך און שוואַרץ, אויסגעמישט מיט פאַרוועלקטע בלעטער, צעבראָכענע יאָדלע־נאָדלען און גרינלעכע גראָז־וואָרצלען. זי ווייס נישט פאַר וואָס אירע אויגן האָבן נישט אויפגע־הערט צו קוקן דווקא אויף די וואָרצלען. זיי זענען געווען זייער קליין, מיט צעשפּאָלטענע אָפּענע קעפּלעך. די איבערגעדעקטע שלאַנקע גראָז־הויט האָט ווי אַ קליינער גרינער פּאַנצער געשיצט פון דרויסן זייערע אינעווייניקסטע, נישט־אָנזעעוודיקע זאַפטיקייט.

דער וועג אויף צוריק איז אויסגעפאַלן שפּעטלעך. שוועסטער אַגניעשקאַ האָט די צוויי פרעמדע צוגעפירט אויף דער צווייטער זייט פונעם וועלדל, ווו ס'איז געשטאַנען דער דזשיפּ־וואָגן. ס'איז שוין געווען אין גאַנצן בלאָ־לעך. קליינע צעשניטענע אָוונט־וואָלקנס האָבן נישט געוווּסט ווו צו לאַנדן פון גרויסער ווינטיקער פרייד אינעם פרייען פוילישן הימל־חלל. זיי האָבן דעריבער זיך אַרומגעטראָגן אַהין און צוריק, הויך איבערן וועלדל, אין אַ ווינטיק וואָלקן־שטיפעריי. הינטער זיי האָבן שוין אָנגעהויבן זיך אָנצוצינדן אינעם אויסגעקלאָרטן הימל די ערשטע מיזרח־שטערן, בעת אין מערב האָט נאָך די זון געצונדן די ערד אין אַ צעגאָסענער שׂרפה.

גייענדיק אַזוי האָט שוועסטער אַגניעשקאַ די גאַנצע צייט געשוויגן. די לאַנגע בראָנדזענע קייט, פאַרהאָנגען אויף איר האַלדז ביז איבער די קני, האָט בעת איר גיין אַרויסגעגעבן פון זיך אַ צעפּיצלטן, שוואַרצן קלונג, ווי זי וואָלט געטראָגן פאַרבאַהאַלטן אַ גלאָק. דער קרוציפיקס האָט אַראָפּגע־לויכטן אין דער דעמערונג פון איר פלאַכן, מאַנצבילשן בוזעם. זיין מע־טאַלענער, פאַרבויגענער קאָפּ האָט זיך זייער אָפט אויסבאַהאַלטן צווישן די טיפע שוואַרצע פאַלדן פון איר קלויסטער־קלייד. זי האָט אים געמוזט יעט־וועדע רגע צוריק אַרויסנעמען פון זיין שוואַרצער באַהעלטעניש און אים אָנהענגען אין סאַמע מיטן פון איר האַרץ.

נאָך דעם ווי שוועסטער אַגניעשקאַ האָט זיי אָפּגעזעגנט, האָבן פאַזוכאָוו און סירקין נאָך געהאַט צוצוגיין אַ שטיקל וועג ביים וואַלד־ראַנד. אָט איזווידער שוין געשטאַנען פאַר זיי דער דורכזיכטיקער סאָסנע־וואַלד. דער שניי ביים וואַלד־ברעג איז שוין לחלוטין נישט געווען. די ערד איז געווען שוואַרץ און פינצטערלעך. איבערן וועג זענען געלעגן די סאָסנע־שאָטנס ווי שוואַרצע געשטאָרבענע געשטאַלטן. טייל זענען געלעגן אין די צווייגן־שאָטנס מיט אויפגעהויבענע הענט, און טייל מיט פאַרוואָרפענע קעפּ. פאַזוכאָוו האָט ערשט איצט דערפילט, אַז די גאַנצע צייט גייט אים נאָך פונעם שניי־בערגל, ווו ס'ליגן די זיבן ייִדישע זקנות, אַ ווייטיקלעכע ליכטיקייט. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך, פאַר זיינע מחשבות און פאַר זיין ביז־איצטיק לעבן. צוזאַמען מיט דער בושה איז אין אים אויפגעשטאַנען אַ טליִענדיקע טרייסט, וואָס האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרווישן די טרי־

ביקייט פון זיינע רעיונות. צי איז ער, סערגיי סעמיאָן פּאַזוכאָוו, נישט גע־גאַנגען מיט די מיליאָנען נישט־ייִדישע מענטשן אַנטקעגן דעם טויט כּדי צו באַזיגן דעם דייטש מיטן זעלביקן פייער ווי די אַלמנה נעכע סירקין? „מענטשן! מענטשן! זאָגט אַז כ'האָב נישט מורא געהאַט! כ'האָב נישט מורא געהאַט פאַרן טויט! כ'האָב נישט מורא געהאַט פאַרן דייטש!"... אָן אויפהער האָט איצט דער אַלמנהס קול געשריגן צו אים צווישן דער סאָסנע־דעמערונג. אָבער פאַר וואָס איז אַזאַ ביטערניש אין זיין האַרץ? ער האָט נישט געקאָנט, פּאַזוכאָוו, בשום אופן אָוועקטרייבן פון זיך די אַלטיטשקע נעכע סירקין ווי זי שטייט אויפן וואָגן אינעם צעפלאַטערטן טויטן־העמד. ער האָט זיך געשעמט פאַר אַננאַן און מיט הכנעה אַנגענומען איר דאַרן מיידלשן אָרעם. אין איר איינגעבויגענעם אַקסל האָט פּאַזוכאָוו דערפילט, אַז זי וויינט.

— אַננאַ מאַיסעיעוונאַ... — האָט פּאַזוכאָוו געפליסטערט גאָר שטיל איבער איר פּנים — איר דאַרפט נישט וויינען... ס'איז נאָך נישט געקו־מען די צייט פון וויינען!... נאָך נישט!... נאָך נישט געקומען די צייט מיר זאָלן וויינען... אַננאַ מאַיסעיעוונאַ...

פירנדיק זי הינטערן אָרעם האָט ער לייכט פאַרקלאַמערט זיין קנאָכיקע האַנטפלאַך אין אירע ריינע, מיידלשע פינגער. זי האָט אים נישט גע־שטערט און דערפילט אַ בריִענדיקן גלעט פון די קליינע האָר־בערגלעך אויף זיינע פינגער־געלענקען. אַ דערשראָקענער מיידלשער ציטער האָט נאָך מער אַראָפּגעבויגן איר וויינענדיק פּנים צו דער ערד. זי האָט נישט גע־קאָנט אָפּווישן די טרערן, וואָס האָבן זיך דערווייל געזאַמלט אין אירעביידע קין־ווינקלען. די פעלד־טאַש מיט דער צונויפגעשאַרטער ערד פון דער מאַמען האָט גאָר שטאַרק אַראָפּגעשווערט פון אירע אַקסלען. זי האָט פּלוצעם אויפגעהויבן אירע אויגן, כּדי צו זען פּאַזוכאָווס פּנים. זי האָט אָבער גאָרנישט נישט געזען. זיין פּנים איז ווי אַ טונקעלער קרייז אַרומ־געשווומען אין דער פינצטער.

1953

אַהיימקער

שוין צוויי מעת לעת ווי די וואַגאָנעס שלעפּן זיך דורך די גראָלעכע פֿאַרנעפּלטע פֿעלדער. דער הויכער, שטייניקער באַן־אָנשיט ווערט וואָס אַ מאָל נידעריקער און די פֿאַרזייטע פֿעלדער לויפֿן אַרונטער די וואַגאָן־רעדער. דער צוג שלעפּט זיך פֿאַוואָליע און אײַלט זיך נישט אַהיים קיין פּוילן. מע ווייס נישט פֿאַר וואָס ער שטייט־אָפּ שעהען אין מיטן פֿעלד, צווישן די נאַר־וואָס אויפֿגעוואַכטע וועלדער פֿון נייעם פֿרילינג. באַהאַלטענע סודות פֿון מילדע וואַרעמע נעכט ליגן מיט כּישוף איבער דער ערד. בעת דער צוג בלײַבט שטיין אין אָפּענעם פֿעלד קריכן די מענטשן אַראָפּ פֿון די וואַגאָן־דעכער. זיי שפּרינגען פֿון די בופֿאָרן און מע לאָזט זיך גיין מיטן זאַמדיקן וואַרעמען באַן־פּלאַנט. דערנאָך לאָזט מען זיך אַרײַן אינעם לובין־פֿעלד. מע צעלייגט זיך צווישן דער בלײַענדיקער קאָניטשינע. די אָוונט־לופֿט ציטערט אומגעדולדיק און איז שיכּור. קורצע, הייס־אַנגסטיקע גע־לעכטערס פֿון פֿרויען צאַפּלען־אויף צווישן די נידעריקע, טונקעלע קאָ־ניטשינע־בייטן.

דער צוג גייט פֿון זאַקסן, אָנגעפּילט מיט ייִדן, פּאָליאַקן און רוסן. מע פֿאָרט אַהיים נאָך יאָרן קאַצעטשאַפֿט. טויזנטער זענען זיי — וואָס ציִען איצט צוריק אַהיים. די לאַסט־וואַגאָנעס זענען געפּראַפּט. מע זיצט אויף די טרעפּלעך, מע הענגט אויף די ווענט, ביים לאָקאָמאָטיוו, אויף די דעכלעך און צווישן די וואַגאָנען. קליינע רויט־ווײַסע פּוילישע פֿענדלעך פֿלאַטערן אינעם ווינט. בלוט־רויטע שטיקער לײַוונט הענגען איבער די רוסישע וואַגאָנען און פֿון דאָרט רייסן זיך אַן אויפֿהער זינגענדיקע העלדזער. ווען דער צוג שטייט קוקט מען זיך אַרום: ווי ווײַט איז מען נאָך צו דער היים? מיט יעטוועדער שעה ווערט די ערד נעענטער, גרינגלעכער. ווען איז דאָס

אַלץ געווען ? ווען האָט מען געזען יענע דאָרע טאָפּאָליעסביים זאַמד־וועג ? די ווייַנענדיקע ווערבעס הינטערן באַרג ? דער פּלאַטער פון פוילישע טויבן הענגט איצט וואָס אַ מאָל אָפטער איבער די וואַגאָן־דעכלעך. זיי באַגלייטן איצט שעהענווייז דעם שלעפּ־צוג און פליִען גאָר, גאָר נידעריק איבער די דעכלעך. די מענטשן, וואָס פאָרן אַהיים, זעען אין דעם אַ גוטן סימן : דער פרידן באַגלייט זיי אויפן וועג אַהיים, מיט פלאַטערנדיקע, פרידלעכע טויבן. — — —

נאָר בלויז דוד זעט דאָס אַלץ נישט. ער ליגט אַן אויסגעצויגענער אויפן וואַגאָן־דעכל ווי אַ געקרייציקטער. ער ליגט אויפן ביסל געפּעק זייַנעם, די אויגן איינגעטונקען אינעם הימל, וואָס הענגט נידעריק איבער אים. דער ווינט רייסט אים די האָר און רוישט אין די אויערן מיט פלערליי משונהדיקע קולות. אַזוי פיל מענטשלעכע קולות, זיפצעניש, געבעטן, מאָנונגען און דראָאונגען קומען מיטן ווינט אויפן וואַגאָן־דעכל. אַן אומרו ווי אַ שוואַרצע פלעדערמויז צאַפּלט אַ געפאַנגענע אין זיין ליידיקער ברוסט. מיט יעטוועדער רגע פאַרפלייצט אים וואָס אַ מאָל מער דאָס דאָזיקע אומ־רויִקע צאַפּלעניש. לעבן דודן אויפן דעכל זיצט מיטיאַ, אַ רוסישער קריג־געפאַנגענער, וואָס פאָרט אויך אַהיים. מיטיאַ רייכערט גראָבע פּאַפּיראָסן, געוויקלטע אין פשוט פּאַפּיר. ער פאָרט אַהיים, מיטיאַ, מיט אַ הילצערן קעסטל, ווו ער האַלט אַ קליין זעקעלע מאַכאָרקע, אַ ווייס פּעלצל און אַ פּאָר אַלטע צעריסענע שטיוול.

— עך, טי !... — ציט מיטיאַ דודן ביים אַקסל — וואָס ליגסטו אַזוי ווי אַ געקוילעטער, האַ ? אין גאַנצן קיין מענטש נישט... געזען ווער — מע זאָל צוויי מעת לעת גאָרנישט טאָן, נאָר קוקן אין הימל אַריין ? דעם טייוול אַליין וואָלט דאָס אויך נימאס געוואָרן... פּפוי !...

דוד ענטפערט נישט. ער לאָזט מיטיאַן נאָך אַ מאָל אים ציִען ביי די אַקסלען. מיטיאַ בלאָזט אים דעמאָלט דיקע קנוילן רויך אין פּנים אַריין. ערשט איצט רירט דוד מיטן קאָפּ און קוים וואָס ער ענטפערט :

— אָסטאַוו, מיטיאַ !... לאָז צו רו... זעעסט דאָך : כ׳בין נישט מיט אַלע־מען...

ער פאַרשליסט ווידער די אויגן. די הויט אויף דודס פּנים איז קיל. זיי

האָבן אַ גראָלעך־ווייסלעכן אָפּשיין פונעם בלייכן, נידעריק־שוועבנדיקן וואָלקן. די אויערן הערן ווידער דאָס אומגעצוימטע וואָיען פון די שרעקעוו־דיקע אָוונט־קולות אינעם רייסנדיקן ווינט. איצט הערט ער שוין אַפילו באַשיימפּערלעך מענטשישע קולות. טייל מאָל אויך דינע שאַרפע קינדערשע רופעניש.

— אָבער דו!... זאָג מיר — לאָזט אים מיטיאַ נישט צו רו — דו זאָג מיר בעסער: וואָס קוקסטו נאָר אויבן אין הימל אַריין? וואָס זוכסטו דאָרט? אפשר גאָר גאָט?... ווייניק ביסטו אָפּגעלעגן אין באַראַק ווי אַ הונט?... צווישן דראָטן... נישט געזען די וועלט... ווייניק דיר נאָך תּפיסה? דו, טו בעסער וואָס אַלע טוען... קריך אין קאָניטשינע מיט עמעצן... אַז נישט — רוימט ער אים איין גלייך אין אויער אַריין — אַז נישט — ועסטו אַראָפּ פון זינען... ועסט זיכער אַראָפּ פון זינען...

דוד שאָקלט מיטן קאָפּ:

— לאָז־אָפּ, מיטיאַ... לאָז־אָפּ... צו וואָס? זעסט דאָך: כ'בין נישט מיט אַלעמען... כ'בין נישט ווי אַנדערע...

מיטיאַ עפנט איצט זיינע גרויסע, בלאָס־בלאָלעכע אויגן.

— נישט ווי אַנדערע, זאָגסטו? האָ, האָ, האָ... האָט דיך דער דייטש נ י ש ט געשלאָגן? אַזוי ווי מיך? נו, זאָג, אפשר נישט?

— נישט דאָס, מיטיאַ... נישט דאָס... און נאָך ווי האָט ער מיך גע־שלאָגן... מער פון אַלעמען האָט ער א ו נ ד ז געשלאָגן... אונדז, יידן... כ'זע, אַז דו פאַרשטייסט מיך נישט...

— האָ!... האָ!... האָ!... — צעזינגט זיך מיטיאַ איבערן דעכל און גיט אַ קלאַפּ מיטן פינגער איבער זיין אייגענעם שטערן, ווילנדיק דערמיט ווייזן, אַז דוד איז נישט מיט אַלעמען. ער לאָזט זיך דערנאָך אַראָפּ פונעם דעכל צו די בופאַרן, וווּ ס'קלאַמערן זיך אויף די שטיגלעך צוויי פּויערטעס, פולע און איבערגעגאָסענע מיט וואַרעמער, אָוונטיקער תּאווה.

דוד בלייבט איצט ליגן אַליין אויפן דעכל. איבער אים גאָר אויבן, שווימען בלאָלעכע שטילע וואָלקן־פלעקן. זיי וועלן אַזוי שווימען, די גראָ־נאַטענע פלעקן, ביז די שטערן וועלן אויפגיין, אַרומגעהילטע מיטן שיטערן,

צעשטויבטן מילך־וועג. דערווייל האָלט די זוןביים אונטערגיין. פון די בלאָלעכע וואָלקן־פלעקן שווימען איצט אַרויס צו אים צוויי קעפּ,ביידע אַרומגעהילט מיטן שיינעם בליאַסק פונעם לעצטן זון־פייער. די קעפּ זעען אויס ווי זיי וואָלטן ביידע אַרויסגעשווומען פונעם ערב־אָוונטיקן הימל־ים, דערטרונקענע אין דער אין־סופיקער טיפקייט. דוד שטיקט זיך. ער סאַפּעט שווער, ווי עמעצער וואָלט אים צוגעהאַלטן דאָס מויל און לאָזט אים נישט אָטעמען.

גראָד איצט, אויפן וואַגאָן־דעכל, האָבן זיך אויפגעעפנט פאַר אים באַ־האַלטענע, טונקעלע זעונגען. ער זעט איצט אַלץ אַזוי קלאָר. די פלאַמ־בירטע וואַגאָנעס פאָרן־צו צו די שוואַרצע לאַגער־באַראַקן. טעג און נעכט איז מען געפאָרן, געלעקט דעם פאַרזשאַווערטן סופיט פונעם וואַגאָן, ווו ס'האָט זיך אָנגעזעצט אַ פייכטקייט פון די מענטשן. און פּלוצעם — דער ייִד, וואָס האָט דעם גאַנצן וועג נישט אויפגעהערט צו דאַווענען און גע־זונגען אַן איינגעהילטער אין טלית: השמים שמים לאדושם והארץ נתן לבני אדם!... באַלד וועט מען אויפּראַלן די טירן. פון זיי וועלן אַרויספאַלן די פאַרשטאַרבענע און דער ייִד, אַן איינגעהילטער אינעם טלית, וועט פאַלן דער ערשטער מיט זיין טויט, צעדאַוונט פּנים... פּלוצעם ווערט אַזוי שטיל. די שטומקייט רייסט אַרום זיין קאָפּ. ווייט איבער די שוואַרצלעכע באַראַקן — בלאַען אַהער די בעסקידן. ער ווייס נישט ווי אַזוי דאָס איז אַלץ גע־שען. דאָס אומגליק איז געקומען אַזוי פּלוצעם. אויף איין זייט זענען גע־שטאַנען די ייִנגערע, אויף דער צווייטער — די עלטערע. מאַמעס און די פּיצעלעך. ער האָט זיי ב י י ד ן געזען אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט, אַריינגערוקט אינעם המון ווייבער און קינדער. ער האָט אַפילו נישט דערלאַנגט ברכהן די האַנט... נישט געזעגנט זיך מיט איר... און נישט מיטן קינד... ער האָט נאָר געזען ווי דינהלעס העל קעפּל האָט זיך אַריינגעטוליעט אין ברכהס הענט... ער האָט נאָך געזען פון דער ווייטנס זייערע ביידנס קעפּ... אַ קאָפּ אַ טונקעלן, אַ פאַרבויגענעם, ווי אַן איבערגעשאָכטענער אינעם שטומען, פאַרגליווערטן געזעגענען... און דאָס העלע קעפּל פון דינהלען... די צוויי קעפּ רייסן זיך איצט צו אים פון דאָרטן... פון אויבן... זיי שווימען יעטוועדע רגע אַרויס פון הינטער דעם בלאָלעכן, נידעריקן

הימל־ים... ביז זיי לאָזן זיך אַראָפּ גאָר, גאָר נידעריק איבערן וואָגאָן־דעכל...

איצט פאָרט ער, דוד, צוריק אַהיים. דער צוג שלעפּט זיך. און ס'איז גוט וואָס ער שלעפּט זיך אַזוי. מיט יעטווערן דאָרף, וואָס זיי פאָרן דורך, ווערט דאָס האַרץ אומרויִקער. די שרעק ווערט אין אים גרעסער, וואָס מערער מע דערנענטערט זיך אַהיים. ער ווייס נישט וווהין ער פאָרט. אַ מחשבה ווי אַ גליוואָרעם זיצט אין אים און באַגלייט אים מיטן קלאַפּן פון די רעדער: „צי וועט ער עמעצן טרעפן? צי וועט ער עמעצן טרעפן?" „צי וואַרט עמעצער שוין אפשר אין דער היים?" און אפשר, אפשר וואַרט שוין אויף אים ברכה מיטן קינד? די ווייסע שטוב גיט פּלוצעם אַ בלענד פאַר די אויגן. אַזוי ווי זי איז געווען דעמאָלט... אַ ווייס בעטל... דינהלע לויפט שוין איצט אַרום איבער דער שטוב... דאָס ווייב קומט אים אַנט־קעגן און לייגט איר אָרעם אויף זיין האַלדז:

— דוד, דוד... — זאָגט זי אַזוי שטיל אַז בלויז ער הערט אירע וואַרעמע ווערטער — זעסט, מיר זענען דאָ... מיר זענען ווידער דאָ... אין דער היים... געדענקסט? מיר האָבן זיך אַפילו נישט געזעגנט... — — —

דער צוג פאָרט איצט צווישן ווייכע פעלדער מיט וואָקסנדיקער, זייער יונגער תבואה. איבער די לעצטע לויפנדיקע וואָלקנס פאַרציט זיך די זיסלעכע אָוונט־דעמערונג. קוים וואָס מע זעט נאָך די וועלדלעך און די דאָרפישע ברונעמס. ער ליגט, דוד, מיטן פּנים אַנטקעגן הימל, וואָס איז דערווייל געוואָרן אָנגעצונדן מיט די ערשטע אויפגייענדיקע שטערן. אים דוכט זיך, אַז דער וואָגאָן פירט איצט דאָ, אויפן דעכל, נישט אים, נאָר אַ ווילד־פרעמדן מענטשן. דער דאָזיקער פרעמדער איז גאָרנישט קיין לעבע־דיקער. ער ליגט אַ טויטער אויפן דעכל. אַ בר־מינן. די ווינטן פון די אַרו־מיקע שוואַרצלעכע נאַכט־פעלדער שפּילן זיך מיטן טויטנס צעפּלאָשעטע האָר. פון הינטערן וועלדל שניידט זיך אַרויס אַ מעסער־שאַרפע, ציטערנ־דיקע ווייסע לבנה. זי באַשיט דאָס טויטע פּנים זיינס מיט איר אַראָפּפאַלנ־דיק ליכט ווי מיט קליינע, זילבערנע קערנער. מיט אַ מאָל איז געוואָרן נאַכט. מיט אומצאָליקע, ציטערנדיקע פלעמלעך האָבן זיך אָנגעצונדן די שטערן. די שוואַרצע וועלדלעך אַרום האָבן אָנגעהויבן צו זינגען דאָס

ערשטע געזאַנג פֿאַרן אומקערנדיקן מענטשן. די נאַכט איז אָבער פֿאַר די לויפֿנדיקע וואַגאָנעס געלאָפֿן פֿריִערהויס. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט פֿאַרן צוג ווי אַ שוואַרצער טונעל, וואָס פֿירט דעם ליגנדיקן מענטשן אין אַ לייַדיקער, ווייַנענדיקער וויסטעניש. — — —

1948

שיידונג אין דעמערונג

צייט: שפעטזומער ניינצן הונדערט זעקס און פערציק. אין אַ ווייס געקאַלכט הויז, צווישן גריקע־פעלדער און אַ סאָסנע־וואַלד, זיצן ביים פענצטער: דער **וואַלד־ייִד** און דער **געטאָ־ייִד.** זיי קוקן אַרויס צו דער אָנקומענדיקער, שפעט־זומערדיקער פוילישער דעמערונג. אויף זייערע פּנימער גליִען נאָך דורך די שויבן גאָלדענע, ציטערדיקע זון־פלעקן.

וואַלד־ייִד:

— און וואָס — האָסט טאַקע קיינעם נישט געטראָפן? קיין שפּליטער נישט פון דיין היים און דיין משפּחה?

געטאָ־ייִד:

— געטראָפן? — יאָ, געטראָפן כ׳האָב — די ליידיקייט אַליין... די ליידיקייט, וואָס פרעסט פון אויגן אויס די טרער. נאָך ברענט די קללה אויף מיין ליפּ. איך בייל די פויסט צו אַלץ אַרום, צו יעדן פיצל שטיין און ערד, צו יעדער שוועל, וואָס רוט נאָך ביי אַ הויז. צום הימל, וואָס הענגט שלווהדיק און בלאָ — ווי דעמאָלט. צום וואָלקן און צום ווינט, וואָס שווי־מען אין דער הייך — ווי דעמאָלט. ווי ס׳וואָלט גאָרנישט נישט געשען. גאָרנישט נישט, גאָרנישט נישט...

וואַלד־ייִד:

— אויך איך — כ׳האָב קיינעם נישט געטראָפן דאָ... פון דעסטוועגן...

געטאָ־ייִד:

— דריַי וואָכן כ׳האָב געזוכט אַ שפּור פון מיין פאַרקוילטער שטוב... אַ פויגל, אַ געראַטעוועטער פונעם פייער־שטורעם... כ׳האָב געזוכט אַ שאָטן

פון אַ פענצטער, פון אַ טרעפּ. און אומעטום — פאַרשרפּעט, אַלטער, ווײַ־
נענדיקער שטײַן האָט נאָך געבריט מיט גליווערדיקן בלוט פון זײַערע
קעפּ... איך האָב געזוכט צווישן טויטע פונדאַמענטן אינעם הויז, אין קע־
לערן — זײַער לעצטן לעבעדיקן שפּור... אַז ס׳זאָל די האַנט אַ גלעט־טאָן
נאָך אַזוינס, וואָס וועט די היים די ייִדישע דערמאָנען... ווי דעם אָפּשײַן פון
אַ חלום אויף דער וואָר... נאָר ס׳איז אומזיסט, אומזיסט געווען דער וועג
אַהער. ס׳האָט בלויז די ליידיקייט געבוירן אינעם אויג ס׳געוויין. צוריק
אָנגעצונדן ווי אַ רויטן, ברענענדיקן שײַטער — די שוואַרצע קללה, וואָס
איז איבער אונדזער פאָלק געהאָנגען...

וואַלד־ייִד:

— איך זע — קאָנסט נישט אין זיך דעם ווייטיק שטילן... נישט
פאַרגעסן... דו וואָלסט באַדאַרפט, איך מיין...

געטאָ־ייִד:

— דיר איז לײַכט אַזוי צו זאָגן, ברודער, ווי אַלע די, וואָס זענען
ד אָ מיט אונדז צוזאַמען נישט געווען. ווער ס׳האָט אין יענע יאָרן נישט
אָנגעזען קיין דײַטש, נישט אײַנגעאָטעמט מיטן רויך דעם קרעמאַטאָריע־
טויט, און ס׳האָבן נישט די געטאָ־נעכט זײַן האַלדז געוואָרגן — דער
טראָגט נישט אין זײַן ברוסט די קללה צו דער וועלט, צום הימל, וואָס האָט
פון זײַן שויס געקאָנט געבערן דעם טיפּסטן, שדישן גיהנום פאַרן מענטש.
עס איז פאַר מיר אַ שאַנד מײַן לעבן ווײַטער צו טראָגן, ווען כ׳האָב מײַן
וועלט פאַרלוירן. מיר דוכט, אַז ס׳וועט שוין קיין מאָל נישט קאָנען לעבן
דער, וואָס ס׳האָט דער גורל אים פון אָפּגרונט צוריקגעוואָרפן. צי קאָן אַ
בוים, וואָס ווערט מיט זײַנע וואָרצלען אין שטורעם־בליץ פון ערד געריסן
— צי קאָן אַ בוים אַזאַ ווידער בליִען? איך האָב פון מײַן נשמה־טיפענישׁ
געפּרוווט אַרויסהייבן, ווי פון אַ פינצטערלעכן ברונעם, דעם מינדסטן
ליכט־צאַפּל פון האָפענונג און גלויבן. נאָר ס׳האָט די נעץ, אַן אַראָפּגע־
לאָזטע אין די טיפן, נאָר אויפגעהויבן: גרויל, ייִאוש און פאַרצערנדיקע
שׂינאה מחמת אונדזערע אונטערגעגאַנגענע ייִדיש־וועלטן. איך האָב געגלייבט:
אויב ס׳וועט אַ מאָל מיט מיר געשען אַ נס און כ׳וועל פון בלוט־אָפּגרונט
אַרויס — אַ שפּליטער פון מײַן פאָלק — וועט זײַן די וועלט געלייטערט

פון איר בייז און חטא, געלייטערט אין איר גרויסער פיין און שדישער פאַראַכטונג. אָ, וואָסער וועלט ס'טראָגט אויף ס'ניי מיין ווונדיק ייִדיש האַרץ, וואָס קאָן נישט מער פאַרגעסן...

וואַלד־ייִד:

— איך האָב ווי דו געבלוטיקט, ברודער, כאָטש ווייט געווען איך בין פון געטאָ, קרעמאַטאָריע. דער רויך פון אונדזער ברענענדיקער היים האָט מיינע אויגן אָנגעפילט מיט האָס צום שׂונא. דאָס גראָע, טליִענדיקע אַש — ער הענגט נאָך איצט פאַרוואָרפן אויף מיין פּנים ווי אַ שוואַרצער אַבלדיקער שאַל. אָ, גיב אַ קוק אויף מיינע זילבער־שלייפן, אויף די האָר פון מיין געזונקטן קאָפּ און איינגעבוקטן רוקן — וועסט דאָרט דערקענען אונדזער ברענענדיקע היים... יענע יאָרן... דריי זומערס און דריי ווינטערס כ'בין געלעגן אינעם וואַלד־גרוב... איינגעבוקט... אויף אַלע פיר... צוגעדעקט מיטן רויטן מאָך, מיט בלעטער טויטע... אין שוואַרצער ערד־פינצטערניש געלעגן איז מיין גאולה... און ווען כ'בין אַרויס — האָב איך זיך נישט געקאָנט שטעלן אויף די פיס, געגאַנגען אויף אַלע פיר... און געדעוועט... געשריִען מיט די אור־קולות פון ערשטן מענטש... ס'איז געווען זומער... נאָר מיר האָט דער הימל מיט פינצטערניש געבויגן צו די פיס־פינגער מיין קאָפּ... כ'האָב אויף אַלע פיר... געפּויזעט... צום וואַלד־ראַנד... איך זע: נישט ווייט — אַ קליינע שעפּסן־סטאַדע... שעפעלעך... שעפעלעך... זיי פּיטערן זיך מיט גאָטס גרינע נייע גרעזעלעך... זיי האָבן מיך דערזען פויזען פונעם וואַלד אַרויס... און זענען זיך צעלאָפן... געמיינט אוודאי: כ'בין אַזאַ מין וואָלף, אַרויס פון גרינער וואַלד־געדיכטעניש... נאָר איינע, אַ קליינינקע, אַ ייִנגענקע, געבליבן איז אַליין... זי נעענטערט זיך צו מיר... קוקט מיך אָן מיט אירע קוואַליקע, גרינלעך־גראָלעכע שאָפן־אויגן... קוקט... קוקט... קוקט... און גיט מיר אַ לעק איבערן פּנים... געמיינט — איך בין אַזאַ מין שאָף אַ נייע... כ'קאָן נישט, אָ, ברודער, פאַרגעסן, דעם ערשטן שאָפן־קוש... די וואַרעמקייט פון איר רויטער ווייכער צונג... און אָט אַזוי ביסלעכוויז — די טאַטרען־זון... זי האָט געזען מיינע איינגעבוקטע גלי־דער... און אפשר האָט דער ערשטער קוש פון שעפעלע מיין האַרץ גע־היילט? כ'האָב נישט פאַרלוירן אינעם מענטש דעם גלויבן... נישט אויס־

געגאַנגען איז אין מיר דער בטחון אינעם מענטש... אין אַ שענער לעבן... אין אַ גוטן, בלײַענדיקן, מענטשלעכן נצחון... אַ, גיב אַ קוק: איך האָב אַ הויז אַ ווייס אויף שפּעדיקן פעלד, ווו ס׳איז אַמאָל די נאַצי־פעסט פאַרזייט געווען. איצט בליט פרידלעך מײַן גריקע־פעלד ביי די פיס. דאָס קאַרטאָפל־פעלד צייטיקט זילבערדיק זיך אונטערן הימל, מיט קליינע ווייסע שלייפ־לעך ווי קליינע זומער־פייגעלעך, וואָס זייגן זיסקייט פון בליטן. מײַן שטוב — אַ ווייס־געקאַלכטע, מיט זומערדיקער רו, זי בענקט אַזוי נאָך מײַנע אויגן... כ׳געפין די טרייסט און פרייד אין יעדער מי... אין זון־אויפגאַנג, וואָס היילט דאָס אויג, אין בלאָען טוי, אין וואָלקן־פלאַטער, וואָס צי־טערט אויף מײַן קלאָרער שויב ווי אַ ווייסע, גריסנדיקע מיידל־האַנט. ביי נאַכט — דער ווינט טראָגט פון סאָסנע־וואַלד ווי גוטע בשורות די ציטערדיקע שטערן צו מײַן פענצטער. אָט איצט — זע, ווי שיין, ווי שיין די זון ציטערט אויף די סאָסנע־קרוינען...

געטאָ־ייִד:

— ווי אויסטערליש זיי קלינגען מיר, דײַנע רייד. פאַר מיר — דער אוונט־וואָלקן גליט מיט קרעמאַטאָריע־פלאַם, מיט בלוט, וואָס אַלע הימלען וועלן נישט אָפּשווענקען; ווען עס גייען־אויף, ווי גוטע בשורות, דײַנע שטערן — איך קאָן דעם טויט פון אונדזער פאָלק נישט אָפּיאָגן אין פינצ־טערניש פון מײַנע וויִעס. חלומות פול מיט טויזנטער געשפּענסטער זיי פירן מיך צו תּליות. יעטוועדע נאַכט — אויף ס׳ניי זי פירט מיך אינעם תּהום. אויף מײַן האַרץ, וואָס שטיקט זיך אינעם שלאָף און הענגט מיט פייער־שטריק געבונדן איבער אָפּגרונט — זיי גייען דורך — אַלע, אַלע טויטע און צווישן זיי — כ׳דערקען מײַן אָרעמע, מײַן אַלטע, גראָע מאַמע, אין שוואַרצן שאַל פאַרהילט, וואָס זי פלעגט טראָגן אין שטילע, פרידלעכע שבתים. צי ווייסטו וואָס עס הייסט יעטוועדע נאַכט אויף ס׳ניי אַרײַנגיין אין די טויערן פון גיהנום? צי מיינסטו, אַז יענע יאָרן זענען שוין אויס־געבלייכט, ווי אַ פליסנדיקער שאָטן־פלעק אויף אַ שפּיגל? איך האָב גע־פּרוּווט אַרומגיין צווישן שטעט פון אַמאָליק לעבן און אויפנעמען אַ שפּראָץ פון דערלייכטערונג. נאָר יעדעס מאָל — די פרעמדקייט... די פרעמדקייט גליווערט אויפן פּנים פון יעדן מענטש, וואָס איז מיט אונדזער טויט דעם

יידישן טויזנט מאָל נישט געשטאָרבן. צווישן פרעמדע צאַנקט מיין ביסל לעבן, וואָס כ'טראָג אַרום ווי אַ קללה אין מיין בוזעם. טויזנט מאָל איך פרעג: פאַר וואָס אַזאַ־אַ מבול? פאַר וואָס האָט דווקא מיך דער נס געטראָפן? און ווען דער חלף האָט מיליאָנען העלדזער איינגעשניטן — פאַר וואָס האָט מיך דער טויט, זייער אַלעמענס טויט, געמיטן? ס'איז גרויליקער, אַ ברודער, דעם תהום צו טראָגן איצט יעטוועדע רגע אין זכרון ווי דעם טויט דעם איינמאָליקן אין יענע יאָרן... זיי רינגלען מיך אַרום — די מחנות — מיט הענט פאַרפלאָמטע. יעדע געטאָ־וואַנט אויף ס'ניי זי ווערט אַ קבר, וואָס לעשט מיין לעבן. צי קאָן איך דאָ אַ נייע פרייד געפינען? צי קאָן אַ נייע זון אויפגיין איבער בוים, וואָס איז אַ תליה פאַר מיין טאַטנס קאָפּ געווען? צי קאָן אַ שטערן ברענגען טרייסט אויף מויער, וואָס האָט מיט ווייכן קינדער־מוח פון מיין מיידעלע זיך אָנגעטרונקען? איך קאָן נישט עטעמען... איך קאָן נישט... איך קאָן נישט... דערלאַנג מיר, ברודער, אַ שלוק וואַסער...

וואַלד־ייד:

— ביסט מיד און קראַנק, ווייל קראַנק איז אויך די וועלט, וואָס האָט דאָס אויג, דאָס יידיש האַרץ, מיט אַלע פינצטערנישן אָנגעטרונקען. נאָר גלייב: ס'איז נישט פאַראַן אויף ערד אַזאַ־אַ שלעכטס, וואָס זאָל נישט אויסגעהיילט ווערן דורכן מענטש. ס'איז נישט פאַראַן אויף ערד אַזאַ־אַ וווּנד, וואָס זאָל אונטער זון נישט גענעזן. דו ביסט גערעכט: ס'איז יעטוועדע געטאָ־וואַנט — אַ קבר, וואָס לעסטערט איבער קאָפּ די הימל־בלאָקייט. נאָר זאָג: ווי האָט אַ פאָלק געקאָנט זיך לאָזן צוימען, פענטען און אויפן האַלדז די בושה־קייט נאָך טראָגן? ווי האָט אַ מאַמע געקאָנט איר עופעלע שליידערן אויפן תלינס וואָגן? ווי האָט אַ פאָלק געקאָנט אויסשטרעקן אַליין דעם האַלדז צום מעסער פונעם שעכטער? פאַר וואָס, אָ, זאָג, האָט נישט געברענט צום גרעסטן שונא פונעם ייד — די מרידה? צי איז דער טויט מיט אויסגעשטרעקטן מעסער צו דעם שונאס גאָרגל נישט הייליקער, גערעכטער, איידער זינלאָזער, משונהדיקער טויט דורך גאַז, הונגער און מגפות? דו גלייבסט: אַ נס האָט דיין לייב געשיצט. נאָר איך — איך גלייב נישט מער אין ניסים. אונדזער לעבן האָט געשיצט — דער

העלדן־טויט פון מיליאָנען פרעמדע זין, פון מיליאָנען פרעמדע... — דאָס איז געווען דער נס און זייער הייליק וואָפן...

גערטאַ־ייִד:

— באַגייסט אַ זינד, וואָס וואַרפסט אַ מינדסטן שאָטן אויף די, וואָס האָבן די לאַטע־שאַנד געטראָגן. דער מענטש — ער ווערט גיהנומדיקער שׂטן אין נסיון. נישט וואַרף דעם מינדסטן פלעק אויף אים! איך זע: ווּעסט קיין מאָל נישט פאַרשטיין מיך. גראָד ווי ס׳קאָן די וואָר נישט פותר־חלום זיין דעם רויטן טויט פון אַלע קאַלכאויוונס, וואָס ברענען נאָך אין מיין זכרון. אָ, לעסטער נישט דעם שאָטן דעם הייליקן פון פאָלק, פון אַלע פשוטע און פראָסטע, פראָסטע ייִדן...

וואַלד־ייִד:

— נישט אַלץ, וואָס איז געווען — געווען איז הייליק...

גערטאַ־ייִד:

— דער טויט אַליין מאַכט הייליק שוין זייער שאָטן, וואָס פאַלט איבער מיינע און דיינע אויגן.

וואַלד־ייִד:

— איך קאָן נישט עטעמען מיט צער ווי דו מיט דיין אימה פון דעם, וואָס איז געווען און פון קומענדיקע גרוילן. ווי נאָר איך האָב געזען די ערשטע אַקער־פעלדער פון באַפרייטן פוילן — בין איך געפאַלן אויף הייליקער פאַרברענטער ערד. איך האָב געקושט די ווענט פון מיין געשענד־טער היים־שטאָט. אויף מיין האַלדז איז אויך געלעגן דאָס געוויין ווי אַ חלף. נאָר כ׳האָב די טרער מיטגענומען אין מיין בלוט ווי אַ מאָנענדיקן, פייערדיקן רוף, ווי דעם בליאַסק פון אַ סודותדיקן איידלשטיין, אויפצובויען אויף ס׳ביי מיין היים, מיין לעבן — להכעיס אַלדאָס בייז און אַלע טויטן. אָ, זע — דאָרט הענגט די פאָטאָגראַפיע פון מיין ווייב און קינד, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטרינען אינעם וואַלד. אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט — דאָס בילד פון מיין צווייטער פרוי. אירע האָר זענען אַזוי ייִדיש־ווייך, אירע אויגן — אַזוי טיף און מילד. דאָס קינד, וואָס זי טראָגט פאַר מיר אונטער איר האַרץ, וועט זיין אַ טרייסט און שטענדיקע ד ע ר מ אָ נ ו נ ג — צו פ אַ ר ג ע ס ן. איך בין דער אָנהייבער, דער בראשיתדיקער ייִד,

וואָס ברענגט געבורט צו נייע דורות אויף אַ פרייער און אַ שיינער ערד...

געטאָ־ייִד:

— כ'וועל מוזן גיין פון דאַנען, געזעגענען די ערד, וואָס האָט מיין שטאָם אין פייער־שטויב פאַרצערט. כ'וועל זוכן וועגן צו רפואה — די אַלטע טויטע וועלט צו פאַרגעסן. דער אומרו יאָגט מיך פון דיין שוועל, כ'זאָל ערגעץ אויף אַ ווינקל אונטער זון אָפּרוען מיט מיין מידער, קראַנקער זעל — און קאָנען פון מיין שטילן טויט געניסן.

וואַלד־ייִד:

— איך וועל דיך נישט פאַרהאַלטן — אויב ווילסט אַוועק. זאָל יעדער טריט פאַר דיין נשמה זיין פאַר דיר אַ געזעגענונג. זאָל דיין האַרץ באַלעבן דיך מיט נייע כּוחות פאַר דיר און אונדזער פאָלק. נאָר זעטיק אָן דיין טריביק אויג מיט ליכט, וואָס פלייצט אַראָפּ פונעם הימל. דו זעסט: די זון, זי נייגט זיך שוין צום וואַלד. די ווייכע, אָונטיקע רו רינט אַראָפּ פון זומערדיקן דעמער־וואָלקן צו אונדזער שטוב, ווי אַ ווייסער פלאַטערנדיקער זעגל. ס'וועט באַלד אויפגיין דער ערשטער שטערן, אַרומגעהילט אין אַ בלאָען שאַל פון דעמערונג ווי אַ פאַטערלעכער, שיצנדיקער אָרעם. אין אַזאַ־אַ שעה ווי גוט איז מיר צו גלייבן, אַז מאָרגן וועט די זון דאָ ווידער אויפגיין און וועט די לעצטע טרער פון אונדזער אויג פאַרוואַנדלען אין זילבערדיקן טוי אויף יעדן בלאַט און גרעזל. איך האָב די טרייסטנדיקע לינדערונג געפונען אין פראָסטער מי, אין אַרבעט אויף מיין פעלד און אומעטום גייט אויף פון ערד דער זוימען פון האָפענונג און גלויבן — און ס'ווערט די וועלט געבויט אויף ס'ניי דורך אַלע לויטערדיקע הענט אין שיינקייט און אין טרוימען.

געטאָ־ייִד:

— אַ גוטע נאַכט. ס'איז גרויליק פינצטערלעך דער דרויסן. די שעה פון שדישע חלומות — זי גייט אויף יעדן וועג מיר דאָ אַנטקעגן.

וואַלד־ייִד:

— איך גלייב, אַז ס'וועט די מאָרגן־זון דיינע טריט דעריאָגן אויפן וועג. זי וועט דיין שינאה און די שרעק אין ליבשאַפט מענטשלעכער פאַרוואַנדלען.

גע̇טאָ־ייִד:

— פֿאַר דײַנע ברידערלעכע ברכות — נעם צו מײַן טרער, די הייסע, הייסע טרער, וואָס בריט שוין אויף מײַן פּנים... (גייט צום וואַלד).

וואַלד־ייִד (ביים פֿענצטער):

— ווי אײַנגעבוקט ער גייט צום אָונטיקן וואַלד! אויף די סאָסנעס טליִעט נאָך די זון, ווי אַ פֿייער־קויל אין אַ גרינער שויס. די זון! די זון! ווי שיין די זון פֿאַרגייט. נאָר שענער וועט זי, כ׳גלייב, אויפֿגיין מאָרגן איבער אונדזער חרוב ייִדיש הויז!

געטאָ־ייִד (ביים ברעג פֿון וואַלד):

— אונדזער חרוב הויז וועט אויפֿגיין, — אויך איך בין גלייביק. נאָר ניִשט אויף ערד מיט אונדזער רויטן, טליִענדיקן שייטער.

1952—1947

ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע פּרטים

ביאָגראַפֿישע און ביבליאָגראַפֿישע פּרטים

(צונויפֿגעשטעלט פֿון שאַרלאָטע טיטעל־שפּיגל)

ישעיהו שפּיגל איז געבוירן ד. 14טן יאַנואַר 1906 אין אָרעמסטן קוואַרטאַל פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־שטאָט לאָדזש — אין באַלוט. זיינע עלטערן, אָפּשטאַמיקע פֿון די קליינע שטעטעלעך מאַגעלניצע און לענטשיץ, זענען פֿרי אַריבער קיין לאָדזש און געוואָרן האַנט־וועבער. וועגן זיינע עלטערן שרייבט ישעיהו שפּיגל אַליין אין אַ פֿאַרעפֿנטלעכטער ביאָגראַפֿישער נאָטיץ צו זיין בוך „ליכט פֿונעם אָפּגרונט" (ציקאָ־פֿאַרלאַג 1952): „מיין פֿאָטער און מוטער זענען געווען פֿון די זויבערע, עניוותדיקע, טרייע און תּמיד פֿאַרפֿלאָגטע פֿאָלקסמענטשן. זייער אָרעם, גוט ליכט האָט באַלויכטן מיינע קינדער־ און הונגער־יאָרן מיטן אומפֿאַרלעשבאַרן כּישוף און חן פֿון דער יידישער פֿאָלקס־נשמה".

ישעיהו שפּיגל האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג: חדר, תּלמוד־תּורה, שפּעטער פֿאָלקסשול און מיט אייגענע כּוחות — מיטלשול און אויך פּעדאַגאָגישע בילדונג. ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה — געווען לערער פֿון יידיש און יידישער ליטעראַטור אין די צישאָ־שולן פֿון אַמאָליקן פּוילן.

פֿון 1922 פֿאַרעפֿנטלעכט לידער, דערציילונגען און עסייען אין דער יידישער פּרעסע, בעיקר אין לאָדזש. אָנגעהערט צו דער גרופּע פֿון לאָדזשער „יונג־יידיש". אין 1930 איז דערשינען זיין ערשט בוך לירישע לידער „מיטן פּנים צו דער זון". בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען קרוב 5 יאָר אין לאָדזשער געטאָ, שפּעטער — אוישוויץ־בירקענאַו און אין אַנדערע דייטשע אַרבעטס־לאַגערן. די עלטערן און דריי שוועסטערן — אומגעקומען אין אוישוויץ, כעלמנאָ און שטוטהאָף. זיין איינציק טעכטערל — אויסגעגאַנגען פֿון הונגער אין לאָדזשער געטאָ. זיין פֿרוי — אומגעקומען אין קאָנצ־לאַגער שטוטהאָף.

אין משך פֿון די געטאָ־יאָרן האָט ישעיהו שפּיגל פֿיל געשאַפֿן. בעת דער געטאָ־ליקווידאַציע (אויגוסט 1944) פֿאַרגראָבט ער די געטאָ־שאַפֿונגען אין אַ קעלער. נאָך דער באַפֿרייונג האָט ער זיי טיילווייז אָפּגעזוכט. די ביכער, לידער און פּראָזע, זענען שפּעטער דערשינען אין: פּוילן, פֿראַנקרייך, אַרגענטינע, אַמעריקע און מדינת ישׂראל.

בעת די יאָרן 1945—1948 געווען לערער אין דער י. ל. פּרץ־שול אין לאָדזש. 1948—1950 — סעקרעטאַר פֿון יידישן שרייבער־פֿאַראיין אין פּוילן און מיטרעדאַקטאָר פֿון די וואַרשעווער „יידישע שריפֿטן".

ישעיהו שפּיגל איז עולה קיין מדינת ישׂראל אָנהייב 1951 מיט זיין פֿרוי, מגר.

פילאָסאָפיע און גימנאַזיע־לערערין שאַרלאָטע, געב. טיטעל, אַן אָפּשטאַמיקע פון לעמבערג. אין מדינת ישׂראל איז ישעיהו שפּיגל געוועז באַשעפטיקט איבער 12 יאָר אַלס אַ מדינה־באַאַמטער. מחמת קראַנקייט — פּריצייטיק אַרויס (אין יאָר 1964) אויף עמעריטור.

*

ביז איצט זענען דערשינען זיינע פאָלגנדיקע ביכער:

יִדיש:

מיטן פּנים צו דער זון — לידער
פאַרלאַג „אַלפאַ", לאָדזש, 1930

מלכות געטאָ — נאָוועלן
פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן", לאָדזש, 1947

שטערן איבערן געטאָ — נאָוועלן
פאַרלאַג „ייִד. פאָלקס־ביבליאָטעק" ביי דער אָרג. פון די פּוילישע ייִדן אין פראַנקרייך, 1948

מענטשן אין תהום — נאָוועלן
פאַרלאַג „איקוף", בוענאָס־איירעס, 1949

און געוואָרן איז ליכט — לידער
פאַרלאַג „ייִדיש בוך", וואַרשע—לאָדזש, 1949

ליכט פונעם אָפּגרונט — נאָוועלן
פאַרלאַג „ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק" ביים אַלוו. ייִד. קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1952

ווינט און וואָרצלען — נאָוועלן
פאַרלאַג „אַלוו. ייִדישער קולטור־קאָנגרעס" פאַראייניקט מיט „ציקאָ", 1955

די בריק — נאָוועלן
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב, 1963

פלאַמען פון דער ערד — ראָמאַן
פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אביב, 1966

שטיגן צום הימל — ראָמאַן
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב, 1966

געשטאַלטן און פּראָפילן — ליטעראַרישע עסייען, ערשט בוך
פאַרלאַג „המנורה", תּל־אביב, 1971

די קרוין — דערציילונגען
פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אביב, 1973

עברית:

מלכות גיטו — סיפורים, תרגם: א. ד. שפיר. מבוא: ד. סדן
הוצאת הקיבוץ המאוחד, תל־אביב, 1952

ערומים בטרם שחר — רומאן, תרגם: א. ד. שפיר
הוצאת ספרית פועלים, תל־אביב, 1968

אור מעמקי תהום — ל"ו סיפורי שואה, תרגמו: א. ד. שפיר, בנימין טנא.
הקדמה: ד. סדן, סוף דבר: יעקב גלאטשטיין
הוצאת י. ל. פרץ, תל־אביב, 1969

מדרגות אל השמים — רומאן, תרגם: א. ד. שפיר
הוצאת עם עובד, ספריה לעם, 1970

הגשר — סיפורים, תרגם: נפתלי גינתון
הוצאת ספרית פועלים, 1974

האשמורת השלישית — סיפורים, תרגמו: מ. אמיתי, נ. גינתון
הוצאת הקיבוץ המאוחד, 1976

אין פראנצייזישער איבערזעצונג דער גענטאַ־ראָמאַן:

Les Flammes de La Terre, Editions Gallimard, 1973, traduit: Rachel Ertel.

*

זיינע לידער זענען איבערגעזעצט געוואָרן דורך די העברעישע דיכטער:
עזרא זוסמאַן, אברהם שלאָנסקי, אברהם רעגעלסאָן, שמשון מלצר א. אַ.

*

באַטייליקט מיט לידער אָדער פּראָזע אין די פּאָלגנדיקע אַנטאָלאָגיעס:

אַלמאַנאַך יידיש — אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן ייד. קולטור־קאָנגרעס, נ.י. 1961;

אַלמאַנאַך פון די יידישע שרייבער אין ישראל, אַרויסגעגעבן פון שרייבער־ און זשורנאַליסטן פאַראיין אין ישראל, ת"א, 1962;

וואָרצלען, פאַרלאַג „ישראל־בוך", צונויפגעשטעלט אריה שמרי, 1966.

על נהרות, ערך ותרגם שמשון מלצר, מוסד ביאליק, ירושלים, 1956.

מכאן ומקרוב, צונויפגעשטעלט מ. חלמיש, ספרית פועלים, 1966.

ספר מלחמות הגיטאות, ערוך בידי יצחק צוקערמאַן, משה בסוק, הוצ. הקיבוץ המאוחד, בית לוחמי הגיטאות ע״ש יצחק קצנלסון, 1954.

חורבן, צונויפגעשטעלט: א. זאַק, י. רוזשאַנסקי, אַרגענטינע, 1974.

— A Treasury of Yiddish Stories, Edited by Irving Howe and Eliezer Greenberg, The Viking Press, New York, 1954.

— Great Jewish Short Stories, Edited and introduced by Saul Bellow, Dell Publishing Co., New York 1963;

— A Treasury of Yiddish Poetry, Edited by Irving Howe and Eliezer Greenberg, Holt-Rinehart and Winston, New York, Chicago, San Francisco, 1969;

— Le Miroir d'un Peuple, Anthologie de la poésie Yidich (1870-1970) Charles Dobzynski, Éditions Gallinard, Paris 1971;

— Le Luth Brisé, Poems du Ghetto, des Camps, de la Revolte et de la survie, Irene Kanfer, Paris;

— "Rozinki a Mandle" wibor ze iddish powidek, Jacob Markovic — "Odeon", Praha 1968;

— Meesters der Jiddische Vertelkunst, L. Fuks, J. M. Meulenhoff, Amsterdam, 1959;

— Jiddische Geschichten aus aller Welt, Hermann Hakel — Horst Erdmann Verlag, Tübingen und Basel, 1967;

— Der Fiedler vom Getto, Jiddishe Dichtung aus Polen, Hubert Witt, Vorwort; Ber Mark, Claassen Verlag, Hamburg und Disseldorf, 1971;

— Der Fiedler vom Getto, Jiddishe Dichtung aus Polen, Verlag Philip Reclam, 1966;

— Die Neue Hagada, Israel-Anthologie, Hermann Hakel, Horst Erdmann Verlag, Tübingen, 1972;

— Meine Jüdischen Augen, Hubert Witt, Verlag Philip Reclam, jun. Leipzig, 1969;

— Yiddish Stories, Old & Nev, Edited by Irving Howe and Eliezer Greenberg, Holiday House, New York, 1974.

*

פאַרעפנטלעכט אין צייטונגען און פעריאָדישע אויסגאַבן:

לאָדזשער פאָלקסבלאַט, לאָדזשער טאַגעבלאַט, פרייטאָג, נייער פאָלקסבלאַט, כ׳פעלד, שוועלן, ליטעראַרישע וואָכנשריפט, דאָס נייע לעבן, אַרבעטער־צייטונג, ייִדישע שריפטן, ניו־יאָרקער שריפטן, צוקונפט, איקוף, מאָרגן־פרייהייט, דרום

אַפריקע, נייע פרעסע, די גאָלדענע קייט, נייוועלט, לעצטע נייעס, ישׂראל־שטימע, פריי ישׂראל, על המשמר, דבר, מאזניים, אומר, מעריב, קול העם, פאָלקסבלאַט א. א.; יזכור־ביכער: יִדיש לאָדזש, מוגלניצה־בלנדוב, ספר זגערזש א. א.

*

ישעיהו שפיגל האָט באַקומען ביז איצט פאָלגנדיקע ליטעראַרישע פּרעמיעס:

קעסל־פּרייז, מעקסיקע, 1952 (פאַרן בוך „ליכט פונעם אָפּגרונט").

בימקאָ־פּרעמיע, 1953 (פאַר דער נאָוועלע „דער פּלִיענדיקער הירש" — גאָלדענע קייט, נר. 18).

פּרעמיע פון אַלוו. ייד. קולטור־קאָנגרעס אין פראַנקרייך, 1955 (פאַרן בוך „ווינט און וואָרצלען").

פּרעמיע פון ייד. פּ. ע. ן.־צענטער, ניו־יאָרק, 1966 (פאַרן ראָמאַן „שטיגן צום הימל").

גוניע־לעווי־פּרעמיע, תל־אָביב, 1968 (פאַרן בוך „פלאַמען פון דער ערד").

איציק מאַנגער־פּרעמיע, 1972 (פאַר זיין כוללדיק שאַפן אַלס פּראָזאַיקער, דיכטער און עסייִסט־קריטיקער).

יעקב פיכמאַן־פּרעמיע, 1975 (פאַר זיין כוללדיק שאַפן).

אָפּרופן וועגן די ווערק פון ישעיהו שפיגל

וועגן שאַפן פון ישעיהו שפיגל איז פאַראַן אין יִדיש און עברית אַ גרויסע צאָל קריטישע אָפּרופן — רעצענזיעס פון איינצלנע ביכער און אויך אָפּהאַנדלונגען וועגן דער פּראָבלעמאַטיק פון זיינע ווערק. די ווייטערדיקע פאַרצייכענונגען זענען אַ טייל פון די פאַרעפנטלעכטע קריטישע אָפּרופן.

י. גלאַטשטיין — אין תּוך גענומען, עסייען, פאַרלאַג: יִדיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, נ.י. 1956; אין תּוך גענומען, פאַרלאַג „קיום", ב. איירעס, ב. 1, 1960; אויף גרייטע טעמעס, עסייען, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת"א 1967; ישעיהו שפיגלס לידער, אידישער קעמפער 17.2.50.

שלמה ביקל — שרייבער פון מיין דור, דריטער באַנד, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1970.

דב סדן — בינה בחשכה — הקדמה צום בוך „מלכות גיטו" הוצ. הקבוץ המאוחד, 1952; בין להבות ושלבים — הקדמה צום בוך „אור מעמקי תהום", ל"ו ספורי שואה. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1969; אבני מפתן, מסות, הוצ. י. ל. פּרץ, 1972; שמיטת קערה, מולד, אדר־ניסן תשי"ג.

י. ח. בילצקי — מסות בשבילי ספרות יידיש, חלק ב׳, הוצ. גזית, 1963; אימה גדולה וכתר, „מעריב״, 4.5.73; ניצולי השואה, „מבפנים״, דצמבר 1974; דמויות ופרופילים, „דבר״, 17.9.71; מדרגות אל השמים, „על המשמר״, 5.6.70.

א. סוצקעווער — דער קינסטלער פון מלכות געטאָ, „די גאָלדענע קייט״, נר. 55, 1966 (צום זעכציקסטן געבוירן־טאָג פון ישעיהו שפיגל).

נח גריס — פון פינצטערניש צו ליכט, ישעיהו שפיגל און זיין ווערק (עסייען), פאַרלאַג „ישראל־בוך״, ת״א, 1974;

ל. דאָמאַנקעוויטש — לאָדזש של מעלה אין י. שפיגלס קינסטלערישן תיקון, „אונדזער וואָרט״, 25.6.66; ראָמאַן וועגן אָפּשטאַרבנדיקן לאָדזש (וועגן געטאָ־ראָמאַן „פלאַמען פון דער ערד״ אין פראַנצייזיש), „אונדזער וואָרט״, 28.4.73; עסייען וועגן יידישע שרייבער, „געשטאַלטן און פראָפילן״, „אונדזער וואָרט״, 23.10.71; 6.11.71; „שטיגן צום הימל״ פון ישעיהו שפיגל, „אונדער וואָרט״, 29.9.66; 6.10.66; „די בריק״, „אונדזער וואָרט״, 20.6.64.

ש. ניגער — „שטערן איבערן געטאָ״, „דער טאָג״, 14.11.49.

ד״ר א. מוקדוני — די צעברעקלטע טראַגעדיע, צוקונפט, מערץ 1956; קולטור און דערציונג, פעברואַר 1955; י. שפיגלס נאָוועלן און שמריס לידער, צוקונפט, יולי־אויגוסט 1953.

זלמן רייזען — לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פרעסע און פילאָ־לאָגיע, באַנד 2, ווילנע, 1927.

דוד ספארד — שרייבער און ביכער, לאָדזש, 1949; וועגן „געשטאַלטן און פראָפילן״, „ישראל־שטימע״, 22.12.71; די געטאָ־טעמאַטיק אין די שאַפונגען פון י. שפיגל, „ישראל־שטימע״, 29.4.70.

י. צ. שאַרגעל — „די בריק״ לי. „שפיגל, „על המשמר״, 11.10 .63; די מיסטעריע פון שאַפן (צו ישעיהו שפיגלס יובל), „ישראל־שטימע״, 15.6.66; לייענענדיק „די בריק״ פון י. שפיגל, „ישראל־שטימע״, 12.9.1963.

ד״ר וו. גליקסמאַן — „ווירקלעכקייט און געדאַנק״ (שטיגן צום הימל), „דער וועקער״, נ. י. דעצעמבער 1967; אין געראַנגל פאַר אַ ניי לעבן („די קרויז״), „צוקונפט״, דעצ. 1973; די ירושה פון אַ דור שרייבער (וועגן „געשטאַלטן און פראָ־פילן״), „אויפן שוועל״, נאָוו.־דעצ. 73.

רבקה כהן — בלי מלכות — כתר, „על המשמר״ 3.5.67; „הגשר״ של ישעיהו שפיגל, „על המשמר״, 5.7.74.

יוסף פרידלנדר — ל״ו סיפורי שואה, „מעריב״, 11.7.69; ערומים בטרם שחר, „היום״ ת״א, 26.4.68.

י. בן־מיכאל — מדרגות אל השמים, „הפועל הצעיר", 3.3.70 ; אור מעמקי תהום, „הפועל הצעיר" 6.5.69.

י. עמוס — אושוויץ ואמנות, „הצופה", 14.9.73 ; מראות אדם ומראות מרחב, (הגשר), „הצופה", 24.5.74.

ג. קרסל — י. שפיגל ו„מלכותו", „גבעתיים", בטאון עירית גבעתיים, 1965.

ישעיה טרונק — לאָדזשער געטאָ, יזוואָ־אויסגאַבע, 1962.

איזה פרלים — ממחוז הילדות, „על המשמר", 20.2.70 ; גשר של חשבון נפש, „דבר", 31.5.74.

א. לים — היים און דויער, פאַרלאַג י. ל. פרץ, ת"א, 1960.

יוסף אָקרוטני — ליט. עסייען פון י. שפיגל, „די פרעסע", ב. איירעס, 3.9.71 ; „מלכות געטאָ", „אונדזער שטימע", פאַריז, נר. 127 (626) ; אַרום די צעפלאַקערטע שייטערס (ישעיהו שפיגל און זיין ווערק), „די יידישע צייטונג, ב. איירעס, 6.12.68.

ישראל עמיאַט — ישעיהו שפיגלס עסייען („געשטאַלטן און פראָפילן"), „פאָרווערטס", 3.10.71.

באָרווין פרענקעל — געשטאַלטן און פראָפילן, „אונדזער שטימע", נר. 180, דעצ. 1971.

אהוד בן עזר — „הגשר", „מאזניים", אויג. סעפטעמבער 1974.

ישורון קשת — סיפורי ישעיהו שפיגל, „מולד", זייטן 715—710.

א. מייטוס — שירה ועדות („ערומים בטרם שחר"), „על המשמר" 26.4.68.

א. בלאַט — „ערומים בטרם שחר", „הצופה", ת"א, 12.7.68.

מ. אבישי — בין מציאות קודרת וראיה לירית („מדרגות אל השמים"), „דבר", 12.6.70 ; מדרגות ילדות אל השמים, „מעריב", 3.4.70.

משה גולדשטיין — מדרגות אל השמים, „הד החינוך", 21.12.73.

עמנואל בן־גוריון — מלכות גיטו, „דבר", כ"א באדר ב'. תשי"ד.

אפרת פאַיאַנס — לבוש סיפורי לזוועות, „מעריב", י"ד ניסן, תשכ"ח.

רבקה פּצנלסון — פגישה עם ישעיהו שפיגל, „מעריב", ד' בטבת, תשי"ח.

יצחק יאַנאַסאָוויטש — אַ גוט בוך וועגן אַ שלעכט לעבן, „אַרבעטער צייטונג", נר. 7/18.

א. לעיעלעס — ישעיהו שפיגל אין מדינת ישראל, „דער טאָג", נ.י., 17.3.51.

א. באַראַבאַן — „די קרוין", „יידישע צייטונג", 20.7.73 ; „געשטאַלטן און פראָפילן", „יידישע צייטונג", 30.3.73 ; „די בריק", „יידישע צייטונג", 25.2.74.

רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק — שאַפונג־וועג פון דיכטער און פּראָזאַיקער ישעיהו שפּיגל, „לעצטע נייעס", 15.3.68.

מלך ראַוויטש — ישעיהו שפּיגלס אויטענטישע געטאָ־נאָוועלן, „די פּרעסע", ב. איירעס, 23.1.48 ; מיין לעקסיקאָן, מאָנטרעאָל 1958.

משה יונגמאַן — ישעיהו שפּיגלס „פלאַמען פון דער ערד", „די גאָלדענע קייט", נר. 64, 1968.

א. וו. יאַסני — אַ קינסטלעריש בוך וועגן געטאָ, „פאָלקסצייטונג" נר. 11־10 (20־19) ; ליכט און שאָטן פון אַ פאַרגאַנגען לעבן („שטיגן צום הימל"), „לעצטע נייעס", 17.6.66 ; משורר הכליון היהודי (לעליתו של ישעיהו שפיגל לישראל), „דבר", א' באדר, תשי"א ; די גייסטיקע געשטאַלט פונעם געטאָ־ייִד („פלאַמען פון דער ערד"), „לעצטע נייעס", כ"ד באלול תשכ"ו ; די געשיכטע פון ייִדן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער אויסראָטונג, פאַרלאַג י. ל. פּרץ 1960 און פאַרלאַג המנורה 1966.

ח. ל. פוקס — ליכט פונעם אָפּגרונט, „דער וועקער", 1.10.54.

י. קאַלמאַן — די בריק, „נייע פּרעסע", 27.7.1974 ; געשטאַלטן און פּראָפילן פון ישעיהו שפּיגל, „נייע פּרעסע", פּאַריז, 26.9.71.

ח. סלוצקי־קעסטין — פלאַמען פון דער ערד, „פריי ישראל", 12.1.66, 19.1.66.

פּ. שלאַנג — „מאַסט" (הגשר), „נוביני־קוריער", 18.9.63.

א. שרייער — די קרוין — „ישראל־שטימע", 16.9.74.

ח. קאַזשדאַן — ליכט פונעם אָפּגרונט, „אונדזער צייט", מאַי, 1953.

דוד עוגן — סיפורים על בעיות של עולים חדשים („די בריק"), „אומר", ו' באייר תשכ"ג.

ע. פּערשלייסער — שייע שפּיגל — דער קינסטלערישער שילדערער פון געטאָ־לעבן, „פרייע אַרב. שטימע", 19.12.52 ; אויף שרייבערישע שליאַכן, קריט. עסייען, ניו־יאָרק, 1958.

י. בראָנשטיין — פרייד פון יצירה, פאַרלאַג „המנורה", 1968 ; „צווישן חורבן און אויפקום" („די בריק"), „קענעדער אָדלער", 17.11.63 ; גבורה דורך בלוט (ישעיהו שפּיגל : „און געוואָרן איז ליכט"), אין פּרדס פון ייִדיש, פאַרלאַג „המנורה", 1965 ; „שטיגן צום הימל", פרייד פון יצירה, פאַרלאַג „המנורה", 1968.

מ. גראָס־צימערמאַן — אינטימער ווידעראַנאַנד, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1964.

ל. פינקלשטיין — פדיון השם, עסייען, 1948.

חיים קרול — אַרום זיך, עסייען, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1930.

כיל אראָן — דער געטאָ־ראָמאַן פון י. שפּיגל, „פּרייע פּרעסע", 9.10.66.

י. ראַפּאַפּאָרט — די קראַפט פון גייסט (מלכות געטאָ), „די סידנעיער יידישע נייעס", 22.4.48.

ש. קאַניץ — געטאָ־גרויל, אומקום און ליבע („ערומים בטרם שחר"), „לעצטע נייעס", ח׳ באב, תשכ"ח; „מלכות געטאָ", „נידערשלעזיע", וראָצלאַוו, נר. (14) 12.

מירל ערדבערג־שאַטאַן — „מלכות געטאָ", „קאַנאַדער אָדלער", 364.

י. סופר (יעקב פּאַט) — די פּשוטע און הייליקע יידן פון די געטאָס, „פאָר־ווערטס", 7.9.47.

משה קאַץ — לידער פון דער צעשטערטער געטאָ, „מאָרגן־פרייהייט", 14.5.50.

יצחק בערלינער — דורך די שויבן (עסייען), „דער וועג", מעקסיקע: 1.8.53; 18.7.53; 1.10.55; 8.10.55; 22.10.55; 29.10.55.

הלל ראָגאָף — „ליכט פונעם אָפּגרונט", „פאָרווערטס", נ.י. 7.6.53.

ד"ר ל. זשיטניצקי — י. שפּיגלס אייגנאַרטיקער ראָמאַן „שטיגן צום הימל". „די פּרעסע", 27.12.66.

בערל מאַרק — „ליכט פון אָפּגרונט", „מלכות געטאָ" און „שטערן איבערן געטאָ", „יידישע שריפטן", נר. 10 (20) 1949.

ד. ניימאַרק — אַ גרויס בוך וועגן דעם יידישן לעבן, קאַמף און גבורה אין די געטאָס, „קולטור און דערציונג", אָקטאָבער 1953.

י. י. סיגאַל — ישעיהו שפּיגלס וועלט, „דער אידישער זשורנאַל", 16.8.54.

אנציקלופדיה כללית יזרעאל, ת"א 1964, כרך ט"ו, ע׳ 4695.

Guy Le Clec'h — Le Violon Sous la Botte, Le Figaro 17.3.73; Un roman yiddich écrit en Israël, La Terre Retrouvée, Paris, Nr. 9, 1.2.73.

Sol Liptzin — A History of Yiddish Literature, Jonathan David Publishers, N.Y. 1972.

Daniel Adler — Flammes de La Terre, La Presse Nouvelle Hebdomadaire, 23.3.73.

N. Gruss — Flammes de La Terre, AMIF, Paris 1969; Encyclopedie Larousse, Paris.

Roger Berg — Les Flammes de la terre, Journal des Communautés, 23.2.73, Paris.

Men of Achievement — International Biographical Centre, Cambridge, England, 1976; Who is who in Acum, 1965.

אינהאַלט פון באַנד צוויי

גאָלדענע יויך 7

נאָך מינחה 22

מאַכעלע 28

פאַרן זון־אויפגאַנג 39

אַ קאַטש פאַרט אויף דער חתונה 55

דער הימל פון אָנקל טעאָדאָר 62

אונטערן שנײ 74

דער רבי פון סאַמפּאָלנע 82

אַ ייִד פון בית־עולם 91

מאַנע 117

באָרוועס 143

אין טירינגער וואַלד 204

וואָרצלען 237

אַהיימקער 265

שיידונג אין דעמערונג 271

*

ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע פּרטים
(צונויפגעשטעלט פון שאַרלאָטע טיטעל־שפּיגל) 281

צייכענונגען פון מאָלער ב ע ן

אין באַנד איינס:

זייטן: 17, 57, 171, 199, 277.

אין באַנד צוויי:

זייטן: 41, 87, 109, 149.

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען
אַנטאָלאָגיע פון יִדיש־שאַפן אין ישראל

ישעיהו שפיגל / פלאַמען פון דער ערד
ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן
לידער

מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי
יִדיש — ד. שטאָקפיש

רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייזער
עסייען

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן
לידער

ריקודה פאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים
דערציילונגען

יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן
לידער

משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פאַריז
דערציילונגען

אריה שמרי / דאָס ייִנגל פון דיזשאָן
פאָעמע
צייכענונגען — יואב שועלי

רפאל מאַהלער / ספר סאַנץ
היסטאָרישע מאַנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות

משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט
דערציילונגען און מיניאַטורן

אריה שמרי / געזאַנגען אין שניִער
לידער און פאָעמעס

מנוחה ראַם / אַרום דער ווערבע
דערציילונגען

משה זאַלצמאַן / ...און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ ייִדישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד

אברהם שלאָנסקי / לידער
אָפּקלײַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
ייִדיש — משה יונגמאַן

משה גראָס-צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן
עסייען און פּראָפילן

רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער
לידער

ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן
לידער

מלכּה חפץ-טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט
לידער

ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד: אַ פרעמדע וועלט; אין נײַעם לאַנד
ראָמאַנען

ישעיהו שפּיגל / די קרוין
דערציילונגען

משה יונגמאַן / רעגן-בויגן צוקאָפּנס
לידער

דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור
לידער און פּאָעמעס

יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג
לידער

נח גריס / פון פינצטערניש צו ליכט
עסייען וועגן ישעיהו שפּיגל

אליעזר קופּערמאַן / פון וועלט צו וועלט
דערציילונגען

משה זלצמן / וזכיתי לריהאַביליטציה...
מייִדיש — גרשון לימור

מלכּה חפץ-טוזמאַן / אונטער דײַן צייכן
לידער

רחל אויערבאַך / וואַרשעווער צוואָות
באַגעגענישן, אַקטיוויטעטן, גורלות 1933—1943

יעקב פרידמאַן / לידער און פּאָעמעס
דרײַ בענד, מיט אַ באַגלייטוואָרט פון פּראָפ. יודל מאַרק

מאיר חרץ / לידער צו אייגענע
לידער און פּאָעמעס

אריה שמרי / רינגען אין שטאָם
לידער און פּאָעמעס
צייכענונגען — בען

יעקב י. מײַטליס / אין גאַנג פון דורות
עסייען

יהודה לייב טעלער / דורך יִדישן געמיט
לידער
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון אריה שמרי

י. ח. בילעצקי / בײַם קוואַל פון קאָצק
פּאָעמע

שלמה שטאָקפּיש / אין ראָד פון צאָרן
איבערלעבונגען אין דער צווייטער וועלטמלחמה

ישעיהו שפּיגל / שטערן לייכטן אין תהום
געזאַמלטע דערציילונגען — 1940—1944
צוויי בענד
שער־בלאַט, פּאָרטרעט פון מחבר און צייכענונגען — פון מאָלער בען